STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05258

SHTEYNVEBS

Baruch Glasman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָרוך גלאזמאן

שטיינוועבס

(נאָוועלן)

LIBRARY
Adee Ave., Bronx, N.Y.
LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO
UNIVERSITY

פארלאג „שול און בוך“, מאסקווע, 1925

Набрано и отпечатано в типографии
«Дер Эмес», Москва, Покровка, 9,
в количестве 2000 экз.
Главлит № 46354

שטיינוועבס.

ערשטער קאַפּיטל.

א.

— הייסט עס, אז היינט פרימאָרגן וועט אים דער מעסער אַף עטוואָס בעסערס דינען...

ווייל אָט דאָס מאָל איז ער געווען פיל-פיל נעענטער צו דעם, ווי ווען עס איז פריער.

ס'איז ענדלעך אַרויס פונם קיניגרייך פון ברענענדיקע און הייסע, אבער הילפלאָזע מאַכשאָוועס, און ס'איז שוין געווען אַף גרעניץ פון פאָשעטסטער און פיינלעכסטער ווירקלעכקייט.

דער ריינער, אקאָרשט אַרומגעשאַרפטער סקרייפער *) איז געווען אזוי צוזאַמענגעדריקט אין זיין פויסט, אַז דזשעק האָט אפילע א לאַנגע ווײַלע שפּעטער די שטייף-צוגעקרעמפטע פינגער בלויז מיט גרויס ווייטיק געקאָנט פאַנאַנדערנעמען.

און אַף דער בלייכער, בלוט-אַנטרונענער דלאניע זיינען א היפּשע צייט דערנאך פאַרבליבן שאַרפע סימאָנים פונם וואַרימען הענטל, וואָס האָט זיך מיט האַרטקייט און קאַעס אינם לייב איינגעפרעסן...

אַפילע דאָס האָלץ פונם הענטל האָט זיך דאָך געהאַט אָנגעצונדן...

ציכטיק און געטריי האָט אים, דעמדאזיקן מעסער, היינט גאָר פרי דזשעק ארומגעקראצט. ארומגעקראצט אים פון די פאַרהאַרטעוועטע שטיקער אליפּע, פון די פאַרטריקנטע שטיקער פאַרב פון אַלערליי קאָלירן, וואָס זיינען אַף דעם וואָ־ן-לאנג געלעגן, — פונקט ווי דערדאזיקער מעסער וואָלט זיך געהאַט לאַנג, לאַנג

*) אזא ברייטער פלאטשיקער מעסער צום קראצן, דורכברעכן און שקראבען, וואָס פארבער און מוליער געברויכן בא זייער ארבעט.

געפּאָרעט אינם אינגעווייט פון אַזעלכע מעשונעדיק־פאַנטאַסטישע כאַיעס, כאַיעס מיט בלויע, גרינע, געלע, שוואַרצע, ברוינע און אלערלייאיק־קאָלירטע בלוטן...

פון דער פינסטערניש פון קעלער, ווי אַ נעקאָמעדיקער שאָטן, האָט ער זיך צו אים גערוקט, דזשעק, — גערוקט זיך מיט אַ זייט, גערוקט זיך פאַרביי די גליטשיק-נאַסע פעסער מיט די אלערליי אייל, פאַרביי די פעסער מיטן בענזין, מיטן טערפּענטין, מיטן האָלץ־אַלקאָהאָל, מיטן שעללאַק, מיטן גיפּס, מיט דער גע־ברענטער וואפנע... קונציק און געשפּענסטאַרטיק האָט ער, דזשעק, ושאנגלירט צווישן די פּילע באַלאַנען, בלעכן און בלעכעלעך, קאַנען און קענדעלעך, קוואָרטן, קווערטעלעך און קלענערע מע־סטעלעך, — אַלע אָנגעגאָסענע מיט די פאַרשיידנסטע פליסיקייטן, וואָס זיינען נויטיק באַ פאַרב-מישונג, און מיט וועלכע דער קאַל־טער גריבערדיקער דיל פונם קעלער איז געווען פאַרזייט טאָמיד, און איבערהויפּט נאָך יעדן פרימאָרגן, איידער די ארבעטער פונם שאָפּ פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין אַף זייערע פאַרשיידענע אַרבעטן.

— אָט אַזוי-אָ...

— גלייך אין זיין פּעטן, גיידערדיקן, אָפּגעפּרעסענעם, עקלדיקן קאַרק אַריין אריינפּאָרן... גלייך צווישן די פּעטע אָנצאַ־ליקע קאַנאַלכעלעך און אָדערלעך, וואָס אין זיין געפאַלדעוועטן, געקנייטשטן, רויטן קאַרק!

אפּאָנים, אַז ניט אומזיסט האָט ער גראד היינט אַ גאַנצן פרימאָרגן אים אַזוי געטריי געריינקט, דעם מעסער זיינעם, ארומגעשקראָבעט פונם סקרייפּער די פאַרטריקנטע פאַרב, דעם קיט און גיפּס, וואס האָבן זיך אין מעשעך פון אַ שטיק צייט געהאט אָנגעקליבן און האָרט באדעקט סאַי דאָס פלאַטשיקע און ברייטלעכע קלינגל, און סאַי דאָס בייכיקע הענטל.

— ניט אומזיסט, ניט אומזיסט...

ב.

דער לאַדזער, אַ ברייטער, אַ שטאַרק-פעטער, מיט אַן אָנ־געקאַרמעטן פּוז, ווי באַ אַן עלטערן, טרייפענעם קאַלבאַסניק — ער איז, ביכלאַל, גיכער טאַקע ענלעך געווען אַף אַ גויאישן קאַצעוו, איידער אַף אַ מולייער — דער לאַדזער איז איצט געזעסן, ווי טאָמיד אין אָט דער צייט, אפן דעק פון אַן איבערגעקערטן

קאַלסאַמיין *)-עמער, געזעסן מיטן פּנים אומגעדרייט צו אַ גליט־שיק־קלעפּיקן פאַס מיט געקאָכטן זאַמען־אייל און אַלע ווײַלע אָפּגעדרייט און געצאַפּט פון קראַן.

דערדאָזיקער קראַן, פּונקט ווי דער גאַנצער פאַס, איז געווען געדיכט באַלייגט מיט גראָבע שיכטן קלעפּיק־גלאַנציקן, פאַרגליווערטן אייל, געדיכט פאַרשמירט מיט מיסעמעשונעדיקע „האַרמאָניעס״ פון פאַרשיידענע פאַרטריקנטע שטיקער פאַרב: אויפן דאָזיקן פאַס פלעגט דער אוילאָם פאַרבער גאָר אָפּט אַרומפּאָרן מיט די בערשטלעך, אויספּרובירן דעם „שייד״ — די געשטאַלט און די מאַרע — פון דער ניי־פאַרמישטער פאַרב.

הויערנדיק שווער אַזוי אויף דער נידעריקער, קלעפּיקער פּאָליצע, וואָס האָט שוין צענדליקער און צענדליקער יאָרן ניט געזען דעם שיין פון אייַנפאַכער, דרויסנדיקער ליכט, און אויף וועלכער עס זיינען געווען אויך אויסגעשטעלט אַלע איבעריקע פעסער, — האָט דערדאָזיקער בייכיקער פאַס מיט זאַמען־אייל אויסגעזען, ווי עפּעס אַ ברייטע, פאַרצייטיקע געטשקע, אַ בלוטיקע געטשקע, אַן אויסגעקנאַטענע אין בלוט פון אַן אַ שיר קאָרבאָנעס... און גאָר אונטן, באַם סאָף פון גלאַנציקן פוז, איז באַם דאָזיקן בייכיקן אָפּגעטל געווען דער קראַן, — אָט פּונקט ווי, לעהאַוודל, באַ אַ מענטשן.

און וואָס איז שאַיעך זאָגן דער פאַס... דעם בלייכן, מאָגערן דזשעקן, מיט דעם אינגלשן פּנים און אינגלשער פיגור ניט נאָך זיינע יאָרן נאָך האָט אין אָט דער צעהיצטער מינוט דער לאָדזוער אליין, וועלכער איז געזעסן פאַרן פאַס, אויך אויסגעזען טאַקע נאָר, ווי עפּעס אַ פעטער אַזאַ, אַן אָפּגעפּרעסענער און אַנגעזויפּענער בודיסטישער קויהען, וועלכער קנעט עס איצט אויס, פון אייל און זעמל־מעל און אַלערליי געווירצן, אַ מאַיכל אַזאַ פאַר זיין קאַלטן, גלייכגילטיק שפּאַסנדיקן אָפּגאָט... דעם אָפּגאָט מיט די טאַמעוואַטע־שטשירענדיקע, נאַסע ציין.

אַזאַ זאַטקייט, אַזאַ אָפּגעפּרעסנקייט, אַזאַ זעלבסט־צופרידענע פעטקייט און פעטע זעלבסטצופרידנקייט איז איצט געווען, ווי אַ פעטע פּאַמויע, פון דער גאַנצער פיגור דעם לאָדזוערס, אַז באַ דזשעקן האָט זיך אין אָט דער מינוט זיין לאַנגאַניקע סינע צום ערשטן נאָך מער געשטאַרקט, האָט מאַמעש מינוטנווייז זיך

*) אַזאַ מין סינטעטישער קאַלער־שטאָף.

געהעכערט, האָט וואָס א סעקונדע אלץ קאָכעדיקער און שטאַרקער געזאָטן, און האָט איצט־שוין, טייקעף, באלד — געמוזט, געמוזט געפינען אן אויסגאנג...

אין דער האַלב־טונקעלער דעמערונג, וואָס האָט טאָמיד, אפילו אין די ליכטיקסטע זומער־טעג דרויסן, געהערשט דאָ אין קעלער, און איז איצט בלויז אף אַ ביסל פאַרליכטיקט געוואָרן דורך דעם שוואכן, בלייכן, עלעקטרישן פייערל אף דער סטעליע — א בלייכער, וואסערדיקער זייכער פון שטארקן, טיפערעכדיקן זוניקן ליכט אין דרויסן — אין אָט דער שטיקנדיקער און איינגעשפארטער קעלער־לופט, וואס האָט שוין באַצייטנס געלאָזט פילן דעם אָנקום פונם שטיקנדיקן, אָנאָטעמדיקן ניו־יאָרקער יולי־טאָג, האָט דעם לאָדזוערס אָפגעפרעסענער „פּאַרצעף, האָט זיין גאנצע צעפאָרן־גלייכגילטיקע פיגור דזשעקן איצט אַזוי געשטאָכן און אזוי בראנדיק גערייצט.

גלייכגילטיק און שווער, קימאַט ווי האלב דרימלענדיק נאכן אריינגעפּאקטן שווערן אָנבייסן — ווי טאָמיד: צוויי פּאָרציעס כאַזערגריוון און אייער־קוכן — איז דער לאָדזער איצט שווער צעשפּרייט געזעסן אפן איבערגעקערטן עמער, — ווי א פעטע אפגעקאָרמעטע יאָמקיפּער־הון, וואָס דרעמלט שווער אין א הייסן זומער־טאָג אף אַ קלאָץ, ערגעץ אין א שאָטנדיקן הויף־ווינקל.

אַרום און אַרום אים זיינען געווען אָנגעשטעלט א היפּש ביסל בלעכן און בלעכלעך, עמער און עמערלעך, אנגעפּילטע מיטן געדיכט־שמעקנדיקן, גיפטיקן בלוי־ווייס, מיטן נודנע־שמעקנדיקן, אזש צו ברעכן, שלאָגנדיקן רייעך פונם יאַפּאָנעזישן „טריקענער" [1]), עס זיינען געשטאנען אָנגעוואָרפן און צעשפּרייט אַרום אים באַלאנעס אלערליי איילן, גלאַזורן, שעללאקן, טערפענטינען און בענזינען. בלעכלעך מיט אלערליי פאַרבן־עקסטראקטן: יאַפּאָנעזישער „שוואַרצס", פּרייסישער „בלויס", ווענעציאַנישער „רויטס", אולטראמארין „גרינס", רויע און געבּרענטע „סיענא", און נאָך און נאָך.

ווייל דער לאָדזער איז עס דאָך געווען דער ספּעציאַליסט פאַרבן־מישער, — ביכלאל די רעכטע האַנט בא מר. פּאסטערן אין שאַפּ.

---

1) אזא שטאָף, וואס מע טוט אריין אין גלאַזור, ער זאל גיכער טריקענען.

מר. פאסטער, — זעלטן ווער עס האָט אים גערופן באם דאָזיקן נאָמען. שוין אָפּגערעדט וועגן די ארבעטער גופע, נאָר אפילע אליין די אייגנטימער פון די הייזער, פאר וועלכע מר. פאסטער האָט פון יאָרן אָן געארבעט, האָבן ניט געוואוסט זיין נאמען. זיין עמעסער נאָמען איז געווארן גאר דאס קורצע, שארף און שטייף ארויסגעזאָגטע וואָרט: „סלאפּפּ"[1].

אָפּילע זיין ווייב, די איישעס-כאַיעל שיינדל — „סוזי ברען" פלעגן זי די אַרבעטער, צווישן זיך, רופן אָפן נאָמען פון אַ ראָל, וואָס איז דעמאָלט געווען פּאָפּולער אינם אידישן טעאָטער — פלעגט אים אויך רופן „סלאפּפּ". ניט נאָר דאַן, ווען זי פלעגט זיין אין קאַעס און קאָכן זיך אף אים, אָדער אַף אַן אַרבעטער, אָדער סטאַם אַזוי אַף דער וועלט, — קימאַט טאָמיד, הייסט עס, — נאָר אַפּילע אין די זעלטענע, רואיקע און פאַרהעלטניסמעסיק שטילע שאָען אירע, אַפּילע אין אינטימע מינוטן פלעגט זי פאַר אים אויך קיין בעסער וואָרט ניט האָבן. עמעס, דעמאָלט, אין אַזעלכע אינטימע מינוטן, פלעגט זי צו דעם צוגעבן נאָך איין וואָרט, — דאָס וואָרט „דיער"[2]...

— סלאפּפּ, דיער... מיין דיער סלאפּפּי...

דעם נאָמען סלאפּפּי, האָט ער אָפּאָנים געקראָגן דערפאַר, וואָס ער פלעגט אַסאַך ליבער האָבן צו אַרבעטן ערגעץ אין אַ איסט-סיידער[3] הויז, אָדער אינם אָרימען אירלענדישן קוואַרטאַל — אַרבעט ביליקע און שמוציקע, וועלכע האָט געקאָנט אָפּגעטאָן ווערן פון אַ ליאַדע מאַליער-געהילף, וואָס פלעגט אָפּשמירן מיט אַביסל „פישעכץ"[4], ווי מיסטער פאסטער פלעגט ליב האָבן זיך אויסדריקן, פיר צימערלעך „קאָמפּלעט" אין איין טאָג, סטעליע, האָלצווארק און ווענט צוזאַמענגענומען — איידער די פיינע ערטער אף דער „וועסט-סייד"[5].

ווייל אַן די לעצטע, — כאָטש ער פלעגט, נאַטירלעך, אין אַזעלכע ערטער נעמען אַסאַך העכערע פרייזן, איידער אף דער „איסט-סייד", — פלעגט ער אָבער טאָמיד ווייניקער פאַרדינען. די

1) שמוציקער.
2) טייערער.
3) דער אידישער אָרימער טייל אין ניו-יאָרק.
4) שיטערע פאַרב, מיט ווייניק „גרונטאָוויקע".
5) רייכע געגנט פון ניו-יאָרק.

מאַיסע איז געווען אַזוי: אין אַזעלכע ערשט-קלאַסיקע ערטער פלעגט מען דאַרפן פאַרווענדן די בעסטע, די ערשט-קלאַסיקסטע פאַרב-שטאָפן, און די אַרבעט האָט געמוזט געטאָן ווערן פון הויך-קוואַליפיצירטע, פון פאַכמענישע פאַרבער. נאָר סלאפפיס האַרץ פלעגט עס ניט קאָנען דערלאָזן. טאָמיד, טאָמיד, ניט געקוקט אַף אַלע זיינע ביטערע דערפאַרונגען, פלעגט ער זיך באַמיען מיט עפּעס וואָס די באַלעבאַטים אָפּנאַרן: שטאָפן געברויכן געמייגערע, אַרבעטער שיקן אַהין קאַליקעס...

די אַרבעט פלעגט דעריבער געוויינלעך אַרויסקומען שטאַרק טאַנדעט. און גאָר אינגיכן פלעגן זיך די כעסרוינעס לאָזן מערקן: שפּאַלטן אַף סטעליעס פלעגן פלאַצן, פאַרב אַף ווענט פלעגט דעם קאָליר אירן ניט איינהאַלטן, גלאַזור אַף האָלצוואַרק פלעגט איר גלאַנץ און שטאַנדהאפטיקייט גיך פאַרלירן...

צאָלן הויז-אייגנטימער ניט אָפּ, ביז וואַנען דאָס אַלץ איז ניט פאַריכט געוואָרן, אָדער אָפּטמאָל אַפילע פון דאָס ניי ניט איבערגעמאַכט געוואָרן — איז סאָפּקאָלסאָף פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז מר. פאסטער האָט נאָך צו אַזאַ אַרבעט גאָר דערלייגט...

באַם דאָזיקן „סלאפפ" איז עס דער לאָדזער געווען קימאט דער גאַנצער פאָרמאַן, דאָס הייסט, קיין פאָרמאַן, אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, איז ער אַפילע ניט געווען. סלאפפי האָט פיינט געהאַט מע זאָל באַ אים האָבן לייכטע פאַרנאָסעס. דער טיטל פארמאן, וועלכער „סלאפפי" האָט דעם לאָדזער האַלב אין שפּאָט צוגעווארפן, איז געווען, ווי אַ מאָגערער ביין, וועלכן אַ קאַרגער באַלעבאָס וואַרפט צו אַ געטרייען און איבערגעגעבענעם הונט:

— נאַ, און ווייס...

— שפּיל זיך, שפּיל זיך, אַ מאַקע דיר אין די ביינער...

דעם לאָדזער איז אַוואַדע דערדאָזיקער טיטל, איבער וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געציטערט, זיך זייער טייער באַגאַנגען. פון קיין „לייכטער פאַרנאָסע" האָט דאָ גאָר שוין קיין רייד ניט גע-קאָנט זיין. אין שאפּ פלעגט ער מוזן קומען פריער פאַר אַלעמען, אַזייגער זעקס, האַלב-זיבן אינדערפרי, פלעגט דאַרפן צוגרייטן די טעפּלעך פאַרב פאַר יעדן איינעם פון די אַרבעטער, העלפן סלאפפין באַקלערן, וועלכן ארבעטער שיקן אַהער, וועלכן — אַהין און אומ-קערן זיך אַהיים פלעגט ער טאָמיד אַסאַך שפּעטער אין אָוונט, איידער אַ געוויינלעכער ארבעטער. נאָר אים האָט דאָס אַלץ אַפּאָ-

נים ניט געענטפערט. געזונט און פויל-הארעפּאשנע איז ער געווען, געזונט און פויל-הארעפּאשנע, ווי אַ גראָב-הויטיקער העלפאַנד.

סלאפּפּי פלעגט פאַרן ווייב און צווישן די אַרבעטער טאָמיד כיטרע און גנייוויש אונטערווינקען, ווען ער פלעגט אַרויסזאָגן:

— נו, כעוורע, וואו איז ערגעץ מיין שייני-ליימעלעך, מיין פּארמאן ?...

— אַ קיצער-נו, איך זע, אַז אָן מיין פּארמאן וועט שוין פון דעם איניען גאָרניט אַרויסקומען, אַ מאַקע אים...

נאָר זאָל עס דעם לאָדזער אָנהויבן אַפילע אָרן... א, מע וועט נאָך זעען, ווער עס וועט לאַכן דער לעצטער! אין דער שטיל, אין זיין פאַרהוילענסטן און פאַרשמאלצעוועסטן קאָדשע-קאָדשים האָט זיך דער לאָדזער געהאַט זיין פונקעלע האָפענונג, זיין „אי-דעאַל", — דער לאָדזער האָט זיך געבאַלעבעסלט...

ווייל געשטרעבט און געכאָלעמט האָט דער לאָדזער דערפון, אז אזוי גיך, ווי ער וועט האָבן אָפגעשפּאָרט און אָנגעקליבן דאָס נויטיקע געלט אין זיין באַנק, .וועט ער טייקעף אַליין ווערן אַ מאַליער—באַלעבאָס... און צו אָט דעם דערהויבענעם און ניט גאָר אַזוי ווייטן ענד-ציל זיינעם, האָט ער זיך שוין לאַנג, לאַנג און אין דער שטיל געגרייט.

„סלאפּפּי" פלעגט זיך מיט אים טאָמיד אייצענען בעשאַסן אויסשטעלן די סמעטעס פאר די פאַרשיידענע אַרבעטס-אָרדערס. און דער לאָדזער, ווען ער האָט פריווייליק גענומען אף זיך מיטן גרעסטן כיישעק דעם עקסטרא-יאָך פון אַ פּארמאן בא סלאפּפּין, האָט שוין אַפן אָרט געקראָגן זיין באַלוינונג. ניט נאָר ער האָט געקראָגן דאָ זיין דערפאַרונג, ווי צו באגיין זיך מיט אַרבעטער— שוין באַצייטנס האַנאָע האָבנדיק פון דעם געפיל פון באַלעבאַטע-ווען איבער מענטשן, פון הערשן איבער זיינס גלייכן — נאָר ער האָט דאָ, דעריקער, אויך געקראָגן די פּראַקטישע יעדיעס, וואָס זיינען נויטיק פאַר א קינפטיקן באַלעבאָס: יעדיעס וועגן פרייזן פון שטאָפן, יעדיעס וועגן אויסשטעלן סמעטעס א. א. וו.

און אויסער דעם:

ער האָט זיך אויך געקליגט דערווייל איינקויפן זיך אין פריינטשאַפט באַ די פאַרשיידענע הויז-אייגנטימער און אויפזעער פון די הייזער, וואו סלאַפּפּי פלעגט האָבן זיין אַרבעט. געהאָפט האָט ער אף אזא אויפן, אז שפּעטער, ווען זיין שאַ וועט אים שלאָגן, וועט ער אָפּשלאָגן באַ סלאפּפּין גופע דידאָזיקע אַלע אַרבעטס-

פלעצער: אָ, ער וועט אים טרעפן מיט זיין אייגענער בייטש, — ער וועט סלאַפּין אויסרויכערן פון אָט די אַלע ערטער מיט נאָך וואלוועלערע פריזן...

ד.

פונקט ווי יעדן אַנדערן טאָג, איז ער אויך היינט נאָך פון גאַנץ פרי אָן געזעסן דאָ אין קעלער, אינמיטן אַ כאַאָטישן צו-נויפוואַרף פון קענדעלעך און עמער. ציענדיק פון צייט צו צייט מיט אַ היפשן שפּאַן שטיקער געדיכטן אליפע און צעפּירנדיק זי אין די פאַרשיידענע פאַרב-טעפּ, האָט ער פאַר זיך גלייכגילטיק-צופרידן און מעכאַניש אונטערגעברומט אַ פּאָפּולער טעאַטער-לידל, וואָס ער האָט אַפּאָנים ניט לאַנג צוריק אויפגעכאַפּט אין אַ אי-דישן רופ-גאַרדן [1] פון סעקאַנד-אַוועניו [2].

א—מע—רי—קע, איך גלייך [3] דיך...
פון אוישען צו אוישען [4],
צו דיר איז מיין צעוואוישען [5]
טאַרא, טאַראַמטאַ, טאַרא, —טאַ—טאַ, טאַ—טאַ...

נאָר הינטער אים, אין אַ טונקל ווינקל נעבן דער קענג-איבערדיקער, פייכטער און ווילגאַטשנער קעלער-וואַנט, האָט זיך שוין עפּעס צו לאַנג געפּאָרעט מיט זיינע אַרבעטס-קליידער דער שלאָנקער, דאַרער און ברענענדיקער דזשעק... אָבער דער לאָדזער האָט אים דאָס מאָל ניט אויפגעוואָרפן זיין לאנגזאַם פּאָרען זיך דאָרטן, ווי ער וואָלט עס אַן אַנדערש מאָל זיכער געהאַט געטאָן. אַהאַ, נישקאָשע, זיי האָבן זיך ביידע גוט פאַרשטאַנען...

זיינס האָט דאָך שוין דער לאָדזער געהאַט אָפּגעטאָן: נאָך גלייך באַם אַריינגאַנג אין קעלער אריין, האָט ער דזשעקן, וועל-כער האָט אָנגעהויבן צוגרייטן פאַרן טאָג זיינע פּעקלעך מיט זיינע פאַרב-טעפּלעך, דערקלערט, אז ס'איז קלאל ניט נויטיק פאַר אים היינט צו נעמען מיט זיך פאַרב:

---

1) זומער-גאַרטן אף א דאַך פון א הויכן ביניען.
2) צענטער פון ניו-יאָרקער אידישע טעאַטערן.
3) גלייכן—געפעלן.
4) אָקעאַן.
5) איבערגעבנקייט.

— אַף אַמסטערדאַם-אַוועניו גייט ער היינט ניט... ס׳איז דאָ פּאַר אים אַף היינט אַן אַנדער אַרבעט, — אַרונטערצונעמען טאַפּעטן פון די ווענט...

און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך אַפילע צו דזשעקן ניט אומגעדרייט. דזשעק האָט זיך אויך מיט קיין וואָרט אַף דעם ניט אָנגערופן. דעמאָלט האָט דער לאָדזער צוגעגעבן:

— סאיז דאָ ניט ווייט... א ניי הויז אין די בראָנקס... קאָנסט דיינע אַרבעטס-קליידער דאָ אָנטאָן.

און מער האָט ער זיך צו אים ניט געווענדעט. פּונקט, ווי ער וואָלט טייקעף אינגאַנצן פאַרגעסן אין יענעמס אָנוועזנהייט דאָ הינטער זיין רוקן. נאָר פונדעסטוועגן...

געוואוסט האָט ער דאָך גאַנץ גוט, אַז דזשעק שטייט איצט הינטער זיין רוקן א טונקל-ברענענדיקער און א קאָכעדיקער. גע-וואוסט האָט ער דאָך גאַנץ גוט, אַז דזשעק, וועלכער האָט זיך שוין עפּעס דאָרט אין ווינקל געהאט צולאַנג געפּאָרעט מיטן אָנ-טאָן זיינע אַרבעטס-קליידער, פאַרשטייט אויסגעצייכנט זיין „פּאָ-ליטיק" בענויגייע אים, — אַז דזשעק פאַרשטייט אַלץ... אַלץ...

ער פאַרשטייט, דזשעק, אַז אַף אַמסטערדאַם-אַוועניו, — וואו ער האָט שוין אייניקע מאָל געאַרבעט, און וואוהין מע האָט אים נאָך נעכטן פאַרנאכט געזאָגט, אַז ער דאַרף היינט אויך אַהין גיין אַרבעטן — אַז אַהין דערלאָזט עס אים ניט גיין איצט דער לאָדזער, ווייל ער האָט, אַפּאָנים, נאָכן לעצטן מאָל באמערקט, אַז די דאָרטיקע אירלענדישע ווערטערין איז צום שטייף-שלאנקן און פריש-יונגן דזשעקן א סאך מער צוגעלאָזן, איידער צום פעטן, אָפּגעלאָזענעם און ציניש-צעפּאָרענעם לאָדזער, וועלכן זי האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון זיך, און מיט אלערליי אויסריידן פאַרמיטן אים אַריינלאָזן צו זיך אין דירע.

ער פאַרשטייט, דזשעק, אַז אַרונטערנעמען טאַפּעטן פון די ווענט אַף אנקלעפּן נייע, שיקט אים דער לאָדזער איצט אין די בראנקס, קעדיי אים אָן איבעריקן מאָל דערמאָנען, אַז דאָ, אַלנ-פּאַלס, אין שאַפּ, ווערט ער נאָך ניט באטראכט ווי אַ קוואַליפי-צירטער מעכאַניקער-אַרבעטער, — אַז ער ווערט דאָ באטראַכט ווי אַ בלויזער מאַליער-געהילף, וועלכער דאַרף טאָמיד טאָן די שווערסטע, די פּאַשעטסטע אַרבעטן...

ער פאַרשטייט, דזשעק, אַז דאָרטן אין די בראַנקס, שטייט אים היינט פּאָר א גאָר, גאָר שווער שטיקל אַרבעט... אַז פון דאָס

קלוימערשט ניי הויז וועט זיך זיכער אויסלאָזן אַן אַלטע כורווע מיט ווענט, וועלכע זיינען געדיכט באהאנגען מיט פינף אָדער זעקס פאפיר-טאפעטן, — טאפעטן, וועלכע זיינען נאָך קיין איין איינציק מאָל ניט ארונטערגענומען געוואָרן אין משך פון די לעצטע 15—20 יאָר... און ער, דזשעק, וועט זיך באַגיסן ניט מיט איין בלוטיקן שווייס, ביז ס'וועט אים געלינגען כאָטש די גאָר אויבערשטע טאפעטן אַרונטערצונעמען, — אַרונטערצונעמען ניט אַזוי מיטן מעסער, ווי כאָטש מיט די פינגער אַרונטערצוקראַצן...

ער פארשטייט, דזשעק, אַז דאָס וויל אים דער לאָדזער בעקיוון ניט צולאָזן צו טאָן די בעסערע אַרבעט,—ווי אָפּקאַלכן מיט וואסער-פארב א סטעליע, אָדער ארונטערצונעמען מיט כע-מישע שטאָפן די פארב פון אַ דיל,—ווייל ער וויל ניט דערלאָזן, אַז מר. פאסטער זאָל זיך סאָפּקאָלסאָף איבערצייגן, אַז דזשעק איז פאקטיש קימאַט אַן ערשט-קלאסיקער אַרבעטער, אַ מעכאניקער, אַף וועלכן מע קען זיך מיט אסאך זאכן פארלאָזן... און דאָס אַלץ וועט דזשעקן אַסאַך שווערער מאכן צו פאָדערן א העכערונג אין זיינע סכירעס און וועט אים נאָך לאנג אף וווייטער האלטן אין זיין נידעריקער פאָזיציע, ווי א בלויזן מאליער-געהילף.

א, דער לאָדזער האָט דאָס אלץ גוט געוואוסט: נישקאָשע, ער האָט פאַרשטאנען, אַז דזשעק איז ניט אַזאַ לעמעכל: געוויס פארשטייט ער דאָס אלץ, אלץ. נאָר פונדעסטוועגן...

פונדעסטוועגן האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט צו מישן און צו שטויסן און צו פאנאנדערלאָזן די ארויסגעשלעפּטע שווערע שטיקער בלוי-ווייס אין די פארבן-טעפּ און אונטערגעברומט דער-ביי די גאנצע צייט זיין באליבט לידל, אונטערגעברומט זי אף זיין פוילישן אַקצענט:

אוי-אוי, גוט אין זיין מיש-טאפּ איז גערעכט...
אוי-אוי, אומזיסט טיטע קיינים ניט קיין שלעכטס...
אוי-אוי, גוט ווייס וואָס ער טיט,
אומזיסט שלוגט ער קייגים נישט,
אוי-אוי, גוט אין זיין מיש-טאָפּ איז גערעכט!

דזשעק, פון זיין זייט, האָט אויך פארשטאנען, אַז דער לאָד-זער ווייסט, וואָס עס טוט זיך בא אים אין הארצן. און דעריבער האָט אים יענעמס פעטע גלייכגילטיקייט צוזאַמען מיטן נאריש-אונטערגעברומטן לידל נאָך ברענענדיקער צעררייצט.

— אַך, טייוול דו איינער...

דורך דער טיר האָבן זיך, מיט קליינע איבערייסן, נאָר רעגלמעסיק און נאָכאַנאַנד אַלע ווילע אַריינגעריסן פּאַרטויבנדיקע, דונערנדיקע, בריאזגעדיקע געפּילדערס פון די הונדערטער און טויזנטער טאָנען אימפּעדיקן און ליארעמדיקן מעטאַל, וואָס האבן זיך טייוולאניש גיך איבערגעטראָגן איבער די מיילן און מיילן איי־זערנע לופט־בריקן, וואָס באַציען מיט א שווערער נעץ די דריטע אווענין. דאָס האָבן איצט פאַרבייגעפּילדערט זייער טעגלעכן, נאָכאַנאַנדיקן, זיך קיינמאָל ניט איבערייסנדיקן—ניט באטאָג און ניט באנאכט, ניט אום שאַבעס און ניט אום יאָנטעוו—זייער נאָ־כאַנאַנדיקן און אייביקן געפּילדער די ניו־יאָרקער לופט־באנען. ס'איז איצט געווען די פרימאָרגנדיקע אייל־שאָ, ווען טויזנטער אַזעלכע צוגן טאַנצן איבער די קעפּ פון די איילנדיקע ניו־יאָר־קער און מאַכן ציטערן מיליאָנען שויבן אין די אויבערשטע שטאָקן פון די טענעמענט־הייזער, פארביי וועלכע זיי פּילדערן דורך און מאַכן טאנצן און פיבערן די מויכעס און געהירנס פון מיליאָנען מענטשן, וועלכע ווערן פאַרסאמט מיט פיבערנדיקער איילעניש און אימפּעדיק־אומרואיקן ברען.

און אָט... אין איינער פון די אָפּטע מינוטן, ווען אין אַ בייזן פּאראקסיזם טראָגט זיך דורך מיט א ווילדן אָנפלי אַ לאנגע, פּילדערנדיקע וואַגאָנען־קייט, איז שוין דזשעק געווען גאָר נאָענט אָף אויסצופירן זיין לאנגאָניקע נעקאָמע־מאַכשאָווע... איצט, אינם געניםדיקן געבריאזג, וועט עס סאַי ווי קיינער ניט הערן, וועט זיכער קיינער דעם לאָדזוערס דערשראָקענעם, אין מיטן איבערגע־האַקטן געשריי ניט פאַרנעמען.

דאָס בלוט האָט דזשעקן א כלינע געטאָן אין קאָפּ, איז צו צו די שלייפן, צו די ברענענדיקע אויגן. ער האָט שטייף איינ־געקרעמפּעוועט דעם סקרייפּער אין דער פיבערדיקער און שווי־ציקער האנט. ענדלעך...

לאנגזאם, פאָרזיכטיק האָט ער זיך גערוקט. און דאָס פּיי־ערל אין די אויגן האָט זיך געשטענדיקט און לויכטנדיק גע־ברענט.

איינס— און—

נאָר עפּעס אומדערווארטעט גיך האָט זיך דאָסמאָל די וואַ־גאָנען־קייט פאַרבייגעטראָגן... עפּעס צו גיך האָט זיך דער ראַש געלייגט. דזשעק איז געווען איינגאַנצן אָפּגעגאָסן מיט שווייס. די האנט איז בא אים אין אָנמאכט ארונטערגעפאַלן (דידאָזיקע

„העלדישקייט״ איז, קאָנטיק, ניט געווען פאַר זיינע קויכעס...) הייסט עס, אַז אַלץ איז ווידער פאַרבליבן אינם קיניגרייך פון ברענענדיקע און הייסע, אָבער הילפלאָז-שוואַכע מאכשאָוועס...
— הייסט עס, פּאָשעט, אַז ער איז א טרוס?..

ה.

דאָס האָט עפשער געדויערט איין מינוט. אין די אויערן האָט נאָך אלץ מוירעדיק געדרוישט, ווען צום דאָזיקן גערויש האָבן זיך באלד באהעפט נאָך א ריי גערוישן און קוילעס.

איז דזשעקן שוין ניט געווען קלאָר, אויב ער האָט דידאָ-זיקע נייע גערוישן און קוילעס פאַרנומען פריער אָדער דער-נאָך, און צי האָט ער זיך ניט אָפּטמאָל מאַכמעס דעם טאַקע דערשראָקן און אָפּגעשטעלט.

אין קעלער אַריין, פון מר. פּאסטערס קלייט אין דער הויך האָבן זיך מיט געפּילדער און פרימאָרגנדיקער פרישקייט ארונ-טער די טרעפּ ארונטערגעקייקלט און איינער דעם אַנדערן ארונ-טערגעשטופּט די איבעריקע ארבעטער פונם שאפּ, א פינף-זעקס מענטשן אין צאָל:

— העללא, דזשעק!
— א גוטער מאָרגן, מיסטער פּארמאן!
— ווי גייט׳ס, פּרינץ?
— וואָס הערט זיך, גובערנאַטאָר?

אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן שטויסן, שטופּן, דרייען זיך אַרום דעם לאָדזער, וועלכער איז איצט פּיל זשוואָווער און רירעוודי-קער געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען פונם איבערגעקערטן עמער און האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן און אומגעלומפּערט אַרומלויפן אָט אַהין, אָט אַהער, שווער שאָקלענדיק איןביידע זייטן זיינע ווייבערשע קלובעס.

— פּיקאלא, דו גייסט היינט צו מיר... אַף אַמסטערדאַם אַוועניו.

— ליטוואַק, א רואַך אין דיין מאַמען אַריין, מיטן ברוקלינער דזשאב ביסטו, הייסט עס, נאָך אַלץ ניט פאַרטיק געוואָרן? שוין צוויי וואָכן, אַז דו ציסט, ציסט דאָרט, אַז ציען זאָלן דיר דיינע ביינער... נא, אָט האָסטו דיר נאָך מאַטעריאַלן.

ער האָט מיט אַ וויכטיקער מינע אויסגעטיילט יעדן איינעם

די טעפּלעך פאַרב, די בלעכלעך מיט אייל און בענזין, די פּאַפּי־רענע זעקלעך מיט גיפּס און צעמענט, די שווערע „פּלאַסטער באָארדס [1]",—אויסגעטיילט האָט ער דאָס אַלץ מיט מאָס און מיט וואָג, פאַרזיכטיק און אַף אַ האָר, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ זיין אייגן האָב-און-גוטס פאַנאַנדערגעטיילט, זיין אייגענע בלוטיק-פאַר־האָרעוועטע פאַרמעגן... דזשעק איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין אַ ווינקל. קיינער האָט, דוכט זיך, אַף אים ניט געקוקט. קיינער האָט אַף אים קיין אַכט ניט געלייגט. ער איז דאָך געווען אַ גע־הילף בלויז.

די אַרבעטער, אָנגעלאָדענע פון אַלע זייטן, פון פאָרנט און פון הינטן, ווי איזלען, מיט טעפּ, בלעכעלעך, קאַנען, פּעקעלעך, זעקלעך, מיט לייטערס, ברעטער, און שטריק, אַריבערגעוואָרפענע איבער די אַקסלען און פּלייצעס,—סלאַפּפּי האָט געזשאַלעוועט זיין פערד און וואָגן, און די אַרבעטער פון זיין שאַפּ האָבן געמוזט די אַלע פאַרב-שטאָפּן און לייטערס אַף זיך אַליין שלעפּן,—די אַר־בעטער האָבן איינער נאָכן אַנדערן פאַרלאָזן דעם קעלער.

דזשעק האָט זיך געפילט געקרענקט, פאַרשעמט. די היץ, אין וועלכער ער האָט זיך פריער געוואָרפן, האָט אים פאַרלאָזן אַף קעלט, און די קעלט—ווידער אַף היץ. זיינע אויגן האָבן ווי פריער געברענט, און אַרום זיינע ליפּן האָט זיך געשלענגלט אַ קרומער, בייזלעכער שמייכל.

ער האָט זיך אַף אַ מינוט אָנגעבויגן, זיך עפּעס אַ פאַרע געטאָן, און באַלד זיך ווידער אויסגעגלייכט.

דער לאָדזער, נאָך דעם ווי ער האָט דעם לעצטן אַרבעטער פון שאָפּ אַרויסבאַגלייט, נאָכדעם, ווי ער האָט די לעצטע באַ־פעלן, אָרדערס און אָנזאָגן אַרויסגעשריגן, איז צו צוריק אַף זיין אָרט אַפּן איבערגעקערטן קאַלסאָמיין-עמער. אין דזשעקס ווינקל האָט ער נאָך אַלץ קיין איין בליק ניט געוואָרפן. און ווידער האָט ער, ווי בעשאָס מאַיסע וואָלט גאָרניט, וואָלט גאָר קיין איבערייס ניט פאָרגעקומען—ווידער האָט ער אָנגעהויבן זינגען מיט זיין פאַלצעטל.

— אוי—אוי,—גוט אין זיין מיש-טאָפּ איז גערעכט...

ער האָט אָנגעהויבן אפּטאָן איצט זיין לעצטע אַרבעט—אָנגעהויבן צוגרייטן אַ היפּשן עמער מיט גרינער פאַרב פאַר זיך אַליין, מיטצונעמען אַף זיין אייגענעם אַרבעטס-פּלאַץ.

---

1) גיפּס-ברעטער אַף פאַרלייגן לעכער אין ווענט, אין סטעליעס.

נאָר באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ געהויל און אַ קוויטש, ווי אַ הונט, וועמען מע איז אַף אַ פוס אָנגעטראָטן, און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָכער, ווי אַן אָפּגעבריטער.

זיין קוויטש און געשריי איז געוועז אַזוי הויך, אַז אויבן אין דער קלייט, וואָס איבערן קעלער, האָבן זיך גלייך דערהערט שנעל-לויפנדיקע טריט איבערן דיל. און באַלד זיינען אַרונטער־געלאָפן די טרעפּ סלאַפּפּי אַליין, שלאַנק און דאַר, ווי אַ יאַגד־הונט, צוזאַמען מיט זיין „אידענע", מיט סוזין,—אַ נידעריקע, אַ קיילעכדיקע, מיט ריזיקע אָפּשפּרינגענדיקע ציצן, ווי קירבעסן, מיט אַ בייזן, פאַרקאַשערטן און צעשפּרייטן מויל, ווי באַ אַ בול־דאָגישער צויג און מיט אויגעלעך פון אַ געניטער לאַנגאַניקער נויעפּטע; אינגאַנצן האָט זי טאַקע געהאַט דעם אויסזעען פון אַ „מומע" אין אַ הייזל.

„סלאַפּפּי" מיט זיין ברוינעם, הונגעריקן פּאָנים האָט מיט זשעדנעקייט אין איין מינוט זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

דער לאָדזער, רויט ווי אַ בוריק, דער שווייס איז אים אַזש אַרויס אַפן שטערן, האָט אַלץ געטאַפּט מיט ביידע הענט דעם הינטן זיינעם. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן ביידע דלאָניעס פאַר־לייגט אַף הינטן, ווי ער וואָלט דעם הינטן זיינעם פון עפּעס אַן אָנפאַל באַשיצט. זיינע אויגן האָבן געשאָסן פייער אין דער ריכ־טונג צו יענעם ווינקל, וואו דזשעק איז געשטאַנען. דוכט זיך, ערשט איצט האָט ער אים פון דאָס ניי דאָרט דערזעען, דזשעקן. נאָר דאָס מאָל, אַז ער האָט אים שוין דערזעען, האָבן זיך זיינע בליקן שוין מער ניט געקאָנט פון אים אָפּרייסן.

דזשעק איז געשטאַנען אין זיין ווינקל שוין אָן אָנגעטאָנע־נער אין זיינע ווייסע ריינע אַרבעטס-קליידער מיט אַ ליידיקן עמער אין איין האַנט און אַ גרויסער בארשט אַף צו באַנעצן מיט וואַסער דאָס אַלטע טאַפּעטן-פּאַפּיר, אין דער צווייטער האַנט. ער איז געשטאַנען שוין אַ גרייטער אַף צו גיין אַרבעטן, און האָט גלייך און רואיק, ניט פאַרשטייענדיק, הייסט עס, וואָס עס קומט דאָ אייגנטלעך פאַר אַרום אים, אומגעקערט דעם לאָדזערס ברע־נענדיקע סינע-בליקן, וואָס יענער האָט צו אים אין ווינקל גע־שיקט.

באַלד האָט דער לאָדזער פון זיין הינטן אָפּגעטשעפּעט עפּעס אַ בלעכל אַזאַ,—אַ קליין פאַרב-בלעכל, וואָס האָט זיך מיט דעם אויפגעעפנטן שאַרפן צינענעם דעקל אים אַפּאָנים אריינגעגעסן אין

וויכן לייב אַריין. ער האָט עס מיט האַרץ אַ שליידער געטאָן אַפן ערדענעם דיל, גאַנץ נאָענט צו דזשעקס פיס. א שמוציק שטראָמל מיט קלאָלעס האָט זיך געלאָזט רינען פון זיין מויל ארויס.

סלאפפי מיט זיין שארפער יאגד־הינטישער נאָז האָט באלד דערשמעקט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט גיך־גיך גע־וואָרפן זיינע בליקן פון דעם לאָדזער אף דזשעקן, און צוריק. און באלד האָט ער זיך האָזעדיק און דריבנע, מיט האנאָע, פאנאנ־דערגעלאָכט:

— אי אַ פארמאַן... אי אַ לאָדזער... ווי זשע זעסטו ניט הינטער זיך, אף וואָס דו זעצסט זיך? ניטאָ בא דיר קיין אויגן אין אכער?

נאָר באלד איז זיין פּאָנים ברויגעז אָנגעכמורעט געוואָרן און אַ פארדראס האָט אים ארומגעכאפט, א פארדראָס פאר וואָס די כעוורע דאָ עסן בא אים אומזיסט ברויט, פרעסן בא אים זיין קאָפּ און זיין לייב ארונטער...

— נו, אן עק זאָל עס נעמען... ס'איז דאָך שוין באלד האלב אָכט, אכט דער זייגער... און איר דריפּעט נאָך דאָ... שוין לאנג צייט געווען צו שטיין אפן דזשאב און ארבעטן!

סוזי, מיט א בייזן, נאפּקעשן צישען, האָט א שיפּע געטאָן צו דזשעקן, וואָס איז אזא גלייכער, א יונגער און א ציכטיקער געשטאנען אין זיין ווינקל:

— און דו, טינעף איינער... וואָס שטייסטו אזוי, ווי א פּאריצל? הא? א גאנצער לוסטאקראט... אמעריקאנעץ מיינער!.. שטייט אזוי מיטן עמער... ווארטסט, מע זאָל דיך פירן אין באָד אַריין?

דזשעק איז בלייך געוואָרן, זיינע ליפּן האָבן זיך א צוק געטאָן, און ער איז שוין גרייט געווען אף דעם איר עפּעס צו ענטפערן. ער האָט שוין פון לאנג געוואוסט, אז די „סלאפּפיכע" קאָן ניט ליידן דאָס. וואָס ער, דזשעק, באזוכט אין אָוונט אן ענגלישע שול, און „שטודירט", און „גרייט" זיך צו עפּעס... ער האָט געוואוסט, אז סוזי האָט שוין ניט איין מאָל געמאכט וועגן דעם באמערקונגען איר מאַן, אז מע דארף דזשעקן אוועקשיקן פון שאָפּ, אז מע דארף אים דאָ ניט, דעם „שטודענט"... ווייל כאָטש דזשעק פלעגט זיך גאָר לערנען באנאכט, איז סוזי דאָך געווען איבערצייגט, אז אן ארבעטער, וואָס לערנט זיך, קאָן שוין בעמיי־

לע דעם באלעבאָס ניט זיין געטריי, קאָן שוין בעמיילע קיין גוטן טאָג ארבעט ניט „אנידערלייגן“.

נאָר דאָ האָט זיך סלאפּפּי אליין שוין ארייגעמישט. ערשטנס, האָט ער איבערהויפּט פּיינט געהאַט, אַז זיין ווייב זאָל זיך מישן אין זיינע געשעפטן. און צווייטנס...

צווייטנס האָט ער נאָך דא געהאַט זיינע אייגענע כעשבויינעס: דאָס, וואָס דזשעק איז געווען א „סטודענט“, דאָס, וואָס דזשעק פלעגט א פּאָר טעג דורכן יאָר מוזן אוועקגיין פון דער ארבעט צוליב די עקזאמענעס, — און גראָד פלעגט עס טאָמיד אויספאלן סעזאָן-צייט, — דאָס האָט זיך אים, סלאפּפּין, גראָד געלוינט:

ער האָט געוואוסט, אַז מיט דעם גופע האלט ער דזשעקן אין קלעם, אַז אדאנק דעמדאָזיקן אומשטאנד קאָן ער אים עקספּלואטירן וויפל ס'לאָזט זיך, קאָן ער אים צאָלן די קלענסטע סכירעס. ווייל כ'ווייס, אַ דאיגע וואָס... אַ „סטודענט“... וויפל דארף ער עס איינגאנצן האָבן...

און דער איקער: ווער אנדערש וואָלט עס דען געוואָלט אָפּלאָזן אַן ארבעטער אף א פּאָר טעג סאמע אינמיטן סעזאָן! —

האָט ער גענומען און א שטופּ געטאָן מיטן קנאכיקן פויסט דער ווייב זייַנער אין רוקן אריין, — זיין פויסט איז אין ווייכן לייב איינגעזונקען, ווי אין א ווייכער פּערענע — און האָט זי א העפּטיקן שטויס געטאָן צו די טרעפּ צו:

— נו, אָט האָסטו דיר... „סוזעלע ברען“ מישט זיך שוין אויך אין מיינע געשעפטן... מארש פון דאנען, מארש, פּאָשאָל וואָן... און די קלייט אף וועמען האָסטו איבערגעלאָזן אין דער הויך, א מאקע דיר?.. מע וועט דאָך דאָרטן אלץ צעגאנווענען... אי, ברענען זאָלן דיר די געדערים, ווי עס ברענט אין מיר מיין הארץ... אזא סאניוויביטש... [1]

און אַז ווארטשענדיק און שעלטנדיק, איז סוזי פּאָרט ארויס פון קעלער, האָט זיך סלאפּפּי געווענדעט צו דזשעקן.

— נו, און דו, פּאָרעץ מיינער, וואָס שטייסטו טאקע עפּעס אזוי אין ווינקל ווי א גלאָמפּ? ווארטסט, מע זאָל דיך אונטערפירן, כאָסן מיינער? מארש, געגאנגען זאָל ווערן...

---

1) צויגס זון.

ו.

מיט לייטערס אריבערגעוואָרפן איבער די לינקע אקסלען, מיט א היפשער דיקער ברעט, וואָס ביידע האָבן געטראָגן, יעדער פאר אן עק, אריבערגעוואָרפן אף די רעכטע אקסלען—„סלאפפי״ האָט ליב געהאט, אז זיינע ארבעטער זאָלן ארבעטן גיך און א סאך, זיי זאָלן ניט דארפן נאָכאנאנד „ארומשפרינגען מיטן לייטער״ אָט אהער, אָט אהין, און זיי האָבן בא אים דערפאר טאָמיד, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן, געמוזט ארבעטן אף „רעשטאָוואניעס״: אף א ברעט, אריבערגעלייגט איבער צוויי לייטערס—מיט עמערס ליידיקע אין זייערע הענט האָבן זיי באלד ביידע, דזשעק און סלאפפי, זיך געלאָזט מארשירן איבער די ליכטיקע זומערדיקע פרימאָרגן-גאסן.

סלאפפי, כאָטש א באָס—זיינע ארבעטער פלעגן אים אפילע אָנרופן „קאקראטש—באס״ 1)—האָט זיך פונדעסטוועגן ניט געשעמט טראָגן אליין ברעטער און לייטערס אין גאָס. איידער שיקן נאך אן ארבעטער האָט ער ליבערשט מיט אים אליין צוגעטראָגן די ברעט און לייטער.

די גאָסן זיינען געווען ליכטיק און פארנע, פארצויגן מיט א נעפלדיקער זוניקייט. ס'האָט זיך שוין געפילט די אָנקומענדיקע, שטיקנדיקע היץ-כוואַליע פון א ניו-יארקער יולי-טאָג.

דער שטראָם ארבעטער, וואָס יאָגן זיך יעדער אין זיין פאבריק, אין זיין שאפ ארייִן, האָט זיך שוין געהאט איינגעשטילט. ס'איז שוין געווען איצט 8 אזייגער. נאָר די צוגן, אין דער הויך, איבער די ריזיקע נעצן און געפלעכטן פון טשוגונענע זיילן און מעטאַלענע קלעצער; די צוגן איבער די מיילן און מיילן לאנגע לופט-בריקן אין דער הויך, — האָבן נאָך אַלץ קימאט מיט זעלביקן אימפעט זיך געיאָגט און געדודערט איבער דער שטאָט. ריזיקע אייזערנע כאיעס זיינען מיט שנאָרכנדיקן און מעטאלענעם געברום זיך געלאָפן פאַשען איבער אָנגעהויפטע פיראַמידן און טורעמס פון ניו-יאָרק... דער וועלט-קראך האָט ערשט זיך פאנאנדערגעעטעמט פאר זיין פארנומענעם ארבעטס-טאָג.

איצט זיינען שוין געפאָרן צו דער ארבעט די ריזיקע, צענטויזנטיקע מאכנעס סטענאָגראַפיסטקעס, מאשיניסטקעס און אָנגעשטעלטע, — די, וועלכע הויבן אָן זייער ארבעט אום 9 אזייגער.

---

1) אַ באַלעבאָס אַ וואַנץ (אַן אָרימער באַלעבאָס).

זיי האָבן זיך געטראָגן אין די אומצאָליקע, אין די מיליאָנען קאָנ־טאָרן און ביוראָען פון די אַלערלייאיקסטע געשעפטן, וואָס אינם מיטלסטן און נידעריקן טייל פון מאנהעטן־אינזל, — קליינע שרייַ־פּעלעך און אטאמעלעך, וועלכע האָבן געהאָלפן באַוועגן דעם צווישנפעלקערישן האנדל, דעם צווישנלענדישן מיסכער פון אַ וועלט אַ גאנצער...

די ניו־יאָרקער לופט האָט שוין אָנגעהויבן ברענען און בראָטן. פון טענעמענט ווענט, פון אַספאַלטענעם ברוק האָט שוין אָנגעהויבן אָפּשלאָגן אַ היץ, ווי פון ריזיקע קאלך־אויוונס. איטא־ליענישע פרויען מיט זויג־קינדער אַף די אָרעמס, מיט אַ גאנצער שלעפּע קלענערע און גרעסערע קינדערלעך הינטער זיך, ברייטע און פעטע אידישע פרויען מיט אָן אַ שיר פּעק און פּעקעלעך, מיט באָד־אָנצוגן און מיט עסנווארג, — מאכנעס, מאכנעס זייערע האָבן זיך אין ברייטע שערענגעס פון אלע ווינקעלעך אָנגעהויבן לאָזן צו די לופט־באַן־סטאנציעס, קעדיי זיך שלעפּן אַ 30 מייל מיט די לופט־באַנען, מיט די אונטערגרונט־באנען אַף פּארברענגען אַ קילן טאָג אין די וואסערן פון אטלאנטישן אָקעאַן נעבן קוני־איי־לענד.

אַז זיי האָבן ביידע, סלאפּפּי און דזשעק, אין אַ ווײַלע ארום פּארקערעוועט אַף אַ זייטיקער גאס און האָבן זיך אָנגעהויבן דער־נעענטערן צום בריק, וואָס ליגט איבערן הארלעם־טייך, אַפן וועג אין די בראנקס, האָט סלאפּפּי אָנגעהויבן פּארפירן אַ לייטישן שמועס מיט דזשעקן, וועלכער האָט די גאנצע צייט געשוויגן.

-- נו, ווי גייען עפּעס די לימודים דיינע, דזשעק...

דזשעק שווייגט.

— אוואדע, אוואדע... ס'איז גוט אזוי, אז מע לערנט זיך..

וואָס דען — פּארבלייבן אַף טאָמיד אַ לייזיקער פּארבער?

דזשעק שווייגט. נאָר סלאפּפּי נעמט זיך עס ווייניק צום הארצן. פּארקערט: ער ווערט וואָס אַ מינוט נאָך אלץ בארייַדעוו־דיקער.

— עך... אז איך וואָלט מיך אויך געהאט געלערנט... אין דער יוגנט, הייסט עס... קיינמאָל ניט געוואָלט... קען אפילע איצט אויך ניט ריכטיק זיך אונטערכאסמענען... דארף טאָמיד אָנקומען צום לאָדזער, ער זאָל עס איבערקוקן מיינע פּאפּירן... אי, אַ רוער אין זיין טאטנס זון אריין... אזא קורווע...

נאָר דזשעק שווייגט אלץ. עפּשער איז אים פּאָשעט שווער

צו ריידן איצט: דער לייטער רייבט מיט שארפע שפיצן אין אקסל. די ברעט — פרעסט זיך איין מיט הארטער שווערקייט אין צווייטן... נאָר ניין. ס׳איז ניט דאָס. דזשעק האָט ביכלאל פיינט אסאך צו ריידן. דזשעק קאָן אויך אסאך ניט ריידן. ריידן רעדט זיך בא אים א י נ ע ו ו י י נ י ק — אין דער יונגער שוי־מיקער נעשאָמע, אינם יונגן פריידיקן הארץ...

און אָט איצט אויך איז זיין נעשאָמע, איז זיין יונג הארץ אָנגעפילט ביזן ברעג מיט פרייד און מיט גרינגקייט. וואָרום וואָס? ער האָט דערזעען פאר זיך איצט דעם ה א ר ל ע ם - ט י י ך.

ס׳קאָן אפילע זיין, אז אין דער גרינגקייט, וואָס האָט איצט פארפלייצט זיין נעשאָמע, האָט אויך אַ שטיקל שוטפעס אַ פרי־ערדיקע, אַ באפרייענדיקע פרייד — די באפרייענדיקע פרייד פון נעקאָמע... אז ער איז ארויס מיט אַ ווילע צוריק פון שאפ-קעלער, האָט עס אין אים איינגאנצן געזונגען... אין די אויערן האָט נאָך, ווי אַ היילנדיקע זאלב, געקלונגען דער דערשראָקענער, קאעסדי־קער קוויטש פון דעם לאָדזער... ס׳האָט זיך נאכאנאנד געמאָלט דאָס קאָמישע בילדל פונם פעטן און צעפאָרענעם פוילישן, ווי ער באשיצט אומגעלומפערט און דערשראָקן מיט ביידע הענט דעם געגעזיקטן אכער זיינעם...

נאָר איצט, טרעטנדיק אזוי, שווער באלאדן מיטן לייטער און ברעט, אין יונגן לייב זיך איינפרעסנדיקע, האָט שוין דזשעק זיכער אין דעם אַלעמען פאַרגעסן. אַ נייע פרייד, אַ ניי געזאנג פילט אים איצט אויס איינגאַנצן...

די אויגן, די פארבענקטע, פלאנטערן זיך אינם ארום מיט וואונדער און געזאנג... איבערן טייך — אַ שמאָלן, פארצוימטן און פארשטעלטן פון אַלע ברעגן מיט טונקעלע ווענט פון ריזיקע, פארויכערטע פאבריקן און לאגערן; איבערן ה א ר ל ע ם=טייך, וואָס קוקט אויס, ווי אַן אָדער פון דער שטאָט ניו־יאָרק, אַן אָדער פון פלייצנדיקן מעטאל=בלוט — איבער אָט דעם ה א ר ל ע ם=טייך, וואָס גרעניצט אָפּ דעם צאָפנדיקן טייל פונם מ א נ ה ע ט ן -אינזל שטייען איצט אַן אַ שיר שלעפּ=שיפלעך, מאטאָר-שיפלעך, מאסע-בארקעס... פלאטשיקע פלאטפאָרמעס פירן האכנאעדיק אריבער אַף זיך איבערן טייך אייזנבאן-וואגאָנעס, אָנגעלאָדענע מיט קאָלערליי טוואוועס און סכוירעס פאר דער ריזן-שטאָט און ברייטער אומגעגנט.. שלעפ-שיפלעך בייכיקע סאפען און קרעכצן, זיצן אַף דרייפערטל אין וואסער, און שלעפן נאָך נאָך זיך לאנגע קייטן פון פלאט־

פּאַרמעס, באַלאָדענע מיט אַלערליי קאַסטנס, קייטן פון בארזשעס, אָנגעפּילטע מיט קוילן, ציגל, מיט שטיינער און זאַמד... אַ הויכער בריק אַ באַוועגלעכער עפנט זיך מיטאמאָל אויף פון אונטן, הויבט זיך אָן דרייען אף זיין אייגענער אַקס, וואָס איז פאַרפלאַנצט אף אַ ריזיקער קאָנקריט-באַזע אין מיטן טייך — און צוויי פליגלען,— מעטאַלענע און געקעסטלטע פליגלען, וואָס לאָזן איבערן וואַסער-שטאַל אַ געפלעכט פון זוניקע און שאָטנדיקע קעסטעלעך, — בלייבן הענגען אין דער לופט...

אַוטאָמאָבילן גלאַנציקע, לאַסט-מאָטאָרן מיט געפּענטעטן דונערדיקן אימפּעט, פלאַטפאָרמעס, דורכגייער, — אַלע בלייבן הענגען אַף דער בריק אין מיטן טייך באַ דער פאַרשפּאַרטער עפענונג... און דורכן געעפנטן בריק איילט דורך עפעס אַ פון דער פרעמד אָנגעקומענע זעגל-שיף, אַ שלאַנקע שיף מיט הויכע מאַסטן, וואָס ווערט געשלעפּט פון אַ קרעכצנדיקן און פאַרשמירטן שלעפ-שיפל...

און אף יענער זייט הארלעם-טייך פליען און יאָגן זיך נאָ-כאַנאַנד שטאָלענע, ריינע, גלאַנצנדיקע עלעקטרישע צוגן פון דער אייזנבאַן-קאָמפּאַניע ניו יאָרק, ניו-הייווען און הארט-פאָרד... עס גלאַנצן זייערע ציכטיקע ברייטע שויבן, עס גלאַנצט דער פאַלירטער ברוינער און רויטער מעטאַל-צודעק זייערער אין דער ברענענדיקער יולי-זון.

האַרט באַם ברעג ציען זיך אָן אַ שיר פּראַכט-וואַגאָנעס, וואָס ברענגען פון אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, פון די אַרומיקע דערפלעך און פערמעס, — צעוואָרפענע אַף מיילן און מיילן ווייט אַרום ניו-יאָרק, אין די קנייטשלעך פון די בערג און טאָלן, וואָס אַף הונדערטער מיילן אַרום דעם ריזן-קראַך, — ברענגען צופירן בערג גאַנצע גרינסן און פריש-ערדיקס פאַר די שטאָט-איינוואוינער. באַ די ברעגן טייך ציען זיך די לאַנגע, לאַנגע אַמבאַרן, שפּייכ-לערס און לאַגערן, וואָס זיינען אָנגעפּילט אַזש ביז די סטעליעס מיט בערג גאַנצע שמעקעדיקע און פייכטע מערן און קאַרטאָפלעס, קרויט און שפּאַרגל, סאַלאַטן און אַרבעס, בוראַקעס און פּאַסטער-נאַק... און אַ גרינס-פרישקייט, און אַ פעלד-פייכקייט, שלאָגט פון זיי אַף די שטייענדיקע מענטשן אין מיטן דער פאַרמעטאַליזירטער שטאָט...

און ווייטער אַביסל געפינען זיך די גרויסע ברעגיקע קויל-שפּייכלערס, וואָס באַזאָרגן ניו-יאָרק סאַי זומער און סאַי

ווינטער מיט באהייצונג און מיט טרייב-קראַפט... די ריזיקע „קריינז" — שווארצע בושעל-פויגל פון מעטאַל — טראָגן זיך דורך דורך דער בלאָער לופט מיט אַ שוויצער און מיט אַ פייף, שעפּן קוילן פון די אומצאָליקע פלאַטפאָרם-בארזשעס, וואָס קומען אונ-טער מיטן טייך און אַף וועלכע ס'זיינען אָנגעצילעוועט וואַגאָנעס מיט אנטראַציט, מיטן ווייכן קויל, מיט „ארבעס"-קויל, מיט זאמד-קויל... און דער קויל, אַן ארויסגעגראָבענער פון די געדערמדיקע טיפענישן פון דער ערד, פון די קוילן-שאכטן אין פּ ע נ ס י ל וו אַ נ-י א און אין א ה א י א , אין וו ע ס ט-וו י ר ד ז ש י נ י ע און אין ק ע נ ט ו ק י , — דאָס שוואַרצע לייב פון די דומפּיקע פינסטערניש פון דער ערד לויכט און גלאנצט איצט אַף דער זון, ווי ריזיקע שווארצע דימענטן, ווי גרייפּלעך פון שווארצן פערל, ווי פרוכטן אונטערערדישע, וואָס זיינען באשטימט פאַרן גומען און פאַר די בייכער פון די ריזיקע לאָקאָמאָטיוו-פאַבריקן, דאָמנעס, שמעלץ-אויוונס, אייזן-גיסערייען, וואָס רינגלען מיט אייביק-ברענענדיקע פייערס ארום און ארום די ריזן שטאָט... עס לאָזן זיך ארונטער די „קראַנען" מיט זייערע שטאָלענע שנאבלען אין דער סאמע טי-פעניש פון אַ קוילן-וואַגאָן, קומען פון דאָרט ארויס אָנגעפילטע מיט בלישטשענדיקן שווארץ, גיבן אַ הויב אויף זייער מאַסע איבערן טייך, איבער וואַגאָנעס, איבער שפייכלערס און איבער קליינע מילבן-מענטשעלעך — אַף צעשיטן עס אין אַ נעץ פון פארשיידענע רערן, טרויבן, קאַנאַלן און קאַנאַלכעלעך...

דזשעק וואָלט געקאָנט שאָענוויס אָפּשטיין אָפּן בריק אַזוי... די פרייד די גרויס-שטאָטישע, די פרייד פון אַרבעט, פון מענטש-לעכער מי, די פרייד פון ענערגישער און צילבאוואוסטער באַווע-גונג, האָבן אים אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט און אים דורכויס אויסגע-פילט. ער איז געגאַנגען און ניט געגאנגען: ער איז געגאנגען שטייענדיק, ער איז געשטאַנען צוגעקאָוועט צום אַרום גייענדיק... ער האָט אַפילע ניט געפילט איצט, ווי שארף און פיינלעך די דיקע ברעט האט אים די הויט פון אַקסל אָפּגעריבן, ווי דער עמער אין האנט האָט זיך אַלע ווײלע אָנגעקלאַפּט אָן קני, אָן פוס-ביין... אין לאַנגאַניקער געפּענגעניש באַ סלאפּפין, אַ באַשווערטער און אַ באַלאָדענער, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט פריי און גרינג, איינס מיטן אַרום, איינס מיט דער גאנצער זיך מיענדיקער שטאָט.

און אַ געזאנג איז איצט אין אים אויפגעגאַנגען, — אַ פריי-דיקער געזאַנג פון אַרבעט... ער האָט זיך געפילט אַ נויטיקע טייל

פון דער שטאָט, איינס מיט די האָרעווענדיקע מענטשן אַרום...
יעדער פאַרויכערטער בנין, יעדער האָזעדיקער קוימען, וואָס האָט זיך אין בלענדנדיקער, זונענדיקער לופט שאַרף און אַרויסרופנדיק אַריינגעשטאָכן, איז אים געוועזן איצט אַזוי נאָענט, אַזוי טייער...

אַפילו די גאַסן-ריי־ניקער, וואָס זיינען אַלע ווײַלע אונטער-געפאָרן צום ברעג מיט זייערע וועגענער און לאַסט-אויטאָמאָבילן, אָנגעפילטע ביז אין דער סאַמע הויך מיטן שמוץ און אָפּפאַל פון ניויאָרק, מיט גליטשיקע שאָלעכצן אַלערליי און צעבראָכענע פלעש-לעך, אָנגעשפּאַרט מיט גליטשיקס, צעפּוילטס, און שטינקענדיקס,— אַפילו די־דאָזיקע אומריינע ריי־ניקונגס־באַשעפענישן, וועלכע פאַלן אָן באַשטענדיק, יעדן אינדערפרי ווי מיקראָבן-רויבער אַפן אָפּפאַל און פּסולעס, וואָס מיליאָנען מענטשן וואַרפן אַרויס פון זיך דורך אַ מעסלעס אַף די גאַסן פון ניויאָרק, און פירן עס אָפּ צו די אָפּ-פאַל-באַרזשעס, וואָס באַם ברעג האַרלעם-טייך, און יענע ליידיקן דאָס ווייט אין יאַם אַרויס אונטער ניויאָרק, — אַפילו אָט די אָ שמוציקע און פאַרשטויבטע איטאַליענישע און סלאַווישע אימיג-ראַנטן זיינען אים איצט געווען אַזוי נאָענט און אַזוי אייגן...

און ניט געהערט האָט ער דעריבער, דזשעק, סלאַפּפּיס זיס-לעכע און קלוימערשט איידעלע רייד, מיט וועלכע יענער האָט אַלץ אַף אים נאָכאַנאַנד געדרעגנט, פונקט ווי יענער האָט ניט געזען דאָס, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, און וואָס דזשעק האָט יאָ געזען. אָבער יענער — דער דאַרער און טרוקענער, ווי אַ יאַגד-הונט, האָט אַלץ פונדעסטוועגן אַקשאָנעסדיק פאַרגעזעצט זיינס:

— נו, נו, אַוואַדע... גוט אַזוי... אַוואַדע... דוס׳ט ענ-דיקן... וועט לאָזט דיך דען ניט? דוס׳ט ווערן אַ מענטש... אַ דאָקטאָר... אַן אַדוואָקאַט... דוס׳ט נאָך אַמאָל לויפן פאַר קאָנגרעס-מאַן [1]... וואָס׳, פאַרוואָס ניט... נאַרעלע... מיינסט, אַז איך פאַרגין דיר סיידן ניט? שטודיר, שטודיר...

דזשעק האָט אים אָבער ניט געהערט. דערהערט האָט ער אים ערשט מיט אַ 10—15 מינוט שפּעטער, ווען זיי זיינען ביידע ענדלעך צוגעקומען צו יענעם הויז, וואו ס׳האָט זיך געפונען דזשעקס אַרבעט פאַרן טאָג.

זיי האָבן אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די ברעט און די לייי-טערס. ערשט איצט, באַפרייענדיק זיך פון זיי, האָט דזשעק דער-

1) זיין אַ קאַנדידאַט אין די וואַלן צום אַמעריקאַנישן פּאַרלאַמענט.

פילט דעם שמאַרצנדיקן ווייטאָק איןביידע אַקסלען, פונקט, ווי ערשט איצט האט ער דערהערט סלאָפּפּיס רייד. סלאָפּפּיס רייד זיינען שוין איצט געווען די לעצטע — זיינע לעצטע אנזאָג-רייד דזשעקן פארן אַוועקגיין.

— נו, איז געדענק זשע... איז אביסעלע לעבעדיקער, רירעוו-דיקער... ריר זיך!.. אט איצט ביסטו אַליין, וועל איך קאנען זעען, צי דו קאָנסט מיר באווייזן א טאָג אַרבעט, צו ניין... ווארום, פארשטייסטו מיך, סטודענטן, שמודענטן האָב איך פיינט!...

צווייטער קאַפּיטל.

א.

קילקייט, וואָס צום סאָף פון א פאַרענדיקטן ניו-יאָרקער זומער-טאָג — א טאָג אָן לופט, ווי דאָס פּאַרע-שטיבל אין א קליינשטעטלדיקן ערעוו-שאַבעסדיקן מערכעץ — מעכאַיעדיקע וואַ-סערדיקע קילקייט האָט אנגענעם א שלאָג געטאָן אף דזשעקן, ווען ער איז פאַרנאַכט צו ארויסגעשפּרונגען אין גאַס ארויס, נאָכן פאַרענדיקן זיין לאַנגן ארבעטס-טאָג.

קילקייט דאָפּלדיקע, קילקייט דרייפאַכיקע.

קילקייט פונם פאַרלעגענעם ווייניק באַפעלקערטן טייל-בראָנקס, וואָס איז נאָענט צום קעגנאיבערדיקן אינזל לאנג-איילענד, קילקייט פון א טייל שטאָט, וואָס האָט נאָך בוימער און ציכטיק-שטילע גאַסן אין זיך, און וואו טומלדיקע היץ פון קראַך דער-גרייכט קוים, געמינערט און פאַרטויבט דורך אָפּגעלעגנקייט, גע-קילט און געשטילט פון בוימערדיקע שאָטנס.

קילקייט, וואָס טראָגט זיך פון יאַמיקע וואַסערן, פונם לאנג-איילענד וואסערפּאַס, וואָס טראָגט זיינע טיפע שטראָ-מען אף יענער זייט שמאָלער יאַבאָשע-נאָדל, פונם לאנגן אינזל, — טראָגט זיי פון אָקעאַן צו אָקעאַן.

קילקייט פונם נאָענטן און פאַרנאַכטיקן איסט-ריווער [1] וואָס פּאַזע זיינע ברעגעס איז דזשעק איצט פּאַמעלעך געגאַנגען אפן וועג אהיים.

ער האָט זיך געפילט איצט אינערלעך פריידיק און גרינג, כאָטש ער האָט געאַרבעט א גאַנצן טאָג זייער שווער און זיינע

1) מיזרעך-טייך.

אייוורים זיינען געווען מיט שווייסיקער היץ דורכגענומען. אויסגעלאָזן האָט זיך עס טאַקע אזוי, ווי ער האָט לעכאַטכילע דערוואַרט:

ס'איז געווען א הייזל אן אַלטס, א רויט-ציגלדיקס, א הייזל, אין וועלכן עס האָבן שוין געוואוינט איינער נאָכן אנדערן היפשע עטלעכע דורעס פון איינער א דייטשישער מישפּאָכע.

פרישטיק-צייט, בעשאַס אן איילקן געשפּרעך מיט דער אלטיטשקער הויז-באַלעבאָסטע, וואָס איז נאָך פאַרבליבן דאָ דערוויילע וואוינען אין א פּאָר אויבערשטע כאַדאָרימלעך, באַם דאַך, האָט דזשעק עס אויסגעפונען. דידאָזיקע מישפּאָכע איז געקומען אהער לאַנג-לאַנג צוריק, טאַקע ניט קיין סאך שפּעטער נאָך דער אַמעריקאַנישער רעוואָלוציע, ווען אין דייטשלאַנד האָבן זיך אינגיכן אָנגעהויבן די אומרואיקע צייטן, — ערעוו די גרויסע נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס.

ס'איז געווען די שטיקנדיק-הייסע מיטאָג-שאָ פון א ניו-יאָרקער יולי-טאָג. איז ארונטער געקומען די אלטע באַלעבאָסטע ארונטער די סקריפּנדיקע טרעפּ, ווען פון דעם קוימען-וואלד פון די נאָענטע פאַבריקן האט זיך געלאָזט הערן דאָס דינע און הילכיקע פייפן און בלאָזן פון די דאַמף-פייפלעך — מונטערדיק און האָפּערדיק האָט עס געגרופן די האָרעפּאַשניקעס און אַרבעטסשקלאַפן אינעווייניק אין די ריזיקע שטיין-און אַייזן-קאַסטנס אַרויס, אין דרויסן, צו דער קורצער אָפּרו-צייט.

די טרעפּ האבן געקרעכצעט און געכקריפּעט אונטער אירע לייכטע זקיינישע טריט — זיי האָבן גערעדט, די טרעפּ, גערעדט... אויסגערדריקט צעפּרידנקייט אפּאָנים פון דעם לאשטש פון די באַקאַנטע, פון לאנג אָן שוין נאָענטע און אייגן-געוואָרענע טריט — ווי לעבעדיקע באַשעפּענישן זשמורען זיך און האָבן האַנאָע באַם אָנריר, באַם לאַשטשען פון א מענטשן, א פריינטלעכן און איבערגעגעבענעם באַלעבאָס.

זי האָט פּאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק אריינגערוקט איר גרויען קאָפּ מיטן געקנייטשטן איינגעפאַלענעם פּאָנים, ווי אן איינגעדאַרטער ווינטערדיקער עפּל, אין דער פאַמעלעך-אויפגעעפנטער טיר אַריין.

דזשעק האט זיך איבערגעשראָקן פאַרן דאָזיקן שאָטן-געשטאַלט. וואָס איז עס... ער האָט דאָך געוואוסט, אַז דאָ אין הויז וואוינט קיינער ניט... די אַלטינקע אינם טשיפּטשיקל איבערן גרויען קאָפּ, האָט אים אזוי דערשראָקן, אַז ער איז אזש אויפגע

שפרונגען פון דער פּאָדלאָגע. ער איז געלעגן מיד צעשפּרייט אויף איר פּריינטלעכער האַרטקייט און האָט געכאַפּט אין אייליקן 10 מינוטיקן אָפּרו, אונטערלייגנדיק צוקאָפּנס א פּאָר ריזיקע, אַלטע, ניו־יאָרקער טעלעפאָן־ביכער, וואָס האָבן זיך ערגעץ דאָ אין די ליידיקע שאַפעס געוואַלגערט.

— וואָס איז דאָס...

די אַלטינקע מיטן גרויען קאָפּ, מיט א פאַרשולדיקטן שמייכלע, האָט נאָך ברייטער און פאָרזיכטיקער פאנאנדערגעעפנט די טיר. אין אירע הענט איז געווען אן אויסגעקראָכענער שוואַרצער טאַך — די מעטאַלענע הויט זיינע איז געווען לאַנג אָפּגעקראָכן און צעפּלאַצט און דורכויס אין לישאַיעס. אַף דעם טאַך האָט געדעמפט א גלאָז קאַווע.

— האָב געטראַכט... צו א טרוקענעם פרישטיק... ערשט אויפגעקאכט... אין אַזאַ היץ — דורשט עס אוואַדע...

זי האָט געפּרעפּלט... געפּרעפּלט... קאַנטיק — מער פאַר זיך, ווי פאַר דזשעקן. פּרעפּלענדיק אַזוי אין דער שטיל, איז זי שוין דאָ פאַרבליבן א שטיק צייט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אן דעם מירמעלנעם געשטעל איבערן פּייער־פּלאַץ, האָט זיך, דוכט זיך, צוגעקוקט פאַרטאָגענערהייט צו דזשעקס אַרבעט. נאָר זי האָט זיין אַרבעט איצט אוואַדע ניט געזעען.

די באַטאָגעדיקע זון האָט באַקנדיק אַריינגעברענט פון דרויסן, אין איר טעגלעכן רונד, האָט זי שוין איצט דערגרייכט צו די צאָפּנדיקע פענסטער. דיזעלביקע זון, וואָס מיט הונדערט יאָר צוריק, — וואָס מיט הונדערטער יאָרן צוריק, — אַף אָט דעמזעלביקן שטיק ערד, וואָס איז נאָך דעמאָלט מיט ווילדע אור־וועלדער געווען באַדעקט, מיט ווילדע וועלדער און פרידלעכע זינגענדיקע אינדיאַנער אין זיי — געגנוי דיזעלביקע זון האָט איצט מיטן טיפערעסדיקן ליכט פון א סאָף זומער־טאָג אין זיך איינגעזאַפּט די אָפּגעריסענע, זקיינישע רייד, די האַלבע זאַצן, די אומדייטלעכע ווערטער, די מאַיסעס און מעסוירעס, וואָס זיינען אין אָט דער מישפּאָכע איבערגעגאַנגען פון איין דאָר צום צווייטן, פון איין דאָר צום צווייטן — ביז צו אָט דער אַלטיטשקער.

אין אָט יענער ניט גאָר ווייטער צייט — סאַכאַקל מיט א הונדערט יאָר צוריק — איז דאָ, אַף אָט דעם שטיק ערד, געווען נאָך גאָר, גאָר אַ ווייטער, א פאַרלעגענער, א הינטערשטאָטישער ווינקל... דאָ זיינען געווען געדיכטע נעצן פון אור־וועלדער, וואו

איצט איז קיין ג־עזל ניט צו זעען... אז עמיץ פון זייער מיש-פּאָכע פלעגט דארפן ארויסגיין אף א הונדערט שריט ווייטער פון זייער הויז, פלעגן זיי ניט דערוועגן זיך אַרויסגיין אָן אן אָנגע-לאָדענער ביקס. בלויז אמאָל, — אַף זונטיק, אַף א יאָמטעוו—פלעגן זייערע פריינט, וואָס האבן געוואוינט ווייט-ווייט פון דאנען, אין „דער שטאָט ניויאָרק״ — ערגעץ ארום דעם בעטערי-פּאַרק, ניט ווייט פון דעם ניויאָרקער אויסגוס — קומען צו פאָרן צו זיי צו גאַסט, אהער אין דער ווילדעניש... פלעגן קומען צופאָרן אף וועגענער, אַף פערד רייטנדיק...

דעמאָלט, אַז מע פלעגט דארפן אמאָל אריבערפאָרן דעם איסט-ריווער, אף יענער זייט דאָרטן, וואו ס׳איז איצט דער נ א ר ט - ב י ט ש, פלעגט עס זיין א גאַנצע נעסיע... מע פלעגט אריבערפאָרן אין שיפלעך מיט געניטע רודערער... אפילע קיין פּאַרע-דאַמפערס האָבן דעמאָלט ניט קורסירט דאָ.

נאר דזשעק האט זיך אביסל געמוזט צואיילן. ער האט דאך געמוזט באווייזן סלאפפין א פולן טאָג-אַרבעט! האט ער ניט געוואָרט אפילע אפן 1-אזייגערדיקן פייפל. איז בעשאס די אַל-טיטשקע האט דאָ געפּרעפּלט, געפּרעפּלט אָן א שיר איז ער שוין לאנג אנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט, אַרומגעשפּרונגען פיבער-דיק מיטן לייטער פון איין אָרט צום צווייטן: די שפּאַלערן האָבן זיך טאַקי אזוי גרינג ניט געלאָזט ארונטערנעמען.

ערשט איצט האָבן זיך געלאָזט הערן די דאַמף-פייפלעך פון די אומצאָליקע ארומיקע, נאענטע און ווייטערע פאַבריקן, — פייפן און געבלאָזערייען, וועלכע האָבן דערציילט פון צייטן נייע, פון ערד, מיט פאַבריקן באַדעקטער און באַצירטער, פון געדיכטע קוימען-וועלדער, פון וועגט הויכע, באוול-טורעמדיקע און פאַרוי-כערטע, פון ריזיקער מענטשלעכער מי און אָנשטרענגונגען צווישן אט די ווענט.

קימאַט ניט אָפּציענדיק דעם אָטעם, האָט דזשעק געאַרבעט און ארומגעשמייעט. די טאַפּעטן אף די ווענט — דאָס זיינען געווען וואַנט-פּאַפּיר געשיכטעס, טאַפּעטן-אַנאַלן פון א רואיקער מישפּאָכע, אף א נייעם באָדן ווידער אן איינגעווארצלטער, א מישפּאָכע, וואָס האָט זיך אין מעשעך פון דוירעס ניט געענדערט, האָט זיך ניט אומגעוואָרפן פון אָרט אף אָרט, און ניט איבערגעריסן די שטילע קייטן פון איר קליינבירגערלעך נודנעם וואַקסן.

וואַנט-פּאַפּיר האט זיך דאָ קעסיידער ארויפגעקלעפּט אף

וואַנט-פּאַפּיר, ווי יעדער דאָר וואלט געהאַט טיפן אָפּשיי פאַר זיין פאָרגייער און ניט געוואָלט זיין זייכער ארונטערייסן און ניט געוואלט זיין זייכער פאַרניכטן... פונקט, ווי איין מענטשלעכער דאָר איז אין אט דעם קליינעם, רויט-געפאַרבטן צוויי-גאָרנדיקן קאָטעדזש מיט זעלביקן פרישן בלוט ארויסגעוואַקסן פונם צווייטן, געוואַקסן און געדייעט ארום דעם פריערדיקן דאָר, — אזוי איז געוואַקסן אַף די ווענט פון אט דעם קאָטעדזש איין טאַפּעט-פּאַפּיר נאָכן צווייטן, איין טאַפּעט-פּאַפּיר פונם צווייטן ארויס... און די גאָר אונטערשטע טאַפּעטן זיינען שוין מער גאָר קיין פּאַפּיר ניט געוועזן, — זיי זיינען שוין לאַנג פאַרהאַרטעוועט, פאַרביינערט געוואָרן... ס'האָט זיך געדוכט: דאָס גאַנצע הויז, זיין לייב, זיין געהילץ, — האט שוין פון לאנג, לאַנג געליטן פון אַרטעריאָ-סקלעראָז.

ניט לאַנג צוריק איז דאָס הויז פאַרקויפט געוואָרן צו עפּעס אַ ריעלעסטייט-אַגענטור 1). דער אייגנטימער פון אט דער אגענטור, א פלינק און רירעוודיק אידל, מיט שמייכלענדיקע און בלישטשענדיקע אויגעלעך, האָט זיך גענומען אפּצופרישן און באנייען דאס הויז, עס „מאָדערניזירן" — אריינשפּריצן אין זיינע פארהארטעוועטע אָדערן נייע בלוט, ניי לעבן... מע האָט געדאַרפט דעריבער אינגאַנצן אָפּפרישן די ווענט פון אינעווייניק, זיי פון דאָסניי אויספאַרבן און אויספּאַלערן.

דזשעק איז דעם גאַנצן הייסן און ברענענדיקן זומער-טאָג, ארומגעשפּרונגען צוזאַמען מיט זיין באוועגלעכער רעשטאוואניע פון איין וואַנט צו דער אַנדערער, פון די אויבנס צו די אונטנס, האט זיי ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל גענעצט און גענעצט. גענעצט זיי אפריער מיט הייסע וואַסער, עס זאָל בעסער פאַנאַנדערנעמען דעם פּאַפּ צווישן די פילע פּאַפּיר-שיכטן. נאר דער יולי-טאָג איז געווען זוניק און הייס, האָט דאָס וואַרימע וואַסער זיך גיך אויסגעטריקנט און גיך אויסגעדאַמפּט זיך. האָט דזשעק געפּרואווט און גענעצט מיט קאַלט וואַסער, — נאָר דאָס טאַפּעטן-פּאַפּיר האָט זיך אַלץ קוים געוואָלט רירן פון אָרט... אין דער פאַרנער היץ האָט דאָס קאַלטע וואַסער זיך אויך קעהערעך-אַאין אויסגעדעמפּט, פונקט ווי דאָס הייסע.

נאָר סלאַפּפין האט מען דאָך פארט געמוזט ווייזן א טאָג אַרבעט... האָט דזשעק פון זיך דעם קליאַק פון די ביינער ארויס-

1) אגענטור פארן קויף און פאַרקויף פון אומבאוועגלעכע גיטער.

געצויגן, האָט ניט גערוט אף קיין איין רעגע, האָט גענומען בלויז א מינוט צען אף איבערבייסן, האָט מיט א שטענדיקן, פיבערדיקן ארומשפּרינגען פון איין אָרט אפן צווייטן געהאַלטן דעם שפּאַליר־פּאַפּיר אונטער א שטענדיקער נעץ, געזעען, אז דאָס וואַסער זאָל זיך אין ערגעץ ניט, אף קיין רעגע ניט אויסטריקענען. ביז דער פּאַפּיר האָט זיך, ענדלעך, צום סאָף טאָג ערשט, „גערירט פון אָרט".

נאָר דאָ איז שוין געוואָרן 5 אזייגער, און דער ארבעטס־טאָג האָט זיך געענדיקט. ווען דזשעק וואלט איצט אוועקגעגאַנגען, וואָלט פון דער גאַנצער האָרעוואַניע זיינער גאָרניט זיך אויסגע־לאָזט. מאָרגן וואָלט מען פון דאָסניי ־וידעראַמאָל געדאַרפט אָנ־הויבן ערשט נעצן... איז דזשעק פאַרבליבן אַרבעטן מיט אַ שאָ צייט לענגער, ביז ער האָט ענדלעך ארונטערגעקראַצט דאָס טאַפּעטן־פּאפּיר כאָטש פון איין כיידער.

דזשעק איז פאַרבליבן ארבעטן לענגער ניט אזוי דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט דערוועקן סלאַפּפּיס צאָרן, וועלכער וואָלט קיינע טערוצים ניט געוואָלט אָנעמען, און וואָלט אין יעדן פאַל געפּאָדערט פון אים דעם פונט פלייש זיינעם, וואָס קומט אים, דעם „טאָג ארבעט", — דזשעק איז פאַרבליבן גיכער דערפאַר, וואָס ער האָט טאַקע אליין ניט געקאנט פאַרטראָגן, אז אזוי פיל האָרעוואַניע זיינע, זאָל גיין לעאיבעד. דזשעקס טעמפּער עקל צו סלאַפּפּין און זיין שאַרפּערע סינע צום לאדזער האָבן פונדעסטוועגן ניט געקאנט אפּטויטן אין אים זיין ליבע צו דער אַרבעט, זיין פאַרדראָס איבער אומזיסט - ארויסגעוואָרפענער מענטשלע־כער מי...

איצט, אַז ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, געגאַנגען פאַמעלעך פּאַזע דעם געפלאַסטערטן שאָסיי־ברעג פונם מיזרעך־טייך, האָט ער ערשט רעכט דערפילט די מידקייט. זיין לייב איז געווען אינגאַנצן נאַס. דאָס העמד האָט זיך צו דעם געקלעפּט. שטיקלעך שפּאַליר־פּאַפּיר זיינען אַריינגעקראָכן אַף דער אינעווייניקסטער זייט העמד און האָבן באַומרואיקט דאָס יונגע לייב. נאָר אַנטקעגן האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל פונם טייך. דזשעק האָט ארונטערגענומען דעם קאָלנער, האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט דאָס העמד, געלאָזט דעם קילן, פייכטן ווינטל אָפּקילן דאָס צעהיצטע יונגע לייב זיינע.

ב.

אייגנטלעך, האָט ער זיך געדאַרפט איצט אַביסל צוויילן, דזשעק. ער האָט דאָך היינט געאַרבעט מיט אַ שאָ לענגער, איצט איז שוין נאָך 6, ביז ער וועט אָפּעסן וועטשערע, זיך אייגוואשן, זיך צורעכט מאַכן — ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן אין שול, ער האָט אָבער ערשט איצט דערפילט אַ מידקייט אַזאַ אין אַלע איבורים. דעראיקער האָבן זיך אים די פיס אונטערגעבראָכן — אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אַף זיי, נאָכאַנאַנד געקראָכן אַרויף און אַראָפּ אַפן לייטער, אַראָפּגעשפּרונגען און אַרומגעהיפּט... ער האָט זיך געמוזט צוזעצן אַ ווײלע אַף אַ באַנק אַפן ברעג טייך.

אַף דער באַנק זיינען געזעסן עטלעכע איטאַליענער-אַר-בעטער אין פאַרשמירטע אַרבעטס-קליידער. נעבן זייערע פיס זיינען געלעגן זייערע „געצייגן": גראָבאייזנס, אַ קאָם, פּיקעס... קאָנטיק: שוואַרץ-אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געגראָבן אין די געדערים פון ניויאָרק אַ גאַנצן זומער-טאָג. דאָ ניט ווייט, אין האַרלעם, האָט זיך שוין צייט אייניקע יאָר געהאַלטן אין בויען אַן אונטערערדישער באַן, און צענדליקער טויזנטער פאַרברענטע איטאַליעס זין, וואָס זיינען געקומען צושווימען אַהער פונם זוניקן לאַנד אין זוכעניש נאָך נייעם, נאָך גליקליכן לעבן, פלעגן זיך מעסלעס איין, מעסלעס אויס מישמוירעס-וויז, רויען און גראָבן, ווי קליינע זשוקעלעך, אין דער ערד פון ניו-יאָרק.

דורך דער לענג פון דעם ריזן-קראַך האָט מען שוין אין מעשעך פון עטלעכע יאָר געקאָנט זעען אין גאר אַסאַך ערטער לעבער אַלערליי, עפענונגען, אויפשניידונגען אינם בויך פון ניויאָרק. דורך אָט דעם אויפגעטרענטן בויך האָבן זיך געזעען אַן אַ שיר געדערים: ריזיקע טרויבן, רערן און רערעלעך פון אַלערליי גרויס, קאַנאַלן און קאַנאַלכעלעך — וואַסער-לייטונג, קאַנאַליזאַציע, עלעקטרי-דראָטן, טעלעפאָן-וועגן, פּאַסט-רערן... און צווישן אָט די קישקעס און איגגעווייט, צווישן אָט די נערוון און ארטעריעס פון דער שטאָט זיינען אַרומגעקראָכן און אַרומגעפּויעט די גרויסע מאַכנעס פאַרברענטע און שוואַרצע אַרבעטער.

מיט שקיע-גאָלד איז געוועזן איצט אָנגעזאַפּט דאָס וואַסער פונם מיזרעך טייך: אייביקע זון, אייביקע שקיע, אייביקער טייך... בלויז מיט עטלעכע הונדערטער יאָרן צוריק זיינען אַף די ברעגן פון אָט דעם נאָענטן-אינזל ארומגעלאָפן די ווילדע און פרידלעכע

רויטהויטיקע, האָבן אין די באהעלטענישן אין די צווייגן דאָ—צווייגן פון טויזנטיאָריקע אור-בוימער — געהאט זייערע ליגענישן, פון וועלכע זיי האָבן ארויסגעקוקט אינם פאַרנאַכט, אף די הערשן און אינדן, און די פאנטערעס, וואָס זיינען געגאַנגען צום וואסער — טרינקען...

און איצט:

געפלאסטערטע אספאלט-גאסן ציען זיך ווי פארהארטעוועטע שטאָטישע פאנצער-שאָלעכצן ביזן סאמע ברעג טייך. און דער טייך — איינגעצאמט איז דאָס אמאָליקע פריש-ווילדע וואסער מיט בעטאָן און אייזן פון אלע זייטן, קיין סימען פון קוסט און בוים — הויכע עלעקטרישע לאַמטערנעס און טעלעפאָן-זיילן זיינען אומעטום פארפלאנצט.

ס'האָבן נאגנדיק געצויגן צו זיך די בייכיקע קוימענס פון ווייסע און ציכטיקע דאמפערס, וואָס זיינען איצט פארבייגעפאָרן פארביי ברעג, אין דער ריכטונג צום לאנג-איילענד-אויס-גוס, צו די היפשע שטעט, וואָס ליגן צעוואָרפן אף זיינע ברעגעס — צו בריטש-פאָרט, צו ניו-הייוון, צו ניי-לאָנדאָן און ווייטער ארויף צו, פאזע די ברעגעס פון ניי-ענגלאנד, געדיכט פארזייטע מיט ליכט-טורמעס און יאם-לאמ טערנעס...

ניו-עריקער צו אראָפ טייך, צו ברוקלין צו — די ריזיקע בריקן, וואָס האָבן זיך שווער געצייכנט איבערן מיזרעך-טייך אין שטויביק-גאָלדיקער פארנאכט-לופט: אומגעהויערע פארצייטיקע מעטאלענע מאמאָנטן, וואָס הויערן איבערברייט פון טייך, מיט פאָדערשטע לאפעס פארוואָרפן אף ברוקלין, מיט הינטערשטע — אף מאָנהעטן-אינזל... האָבן אינם שקיע-ליכט אף הויך פון בריקן געגלאנצט פונדערווייטן די פענסטער פון די טויזנטער צוגן, פונם אונטערגרונט-באן און לופט-באן, וואָס האָבן נאָכאנאנד געדרודערט הין און צוריק, פון מאָנהעטן קיין ברוקלין, און געפירט מיליאָנען מענטשן פון דער ארבעט אהיים.

דאָס קופקעלע איטאליענער, וואָס איז געזעסן נעבן דזשעקן אף דער באנק — פארמורזעט און פארשמירט זיינען זיי געווען און פון זיי האָט שטארק אָפגעשלאָגן מיט רייאַך פון ווילגאטש און אונטערערדישער פייכטקייט — זיי האָבן פארבענקט געקוקט אף די פאלאצן און רייכע רעזידענצן, וואָס האָבן זיך, ווייסע און מירמעלנע און כאָשעווע אזעלכע, קיל געפערלט אין לאַנגע

שנייאיקע רייען אף יענער זייט טייך, — די פאלאצן פון די מאגנאטן, באנקירן און וועלט-הערשער פון לאנג-איילאַנד...

ווער ווייס, וואָס פאר א היימישע בילדער האָט דאָסדאָזיקע ווינקל זיי דערמאָנט... עפשער האָבן זיי געכאַלעמט איצט, אינם פייערדיקן פארנאכט, פון אָט יענער צייט — נאָך בא זייער לעבן... — ווען זיי וועלן ענדלעך זיך אליין ארויפארבעטן אַף אָט אזא פאלאצל?

— א קאשע אף א מאיסע — אף דערויף איז עס דאָך אַמעריקע...

אָנגעלאָדענע מיט גאָלדענע האָפענונגען — מיט האָפענונגען פון גאָלד — האָבן זיי דאָך דאָס לעצטע פון זיך פארקויפט, פאַר-קויפט דאָס אייגענע הייזל און די אייגענע ציג, זיך וואָכנלאנג געוואלגערט אין מייקעכץ און קנאָבלדיקן געשטאנק אפן צווישן-דעק פון שיפן, וואָס קורסירן צווישן נעאפּאָל און ניו-יאָרק. און פון דער גאנצער נעסיע איז בא זיי בלויז פארבליבן אן ערינערונג פון א שווער-פארוואָלקנטן הימל-שיסל, וואָס האָט זיך נאָכאנאנד געקוליעט פון איין זייט אף דער צווייטער, איבער די שיקערע וואסערן. געקרענקט האָבן זיי דאָך די גאנצע צייט פון דער יאם-נעסיע, קעדיי...

— קעדיי וואָס?

— קעדיי דערנאָך, אינעם גאָלדענעם לאנד שוין, אָפצוליגן גאנצענע טעג אין דער נעץ פון ווילגאטש, וואָס הונדערטער קלאפטער טיף אונטער דער ערד?

— קעדיי גאנצענע טעג ניט אָנקוקן אפילע דעם שיין פונם ליכטיקן טאָג, פון דער זון, אף וועמעס ווארים ליכט זיי זיינען איפגעהאָדעוועט געוואָרן, ווי אף געבענטשטער מאמעשער מילך?

א, ס'איז נאָך מעגלעך... אלץ איז גאָך מעגלעך... שפּעטער... שפּעטער וועט זיין אנדערש — אף דערויף איז עס דאָך אמעריקע!

— שפּעטער... שפּעטער...

דזשעק האָט געקוקט אף זיי מיט ווייטאקדיקן שמייכל, ווי אף גרויסע, האָפענונגסלאָזע, פארפאלענע, איבערגעוואקסענע קינדער: אי עס ווילט זיך זיי זאָגן דעם עמעס, אי קיין הארץ איז ניטאָ אָפצונעמען בא זיי דאָס האָפענונג-שפּילכל.

ער האָט זיך אביסל אויסגעצויגן אף דער באנק, איינגעגראָבן פיס אין שיטערן זאמד, וואָס איבער ברעגיקן ברוק, — רו און זיכערקייט האָט פון זאמד זיך געשפרייט אף אים. אין האר-

כאָוועס-האַדאַס האָט זיך אים מיטאַמאָל פאַרוואָלט אַ ביסעלע אַ שניף טאָן, זיך נעמען און אויסטאָן נאַקעט דאָ אַפן ברעג, אַרויס-שפּרינגען פלינק און יונג פונם בייגל אַרונטערגעוואָרפענע גרינגע קליידער אַרויס, און איידער וואָס-ווען, איידער אַ דערשראָקענער אירלענדישער פאַליסמאַן וואָלט נאָך באַוויזן צולויפן מיט זיין קלאָב [1], מיטן כיישעק צו דערלאַנגען צו ערשט אַ פּאָר קלעפּ איבערן בלאָען, געגנולדיקן לייב, און דערנאָך אַרעסטירן פאַר „באַליידיקן די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל" — איז, אַלקאָלפּאָנים, דערוויייל, ווי אַ פייל אויס בויגן, אַ לאָז טאָן זיך מיטן יונגן גוף אין דעם קילן וואַסער אַריין...

דאָס וואַסער באַם ברעג טייך איז געווען פאַרפעכט און רעגנבויגנדיק באַפאַרבט פון די אַרומשווימענדיקע שטרעמעלעך אייל, נאַפט, סמאָלע און קעראָסין, וואָס פאַרביי-שמייענדיקע באַרזשעס און מאָטאָר-שיפן האָבן איצט הינטער געלאָזן אונטער זיך — זייערע פאַרנאַכטיקע מיי-ראַגלאַים, דזשעק האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי זיין שלאַנקער און שפּיציקער קערפּער טויכט אונטער אונטער אָט דעם ברעגיקן אָפּפאַל-שיכט, ווי אַ טאָרפּעדע פון אַן אונטערוואַסער-שיפל און שיסט דערנאָך אַרויס ווי אַ ליכטיקע קלאָרע פייל, אַף מיטלסטער אויבערפלאַך פון טייך.

ער איז אָבער געווען איצט סאַי ווי צו פאַרשוויצט, אַז אַזאַ שטיקל אַרבעט זאָל אים גלאַט אָפּגיין, אויסער דעם איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט זיך אייליק אויפגעהויבן צו גיין.

די איטאַליענער האָבן זיך נאָך אַלץ ניט גערירט פון אָרט, זיי זיינען אַלץ — ברוינע ערדענע מאָנומענטן — געזעסן שווייגנדיק, גאָר ניט לויט דער טעווע פון איטאַליענער. זיי האָבן פיקסירט מיט פאַרבענקטע בליקן דעם מאַרמאָר פון די ווייטע פּאַלאַצן, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געביטן זייערע קאָלירן אין דער זיך-זעצנ-דיקער זון, אָט פּונקט ווי וואַסער-כוואַליעס אין ליכט פון באַטאָג. ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי זיי זיינען איצט צו טויט-מיד, דידאָזיקע איטאַליענער, קעדיי צו רירן זיך פון אָרט, אָדער אָן עפּעס דערמאָנען זיי געוויס אָט יענע ווייטע פּאַלאַצן פון ניו-יאָרקער מיליאָנערן, און עפּעס דורשטן געהיימע וועקן זיי אין דידאָזיקע ברוינע ערדישע מאָנומענטן.

דזשעק האָט פאַרשפּילעט דאָס העמד. ס'איז געוואָרן קילער.

---

1) אַזאַ קורצער און דיקער שטאָק.

— קאַמע סטאָ, לאַוואַטאַרי... [1]

— אַ, אָלרייט, סיניאָר, בענע... [2]

די ברוינע ערדענע מאָנומענטן זיינען מיטאַמאָל אויפגעלעבט געוואָרן — זיי האָבן זיך אַ צאַפּל און אַ טרייסל געטאָן. דעם טונקעלן דזשעקן האָבן זיי, ווייזט אויס, אָנגענומען פאַר אַן אייגענעם. זיי האָבן זיך אומגעדרייט צו אים און זיינען שוין גרייט געווען, באַלעבאַט און פלאַפּלעריש, פאַרפירן אַ לאַנגן שמועס מיט אים אַף איטאַליעניש. האָט דזשעק זיך אין צייט צוגעאיילט און דעם שמועס אַריבערגעפירט אַף ענגליש:

— אַהאַ, ס'וואָלט אַוואַדע גוט געווען קומען אַהיים נאָך דער אַרבעט, נאָך אַ טאָג אין אַ נאַסער ערד-הייל — קומען אַהיים אין אָט אַזאַ פּאַלאַץ, ווי?

זיי האָבן אַרויסגעלאָזט, אין כאָר, אַ געמיינשאַפטלעכן קרעכץ. דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שוין אַן אַמעריקאַניזירטער איטאַליענער, שוין אַ פאַרפרעמדטער ברודער? דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגערירט עפּעס געגאַרטס און געבענקטס?

זיי האָבן אים געגעבן אַן אויסגעלאָשענעם ערדענעם שמייכל.

— א, סי, סיניאָר, סי... דזשוסטאַ גוד... דזשוסטאַ פיין... יז בעטשאַ... [3]

דזשעק האָט זיך ווייטער געגרייצט.

— אַהאַ, ס'ווילט זיך... ס'כאָלעמט זיך אייך... ניט קיין פּאַלאַצל, איז כאָטש אַן אייגן הויז אין לאָנג-איילענד... עך, סיניאָרע, איר'ט זיך שוין דערוואַרטן...

און דערלייגט שוין דאָס איבעריקע מיט אויגן-וואונק, מיט קאָפּ-שאָקל אין יענער ריכטונג, און מיט באַטייטפולן האַנט-באַוועג. — באַי-באַי, ברוקאַלין... הא? כאַ-כאַ! [4]

די איטאַליענער האָבן זיך אויף פאַנאַנדערגעלאַכט: געדוכט האָט זיך דזשעקן צו זעען דורכן געלעכטער טרערן אין זייערע אויגן.

— אָ יעס, יעס, באַי-באַי, ברוקאַלין... אָ-רייט אָ-רייט!

1) וואָס מאַכט איר, ברידער-אַרבעטער...
2) — גאַנץ גוט, מיין הער...
3) יאָ, מיין הער, יאָ... ריכטיק... ריכטיק פיין... איר מעגט זיך וועטן...
4) ברוקלין — א טייל ניו-יארק, וואו עס געפינען זיך די מייסטע בייסאַלמענס פון אלע פעלקער. באַי — באַי ברוקלין — אַן אמעריקאניש-איטאַליענישער אידיאָם, וואָס מיינט: „מע וועט שטאַרבן, וועט מען זיך טרעפן אַף יענער וועלט”.

— באננא-סעררא, סיניאָרי... [1]

— גוט-באי, מיסטער, גוט-באי... [2]

ג.

גאַסן, וואָס אַרום דער ערשטער עוועניו.

געדיכט אָנגעשטעלטע גאַסן מיט פושקאַרטס [3] אין דער לענג, אין דער קווער און אין דער ברייט. אַף די פושקאַרטס — אָנגעהויפטע קופּעס מיט גרינע און ראָזאָווע גלאַטע קלעמס און שפּיציקע אויסטערן [4]. אַרום זיי, די פושקאַרטס, — שטויסן זיך, דרענגען זיך קרייזלעך הונגעריקע, אָפּגעברענטע איטאַליענער מיט פאַרמורזשעטע פּענימער, צעכראַסטעטע הערצער, ברענענדיקע אויגן. איינם געזעמל—ווי אין א שיסל מיט פּיל-קאָלירנדיקע געשפּרענקלטע פאַסאָליעס—וואַרפן זיך אויך דורך עטלעכע נעגערס: אויגן, אָנגעפּילט אינגאַנצן מיט אייער-ווייסל, וואָס באָדט זיך אין קויטיקע זוימען.

געווימל. געפּילדער. אין מיטן — דער אייגנטימער פון דעם פושקאַרטס: מאָדנע-רואיק, ווי אן אָנגעפּאָרן פון ערגעץ קישעפמאַכערל. אַ נידעריק געפּאַקט איטאַליענערל, וואָס זעט אויס ווי אַ קאַרליקל, עפּנט געשווינד און קונציק אויף מיט אַ שאַרפן מעסער איין אויסטער נאָכן צווייטן, וואַרפט דעם אויבערשטן שאָלעכץ אין עמער אַריין, און דעם אונטערשטן שאָלעכץ, אָנגעפּילט מיט האַלב-באַוועגלעכע פּראָטאָפּלאַזמע, שטעלט ער אויס אַפן פושקאַרט.

אַזוי—איינס נאָכן אַנדערן. דאָס געזעמל אַרום קויפט די קלעמס און די אויסטערס, באַשיט זיי מיט זאַלץ, מיט פעפער, מיט טשילי-סאָס, מיט לימענע-זאַפט און שלינגט די גליטשעקע באַשעפענישן רויערהייט איינס נאָכן אַנדערן.

גאַסן, וואָס אַרום דער ערשטער עוועניו.

באָרוויסע קליינע איטאַליענערלעך פּילדערן און ליאַרמען, הענגען זיך אָן אן טראַמוואַיען, דרייען זיך מיט ניסים אַרויס פון אונטער די שווערע רעדער פון דונערנדיקע לאַסט-אַוטאָמאָבילן און שווערע מאָטאָרן, וואָס יאָגן זיך איצט אין אַ שטייגנדיקער פּראָצעסיע,

[1]) גוטע נאכט, מיינע הערן...

[2]) א גוטן, מיין הער ...

[3]) האנט-וועגעלעך.

[4]) אזעלכע יאם-באשעפענישן.

יאָגן זיך מיט שווינדלענדיקער שוועריקייט איבער ברוק און גאַס צוריק אַהיים, נידער־שטאָט צו.

שפּילקעסטלעך שפּילנדיקע, אַרום וועלכע האַלב-נאַקעטע פאַרשמירטע קינדערלעך טאַנצן איינציקווייז, פּאָרלעך־ווייז, אין קאַראַהאד... פליט אָן אַן אווטאָמאָביל — שפּאַלטן זיך קאַראַהאדן, יאָגן זיך קינדער-מאַכנעס פאַנאַנדער—ווי וואַסער שפּאַלט זיך פאַר דער נאָז פון אן אָנקומענדיקער שיף, און, פונקט ווי די צעשיידטע וואַסער-טיילן, קומען זיי זיך ווידער צונויף נאָכדעם, ווי ריזיקע מאָטאָרן רודערן פאַרביי, און באַהעפטן זיך ווידער און טאַנצן ווידער...

געשטעלן מיט באַנאַנעס האַלב-צעפוילטע, מיט ערשט צייטיק-געוואָרענע פערשקעס, מיט קאָלירטן קרויט, מיט יאַפּאַנעזישע פייגן, מיט אלערליי ספּעציעל איטאַליענישע גרינסן.

באַקאַליי-קלייטן איטאַליענישע, פון וועלכע עס טראָגט זיך דער שווערער רייעך פון שאַרפע, קנאָבלדיקע איטאַליענישע וואורשטן, פון אלט-אַלטע קעזן, איינגעזויערטע אין פעלכעלעך און אין לאגעלעך אַזעלכע, אין ציגענע זעקעלעך און קאַלבישע מעגנדלעך.

רייען און רייען בעקערייען מיט שמעקעדיקע איטאַליענישע ברויטן, מיט פענסטער אָנגעפּיקעוועטע — ווי נאָך נישט איינגעאָרדנטע מוזייען און ביבליאָטעקן—מיט אויסטערלישע קרענץ פון אַלט־געבאַקענע, קונציק אויפגעבויטע טאָרטן און מיניאטור געבעקסן פון אַלערליי פורעמס, קאָלירן און געמעלן.

איטאַליענישע גאָרקיכן, פון וועלכע עס טראָגט זיך אין דער פאַרנאַכטיקער לופט ארויס פעטע רייכעס פון געדיכטע מינעסטראַנעס [1]), פון פעפערדיקע טשילי-קאָן-קאָרנעיס [2]), פון געבראָטענע קעלבער און רינדן, פון געפּרעגלטע אויסטערן און געזאָטענע קראַבן.

און אַרום און אַרום דעם—אייביקער געפילדער און הו-הא, אייביקער און קיינמאָל פאַרגייענדיקער סאַמבאַטיען. און אַף ברעגן פון סאַמבאַטיען: הויכע, ברויגע און קויטיקע טענעמענט-הייזער,— מויערן, וועלטן גאַנצע, אָנגעפּיקעוועטע מיט הונדערטער מישפּאָכעס, מויערן באַהאַנגענע מיט פאַרזשאַווערטע פייער-טרעפּ, ווי מיט מעטאַלענעם שפּינוועבס. אינם מעטאַלענעם שפּינוועבס — פליגן: בלייכע, אויסגעמוטשעטע פּענימער פון אַרבעטס־מענער און אַרבעטס-פרויען הענגען אין די מעטאַלענע שפּינוועבסן, באַמיען

---

1) געדיכטע סופּ-געקעכטס.

2) אזא געריכט.

זיך צו כאַפּן כאָטש אַביסל פרישע לופט נאָך דער שטיקנדיקער היץ פון אַ גאנצן טאָג פאַרבראַכטן אין די שעפּער (ווארשטאטן) און אַף די פאַבריקן.

קינדער שפּילן זיך אַף די אייזן-טרעפּ אין דער לופט. בעט-געוואַנט לופטערט זיך. שווערע איטאַליענישע מאַטראנעס און אַלטע טאָניס [1] קריכן אַרויס פון די שטיקנדיקע היימען-היילן, פון די קוילן און אייזן קעלערס, צעלייגן זיך אַף גאַניקעס, אַף טראַ-טואַרן, אַף מיטן גאַס...

— לופט... לופט...

דורך דעם אַלעם, קימאַט ניט באַמערקנדיק עס — שוין צום צוועלפטן מאָל דעמזעלביקן וועג — איז דזשעק דורכגעלאָפן. מיד. הונגעריק. איילִיק. דאָ, אין איינעם פון די היילן-היימען איז אויך געווען זיין היים, זיין לאָך. נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן איצט. אקוק אַף אַ זייגער — שוין 7. סאַכאַקל נאָך איין שאָ. גי-כער. גיכער.

ד.

אַף פּאַרק עוועניו, אינס טאָמידיקן גערויש, און אינם רעשוס פונם אייביק-ראָמאַנטישן ציטער פון די אייזנבאַנען, — אייזנבאַנען, וואָס טראָגן זיך פון ניו-יאָרק אַרויס איבער פּארק עוועניו אין די גאָרע ווינקעלעך פון די פאַראייניקטע שטאַטן, צו די ווייטסטע פּרעריעס, צו די בערג און מידבאָריעס פונם ווילדן מאַירעוו אַזש ביז סאַן-פראנציסקאָ — קיינמאָל ניט פּילנדיק עס, קיינמאָל ניט ציטערנדיק איבער דער שיינקייט און טרוימען פון ווייטער אַמעריקאַנישער ראַכוועס און אָטעם-פאַרכאַפּנדיקע ברייט-קייטן.

אַף פּאַרק עוועניו, סאַכאַקל א פּאר טריט פון דעם אַלעמען, האָט אין אַ קעלער זיך געטוליעט אַ מילב.

דער אַלטער שויעל.

צו די אייזנבאַנען, צו זייער גערויש, צום געגעמדיקן גע-פּילדער צוגעוואוינט, — ווי צו דערווידערדיקער לופט, ווי צו פּרעמ-דער ערד, ווי צום פּעכיק-צעהיצטן אַספאַלט אַף ניו-יאָרקער ברוק.

דאָ אין אַ קעלער, האָט געוואוינט דזשעקס פאָטער. אַ שטיק פאַרוואָרפענע היים, אַ שטיק אַלטער שימל, — א היימישע פליאַמע אַף מעטאַלענעם געוועב פון גרויס-שטאָט.

1) טאָני-אנטאניאָ: א פּאָפּולערער איטאַליענישער נאָמען.

זיצט דאָ, אין אַ קעלער, דער אַלטער שויעל. זיצט מיט זיין שטאַרקער קורצזיכטיקייט, מיט זיין נידעריקער, יאַדישלעווער פיגור, מיטן אויסגעקראָכענעם קאָפּ האָר און מיט זיינע עטלעכע און פופציק יאָר. איזן איז ער שוין אוואדע אַריבער זעכציק- נאָר דאָס איז אַ שטילער כעשבן פאַר זיך. אין שטילע, קילנדיקע מי-נוטן, וואָס אמאָל פאַרן שלאָפן-גיין, אָדער אין אַן אויסגערוטער, אויסגעוואַרימטער פאַרטאָגיקער שאָ, ווען עס ווילט זיך מיטאמאָל מער ניט שלאָפן און עס טראַכט זיך... און עס טראַכט זיך...אָבער אין דער הויך, פאַר מענטשן, איז מען טאָמיד אינגער, ווילט זיך אַזוי שטאַרק פאַרלענגערן, אָפּשטויסן דעם לעצטן טאָג–ווילט זיך אפּנארן : ניט אַזוי יענעם, ווי טאקע זיך אַליין.

אין קעלער איז ווילגאָטשנע. נאַס. דעמפיק. די לופט איז טאמיד אַ שטיקנדיקע און א שטינקנדיקע. קעלער ווערט זעלטן אויס-געלופטערט, אַפילע זומער ניט. דאָס גרויסע „שוי-פענסטער", וואָס איז אַף דרייפערטל פאַרשטעלט פונם טראָטואר, איז פון דרויסן טאָמיד פאַרדריפּעט און פארשפּריצט מיט בלאָטע, וואָס ווערט אַרונטערגעוואַשן בלויז בעשאַס א גרויסן שלאקס-רעגן.

פון אינעווייניק איז דער קעלער אַף א העלפט פאַרלייגט מיט אַלטע פאריכטע שיך, וועלכע קוינים האָבן זיך „פארגעסן" אַרויסנעמען, מיט שטיקער פאָדעשווע און כראָם, מיט פארשטויב-טע שאַכטעלעך שוואוואקס. מיט קאפולן, מיט שנירלעך, מיט קעסטעלעך אלערליי פון שטיפטלעך און פלעקלעך.

די טיר פון קעלער ווערט געעפנט בלויז זומער-צייט. נאָר אויך דעמאָלט קומט דורך איר אריין מער שטויב פון די איילנ-דיקע פיס, וואָס טאנצן נאָכאנאנד הין און צוריק אַפן טראָטואַר— מער שטויב, איידער לופט. אין קעלער גופע שטינקט טאָמיד פון דעם לעדער, וואָס ווייקט זיך אין די ראשקעלעך מיט שטייענ-דיק וואַסער וואָכנלאנג, — ס'שטינקט פון כאַרלעגענער לופט, פון טוכלע בגאָדים, פון וואקס, פון אלערליי שוסטערישע שמירעכצן.

זיצט דאָ דער אַלטער שויעל מיט זיין אלטקייט, טאָמיד איינגענורעט מיט די רינענדיקע קראנקע אויגן אין א שוך און — שווייגט. אינעווייניק—לויכט אמאָל : אז ער וועט האָבן אָנגעקליבן דריי, פיר, פינף א. א. וו. הונדערט דאָלאר, וועט ער זיך סאָפּקאָלסאָף ארויסרייסן פונם גענעם, וואו קיין איד איז קיין איד ניט, און ברויט איז קיין ברויט ניט. ער וועט פארן אהיים, צו ווייב, וואָס איז קראנק, צו צווי יונגע קינדער, וואָס ווערן אין אמעריקע

ניט ארײנגעלאָזן: אײנס צוליב טראכאָמע, א צװײטס — לישאיעס אפן קעפל.

גײט ער קימאט זעלטן ארױס פון זײן קעלער, אזױ זעלטן, אז װען ער קומט שױן אמאָל יאָ ארױס אף פרישער לופט — מע דארף דאָך אמאָל אײנקױפן א שטיקל לעדער, צי װאָס — הױבט ער אָן נאכאנאנד ניסן, פינטלען און זשמורען מיט די אױגן, װעל-כע װערן בא אים אין דרױסן נאָך פארטרערטער, נאָך אױסגע-קראָכן-נאסער.

פון אמעריקע װײסט ער ניט מער און װיל ניט מער װיסן, װי-אָט א דעם לאָך — אָט דעם קעלער-לאָך, װאו ער װעט אין פאר-באָרגעניש אָנקלײבן געלט — אָנקלײבן געלט פאר אײגן גליק און אױסלײזונג.

דזשעק קומט צו אים עסן װעטשערע. באם טאטן קאָסט אים ביליקער. שױעל קאָכט אלײן דאָס עסן. קױפט אלײן אײן דאָס האלב-פונטל פלײש — איבערן קעלער געפינט זיך א אידישע יאטקע און באקאלײ-קלײט, — מיט די פאר קארטאָפלעס, און קאָכט אָפ זופ מיט פאסאָליעס אָדער א זראזע.

דזשעק װאשט און רײבט די הענט מיט קרע-סאלװענט. די מידקײט שטאַרקט זיך אין אים און פירט מיט אים א שפיל: װער װעט װעמען גװיר זײן.

— פון דער הײם איז דא א בריװ...

— נו...

— זײ האָבן ניט געהאַט לעצטן כױדעש אָף דירע-געלט...

— האָסט דאָך געשיקט...

— ניט גענוג געװען...

— שיקט מען מער...

דער אלטער צעגיסט דעם זופ אין צװײ טעלער און װישט אױס מיט א מין שטשירעק צװײ צינענע לעפל.

— זון מײנער... װײסט דאָך, אז איך שפאר יעדן סענט: װען װעל איך שױן קאָנען פאָרן צוריק...

— ביסט גערעכט, טאטע...

שװײגנדיק, עסן זײ בײדע. דזשעק פארמײדט צו קוקן אפן אלטן: װאָס װעט יענער האָבן פון זײן צאאר? ער קאָן אים מיט גאָר ניט העלפן, דעם אלטן, און װיל בא אים גאָר ניט נעמען, כאָטש דער אלטער פארדינט אסאך מער פאר אים, פאר דזשעקן.

ער בריט די ליפן און צונג. ער אײלט זיך. קײן הונגער

פילט ער ניט — בלויז מיד איז ער. אזוי מיד, אז ער פילט ניט, וואָס ער עסט. ער פילט ניט, ווי ער איז שוין אויפגעשטאנען פון טיש.

— נו, און דאָס פלייש?

— הא?

— פארוואָס עסטו ניט דאָס פלייש?

— יאָ, דאָס פלייש...

עס ציט שוין שטארק אין דער שול אריין. זי איז שוין אוואדע אָפן איצט, די שול. דאָס ליכט לויכט דאָרטן אוואדע... יונגווארג קומט זיך שוין דאָרטן צונויף... דזשעק פילט מאמעש א הונגער נאָך דער שול — זיין איינציקער אָפרו נאָך די לאנגע אַרבעטס־טעג.

— יוינע גייט ארום א באָרוויסער...

— נו...

— מע וואָלט געדארפט זיי שיקן א ביסל געלט...

— ווייסט דאָך טאטע, אז איך האָב ניט. ווי לאנג איז עס גאָר אינגאנצן, אז איך האָב זיך געשטעלט ארבעטן?

— יאָ, ביסט גערעכט, מיין זון...

שווייגט מען א ווײַלע.

— א גוטע נאכט, טאטע.

— דארפסט עפשער א פאָר שיך? שוין א כוידעש, אז מע האָט זיי ניט אויסגעלייזט און אין די קוויטלעך שטייט: „אויב ניט אויסגעלייזט אין מעשעך פון א כוידעש, איז״... גראָד דיין מאס... נאָך גוטע שיך... בלויז פאָדמיאָטקעס נייע געלייגט...

— א גוטע נאכט, טאטע.

ה.

אַ ריזיקער עטלעכע און צוואַנציק עטאַזשיקער שמאָלער בּיניען. הויך, גראַציעז, שפּיציק און לייכט, ווי אַ שאַרפע נאָדל, הויבּט זיך דערדראָזיקער גרויס־שטאָטישער אָבּעליסק קעגן אַ בלייכן ניו־יאָרקער הימל.

בּלייך איז דער הימל בלויז דאָ, אין אָט דעם טייל שטאָט— בּלייך און ליידיק איז ער, מיט איין איידעלן, קלאָר געצייכנטן האָרן פון אַ לעוואָנע, וואָס איז אין אים אומבּאַוועגלעך אַריינגע־שטיקט. אָבּער אונטן צו, צום טייל שטאָט, וואו עס קאָכט איצט

דאָס נאַכט-לעבן — אַרום דעם טעאַטער, אַף בראָדוויי — איז דער הימל רויט און צעפלאַקערט, ווי אַ הימל קעגן אַ ריזיקער סרייפע.

דאָרט אונטער אָט יענעם הימל, אינם באָוולדיקן טייל פונם גרויסן קראַך, שטורמען איצט די טויערן פון ליכטיקע, יאָנטעוו-דיקע מויערן, צענטויזנט, הונדערט-טויזנט-קעפּיקע פילשפּראַכיקע אוי-לאַמס — דויר-האַפלאַגע מאַכנעס, וואָס שטורמען און שטויסן זיך קעגן ווענט פון הויכע, פייערדיקע באָוול-טורעמס, וועלכע ריידן צום הימל מיט ברענענדיקע, אַזעסדיקע פייער-צינגער.

נאָר דאָ, וואו די שול איז געשטאַנען, איז געווען לעפּי-ערעכדיק שטיל.

אַף אַ הויכלאַנד, וואָס אַרום די אַמאָליקע דזשעראָם-וועל-דער, אַ הויכלאַנד, וואָס קוקט אַריבער דעם האָדסאָן, און די באַ-וועלדיקטע פּאָליסאַדן אַף יענער זייט טייך — האָט זיך אינם אָוונט אַריינגעהויבן און געשטאָכן דעם הימל מיט גראַציעזער שטאָלצ-קייט אַ ביניען פון מאָדערנעם, פון גרויך-אינדוסטריעלן, גאָטישן סטיל, — הויך, דין און שמאָל.

קימאַט עלאַסטיש איז געווען דערדאָזיקער ביניען. אַז מע פלעגט פאַרייסן די אויגן און קוקן אַף דעם אַ לענגערע צייט, האָט זיך אָפט געדאַכט: דער עטלעכע-און-צוואַנציק-גאַרדנדיקער ביניען וויגט זיך, בויגט זיך אַזש פון דינקייט, באַוועגט זיך הין און הער, ווי אַ שלאַנקע סאָסנע.

טויזנטער באַלויכטענע קוואַדראַטן און שמאָלע קוביקעס, גינגאָלדענע נעץ, וואָס איז פאַרשפּרייט קעגן בלוי פון נאַכט... דער בלויזער אָנבליק פון דערדאָזיקער גינגאָלדענער נעץ פילט אָן אַ יונג האַרץ מיט פריידיקן ציטער, פאַרשפּרייט פרייכקייט אין יונגע אויגן, וואָס זיינען אָפט ניט לויט זייער עלטער מיד.

און אינעווייניק אין שמאָלן ביניען—ברייטע, ראָזעווע מראַ-מאָרנע טרעפּ. ליכטיקע הויכע סופיטן איבער לאַנגע קאָרידאָרן, ווייס-געפאַרבטע טירן מיט ברוינע באַרדיורן, וואס פירן אין אָט אַזוי פיל כּאַדאָרים, וואו יונגע — אייביק-יונגע — מענטשלעכע ניי-גירקייט ווערט געשטילט און גערייצט דורך אַזוי פיל לימודים.

אין די קאָרידאָרן—יונגוואַרג, יונגוואַרג, יונגוואַרג... מייסטנס רייכגעקליידעטע, גרויס-שטאָטיש אויסגעפּוצטע. עכטע אמעריקאַנער און אַמעריקאַניזירטע יונגע-לייט — אַלע, אַלע האָבן זיי דאָך איין פּאָנים... דיזעלביקע גלאַט-פאַרקעמטע פּאָמאַדירטע האָר מיט

שרונטן געגוי אין מיטן, דיזעלבע פּאַסאָנען קאָלנער, קאָסטיומען, שיך, שניפּסן, — מאַנעקענען באַוועגלעכע פון גרויסשטאָטישע רייכע שויפענסטער אַרויס.

און טייערער פון אַלץ איז אינעווייניק אין אָט דעם ביניען, די לופט, די אייביק־יונגע און אייביק דורשטיקע — דורשט נאָך וויסן, דורשט נאָך לעבן... די יונגע לופט פון אַ שול.

און אָט די לופט האָט ער, דזשעק, אַזוי ליב געהאַט, כאָטש ער האָט ניט ליב געהאט דעם אוילאָם דאָרטן און זיך געהאַלטן פון דער ווייטן פון אים. עמעס, ניט געקוקט אַף זייער גאנצער פאַרפוצטקייט און פראַנטישקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יונגע אַמעריקאַנער, — זיינען דאָ קיין גאָר רייכע ניט געווען, די רייכע בענאָקעס און געכאָליעטע טעכטערלעך — וואָס איין גאָט ווייסט, צוליב וואָס זיי פלעגן זיך לערנען דאָ, — זיי פלעגן באַזוכן דידאָזיקע שול גאר באַטאָג. נאָר אויך די, וואָס פלעגן באַזוכן דידאָזיקע שול באַנאַכט, זיינען קיין אַרבעטער ניט געווען — זיי זיינען געווען מייסטנס געשעפט־אָנגעשטעלטע, סטענאָגראַפיסטן, אַגענטן... די געציילטע פאָר אַרבעטער, וואָס פלעגן יאָ באַזוכן דידאָזיקע שול, זיינען געווען אימיגראַנטן — „אויסלענדער" אַמעריקאַניש געבאָרענע אַרבעטער ווען אין אָוונט ניט באַזוכן קיין שול.

דזשעק האָט זיך אַ מידער אַריינגעוואָרפן אין אַ שטול אינם שטודיר־צימער. זיין לעקציע איז ערשט אום ניין אַ זייגער. האָט ער זיך דערווייל אָנגעהויבן צוגרייטן צו איר. „געשיכטע פון גרויסבריטאַניע און אירלאַנד". נאָר אַז ער הויבט אָן צו אָנשטרענגען זיך און איינכאַזערן פאַרשיידענע דאַטן און ווילד־פרעמדע און נאַרישע פאַקטן, — גראד הייגט, ווייסט ער, דאַרף פאָרקומען א מיטנסעמעסטרישער עקזאַמען, — הויבט ער ערשט איצט אָן רעכט צו פילן די מידקייט פון א גאנצן טאָג שווערער אַרבעט.

אין שטודיר־צימער איז זייער וואַרים, כאָטש ער געפינט זיך אַף אַ הויכן עטאַזש. די עלעקטרישע ווענטילאַטאָרס, וואָס פאָכן און רוישן נאָכאַנאַנד ערגעץ — אומגעזעענע ריזיקע זשוזשענדיקע פליגן — פעכערן די לופט, שיקן צו קאַלטע כוואַלעלעך און שלעפערן איין, שלעפערן איין... די מילכאָמע פון די רויזן איז פאָרגעקומען אין... אַננאַ באַליין איז געקעפּט געוואָרן אין... ווילאַם דער זיגער האט געקעניגט אין... שאָטלאַנד איז

געוואָרן אַ טייל פון גרויס-בריטאַניע אין... דער אויפשטאַנד אין אינדיע איז דערשטיקט געוואָרן אין... מילכאָמע פון רויזן... מיל-כאָמע... פאַר אָדער קעגן...

— האַ?

— נו איז וואָס זשע זאָגט איר סאָפּקאָלסאָף: וועלכן צאַד ווילט איר פאַרטרעטן אין דער דעבאַטע? פּראָ אָדער קאָנטראַ?

דזשעק נעמט צונויף אַלע זיינע קויכעס, טשוכעט זיך אויס, פאַרטרייבט די וואַרימע שלעפערקייט, וואָס וויל אַלץ פאַרקאָווען די מידע אייוורים זיינע, מיט געוואַלד עפנט ער ברייטער פאַנאַנ-דער די אויגן זיינע, וואָס זשמורען זיך אַלץ פונם ליכט.

— וואָס הייסט?... מעמאָ נעפשעך... בין איך פאַר מילכאָמע — וועל איך ריידן פאַר... בין איך קעגן — ווי וועל איך ריידן פאַר?...

— אָט הויבט זיך עס אָן א מאַיסע מיט די „גרינע״... אַזאַ פאַשעטע זאַך — און איר קאָנט עס אַלץ ניט פאַרשטיין... מע זאָגט דאָך אייך: דאָס איז דאָך אַ דעבאַטע... א קאַמף פון צוויי צדאָ-דים אין א ווערט-קאַמף... אזוי צו זאָגן, אַן אָראַטאָרישער וועט-לויף, ווי אין אַמאָליקן רוים... איר זייט דאָך אַ סטודענט, צי ניין? דעריקער איז דאָך קענען פאַרטיידיקן דיין טעזיס מיט די בעס-טע אַרגומענטן... דאָס איבעריקע וועט שוין דאָס פּובליקום באַ דער אָפּשטימונג אַליין באַשטימען...

נאָר דזשעק איז איצט שוין אינגאַנצן אויסגעטשוכעט. ער קוקט אָן דעמדאָזיקן ריין-געגאָלטן, אויסגעפּוצטן פאַרשוין, דעם סטודענט-קאָלעגע, וואָס שטייט פאַר אים און שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער, דזשעק, זאָל איינטיילנעמען אין דער פאָר-שטייענדיקער שול-דעבאַטע: „מילכאָמע — פאַר און קעגן״ טאַינעט אַזוי איין מיט אים, קוועטשט אין געדאַנק מיט די אַקסלען, שמייכלט און פאַרשטייט אים אַלץ ניט... נאָר יענער פאַרשטייט אים שוין אויך פונקט אזוי ווייניק.

— אַ מאָדנער שייוועט, דידאָזיקע אויסלענדער... דוכט זיך: געבילדעטע, אָנגעלייענטע, פּראָגרעסיווע... און פאַרשטייען ניט די איינפאַכסטע פּרינציפּן פון אַן עפנטלעכער דעבאַטע.

און דזשעק פאַרשטייט „זיי״ ניט דאָס מאָל, פּונקט ווי ער האָט שוין ניט איינמאָל פריער, באַ אנדערע געלעגנהייטן זיי אויך ניט פאַרשטאַנען. אַנומלטן, דערמאָנט ער זיך, איז דאסזעלביקע געפּוצט, רוינקעלנערדיק פאַרשווינדל — אָדער עפּשער גאָר אַן אַנדערש: אַז ער

קאָן זיי ניט פאַנאַנדערטיילן איינס פונם צווייטן, צו אים צוגע-
גענאַנגען און באַ אים געפרעגט:

— אין אַ געפלאַנטער דעבאַטע וועגן „פּראָסטיטוציע"—„צי
דאַרף די מלוכע זי סאַנקציאָנירן", — איז וועלכן צאַד וועט ער
נעמען פּראָ אָדער קאָנטראַ?

מע גיט אים די ברייר... זיין ערשטער אויסוואַל.

דער צעטומלטער און דערשטוינטער דזשעק האט דעם
אויסגעפּוצטן פאַרשווינדל — וואס איז אזוי לאָהוט געווען צו מאַכן
גימנאַסטיק מיט זיין צונג,—האָט זיך אַוואַדע געגרייט אריינצוטרעטן
אין אוניווערסיטעט שטודירן יוריספּרודענץ — סאָפקאָלסאָף געמוזט
געבן אַן אומבאַשטימטן ענטפער:

— ער וועט זען... ער דאַרף נאָך לייענען וועגן דער פראַגע.

און האט זיך גלייך מיט אַן עקל-געפיל געפּרואווט פאַר-
טיפן אין טעקסט-בוך וועגן „געשיכטע פון גרויסבריטאַניע און
אירלאַנד".

— „פאַר אָדער קעגן"... כא-כאַ... וואָס-זשע זיינען דאָס
פאַר אַ מענטשן... אַלץ איז באַ זיי ספּאָרט, וועט-לויף, וועט-קאַמף,—
אַפילע די בלוטיקסטע אינטערעסן פון דער מענטשהייט... ר י-
כ א ר ד ד ע ר 3-ט ע ר האָט געלאָזט קעפּן זיין ברודער אין
יאָר... וועלכן צאַד וועט ער נעמען אין דער דעבאַטע: פאַר אָדער
קעגן?... אידיאָטן... וואָלט אים עמיצער פרעגן: איז ער אַן אָנ-
הענגער אָדער אַ קעגנער פון מילכאָמע? אַז אַלץ איז באַ זיי
בלויז אַ שפּיל. בלויז מאַטעריאַל פאַר ווערטער-געפעכטן, באַ די-
דאָזיקע קאַנדידאַטן פאַר צוקונפטיקע פּאַרקויפטע און שווינדלע-
רישע אַדוואָקאַטלעך... וואַרט... אַדמיראַל נעלסאָן האָט צעשמע-
טערט די שפּאַנישע אַרמאַדע אין... אין...

נאָר די מידקייט שטאַרקט זיך אין אים וואָס אַ מאָל מער.
דאָס בלוט אין די אייוורים, שווער אָנגעגאָסן מיט בליי, גלי-
ווערט, אייוורים ווערן ארומגעוויקלט פון וואַרימע ענגע בענדע-
לעך. אייוורים ווערן פאַרשמאַכט, הויבן זיך אָן צו פאַרקוויטלען

נאָר דזשעק לאָזט זיך ניט, גיט זיך אַ טרייסל אויף,
וואַרפט פון זיך גלייכע, געבענטשטע שלאָף-קייטעלעך אַרונטער.
און ווי אין אַ כאָלעם—פון דאָס ניי און באַנייט—דערהערט ער:

ארום און ארום—פּריילעכער געדויש. שורשען פון זייד און
טאַפעטע-שטאָף; פון מיידלשע קליידער. גלאַנצן און שמעקנדי-
קער רייך פון לייב-קאַלירענע זאָקן אף יונגע רונדיקע פּרויען-

פּיס. זשומענדיקע ווענטיליאַטאָרס פאַרברייטערן נאָך מער אַף לופט-כוואַלעלעך רייצנדיקע רייכעס פון פּרויען-פּודרע און איי-דעלע פּאַרפיומען.

פאַרביי שווימט דורך אַ בויגענדיקע און פּרוזשינענדיקע מיידלשע פיגור—כאַטש אַ ביסל אַ דיקלעכע. טאַפּעטאַ-קלייד האָט נאָענט פאַרבייגעשאַרט זיך פאַרביי דזשעקס איינגעבויגענעם פּאַ-נים, האָט אַנגערירט יונגע קני.

דזשעק האָט אַ ציטער געטאָן, האָט מיט אַנגעצונדענע אויגן נאָכגעקוקט די פולע און זאַפטיקע מיידלשע פיגור, וואָס איז גע-ווען ניט נאָך די יאָרן צייטיק, ווי אַ צייטיקער, שמעקנדיקער מאַראַנץ: נו, יאָ, קלער=„כאַיקעלע", ווי פּעדלערשע טאַטע-מאַמע, אין וועמעס הויז דזשעק האָט דאָס זיין קוואַרטיר, רופן זי צערעסטעט.

דזשעק האָט איר נאָכגעקוקט מיט קרומען, צערייצטן שמאַרץ: זי האָט אים אוואָדע באַמערקט, האָט אַוואַדע בעקיוון פאַרביי אים פאַרבייגעשוועבט מיט רייצנדיקן מיידל-רייעך און רעגנדיקן שורש פון כוואַליענדיקן קלייד. נאָר אָפּשטעלן זיך נעבן אים, ווען יענער איז אַנגעטאָן אין אַרבעטס-קליידער, און אָפן פּאָנים קאָן מען נאָך אַנטרעפן ניט אָפּגעוואַשענע שפּריצלעך פאַרב, ווי עס האָט שוין איין מאָל פּאַסירט. דאָס וועט זי געוויס ניט דעריוועגן זיך צו טאָן אין דער שול, אין דער אַנוועזנהייט פון אַזוי פיל אויסגעפּוצטע יונגע לייט.

— כאַ=כאַ... אַ קאַלע... אַ קאַלע מיינע.

זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט. עפּעס ניט-אַנשטענדיקס און צערייצטס האָבן זיי דורך זיך דורכגעלאָזט אין יונגן ער-לעכן קאַעס.

און פון אָט דעם קאַעס איז ער מיט אַ מאָל אינגאַנצן אויס=געטשוכעט געוואָרן,—דערדאָזיקער קאַעס האָט אים, קאַנטיק, אינ-גאַנצן אָפּגעפרישט.

עס האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ טרישטשענדיק ציטערן פון אַן אומגעוויינלעכעם עלעקטריש גלאָק. דאָס דריבנע ציטערן ווי פון אַסאַך צעבראָכענעם דינעם גלאָז האָט זיך דורכגעטראָגן אי-בער אַלע צימערן און אונטער אַלע סופיטן.

— אַ נייע לערן=שאָ.

דזשעק איז אויפגעשטאַנען, אינגאַנצן דערפרישט און וואָך נאָכן געכאַפּטן האַלב אָפּרו, נאָכן האַלב=דרימל פערדישן. נאָר

איצט איז שוין בײַ דזשעקן מיט אַמאָל אָפּגעפֿאַלן דער כײשעק צו גײן אַהין, אין אָט יענעם קלאַס-צימער, רעכטס, אויף געשיכטע, וואו עס האָט געדאַרפֿט הײַנט פֿאָרקומען דער מיטן-סעמעסטרישער עקזאַמען. ער האָט אַ האַרציקן שפּיי געטאָן — און דאַפּקע ניט אין עמאַלישן שפּיי-קעסטל, וואָס איז וואַרטנדיק און סטאַטעטשנע געשטאַנען אין ווינקל-בײדער.

— זאָלן זײ גײן צו אַלדע שוואַרצע יאָר... עק-זאַ-מע-נעס.

ער האָט זיך שאַרף פֿאַרקערעוועט און איז גיך ווי אַ נאָכגעיאָגטער אַרונטערגעלאָפֿן פֿון אַלע טרעפּ אין קעלער אַרײַן, אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע.

ווען נאָר דזשעק פֿלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע, פֿלעגט ער גלײַך אָפּגעפֿרישט ווערן, ווי מיד ער זאָל ניט זײַן נאָכן שווערן טאָג אַרבעט. פּונקט, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַ הײסן טאָג אָפּגעקילט אין פֿרישן, קילן וואַסער.

טײקעף פֿלעגט ער אָנגעפֿילט ווערן מיט פֿרײד, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס בײַם אַרײַנגאַנג האָט זײַן געמיט געקאַנט זײַן אַ שלעכטער און אַ דערדריקטער דורך די קימאַט טאָגטעגלעכע באַלײדיקונגען, וואָס עס פֿלעגט אים אויסקומען אויסצושטײן פֿון סלאַפּפּין, און די נעגישעס, וואָס דער לאַדוער פֿלעגט אים נאָכאַנאַנד פֿאַרשאַפֿן.

די לאַנגע אַרבעטס-טישן, מיט די דורכגעדאַלבעוועטע קאַנאַלעכלעך אין מיטן אויף דורכלאָזן די אַרויסגעוואָרפֿענע כעמישע פֿליסיקײטן, מיט די שוואַרצע גריבעלעך און לעכלעך, אויסגעברענטע דורך די פֿאַרשײדענע זויערשטאָפֿן.

די פֿאַרמאַכטע אויוועלעך אַרום די ווענט, וואו עס פֿלעגט זיך געפֿינען דער גיפֿטיקער דער HSO_2 — שוועבל-וואַסער-זויער-גאַז, וועלכן מע פֿלעגט צאַפּן טראָפּנווײַז צוליב נויטיקע עקספּערימענטן.

די גלעזערנע שאַפֿקעלעך בײַ די ווענט, אָנגעפֿילטע מיט מוסטערן פֿון געלע, שוואַרצע, בלויע פּערמאַנגאַנאַטן און מוסטערן פֿון אַלערלײאיקע מעטאַלן און מינעראַלן.

די בײכיקע פֿלעשער אויף די פּאָליצעס, אָנגעפֿילטע מיט אַזאָט-זויער-שטאָף, שוועבל-זויערשטאָף, כלאָרישן וואַסער-גאַז, און אַז. וו. און אַז. וו.

ווי ער פֿלעגט נאָר אַרונטערלאָזן זיך אַהער, פֿלעגט ער באַצויבערט ווערן: אַ קישעף-לאַנד... די טאָמיד שטיקנדיקע רײכעס

פון שעדלעכע גאזן, וואָס פלעגן זיך דאָ אפט ארומטראגן, זיינען אים געווען אייגן, זיינען אים געווען ליבער און אנגענעמענער פאר די בעסטע פּאַרפּיומען.

אלץ, אלץ האָט דאָ צו אים גערעדט מיט נאענטקייט, מיט שטומען, וויכטיקן, באשאפנדיקן און איבערראשנדיקן לעבן. די פלעשער מיט די אנגעקלעפּטע צעטעלעך, אף וועלכע עס זיינען געווען אנגעוויזן די פאַרשיידענע כעמישע פארמולעס און סימבאלן זייערע—דאָס זיינען ניט געווען פאר אים קיין שעדלעכע סובסטאנצן, פאר וועלכע ער דאַרף זיך שטאַרק היטן, ווייל איין טראפּן זייערער ברענט אויס אַ שמארצנדיקע וואונד אף לייב. דאָס זיינען ניט געווען קיין טויטע ציפערן און אויסיעס, נאר נעמען פון לעבעדיקע און פריינטלעכע באשעפענישן, נעמען פון לעבעדיקע פון געהיימע און וויכטיקסטע מענטשלעכע ארויסהעלפער, פון סאד פון לעבן, וואָס איז דערוויל ערגעץ דאָ ארומעט פארהוילן און געפינט זיך נאָך אין אַ פליסיקן צושטאַנד, און וועלכע ער, דושעק, קאָן ארויסמאניען און ברענגען צום לעבן.

שווייגנדיק-וויכטיקע, לעבעדיקע שטאפן האָבן אים אין דער געהיימער פארמולעס-שפּראַך דערציילט וועגן די געהיימע מעגלעכקייטן, וואָס זיי טראָגן אין זייערע פארבארגענישן, וועגן זייערע וויכטיקע שליכעסן, וועגן פארבארגענע אויפטוען.

נידעריק איבער די טישן האָבן איצט געברענט עלעקטרישע לעמפּעלעך אין איבערגעקערטע אבאושורן און צעשפּרייט רעדער ליכט ארום זיך. ס'איז געווען שטיל. אין יעדער ליכט-ראָד איז געשטאנען אַ מענטש און האָט געגאָסן עפּעס און איבערגעגאָסן, עפּעס געמישט, געברענט, געשמאלצן, צעפּירט, דורכגעזייט, געקאכט... אַזוי שטיל און פארטאן יעדער אין זיין ארבעט זיינען די טאלמידים געווען, אַז זיי האָבן טאָקע נאָר אויסגעקוקט ווי פארצייטיקע קישעף-מאַכערס, וואָס מישן עפּעס געהיימע אזעלכע גיפטיקע געטראנקען,—פארצייטיקע לעגענדארישע אלכימיקער, וואָס האָבן געזוכט צו פארוואנדלען גראבע, פּאשעטע, מעטאַלן אין גאלד און דימענטן.

די מידקייט, וואָס האָט אים פריער געקייטלט, איז מיט אַמאָל ארונטערגעפאַלן אינגאַנצן... דושעק האָט פלינק ארונטערגענומען זיין רעקל, פארקאטשעט די ארבל, אנגעטאן זיין לעדערנעם פארטוך,—דאָ און דאָרט דורכגעברענטן און דורכגע-

לעכערטן דורך אלערליי זויערשטאפן,—און זיך געשטעלט נעבן זיין אָרט.

פון זיין שאפקעלע האָט ער ארויסגענומען דאָס געשטעל מיט פארשיידנמאסיקע גלעזערנע פליסיקייט=מעסטער, די רעטאָרטן פארשיידנפאָרמיקע, די מאָרטירעס, לאנגע לאנגע בייטשן פון דינע גלעזערנע רערן, שטויסעלעך פאליוועגע אַ בענסאַן=לאָמפּ, פלעשער=פראָבקעס, לעמפּעלעך... און דערנאָך, פארזיכטיק און מיט דערעכערעץ, דאָס וויכטיקסטע—אַ ריי קליינע פלעשעלעך, אנגעפילטע מיט פליסיקייטן, מיט פולווערס, מיט גרייפּעלעך אזעלכע. אף אָט די פלעשעלעך זייגען קיין צעטעלעך ניט געווען זיי זיינען געווען שטומע.

דאָס זיינען געווען כעמישע „ניסטארס". יעדער סטודענט פלעגט קריגן דורכן יאָר אַ צאָל אזעלכע ניסטארס, אף מאכן איבער זיי דעם נויטיקן קוואליטאטיוון און קוואנטיטאטיוון אנאליז, אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ כעמישע עלעמענטן געפינען זיך אין יעדן פלעשל און אין וואָס פאַר אַ מאָס און וואג.

דזשעקס באליבטסטע ארבעט... עטלעכע ניסטארס האָט ער שוין אויסגעפונען און ראפּארטירט ריכטיק. צוויי ניט געקאָנט טרעפן. פאַרבליבן נאָך פיר „אומבאַוואוסטע". ער האָט איצט אויסגעקליבן איינס פון זיי—אַ פליסיקייט. אריינגעשטעקט אין דעם אַ צינגעלע פּראָווו-פּאַפּיר- פּעסטגעשטעלט, צי ס'איז אַ „זויער-שטאָף", אָדער אַ „באַזע". נאָכדעם געשמעקט עס, אריינגעגאָסן אַ ביסעלע דערפון אין אַ שיסעלע, אַריינגעטאָן אין דעם אַ פּאָר טראָפּנס כלארישן וואַסער=שטאָף, געוואַרט אף אַ רעאַקציע... דורכגעזיים...

און אזוי נאכאנאנד איז ער געווען שוין גרייט פּרובירן און פארשן אין אָט דעם „ניסטאר" סימאָנים פון יעדער איינער פון די פינף „גרופּן", אין וועלכע עס זיינען צונויפגעקליבן די אַלע פאַראַנענע כעמישע עלעמענטן,—געווען גרייט פאַר א לאַנגער אויסמאטערנדיקער אָבער זיגרייכער זוכעניש. נאָר מיט אַמאָל, נאָר אומדערוואַרט, אין ווייניקער ווי פינף מינוט צייט האָט ער אים גלייך דערטאַפּט: נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעוואָרימט אף בענסאָן-פלאַם אַ ביסל פון דער אומבאַוואוסטער פליסיקייט, און אַ שמעק געטאָן דעם געדיכטן גאז, וואָס איז ארויסגעקומען,—אַהאַ,—

— פלארין!

ער איז אינגאַנצן רויט געוואָרן פון נאכעס, אויפגעציטערט

אזש פון פריידיקן טריומף... קיין לימעד איז אים ניט געווען אזוי צום האַרצן, ווי כעמיע. דער איקער: פּראקטישע לאַבאראטאריע-אַרבעט. אים האָט פון טאמיד אָן געצויגן צו כעמיע. אים האָט אינדערפרי אין שאַפּ געוואלטיק אינטערעסירט נאָכצופאלגן דעם לאַדזוער בעשאַס פאַרבן-מישונג. געפילט האָט ער אין זיך שוין פון לאַנג די זיכערקייט פון אַ צייטיקער פּעאיקייט אויסצומישן און אויסצוקאמבינירן די פאַרשיידענע סאָרטירונגען פון די פאַרבן, ניט ערגער ווי אַן אנדער פאַרבער. דער לאַדזער אָבער, וועלכער האָט דאָס באַמערקט, האָט זיך געקליגט קיין מאָל ניט צולאָזן אים צו אַט דער אַרבעט און צו באַהאלטן פון אים זיינע „סוידעס”. אָבער דאָ אין לאַבאראטאָריע...

געגאַרט האָט דזשעק שטאַרק צו ספּעציאַליזירן זיך, ווי אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער אין כעמישער אינדוסטריע. געוואוסט האָט דזשעק פון די שוועריקייטן, וואָס אידן האָבן באַם געפינען שטעלעס אין דער אַמעריקאַנישער כעמישער אינדוסטריע. גרייט איז ער אפילע געווען מיט זיין איינגעבאָרענער אַקשאַנעס צו קעמפן קעגן דעם און סאָפּקאָלסאָף דורכשלאָגן זיך אַ וועג... נאָר סאַי ווי האָט ער דאָך געטרוימט וועגן צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד.

ער האָט שוין איצט זיך גענומען פאַר אַ נייעם „אומבאַ-וואוסטן”—עפּעס אַזעלכע גרייפּעלעך מעטאַלענע, וואָס האָבן אויס-געזעען, ווי צינק, צי ווי אייזן. רוסלאַנד... ער האָט אַזוי ווייניק געוואוסט פון אָט דעם לאַנד... געבראַכט אַהער אין די פאַריי-ניקטע שטאַטן האָט מען אים נאָך גאָר-גאָר אַ יונג אינגל. איז כאָטש ער איז געווען אויסערלעך, אין זיין האַלבאַשע, אין זיין שפּראַך, אין זיין גאַנצן באַנעמען זיך, אַזוי שטאַרק אַמעריקאַני-זירט, האָט ער זיך דאָך אינערלעך געפילט דאָ אַפּט פרעמד אַזוי. ווי אַן אומזעבאַרע מעכיצע וואָלט שטענדיק זיך געהויבן צווישן אים און דער אַרומיקער וועלט. אַן אומזעבאַרע מעכיצע, וואָס לאָזט אים דאָך ניט זיך דורכוויס באַהעפטן מיט אַרומיקער נאָענט-פרעמדער וועלט.

דערמונטערט פון זיין פריערדיקן דערפאָלג, האָט ער אַט דעם נייעם „ניסטאַר” אויך געהאַפּט אויסגעפינען איינס און צוויי. ער האָט צוערשט געפּרוווט די פיזישע אייגנשאַפטן פון דעם „ניסטאַר”: געטאַפּט עס, געהאַמערט, געריבן, געשמעקט. ס'איז אָבער אַלץ פאַרבליבן ניט קלאָר. די אומבאַקאַנטע באַשעפעניש האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל זיך ניט אַנטפּלעקן. האָט ער זיך

אנגעהויבן גרייטן פאַר אַ דויערנדיקער באַלאַגערונג—ער וועט זי צווינגען... ער וועט גיין טיפער.

— לאָמיר זעען... וואָס פאַר אַ כעמישע אייגנשאַפטן האָט עס אקאָרשט?

ווי אַסאַך פון זיין גלייכן, האָט ער דאָ אין לאַנד זיך די מייסטע צייט געפילט, אומבאַוואוסט און ניט קלאָר, ווי עפּעס צווישן, ווי אין אַ מין דעמערונג. בלויז פון צייט צו צייט, אין זעלטענע, קלאָרע דורכלויכטן, פלעגט ער האָבן דעם געפיל, אַז זיין פולן טיקן וועט ער ערשט האָבן, ווען ער וועט צוריק פאָרן קיין „ראָשיא" (רוסלאַנד), וואו ער איז געבוירן געוואָרן,—ער האָט, אַגעוו, געהערט, אַז אין רוסלאַנד נויטיקט מען זיך אין כעמיקער—וועט ער דאָרטן פּראַקטיצירן כעמיע...

ער האָט ווי אַ קישעף-מאַכער געגאָסן איצט איין וויער-שטאָף אַף די אומבאַוואוסטע גרייפּעלעך, אַ צווייטן. געקאָכט די געמישעכטס אין אַ מאַרטירע אַפּן בענסאָן-פלאַם. געפּרוואווט מיטן פייער-פּרואוו: סאַראַ קאָליר וועט דאָס פייער פונם ברענענדיקן מעטאַל האָבן. אין אַ געמישטן אויפלאָז אַריינגעטאָן אַ פּאָר טראָפּן אַזאָט-זויער-שטאָף. בלוי... פּורפּור... פּערמאַנגאַנאַט? ווידער אַ שאַפונגס-ציטער.

נאָר עס איז אים אַלץ ניט געלונגען. קאַנטיק: עפּעס אַ געהיימע שאַיכעס האָט עקזיסטירט צווישן אָט די מאַכנעס פאַר-באָרגענע כעמישע באַשעפענישן. קאָנטיק, אַז אָט דער—אַ גיסטער וויל זיך אָנעמען די קריוודע פונם פריערדיקן, וועמעס סאָד דזשעק האָט צו גיך אויסגעפונען. אָט דידאָזיקע קליינע, בלויע, גרייפּע-לעך—ווי שרעטעלעך לעבעדיקע—האָבן אים איצט אַרויסגע-שטעקט בלויע, פלאַמענדיקע צינגעלעך:

— א-נו... א-נו... זיי אקאָרשט אַ בעריע...

דזשעק האָט זיך גענומען באַלד בויען אַן אַפּאַראַט פאַר א קאָמפּליצירטער עקספּערימענט. האָט גענומען צוויי פלעשער, א גרעסערע און אַ קלענערע, פאַרשטאָפּט זיי שאַרף, דורכגעדרילע-וועט ענגע לעכלעך אין די פּראָבקעס, אַריינגעלאָזן אין זיי גלעזערנע ווינקלדיקע רערן, וועלכע ער האָט אַליין אַפּן בענסאָן-פלאַם אקאָרשט אויסגעשמידט, אָנגעגליט און אויסגעבויגן דאָס צעווייכטע, דינע טרייבל-גלאָז אין די געהעריקע ווינקלען: גלייכע, טעמפּע, שאַרפע.

דידאָזיקע רערן האָבן געפירט אין אַ סעריע פון עטלעכע

פאַרשיידן־פאַרמיקע אויפגעבלאָזענע רעטאָרטעס, וועלכע ער האָט אָנגעפילט מיט אלערליי סובסטאַנצן, זויערשטאָפטן, גאַזן... און ער האָט דעם אַפּאַראַט געלאָזט אין גאַנג.

אין לאַבאָראַטאָריע איז שטיל, דושנע, יעדערער פאַרטאָן. פלוצלונג פּלאַך... דרבוזז... א רעטאָרטע איז בײַ אים אויפגעריסן געוואָרן: אַפּאָנים, ניט דעם ריכטיקן זויער-שטאָף געברויכט — אַן אויפרייס, א פייער... אַ געדיכטער רויך... ס'שטיקט... מע עפנט אַף גיך אויף אַ פענסטער...

מע פירט אים צו צו אַ היפשן טשאַן, וואו עס געפינט זיך א וואַסער־שטאָף־באַזע אַף נייטראַליזירן דעם גיפטיקן זויער-שטאָף, וואָס האָט אים פאַרשפּריצט און אויסגעפּאַליעט שטיקלעך הויט.

מע דאַרף גיך פאַרכאַפּן, דער זויער־שטאָף זאל טיפער אין לייב זיך ניט איינעסן, און דושעק שמייכלט צו די כאַווײרים און באַרואיקט זיי:

— ס'איז גאַרניט... ס'איז גאָרניט...

און נאך טיפער און נאָך אינעווייניקסטער איז זיין שמייכל:

— ס'איז גוט... ס'איז גוט...

אז ער קערט זיך אום אַהיים, איז שוין שפּעט. באַלד האַלבע נאַכט.

דער שטיקנדיקער ניו-יאָרק הויבט ערשט איצט אָן אַרויס־לאָזן פון זיך דאָס פייער, וואָס ער האָט דורכן טאָג אין זיך איינגעזאַפּט. אָבער די לופט איז נאָך אַלץ געדיכט—געשמאָלצן פייער.

אין הויז, וואו ער וואוינט, איז צווישן ווענט—הייסע פּלי־סיקייט. כאַלאַל — אָן לופט. דער באַלעבאָס איז אַ פעדלער, און אין שטוב שטייט טאָמיד א שווערער רייעך — א שטיקנדיקער רייעך פון שמאַטעס און אַלטוואַרג, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אין פינסטערער שטוב—כראָפּען איבערגעהאַקטער. צוליב דער היץ שלאָפט מען אַפן דיל. און דושעק לאווירט פאָרזיכטיק אין דער פינסטער, ער זאָל ניט אַרויפטרעטן אַף שלאָפנדיקע, צעכראַסטעט־צעשפּרייטע גופים.

אין זיין קעמערל איז נאָך שטיקנדיקער, אַן עמעסע היטנער־שטייג. עס הערט זיך שטאַרק דער גודיעדיקער, צום ברעכן־שלאָגנדיקער רייעך פון הינער-קויט. דאָס קעמערל טיילט דושעק מיט נאך עמיצן — איינעם אַליין קאָסט עס צו טייער. זיין מיט־

וואוינער איז אַ הענדלער מיט הינער אפן הארלעמער הינער-מארק.
דזשעק האָט שוין קוים קויעך אף אַרונטערוואַרפן פון זיך די קליידער. דאָס לייב איז נאַס. שווייס גיסט זיך פון דעם, ווי אין אַ באָד. דורכן אָפענעם פענסטער, פונם לופט-קוואַדראַט, וואָס איז געפּאַנגען צווישן די פיר אָנגעגליטע מויער-ווענט, בלאָזט ניט אריין קיין ווינטל — ס'קומט אַריין בלויז נאָך מער דעמפּיקע היץ. אין פינסטערניש קלייבט זיך דזשעק צום וואַנע-צימער, אביסל אָפּקילן דעם לייב מיט פריש וואַסער. נאָר די וואַנע איז ביזן ברעג פאַרלייגט מיט קופּעס שטינקענדיקע שמאַטעס, וואָס דער הויז-ווירט האָט דורכן טאָג איינגעהאַנדלט.
דזשעק איז סאָפּקאָלסאָף אַנידערגעפאַלן א צעהיצטער אַף זיין געלעגער. דורכן הינער-פּלעט, וואָס האָט זיך אף אים טייקעף ארויפגעוואַלגערט, האָבן זיך נאָך אים געכאַלעמט די קילע וואַ-סערן און טייכן, וואָס ער האָט דורכן טאָג געזעען... און ווי ער באָדט זיך דאָרט... נאָר ביינער ברעכן, ברעכן פון לאנגן טאָג ארומשפּרינגען און אַרומלויפן. גאָר גיך קומען דעריבער אָן שלאָף און רו.

דריטער קאַפּיטל.

א.

שאַבעס-ליכט, דיקע, סטעאַרינאָווע, — קליינע רויכערדיקע זיילן, — האָבן זיך געשמאָלצן אין ציטערדיקער היץ פון זומערדיק אנגעגליטער שטוב.
אין שטוב איז געדיכט, שטיקנדיק, פעדלער-רייכעס, וואָס געוועלטיקן דאָ הערשעריש א גאַנצע וואָך, צעגיסן זיך איצט, לעקאָוועד שאַבעס, אפּאָנים, נאָך איפּעשדיקער, נאָך פעטער אין אלע כאַדאָרים. און פעט איז עפּעס איצט אין שטוב אלץ, — פעט איז ארע שמאטע-פעדלער אליין, מיט זיין פאַרגאָסענעם האַלז-און-נאַקן, ווי באַ א יאם-הונט. פעט איז זיין וויב סאָרע-כאַנצע, א שווער-געפּאלדעוועטע אידענע, מיט אָן א שיר שמאַלץ-בערגע-לעך, וואָס זיינען געדיכט אָנגעוואקסן אַף דער גאַנצער לענג און ברייט פון וויבערשן לייב. פעט איז זייער יונג טעכטערל מיט די שמעקנדיקע בלאָנדע צעפּ און מיט נאָך יונגן לייב, וואָס הויבט שוין אָבער אָן צו גיין אף פעט-שמאַלצעדיקע מאַמעשע דראָכים.

פעס זײַנען רײַכעס פֿון שאַבעסדיקער יויך, שאַבעסדיקע פּעטע לאָקשן און אָף. און איבער אַלעס — פּעטע רײַכעס פֿון קופּעס שמאַטעס, אומעטום אָנגעוואָרפֿענע, אומעטום באַהאַלטענע, ווי טײַערסטע אוצרות—אונטער טישן, אונטער בעטן, אין די וואַש־בעקנס און אין וואַנע.

אַרע איז פֿרום, אַרע האָט ליב רו און רײַכעס פֿון ניו־יאָרקער שאַבעס־קוידעש. אין שטיקנדיקער געדיכטקייט פֿון הייסן פֿרײַטיק־צו־נאַכט שמעלצן זיך און טשאַדען ליכט, דיקע און סטעאַרינאָווע. אין שטיקנדיקער געדיכטקייט פֿון הייסן פֿרײַטיק־צו־נאַכט שמעלצן זיך און טשאַדען פּעטע לײַבער בײַם טיש. אין שטיקנדיקער געדיכטקייט פֿון הייסן פֿרײַטיק־צו־נאַכט שמעלצט זיך און טשאַדעט אויך דער מויעך בײַ דזשעקן.

פֿרײַטיק־צו־נאַכט מוז ער זיצן בײַם טיש, — דזשעק ווייס, אַז אַרע באַטראַכט אים שוין פֿון לאַנג ווי זײַן טאָכטערס כאָסן

שוין ניט איין מאָל אויספֿאָרשנדיקע און אויסשפּירנדיקע ווערטער, שוין ניט איין מאָל אָנטאַפּנדיקע און ערעוודיקע ווער־טער־שלוכים צו אים, צו דזשעקן, געהאַט אַרויסגעשיקט. דזשעק האָט אַלץ געהערט, געשמייכלט און געשוויגן.

— אַ כאָסן...

אָבער אַ כאָסן—מיט אַ טנאַי, און דער טנאַי איז:

— דזשעק דאַרף ווערן אויס אַרבעטער... אויס שמירער.

— ער, דזשעק, דאַרף וואָס גיכער ענדיקן די אָוונט־שול און אַרײַן אין קאַלעדזש.

און אַז ער וועט אַ לײַט ווערן, אַדער, לעכאַלאָפּאַכעס, אַז ער וועט שוין זײַן אַפֿן וועג צו „דעם", איז דאַן, איז דעמאָלט...

— נישקאָשע... דעמאָלט, דעמאָלט... דעמאָלט וועט ער זיך ניט דאַרפֿן אַזוי זאָרגן וועגן געלט... זאָל ער נאָר אַרײַן אין קאַלעדזש.

דזשעקן האָט אַזוי שטאַרק געאיבלט פֿון אַרען, פֿון זײַן ווײַב, פֿון זייער שטיקנדיקער שטוב, אַן אָנגעפּילטער מיט עפּעס אַזאַ בעהיימישער, טעמפּער פּעטקייט, ווי עס קאָן נאָר איבלען אַ מענטשן, אַז זײַן געפֿיל איז נאָך ריין און אַז זײַן האַרץ איז נאָך יונג.

נאָר ווי אויף צעלאָכעס האָט זײַן יונגן לײַב עפּעס געצויגן אַזוי צום לײַב פֿון דער זאַפּטיקער, פֿון דער יאַדערדיקער קלער,—אַ לײַב פֿול און שמעקנדיק, ווי אַ צײַטיקער מאַראַנץ.

שמעלצן זיך, טשאדען זיך ליכט... ארע איז שוין באם טיש איינגעשלאָפן און פאַרעט זיך אין הייסער לופט — אליין א שטיק שמעלצעוודיקער כיילעוו. זאט שמייכלענדיק מיט פעטער, שאַבעסדיקער האנאָע און צוגעלאָזנקייט, מינטערט אים זיין ווייב:

— נו... נו־שוין, ארע... שטיי שוין אויף און גיי שלאפן.

דזשעקס אויגן זיינען אָנגעצונדן, כאָטש אין מויעך שמעלצט זיך, ווי אלץ ארום. ער ווארפט הונגעריקע, וועלפישע אויגן צו יענעם ווינקל־טיש, וואו עס זיצט און שפראצט אין דער שטיל קלערס יונג מיידלס לייב. דאס קאפטל איבער איר ברוסט—אויף און אפ כוואליענדיק. פון דזשעקס הייסן באגער די כוואליעלעך שווענקען זיך, שווענקען זיך איבער טיש צו איר...

זי שטופט דעם קאָפ טיפער אין דעם דיקן בוך מיט די ביליקע געלע טאָוולען, — אינהאַלט ביליקער צווישן טאוולען ביליקע: א פרויען־ראָמאַן פון מ ע ר י ר אָ ב ע ר ט ר יי נ ה א ר ד ט.

אַז טאַמע־מאַמע שלעפן זיך ביידע אַוועק אין זייער שלאָף־צימער אריין, ווארפט ק ל ע ר א דערשראָקענעם בליק אף דזשעקן — א גלוסטנדיק־דערשראָקענעם בליק. פון דרויסן הערן זיך ניו־יאָרקער באַנאַכטיקע גאַסן־קוילעס. זי שפרינגט אויף געװ ינט, טוט אַ פראַל אויף די טיר אין קאָרידאָר און שיסט ארויס פון שטוב, ווי א פייל אויסן בויגן.

ס'הערן זיך דערנאָך:

טריט יונגע — פון אנטלויפנדיקער יונגער שקאפע — וואָס קייקלען זיך די טרעפ ארונטער.

שטאַרקע נאכאנאנדיקע האַמער־קלעפ פון א יונג הארץ, וואָס איז געבליבן ליידיק אויסגעשטרעקט אין מיטן פאַרנעפּלטן שטיקנדיקן צימער.

שאַבעס־ליכט לעשן זיך אויס מיט א הערָאָאישן לעצטן אויפלאַקערן און א געשטינקעריי.

דזשעק וואַרפט זיך באלד אריין אין בעט אריין אין זיין קאָנורע.

ער ווייסט אוודע, אז ער דאַרף וואָס גיכער איינשלאָפן. מאָרגן — אן אַרבעטס־טאָג. נאָר אף צעלאכעס נעמט ניט דער שלאָף.

יונגער גוף שוימט. יונג בלוט קאָכט, יונג לייב איז וואך, איז פרילינגדיק.

פון אָרעס שלאף־צימער דערטראָגט זיך באַלד א מעכאַיע־דיקער זיסער קרעכצן—ארע, כאָטש ניט קיין טאַלמיד־כאָכעם, האָט

אָבער ליב מעשאמעש זיין פון ערעוו-שאַבעס ביז ערעוו-שאַ-
בעס. א גאַנצע וואָך, אז ער קומט אהיים, איז ער אויסגעמאַטערט
די פיס ברעכן זיך אונטער פון א גאנצן טאָג ארומגיין איבע-
הייסע ניו-יאָרקער גאַסן און שרייען מיט אלע קויכעס:

— פאי-אין-קעש... פאי-אין-קעש...![1]

שאַבעס רוט ער זיך אויס, שאַבעס גייט ער ניט צו דער
אַרבעט.

אין די כאַדאָרים איז לופט איצט — הייס פאַרגליווערט,
פייערדיק. לופט פרעגלט זיך. צוויי פעטע גופים אינם פאָרפאָל-
קישן שלאָף צימער פרעגלען זיך אויך. א מעכאַיעדיקער מאַנס-
בילשער קרעכצן:

— א-א-א-א...

שטיל. און דערנאָך, צום סאָף, א ווייבערשע, פיבערשע, גי-
כע אָנגעצונדנקייט:

— אָ-אָ-אָ...

פון גרויסן הויף דערטראָגט זיך אהער א הייזעריק כריפּען
פון גראמאפאנען, וואָס כריפּען ארויס: ניגונים פון סיראטאס יאָמ-
קיפּערדיקע טפילעס, מאָטיוון פון איטאַליענישע אָפּערעס
און א „וניז פאָ מאַטושקע פאָ וואָלגע...” אף די פענס-
טער-שוועלן הענגען ארויס אין הויף אריין צעשויבערטע קעפּ,
נאַקעטע, אויבערשטע טיילן קערפּערס. קישנס און פּערענעס ווערן
ארויסגעטראָגן אף פאַרזשאווערטע פייער-טרעפּ, מידע לייבער ציען
זיך אויס אף האַרטער, שניידיקער נעץ פון מעטאַלענע שטאַנגען. מע
זוכט אנטרינונג פון דער היץ, מע שטעקט אויס צעברענטע צינגער
נאָך טראָפּנס פרישע לופט, וואָס אין די באַנאַכטיקע הימלען.

פון די פייער-טרעפּ, וואו עס פויזן איצט אַרום צעהיצטע
מענטשלעכע לייבער, דערטראָגט זיך גיכער, ארבעסדיקער פּלאַפּ-
לען פון איטאַליענער. פון ערגעץ שיסט אויס א שאַרפער, דריבנע
זיך קייקלדיקער געלעכטער — א פייער-ראַקעטע. שטיל. און באלד
— אָן אָפּענער, טאַיוועדיקער קרעכצן דערטראָגט זיך פון אסאַך
ווינקלעך פונם ריזיקן הויז. אָפּן און אן בושע, אונטערן פרייען
הימל, פּאָרן זיך איטאַליענער און איטאַליענערינס, פּאָרן זיך אין
דער היץ, וואָס פילט אָן אייוורים מיט צעשמאָלצן פייער, פּארן
זיך אף די פלאַטפאָרמעס און בריקלעך פון די פייער-טרעפּ, וואָס

1) כ'צאָל מיט באַרעס געלט (אויסגעשריי פון אלטוואַרג-הענדלער).

באַהענגען, ווי גרויסע מעטאַלענע גוליעס, ווי מעטאַלענע וואונדן־אָנוואַקסן די ציגלנע לייבער פונם ריזיקן טענעמענט־הויז אף זיין גאַנצער לענג.

דזשעק פאַרפעלט לופט. ער פילט, אז ער וועט שוין היינטיקע נאַכט ניט קאָנען איינשלאָפן. ער וואַרפט אף זיך האסטיק אַרויף א בעגעד, פאַרכאַפּט א ליילעך און א קישן — און לאָזט זיך גיין צום קאָרידאָר צו, אפן דאך אַרויף.

נאָר אין פינסטערן קאָרידאָר פאַלט אים אומגעריכט אריין אין די אָרעמס אַן אומדערוואַרטעטע מאַטאָנע — א ווייכע, א זאַפטיקע פיגור. צי ס'איז געווען די היץ פון דער נאַכט, צי די צעהיצטקייט, וואָס האָט זיך איצט געטראָגן פון איר יונגן לייב,— דזשעק כאַפּט זי גיך ארום, און שליסט זי פעסט איין, דידאָזיקע זאַפטיקע פיגור. זי בלייבט אזוי אווילע ליגן אָנגעשפּאַרט אף זיין ברוסט. ער ציטערט אויף פון אָנריר ווייכן און נאָענטן, פון עלאַסטישן קערפער, וואָס איז אים איצט אי פיינטלעך, אי ליב.

נאָר באַלד רייסט זי זיך ארויס. לאָזט זיך לויפן צו טיר צו. דזשעק לאָזט פאַלן קישן און ליילעך, יאָגט זי נאָך אין דער פינסטער, צעקלאַפּט זיך אַן אייזערנער פאַרענטש. סאָפקאָלסאָף כאַפּט ער זי אַן פארן געזעענעם פלאטער פון ווייסן קלייד.

ער עסט זיך קימאַט איין אין ווייכן לייב מיט נעגל.

— וואָס רייצטו זיך מיט מיר...

— איך רייץ זיך ניט...

— ביסט דאָך מיין קאלע...

— נו...

— א קאַלע מעג מען...

— וואָס מעג מען...

— ניין... מע טאָר ניט...

— מע טאָר...

— וו־וו־וואָס?

יונגע הענט, ווי אייזערנע רייפן דריקן שמעקענדיקן מאַראַנצן־לייב צו זיך. יונג לייב גיט נאָך — נאָר עס רייסט זיך באַלד ארויס א דערשראָקענער.

— נאָך ניט...

— ווען זשע?

— אט, אז דוס'ט ענדיקן...

— אַז איכ'ל ענדיקן?

— אַזוי זאָגט דער טאַטע, — אז דוס׳ט ווערן א מענטש...
— און ווי, אַז איכ׳ל בלייבן אן אַרבעטער, הא?
שווייגן.
— האָסט מיך, הייסט עס, ניט ליב?
— כ׳האָב דען געזאָגט?
און זיך א גליטש אויס געגעבן פון זיינע שווייסיקע הייסע הענט.

מיט אויסגעמאַטערטקייט און עקל האָט זיך דזשעק געשלעפּט אַרויף די טרעפּ צום דאַך צו. ער האָט אלץ געהאַלטן אין נאכא־נאנדיקן שפּייען, אין א נאכאנאנדיקן בייז ברומען.
— אַי, א קאַלע... אַי א קאַלע באַ דיר, דזשעק... האָסטו, הייסט עס, א קאַלע, — א, דזשעק?...

נאָר קילער שטיין, קילער מאַרמאָר פון טרעפּ האָבן בים־לעכווייז געקילט אי באַליידיקטע יונגע נעשאָמע, אי אויפגערעגט לייב.

אַפן דאַך האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. באָרוועסע פיס האָבן אָנגענעם געפילט דעם געשטויסענעם זאַמד מים שטיינדלעך, מיט וועלכע דער פלאכער דאַך פונם טענעמענט־הויז איז געווען באַ־דעקט.

נאָר ס׳האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, אז דאָ איז שוין קי־מאַט יעדער שפּאַן געווען פאַרנומען.

צעכראַסטעטע מאַנספּאַרשוינען, האַלב־נאַקעטע מיידלעך, קימאַט נאַקעטע ווייבלעך, דורכויס נאַקעטע קינדער... מאַכנעס גאַנצע זיינען שוין געלעגן אַפן דאַך און זיך געקילט אין דער הויכער לופט, וואָס איבער גרויס־שטאָטישע מויערן. שפּרינגענדיק איבער פיס און איבער צעוואָרפענע אייוורים, אנטרעטנדיק מיט באָרוועסע פיס אַף ווייכס און ווארימס פון פאַרבאָרגנסטע ערטער, וואָס זיינען איצט קלאל ניט פאַרבאָרגן געווען, זייענדיק הינטער זיך ווארטשערייען, קוויטשען דערשראָקענע און לאַכנדיקן יונג־מיידלשן געלעכטער, — האָט זיך דזשעק ענדלעך צוגעשפּאַרט אַפן ציגעלנעם פאַרענטש פון דאַך, האָט ארומגענומען מיט רעכ־טער האַנט א דערבייאיקן קוימען, און די פיס ארונטערגעהאַנגען און געלאָזן ארומבאָמבלען אין דער מעכאיעדיקער פוסטקייט, וואָס זעקס עטאַזשן אונטער אים און מיליאָנען מיילן איבער אים.
שטילער, טויבער זשומען האָט זיך געטראָגן צו אים פון ווייטסטע ווינקלעך שטאט: אייביקער, אייביקער זשומען פון ריזן־שטאָט. פון

דער ווייטן, פון אן א שיר ווייטן האָבן געשימערט קראַנצן, אנצאָליקע פייערן, מאַכנעס פייער-זיילן, ליכטיקע טורעמס, — פאַנטאַסטישע, אָריענטאַלישע שלעסער. טורעמס און שלעסער אינגאַנצן פון פייערן אויסגעבויט האָבן זיך שפיצעדיק און דין געהויבן אין מיטן פון יאָנטעוודיק באַלויכטענעם און רייך-אילומינירטן ניו-יאָרק.

און דאָרט, אף יענער זייט נאָענטן, טונקעלן וואַסער פונם מיזרעך-טייך...

נאכאנאנד האָבן זיך דאָרט פייערדיקע, ריזיקע רעדער געדרייט, קאַרוסעלן גאָלדן-פייערדיקע. אומעטום האָבן זיך געפלאָכטן גירליאַנדן פון פייערדיקע קרענץ, עס האָבן פון צייט צו צייט אין דער ליכטיקער לופט אויפגעשאסן שאַרפע פיילן פון פיל-קאלירנדיקן פייערווערק, וועלכע האָבן זיך דערנאָך, שוין גאָר טיף אין דעם הימלשן טונקל-בלוי, פאנאנדערגעשפרייט אין פאַרשיידענע פיגורן, וועלכע האָבן פון זיך ווייטער ארויסגעשאָסן אלערלייאיקע שטערן-גרופעס און קאָמעטישע פייער-בעזימער.

באַלויכטן האָבן נאָך מער אט די פייערן דאָס דערבייאיקע טונקעלע וואַסער, וואָס איז אויך פון די אייגענע גאָלדענע פייערן באַלויכטן געווען — אפן טייך איז איצט אָנגעגאנגען אן אילומינאַציע, א שווימענדיקע אילומינאַציע פון שיפן מיט גאָלדענע פענסטער...

אף יענער זייט פון נאָענטן טונקעלן וואַסער איז געווען דער נארט ביטש [1]. נאָר אין דורשטיקן, שמאַכטנדיקן געמיט האָט זיך שוין געזעען איצט ניט בלויז דער נאָרט-ביטש, — געצייכנט האָבן זיך קלאָר און פייערדיק אט די אַלע רייכע יאַם-פאַרקן און באַרוויילונגס-ערטער, וואָס זיינען איצט צעשפרייט אף אטלאנטישער זייט פון לאַנג-איילאַנד אינזל, — די פייערדיקע פערל פון לאַנג-ביטש, פון פאראקאוויי, פון מאנהעטטען-ביטש, פון רייטאן, פונם סיטי-איילאַנד-ארכיפעלאג... דורך דער נאַכט האָבן זיך אהין געצויגן איצט רייכע פארלעך און הוליענדיקע קאָמפּאַניעס, געצויגן זיך איבער אלע פאספאריש-גלאַנצדיקע אספאלטן פון ברייטע שאָסייען און אוועניוס, וואָס דורך גרויס ניו-יאָרק, געיאָגט זיך אין אוטאָמאָבילן און טייערע לימוזינען... געצויגן זיך מיט די יאם-אויסגוסן און וואַסער-צינגער, וואָס באַפוצן די ריזן-שטאט, — געיאָגט זיך אין מאָטאָר-שיפן, אין פריוואטע

1) א יאם-פליאַזש אזאַ.

יאַכטעס, אין יאַם-דאַמפּערס... די גליקלעכע פון דער ערד, וועמעס טעג און נעכט זיינען אייביקע, אייביקע יאָנטויווים.

און דאָ, נאָענט ארום דזשעקן, האָבן זיך געהויבן ריזיקע קאַסטנס, ריזיקע שטייגן פון צעהיצטן מעטאל און אָנגעגליטן שטיין, ריזיקע טעראַסן, ריזיקע וואונדן אף פאַרמישפּעטער ערד פון גרויס-שטאָט.

פאַרמויערט, פאַרבויט אין זיי אף לעבנס-לאנג, האָבן זיך אין די היילן און אין די לעכער פון אָט די ריזן-טפיסעס געראַ-עט און ארומגעפּויזעט די קליין-מענטשלעך פון דער וועלט, — די מאַסע-טרעגער פון דער וועלט, די מילבן און אינזעקטן, וואָס זיינען באגראָבן אונטער דער ערד-אויבערפלאך, אף וועלכן בלויז געציילטע, גליקלעכע האָבן אין דער עמעסן געלעבט.

געבאָדן האָבן זיי זיך איצט אין אייגענער צעהיצטער פּא-רע, אין אייגענער לייבישער דאמפקייט, האָבן זיך געפּאַרעט אין די לעכער, ארומגעקראָכן אף די דעכער, פאַרכאַפּטע אינם הארטן שפּינוועבס פון מעטאלענע נעצן — אָן אָטעם האָבן געאָטעמט האלב-טויטע, געבונדענע באשעפענישן, בלויז מיט אן אילוזיע פון אייגן לעבן, מיט אן אילוזיע פון פרייע באוועגונגען...

דערדראָזיקער פלאכער דאך, — ווי די אומצאליקע הויכע דעכער אף קווארטאלן און קווארטאלן ארום, — איז געווען איצט אָנגעפילט מיט זיפצן פון שלאָף און פון פארן שלאָף, געמישט מיט קרעכצן פון אויסגעמאטערטקייט פון היץ און פון טאיווע, גע-מישט מיט הייזעריקע אויסגעשרייען פון דורשט נאָך רו — און נאָך זינד...

דזשעק האָט דאָ מער ניט געקאנט איינזיצן, — ער האָט שוין אינגיכן אינגאנצן אליין געברענט.

ער איז ארונטערגעלאָפן צוריק צו זיך אין קעמערל, זיך אייליק אינגאנצן אָנגעטאָן, און איז ארונטערגעלאָפן אין גאס ארויס.

בעשאס ער איז געלאָפן אַזוי שטום און צעהיצט מיט אויס-געטריקנטן צונג איבער די צעגליטע גאסן, האָט דזשעקן אין מויעך געלויכטן בלויז איין קליין שורעלע ווערטער, — עס האָט מער געברענט ווי געלויכטן, דאָסדאָזיקע שורעלע:

— צו כאַימען... צו כאַימען...

.ב

נאָר באַ כאַימען אין קעלער-שטוב, עטלעכע גאסן ווייטער פון דאַנען, איז געווען איצט פינסטער. דאָרט איז, הייסט עס, איצט קיינער ניט געווען.

אין אַנטקעגן=איבערדיקע לאַמטערנע פון גאַס האט געוואָרפן אומהיימלעכע אָפגלאַנצן אין שוואַרצער, אויסגעלאשענער שויב.

אַוואדע, נו... ווי האט ער זיך עס אָן דעם גאר פאַרגעסן?

היינט איז דאך פרייטיק=צו-נאַכט. און יעדן פרייטיק-צו-נאַכט גייט כאים אוועק אינם נאָענטן אידישן „טעאַטער”, וואס אף לענאקס אווענו. פון דאָרטן וועט ער זיך, ווי געוויינלעך, אומקערן אַוואדע ערשט-העט שפּעט אין דער נאכט, אומקערן זיך מיט א לידל, מיט צוויי, אף א גאַנצער וואָך אונטערברומען בע-שאַס דער ארבעט — ביז זיין קומענדיקן באזוך אין אידישן „טעאַטער”.

און ווי האט ער עס אָן דעם גאר געקאָנט פאַרגעסן?

דזשעק איז געזעסן אף די טרעפּ — פּייכטע שטיינער, באַ-דעקטע מיט פון טראָטואַר ארונטערגעשפּיגענע קערלעך פון קאַ-ווענעס, מיט גליטשיקע שאָלעכצן פון אראנזשן און באנאַנעס, מיט שטעכעדיקע שאָלעכצן פון אַנאַנאַסן. ער האָט ערשט איצט קלאָר דערפילט, וואָס ס'האָט אים בלינדערהייט אזוי געיאָגט אהער.

דאָ, באַ כאַימען, — א ווייטער קאָרעוו זייַנער געווען, — פלעגט זיין דער ראַנדעוואו-פּלאַץ פון האַלבע גאַסן-פרויען. פרויען אָרימע, וואס האבן קיין אייגענע באזונדערע צימערן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן, און כּוח דעם: צוליב דער פּאָ-ליציי-שטרענגקייט איז אויסערסט שווער געווען אזעלכע צימערן צו דינגען. שטומערהייט האט זיך באַ אזעלכע פרויען דעריבער אויסגעאַרבעט א וויסן, אז אין שוסטערשע קעלערס איז גרינג זיך צו טרעפן מיט מאַנסבילן — איז גרינג צו מאַכן אָנהויבן, פּרוּאוון...

באַ די שוסטערס אין די קעלערס איז טאָמיד האַלב-טונקל. פון די גאַסן זעט מען ניט אַהער. אין הינטערגרונט פון א שוס-טער=שאַפּ איז דא נאך אַ פינסטערער טייל קעלער, — שוין גאָר אָן אַ פענסטערל, אָפּגעטיילט פונם פאָרנט מיט א פאָרהאַנגל, מיט א פאַראַוואַן.

דאָרט איז דעם שוסטערס שלאָף-צימער.

צום שוסטער קאָן מען אַריינקומען גאר אָן מוירע — מאַלע-וואָס, פאַריכטן א שוך. און אַז מע לאָזט דעם שוסטער ארונטער-

נעמען דעם שוך פון פוס, קאָן מען אביסל העכער פאַרהויבן דאָס קלייד, און מע גיט דערביי א קליינינק לאַכל.

דער שוסטער פּרואווט דעמאָלט מאַכן א קאָמפּלימענט, — א קאָמפּלימענט ניט מיט מויל, נאָר מיט פּראָסטער געזונטער שוסטער-האַנט, — אַף רונדיקייט פון פוס.

זאָגט מען:

— אָ, ווען דו וואָלסט נאָך העכער געזועען...

שטייט גלייך אויף דער שוסטער, און אָנגעצונדענער ווי שוואַרצער פּעך. פאַרשליסט די דרויסן-טיר. קערט איבער מיט ציטערדיקע פינגער דאָס קאַרטאָנענע ברעטל, וואָס הענגט דאָרט טאָמיד אף דער שויב, און וואָס איז איצט געווענדעט צום גאַס מיט פעטער אויפשריפט — „אָפּן" — קערט ער עס איצט איבער מיט צווייטער זייט צום גאַס צו: „וועל זיין צוריק אין 10 מינוט ארום".

און אַף יענער זייט שירם — איז פינסטער, שטיקנדיק-דעמפּיק און שטיל.

— כ'וועל דיר קויפן א ניי קלייד... האַ?

— צו מיר קומען אַריין מיינע באַקאַנטע — וואָוילע כעוורעלייט... וואָס?

און געענדיקט.

שוסטער-קעלערס ווערן דעמאָלט אָפטע אריינגאַנגס-פּלעצער פאַר יונגע לייט.

ערשטנס, זיינען דאָ פרויען מייסטנס היימישע. ריזיקע אַף זיך אָנשטעקן מיט ווענערישע כאַלאַסן איז דא אסאַך קלענער. צווייטנס, וועט פּאָליציי אהער ניט קומען אַף א פלוצלונגדיקער אָבלאַווע, ווי עס קאָן פּאַסירן ערגעץ אנדערשוואו, — און טאָמער אַפילע יאָ, — איז דאָ א פּאַרטיקער אויסרייד:

— געקומען אַהער פאַריכטן אַ פּאָר שיך...

אייגנטימער פון אַזאַ צימער ווערט דעמאָלט א מין האַלב-פּאַרמיטלער פאַר אָרימע און „אנשטענדיקערע" פרויען. זיין שוסטערישע קליענטור ווערט דערפון היפש באַרייכערט און פאַרגרעסערט. כוץ דעם קריגט ער פון די פרויען זיין באַלוינונג דערפאַר אויך, — אויב ניט מיט געלט, איז כאָטש „אין נאַטור".

אָבער איצט איז דאָ בא כאַימען קיינער ניטאָ. אינדרויסן ווערט מיטאַמאָל, דוכט זיך, קילער. אַ ווינטל האט א בלאָז געטאָן. נאָר די טרייסט איז א שוואַכע און אַן אָפּנאַרערישע. דאָס

האט גאָר פאַרבייגערודערט אַן אַווטאָמאביל. צערודערט דזשעקס היציק-פאַרשמאַכטע געדאַנקען, צעאַקערט זיי טיף ווי א טראַקטאר צעאקערט טיף פּאסן ערד. און פון דערדאָזיקער טיף איז מיטאַמאָל אַרויסגעקומען א פריידיקער געדאַנק.

—שאַ, זע נאָר, ווי האָט ער עס זיך דאָס אויך פאַרגעסן...

ער איז טייקעף אויפגעשפּרונגען, אַרונטער אַלע טרעפּ, אריינגעשטופּט די האַנט אונטער א שווערן פייכטן שטיין, אַרויסגענומען פון דאָרט א שליסל, געעפנט די קעלער-טיר.

אינעווייניק — פינסטער, דעמפּיק, קימאַט ווי באם טאַטן אין קעלער.

דזשעק האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט.

ער וועט שוין שלאָפן דאָ. אַז כאַים וועט קומען, וועט ער אים שוין פרעגן וועגן עפּעס... און סאַי-ווי... פון דאנען וועט אים זיין נעענטער מאָרגן אינדערפרי צוצוגיין צום שאַפּ.

אין קעלער ווערט דעם צעהיצטן לייב קילער. שטיל. ס'הערן זיך שאָרכן פון די טונקעלע דורכגאַנגען, וואָס הינטערן קעלער. מע שושקעט זיך... מע שטויסט זיך. אין מויער, נאָך אַלץ צעהיצטן, שטעלן זיך פּאָר אף יענער זייט קעלער-וואַנט די אויסמאַטערנדיקסטע און ווילדסטע לייב-סצענעס. קעץ האָבן זיך אין הויך פאַנאַנדערגעוויינט פון גרויסער ליבע-היסלאַוועס. עפּעס איז ערגעץ אומגעפאַלן. די אייוורים ציטערן, צאַפּלען זיך. און דערנאָך — שווערער שלאָף קאָוועט סאָפּקאלסאָף די מידע אויגן.

אויפגעכאַפּט האט ער זיך אין בעסטן מיטנאַכטיקן שלאָף. ס'האָט אויפגעשיפּעט א גאַז-האָרן. ס'האָבן זיך דערהערט קוילעס, לאַכנדיקע און האַלב-שיקערע. צווישן זיי — א האָזעדיק-קוויטשענדיקע פרויען-שטים. כאַים איז אריין הינטערן פאַראוואַן, האט אָנגעטאַפּט דעם שלאָפנדיקן און האט פריילעך אויסגעשריען:

— כעוורע, מיר האבן דאָ א גאַסט אין בעט... מיין קוזען דזשעקן... נאר ס'איז ניט קיין געפאַר: דאָס בעט איז ברייט אָט ווי דיין אָרן-קוידעש, לייקעלע... ס'ט זיין פּלאַץ פאַר אַלעמען... אָבער זע אקאָרשט, לייקעלע, דו זאָלסט באנאכט אקאָרשט ניט פאַרבייטן די יאָצרעס.

„לייקעלע", א נידעריקע, א טונקעלע און פעטע אידענע, מיט היפּשע גיידערס ארום און ארום, מיט ריזיקע קלובעס און ניט קיין קלענערע ברוסטן, האָט זי אויסגעזעען, ווי זי וואָלט

אומעטום, — אין דער לענג און אין דער ברייט פוןביידע זייטן לייב אירן, — געווען דורכויס באדעקט מיט א ריי ברוסטן און בריסטעלעך, — ווי דאָס גאנצע לייב אירס וואָלט דורכויס באשטאַנען פון זיך הוידנדיקע און טרייסלענדיקע ברוסטן און בריסטעלעך.

זי האט זיך באטאמט פאַנאַנדערגעלאַכט און פאַנאנדערגעטרייסלט אירע ברוסטן און בריסטעלעך ווי שטיקער „פעטשאַ".

— א, דיך קאן מען ניט פאַרבייטן ...

כאימען איז אַפּאָנים שטאַרק געפעלן געוואָרן דידאָזיקע איראס-האַקאָוועדיקע און האַכנאָעסדיקע אנערקענונג פון זיין מאַנסבילשקייט. ס'האָט זיך גלייך דערהערט א הילך פון א האַנטדלאָניע, א ברייטער און א שוסטערשער, איבער א ריזיקן, ברוסטיקן רוקן, — דערדאָזיקער ברייטער הילך האט ארויסגערופן א דינינקן, האנאָעדיקן קוויטשעלע:

— א, כאימקע ... א מאַקע דיר ... סארא ריזיקע גוואורע ... ווי בא א פערד.

— נו, איז וואו ועסטו שלאָפן?

— זאָרג זיך ניט, דו ...

און דערנאָך: צוויי שווערע לייבער האָבן זיך אריבערגעוואָלגערט איבער דזשעקן, וועלכער איז געלעגן באָם ברעג בעט. ער האָט זיך וואָס ווייטער אָפּגערוקט פון זיי, נאר ער האט דאך א גאַנצע נאַכט געפילט עקלדיק נעבן זיך די נאָענטקייט פון מענטשן-לייבער, וואס האבן זיך א שטיק צייט געפאָרעט און געבאָברעוועט דא נעבן אים אין דער פינסטער. און סאָפּקאָלסאָף האט איין גוף פון אָט די צוויי זיך פונם פלאָנטער ארויסגעקייקלט און געבליבן ליגן הארט נעבן אים, נעבן דזשעקן. ס'איז געווען א מאַנסבילשער גוף — כאים, אַפּאָנים, — וואס האט באלד אָנגעהויבן כראָפּען.

דזשעק איז אויך באַלד אריינגעפאַלן אין אן ארויפגעצוואונגענעם האַלב-דרעמלענדיקן שווייסיקן הינער-פלעט. ער פלעגט אָבער אלע ווײלע ארויסגעטרייסלט ווערן פונם דאָזיקן הינערפלעט, ארויסגעטרייסלט ווערן פון אים דורך א באנייטן באָברעווען זיך אין דער פינסטער, נאָענט נעבן אים אפן בעט.

אָט אזוי א גאַנצע נאַכט ביזן ליכטיקן טאָג אריין.

דזשעק, וועלכער האָט דערפילט, אז ער וועט שוין מער ניט איינשלאָפן, — האָט זיך געררוקט אלץ נעענטער צום זוים פון

בעט. געטרייסט האָט ער זיך, אז ווי נאָר ס'וועט אָנהויבן טאָגן, וועט ער זיך אָנטאָן און אַרויסכאַפּן זיך פון דאַנען.

נאָר סאַמע פאַרטאָג, אויסגעמאַטערט פון דער הינער-פלע־טישער שלאָפלאָזיקייט פון א גאַנצער נאַכט, איז ער — צוזאַמען מיט יענעם פּאָר פאָלק — פלוצלונג פאַרזונקען געווארן אין א שווערן, שטיינערנעם שלאָף.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שוין העט אין טאָג אריין. א דערשראָקענער האָט ער זיך גלייך גענומען אָנטאָן. נאר אין דער גרויסער איילעניש זיינען אים עפּעס די זאקן אף די פיס בעשום אויפן ניט ארויפגעקראָכן. ער איז געוואָרן אויפגערעגט. פון זיין רודערן זיך אפן זוים בעט האט זיך דאָס שלאָפנדיקע פּאָר פאָלק אויך אויפגעכאַפּט, זיך דערמאָנט אן עפּעס, און צוויי באיועגלעכע בערג פלייש האָבן זיך ווידער צונויפגעקנוילט. נאָר דזשעק האט שוין איצט גאָרניט געהערט, גארניט געזעען. ער איז געווען אָנ־געפילט מיט שרעק, טאָמער וועט ער נאָך פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

נאר אַז ער גייט ארויס אין איילעניש פון אונטער דעם פּאַראוואן, בלייבט ער שטיין א געפּלעפטער. כאים זיצט שוין דאָרט, באם וואַרשטאַט, און פּאָרעט זיך, אפּאָנים, שוין לאַנג בא דער אַרבעט. ער שניידט צו פּאָדעשוועס, מעסט זיי אויס מיטן היפשן, שאַרפן נאָגל זיינעם אף א געלער פעל. דזשעק רייבט זיך די אויגן.

— וואָס זשע מיינט דאָס אלץ...

אז כאים דערזעט אים, גיט ער אים אָפּ א ברייטן גוט־מאָרגן.

— אהאַ... א גוטער אויפשטאַנד אף דיר... גוט-מאָרגן, גוט יאָר .. א גוטינקער מאָרגן זאָל זיך אין דיר אריינכאַפּן, און זאָל דיר צעשפּרייטן די געדערים... נו, יאלד איינער, וואָס-זשע האָסטו מיר ניט אָנגעזאָגט, אז דו קומסט נעכטיקן? אזוי האט עס דער לאָדזער אויסגעכאַפּט די מעציע, א ניכפּע אף אים, געמוזט איבער אים אַ גאנצע נאַכט שלאָפן דאָ אף דער האַרטער באַנק. און אים איז גוט — א פעטע פּערנע אונטער זיך...

און צולייגנדיק א האַנט צום אויער, ווי אַ דעכעלע, מיט א ווינקענדיקן שמייכל צו דער שירמע צו:

— הערסט?.. א פּינכטערניש אף זיי... זיי באָברעווען זיך שוין ווידער: א נייע פּאַרטיע...

דזשעק האָט זיך א ריס געטאָן אין דרויסן, ווי פון א גע־דיכטן, שטינקענדיקן זומפּ ארויס.

— שאַ, אייל ניט אזוי... וואָס לויפסטו אזוי פרי? וואַרט, טרינק אויס א גלאָז טיי...

נאר דזשעק הערט שוין מער ניט. ער לאָזט זיך לויפן אָן אָטעם. ער רייסט זיך וואס גיכער אוועק פון דאנען — ער וויל זיך אַזש ארויסרייסן פון זיין אייגענעם לייב, פון וועלכן עס עקלט אים און איבלט אים איצט אזוי שטאַרק. כאימס גוטמוטיקע ווער־טער יאָגן אים נאָך ווי גליטשיקע שלאַנגען.

— זע נאָר... ס'פּליט... סאראַ געטרייער ארבעטער דאָס איז... אַז דער פארמאַן זיינער שלאָפט נאָך אפילע...

ג.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, צום סאָף, אַז דזשעק האָט זיך געאיילט אומזיסט יענעם פרימאָרגן.

נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעהיניעט אין שאַפּ אַ שאָ־אָנדער־האלבן, האָט שוין צורעכט געמאַכט זיינע זאַכן און געווען גרייט אַף גיין צו דער אַרבעט אַפן זעלביקן אָרט, וואָס נעכטן, — האָט אים סלאפּפּי דערקלערט, אַז אַף היינט איז פאַר אים קיין אַרבעט ניטאָ.

דער אויפזעער פונם הויז אַף ווילקינס־עוועניו וויל היינט ניט לאָזן די פאַרבער אַרבעטן... ער האָט אים אָקאָרשט וועגן דעם טעלעפאָנירט.

סלאַפּפּי פלעגט די אַרבעטער זיינע אָפט אָפּטאָן אַזעלכע שפּיצלעך. ער פלעגט זיי דעם פאַריקן טאָג גאָרנישט ניט זאָגן וועגן דעם, — ניט אַפילע וואָרענען, אַז, מעגלעך, מאָרגן וועט פאַר זיי קיין אַרבעט ניט זיין.

— וואָס־אי... נישקאָשע... זאָלן זיי טאַקע אויפשטיין גאָר פרי, ווי געוויינלעך... זאָלן זיי טאַקע צענטרענצלען אַביסעלע פרימאָרגן־קויכעס... זאָלן זיי צעפּאַטערן אַ פּאָר שאָ... וואָס־אי, וואָס איז ער דען שולדיק, אַז ס'איז פאַר זיי ניטאָ קיין אַרבעט?

אַזעלכע שטיקלעך פלעגט ער אמליבסטן אָפּראווען אום שאַבעס. ער פלעגט שוין זעען — און אָפט אַפילע ווען ס'איז יאָ געווען אַרבעט — אויסמארקירן אַזוי, אַז ער זאָל זיך קאָנען אָפּן שאַבעס־טאָג באַגיין אָן זיי. אָפט פלעגט ער דאָס טאָן אַפילע מיט

שאָדן — עמעס, ניט-באַדייטנדיקן שאָדן — פאַר דער אייגענער קעשענע.

דאָס פלעגט ער אַף אַזאַ אויפן נעמען נעקאָמע פאַר דעם, וואָס די יוניאָן [1] האָט אים — שוין ארום א האַלב יאָר אין דעם — אָנגעהויבן צווינגען, אַז ער זאָל די אַרבעטער האַלטן אום שאבעס בלויז ביז איינס אזייגער — און צאָלן זיי פאַר אַ גאַנצן טאָג. ביז מיט אַ האלב יאָר צוריק פלעגן זיי באַ אים שאַבעס אויך אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג. אָפּט — אַפילע לענגער ווי געוויינלעך: סלאפּפּי פלעגט דאָך זיין זיכער, אַז שאַבעס ווען די אַרבעטער זיך לאָזן אביסל מער אויסמעלקן, וועלן זיך ניט בריקעווען — שאַבעס אין אָוונט קריגן זיי דאָך סכירעס פאַר אַ גאַנצער וואָך... און ביכלאל, וואָס זאָלן זיי זיך איילן... אַז סאי-ווי פלעגן זיי יעדן שאַבעס דארפן אָפּהיניען אין קלייט היפּש שפּעט אין אָוונט אַריין, ביז זיי פלעגן קריגן זייער געלט. סלאפּפּי האָט, קענטיק, געהאט האַנאָע דערפון, וואָס דאָס געלט ליגט באַ אים אין קאַסע כאָטש אַ אי-בעריקע פאָר שאָ.

נאָר ווען די אוניאן האָט אים אָנגעהויבן צווינגען — אַ רע-זולטאַט פונם גרויסן גענעראַל-שטרייק פון לעצטן סעזאָן, — אַז די אַר-בעטער זאָלן אנידערלייגן די מע'אָכע שאַבעס אום האלבן טאָג; אַז די סכירעס זאָלן זיי קריגן אין מעזומען—און ניט אין טשעקן, מיט וועלכע מע דאַרף דערנאָך אַרומלויפן, זוכן אַן אָרט, וואו זיי אויסטוישן; אַז די קאָנווערטן מיטן געלט זאָלן צוגעשטעלט ווערן נאָך פאַר איינס אַזייגער טאַקע אַף אָט די אַרבעטס-פּלעצער, וואו זיי וועלן זיך צו יענער צייט געפינען, קעדיי זיי זאָלן קיין איבעריקע צייט נאָך דער אַרבעט ניט דאַרפן פאַטערן, — האָט סלאפּפּי אַ קריץ געטאָן מיט די ציין — אין דער שטיל האָט ער געשוואָרן:

— נעקאָמע...

פלעגט ער אָפּט — אָט דעם אַרבעטער, אָט יענעם — אום שאַבעס פרי, פּלוצלונג דערקלערן, אַז היינט איז פאַר אים ניטאָ קיין אַרבעט.

— נישקאָשע... זאָלן זיי וויסן דעם טאַם פון פאַרלירן אַ גאַנצן טאָג סכירעס — בלויז פאַר אַ האלבן נישט-געאַרבעטן טאָג...

— דזשעק, — האָט ער אים ערשט נאָך ניין אַזייגער צוגע-רופן צו דער קאַסע, — דזשעק... כ'האָב מוירע, אַז איך האָב היינט פאַר דיר קיין אַרבעט ניט... דער ערשטער שיכט פאַרב. וואָס דו

[1] פּראָפּאַריין

האָסט נעכטן אָנידערגעלייגט אַף ווילקינס-עוועניו, איז נאָך ניט אינגאַנצן טרוקן... ביסט אַליין שולדיק... געדאַרפט אַריינטאָן אַביסל מער „דרייערס" (טריקן-שטאָף)...

דזשעק האָט געוואוסט: סלאַפּפּי לייגט. נאָך נעכטן פאַרן אַוועקגיין פון דער אַרבעט זיינען שוין די אָפּגעפּאַרבטע ווענט, צוליב דער גרויסער היץ, געווען קימאַט אינגאַנצן טרוקן...

— ווי... וואָס רעדסט איר... וואָס הייסט ניט טרוקן... נאָך נעכטן איז עס געווען אינגאַנצן טרוקן...

סלאַפּפּי האָט אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן:

— נו, נו... הויבסט שוין אָן מיט מיר זיך פּאַנאַנדערטאַינען... קוק נאָר אים אָן — אַ גאַנצער יוניאָן-רעדנער, אַן אַגיטאַטאָר... אַ וואונדער, וואָס מע האָט דיך נאָך ביז איצט ניט געמאַכט פאַר אַן אַגענט פון פּראָפּאַריין. אָט, הער אַליין, וואָס דער פּאָליאַק דערציילט! ער איז דאָך דאָרט געווען שפּעטער פאַר דיר... ווען ביסטו דאָרט געווען, לאָדזער? אַ? זיבן אַזייגער... אָט הער־סטו אַליין...

דער לאָדזער, אינגאַנצן אַ רויטער און אַן אויסגעהאַרעוועטער פון דער פאַבריקער נאַכט — צוויק-רויט, ווי זיין פרומער טאַטע, דער אַלעקסאַנדראָווער כאָסיד, ווען ער קומט אַהיים, אין דעם שמוציקן געטאָ-געסל, ערגעץ אין באַלוט, פונם ערעוו-שאַבעסדיקן מערכעץ אַרויס — דער לאָדזער האָט איצט פאַרמיטן צו קוקן אַף דזשעקן, פון וועמענס אויפגעפלאַקערטע אויגן עס האָבן זיך געצויגן גלאַנציק-שוואַרצע סינע-שטראַלן צו אים.

דזשעק האָט מער גאָרניט גערעדט. ער האָט אויסגעטאָן די אַרבעטס-קליידער, זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

שוין אַף יענער זייט טיר, אַז ער איז שוין קימאַט אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן קוואַרטאַל, האָט ער מיטאַמאָל דערהערט סלאַפּ־פּיס הייזעריק-גרילצנדיקע שטים הינטער זיינע אַקסלען.

— הער זיך איין, דזשעק... איך ווייס דאָך, וואָס דו טראַכסט איצט פון מיר... נאָר איך וועל דיר באַלד באַווייזן, אַז דו האָסט אין מיר אַ טעות... אויב דו ווילסט, קאָנסטו קומען היינט באַנאַכט אַרבעטן... ס'איז דאָ אַרבעט אַף אַ גאַנצער נאַכט פאַר דיר, אויב דו ווילסט... מע דאַרף איבערפאַרבן אַ רעסטאָראַן אַף דער זעקסטער עוועניו. אָבער, ס'פּאַרשטייט זיך...

ער האָט נעענטער צוגעבויגן צו אים זיין לאַנגן און שמאָלן

זשיראַף-האַלז, האָט אים, אין קלוימערשטער, אין געמאַכטער פאַר-לעגנהייט, אין פּנים אַריינגעשמייכלט:

— ס'פֿאַרשטייט זיך... מיט אַ תּנאַי... מיט אַ תּנאַי, אַז דו וועסט דערנאָך ניט מאָנען בײַ מיר קיין איבערשטונדן... פֿאַר-שטייסט — לויט די פּרייזן, וואָס איך קריג דאָרט אין דעם לייזיקן פּלאַץ, וועל איך נאָך זיין צופרידן, ווען איך וועל אַרויסקריכן פון דער אַרבעט מיטן קערן... אויב דו ווילסט ניט — גלויב מיר: איך האָב גענוג בעלי־מלאָכות... נאָר גאָרניט, אַזוי ווי דו אַרבעטסט ניט היינט בײַטאָג, וויל איך זען, אַז דו זאָלסט ניט פֿאַרלירן בײַ מיר דעם טאָג אַרבעט... האַ? וואָס? ביסט מסכּים?

דזשעק האָט די גאַנצע צייט, וואָס יענער האָט גערעדט, לאַנג און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף סלאַפּפּיס אויסגעצויגענע יאַגד־הינטישע פיגור. ער איז געווען בלייך, דזשעק, בלייך און אויפגערעגט. ער האָט אינגאַנצן געציטערט. נאָר סלאַפּפּי האָט עס, קאָנטיק, גאָר ניט באַמערקט.

הייסט עס, סלאַפּפּי האָט דאָ געוואָלט אָפּשפּילן מיט אים אַ דאָפּלטן טריוק: ניט נאָר אַוועקנעמען בײַ אים דאָס געצאָלט פֿאַרן שאַבעס־טאָג, פֿאַרן האַלב־אָפּרו, נאָר ער האָט דערביי געהאַט נאָך אַ מיין... דערווייל וועט ער אים לאָזן אויסרוען זיך דורכן טאָג, ער זאָל קאָנען בעסער אַרבעטן היינט אַ גאַנצע נאַכט.

דזשעק האָט גוט געוואוסט: דאָס, וואָס יענער באַרימט זיך, אַז ער קאָן קריגן אַנדערע אַרבעטער אויף היינט בײַנאַכט, — דאָס איז אַ וויסטע, אַ ליגנערישע באַרימעריי. אויף בײַנאַכט-אַרבעט זיי־נען קיינמאָל קיין בעלי־מלאָכות ניטאָ. נעכט זיינען איצט הייסע, גוטע זומערדיקע. אַרבעטער בײַ סלאַפּפּין זיינען קימאַט אַלע באַווייבטע, פֿאַמיליען-מענטשן...

דער לופט-באַן האָט געדונערט פון אויבן, איבער ביידנס קעפּ. דזשעק האָט שוין מער ניט געהערט יענעמס רייד. ער האָט אַלץ שווייגנדיק געקוקט אויפן דאַרן יאַגד-הונט. קוקנדיק אַזוי אויף יענעמס דאַרקייט, אויף יענעמס גאַנצע הינטישקייט און ליגנעריש-קייט, האָט דזשעק געפילט, ווי עס בייסט אים דער צונג, עס בייטט די האַנט... עך, כאָטש איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל דערציילן אים, דעמדאָזיקן יאַגד-הונט, וואָס ער, דזשעק, טראַכט פון אים...

דער פרימאָרגנדיקער צוג האָט גיך פֿאַרבייגעדונערט, און דזשעק האָט זיך באַלד דערפילט הילפלאָז:

— וואָס זשע וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען... די יוניאָן

וועט אים, דזשעקן, קיין רעכט ניט געבן: „ער האָט זיך געדאַרפט באַקלאָגן צו ערשט באַם סעקרעטאַר...״ כאָטש דזשעק האָט גוט געוואוסט, אַז אויב ער'ט זיך יאָ באקלאָגן אין דער קאָנטאָר פון דער יוניאָן, ווי ער האָט עס שוין אַ פּאָר מאָל פריער געטאָן, וועט ער בלויז פאַרשטאַרקן זיין רעפּוטאַציע פון אַ קרענק, פון אַ „קיקער״ [1]... האָט ער דען שוין פון לאַנגער דערפאַרונג זיינער ניט געוואוסט: אין דער יוניאָן קוקט מען זיך אום אַף די אַרבעטער בלויז איין מאָל אין יאָר, בעשאַסן געוויינלעכן יאָרלעכן גענעראַל-שטרייק — מער אַ פּאַרמעלן, איידער אַן עכטן... האָט ער ניט געוואוסט פון זיין לאנגאניקער דערפאַרונג: די יוניאָן זייערע איז אַ קליינשטעטלדיקע באַלעבאָסטע, אַ שטינקערין, וואָס פאַרלאָזט איר הויז אַ גאַנץ יאָר, ווייל פייסעך וועט זי דערפאַר מאכן אַ גרויסע ריינקונג...

און געלט דאַרף ער. מע וואָלט זיך געדאַרפט מאַכן אַ קאסטיום. דער אַלטער איז שוין קימאט צעפליקט. אין שול האָט ער נאָך פאַרן פאַריקן סעמעסטער ניט איינגעצאָלט. דער טאַטע וואַרפט שוין צו אָפּט אריין באמערקונגען וועגן דער דאכקעס אין דער אומבאַקאנטער היים זיינער, — אַ היים, פון וועלכער ער ווייסט קימאַט גאָרניט. פון זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, — בלוט אייגענע, פון וועלכע ער געדענקט קימאט קיינעם ניט.

— גוט, — האָט ער טויב געזאָגט, ניט געקוקט אַפילע אין סלאפּפּיס זייט, — איך וועל קומען.

ער האָט זיך גלייך אויסגעדרייט, זיך געלאָזן גיין.

— אָבער געדענק זשע, וואָס מיר האָבן גערעדט... —סלאַפּ-פּיס הייזעריק שרייענדיקע שטים האָט זיך פארמאסטן מיטן דו-נערן פונם ליפטבאַן אין דער הויך. — און קום צו דער צייט, אַזוי, ניט שפּעטער פון אַרום צען=עלף אַזייגער...

ד

מע האָט זיך, הייסט עס, געדארפט כאָטש אַביסל אויסשלאָפן, קעדיי צו קאָנען אויפזיין און אַרבעטן אַ גאנצע נאַכט.

נאָר אַז דזשעק לאָזט ארונטער די שטאָרן באַ זיך אין קע-מערל, קעדיי די באטאָגיקע זון זאָל אים ניט שטערן כאָטש אַף אַביסל איינשלאָפן, ווערט דאָס שמאָלע און ענגע קעמערל — אַ

1) אַ קרענקלעכער טאינעס-האָבער

לענגלעך און שמאָל קעסטל, אַ שיידל פאר פונקט צוויי בעטן און איין שטול — אָנגעפּילט מיט אַזאַ געדיכטער שטיקעניש, אַז דזשעק ווערט גלייך אָפּגעגאָסן, ווי גרויס ער איז, מיט שווערן שווייס.

הויבט ער אויף די שטארן. איז נאָך ערגער: ניו־יאָרקער זון איז איצט אַף העכסטן ברען־פּונקט פון גאנצן יאר—אַן אווגוסט־זון. עפנט ער גאָר פאַנאנדער דעם פענסטער: בלאָזן אריין הייסע ווינטן פון גליענדיקע זאמד־מידבאָריעם, פון אָנגעגליטע קאלך-אויוונס.

בלייבט דזשעק ליגן אַזן בעט צעוואָרפן און צעשפרייט — מוטער-נאַקעט. לייב זיינס היט ער זיך אָנצורירן. לייב זיינס עקלט איצט אַזוי שטאַרק. אַז ער טראכט וועגן דעם, ווי זיין גוף איז געלעגן אַ גאנצע נאכט, זייט בא זייט הארט מיטן לאַדזער, פילט ער: ער איז אַ גאנצע נאכט געשלאָפן מיט אַ נעוויילע, מיט אַ פּייגער. ס׳הויבט אים אזש אָן צו איבלען פון ניטגוטקייט. ער באַמיט זיך מיט גוואלד פארשטויסן פון געדעכעניש די עקלדיקע ערינערונג פון דער לעצטער נאכט.

ער וואָלט זיך איצט געדארפט וואשן אַ שטיק צייט, וואשן און ווייקן זיך אין אסאך וואסערן. ארונטערוואשן דעם שמוץ און די אומריינקייט פון פארשוועכטן לייב. דזשעקס באַציאונג צו פרויען איז סאָפּקאָלסאָף געווען אַ יונג-באָכערשע און אַ יונגליי-ביק-ריינע. אריינט נקען זיך אין באַציאונגען מיט פרויען זומפיקע און בלאָטיקע פלעגט ער בלויז אין מינוטן פארצווייפלטע, אין שאָען פון גייסטיקער אָפּגעלאָזנקייט.

ער האָט האלב-געדרעמלט. אין דער פאַרענדיקער אנמעכ-טיקייט, וואָס האָט דאָס היק-אויסגעמאטערטע לייב באלד ארומ-געכאפּט, האָבן זיך טאקע גלייך אָנגעהויבן כאלעמען וואסערן. אוואדע: די שטראלנדיקע און פראכטיקע וואסערן, וואָס גארטלען ארום דעם ריז פון אַ קראך — ניו-יאָרק.

איצט, אין דעם הייסן שאבעס-נאָכמיטאג, — הונדערטער טויזנטער מענטשן באַרן זיך אוואדע איצט. הונדערטער טויזנטער פרויען, קינדער און מענער. ריזיקע מענטשן־מאכנעס זיינען זיך טויוול אין די אָקעאנען-וואסערן לעקאָווער דעם געוועלטיקנדיקן זון-גאָט.

פון אַלע ווינקעלעך גרויס-ניו-יאָרק ציען זיך איצט אָנגע-פאקטע צוגן. ציען זיך אַף אלע וועגן צו דרויסן-שטאָט. צוגן אָנגעפּאקטע מיט יונג און אַלט, מיט יונגמאן און יונגפרוי, וואָס

פאָרן ארויס אַפן גאנצן טאָג, אָדער גאָר אף „וויק-ענד" [1], פארן ארויס צו די אומצייליקע יאם-שטעטלעך, וואָס באפינטלען דעם ריזיקן פערלמוטערנעם וואסער-בוים — דעם שטאם פונם אטלאנטישן אָקעאַן מיט זיינע היפשע וואסער-צווייגן, וואָס שפארן זיך אריין אין נאָכגיביקער יאבאָשע.

אפילע דאָ פון דער נאָענט, האָבן זיך אויך געהערט נאָכאַ-נאנדיקע פליוכערייען. פייערלייט פון נאָענטע פייער-סטאנציעס פירן ארויס צוליב דער גרויסער היץ זייערע וואסער-פּאמפּעס אין גאס ארויס. לייגן זיי ארויף אף ספּעציעלע אזעלכע הויכע היל-צערנע געשטעלן. לאָזן שיסן פון זיי אַ ברייטן שפריי-רעגן אַף גאס, שטיין און מענטש. האלב-נאקעטע אידישע און איטאליענישע קינדערלעך שפרינגען אריין און ארויס אינם דאָזיקן שפריי-רעגן, וואָס באפרוכפּערט הייסן ברוק. באָדן זיך אין דעם, טאנצן און זינגען אונטער דעם. און ער, דושעק...

— הא, און ער?

אין אַן אויסמאַטערנדיקן הינער-פּלעט צוליב דער היץ-אָפּגע-שוואַכטקייט האָט ער זיך פארכאלעשט געוואַלגערט הין און הער אַפן בעט. ער האָט ניט געקאָנט ניט איינשלאָפן, ניט אויפכאַפּן זיך. מע האָט, ווי דורך אַ שווערער דיקער מעכיצע, געקלאַפּט, דוכט זיך אין טיר. נאָר ניין: דאָס רייסט אויף דינאמיט ריזיקע פעלזן-שטיינער הינטער ניו-יאָרק. אהא, אוואדע, ער דערקאָנט די-דאָזיקע טויבע הילכן, ווארום בעסאַכאקל ווי לאנג צוריק איז עס געווען: עס איז דאָך נאָך קיין קיילעכדיק יאָר פון דעמאָלט ניט אַוועק.

די טויבע אונטערערדישע הילכן האָבן זיך געלאָזט הערן וואָס אמאָל אלץ אָפּטער און, דוכט זיך, וואָס אמאָל אלץ נעענטער. אינם שווערן הינער-פּלעט, אין וועלכן דושעקס היץ-צעפּלאָסענער מויעך איז געווען פאַרוועבט איצט, האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסוויקלען איין בילד נאָכן צווייטן.

ווי ער האָט זיך איינמאָל, — נאָך אַ לענגערן פּעריאָד פון אַרבעטסלאָזיקייט, — פאַרדונגען ווי א שוואַרץ-אַרבעטער, ווי אַן ערד-גראָבער, צו איינער אַ פירמע אזא, וועלכע האָט צוגעשטעלט ביליקע שוואַרץ-אַרבעטער אַף גרויסע אונטערנעמונגען: אף גראָבן

---

[1]) דער „ענגלישער שאַבעס", וואָס ציט זיך פון שאבעס מיטאָג-צייט ביז מאָנטיק פרי.

קאַנאַלן, אַף דורכלייגן אייזנבאַן-אָנשיטן, אַף בויען אקיוערוקן אַף אַרבעטן באַ דער דורכלייגונג פון שאָסייען.

לאַנגע ריזיקע גראָבנס. אַף ביידע זייטן — בערג. גראָבנס ציען זיך אַף צענדליקער מײַלן ווייט, ווי ריזיקע צעפאַלמעסונגען פון דער ערד. גראָבנס פון דער ניו-יאָרקער וואַסער-לייטונג.

העט ווייט, עפשער א הונדערט מייל צאָפן צו: די אימפּע-טיקע טײַכלעך, די רוישיקע בערג-שטראָמען און בערג-קוואַלן פון די קעטסקיל-בערג. זיי האָבן געדאַרפט אַריינגעגאַרט ווערן אינם ריזיקן הונדערט-מײַליקן גראבן פונם דאָזיקן וואַסער-טונעל, קעדיי צו באַזאָרגן די פילמיליאָניקע באַפעלקערונג פון דער שטאָט ניו-יאָרק מיטן פרישן באַרג-וואַסער.

רעכטס און לינקס—הויכע באַוועלדערטע בערג. אַף יענער זייט רעכטן באַרג פליגל — דער פערלדיקער שנור פונם אומגע-זעענעם הארסאַן-טייך. אַף יענער זייט לינקן באַרג פליגל — דער שימערירנדיקער פאַס פונם לאָנג-איילאַנד-יאַם-אויסגוס.

אונטן, הארט באַ די פיס — גראָבנס, גראָבנס, גראָבנס... גראָבנס נאַסע, דעמפיקע, ווילגאַטשנע. דזשעק שטייט מיט אַ רידל אין האַנד. גראָבט טאָג נאָך טאָג די בלאָטיקע פייכטע ערד. וואַ-סער דערגרייכט אָפט העט ווייט ביז צו די כאַלעוועס פון די גו-מענע שטיוול. פינגער-קנעכלעך ווערן געשוואָלן — סימאָנים פון שפּראָצנדיקן רעוומאַטיזם. טאָג נאָך טאָג. טאָג נאָך טאָג.

אַרום און אַרום—אינם איינגעשלאָסענעם, איינגעשלאָפענעם טאַל—נאָכאַנאַנדיקע, טאָמידע, קאָפּ-פאַרטויבנדיקע הילכן. מעטאַ-לענע דאַמף-עקבערס גראָבן זיך און שפּאַרן זיך לאַנגזאַם און איינגעאַקנשט אין הארץ פון פעלז. גראָבן זיך און שפּאַרן זיך אין הארץ פון באַרגיקן אור-שטיין. זיי טרייסלען זיך אזוי געשווינד און אַזוי נאַכאַנאַנד, דידאָזיקע עקבערס, וואָס ווערן געטריבן אין פעלז אַריין דורך אַ דאַמף-מאַשין. דער מענש מיט די לע-דערנע הענטשקעס, וואָס שטרענגט אָן זיינע אַלע קויכעס צוצו-האַלטן דאָס הענטל פונם דאַמף-עקבער, טרייסלט זיך אַזש אַליין, וואַרפט זיך הין און צוריק אין דער ציטערנדיקער צעהיצטער לופט — אליין א טייל פונם מעטאַלענעם דאַמף-עקבער. צוזאַמען מיט אים זינקט ער אויך וואָס אמאל אַלץ טיפער אין פעלזיקן באָדן אונטער אים.

און דערנאָך:

הייפעלעך דינאָמיט ווערן אַריינגעלייגט אין אויסגעדרעלע-

ווטע באַרג-שפּאַלטן. מענטשלעך=ליליפּוטלעך, קליינע איטאַליענער, פאַרגאַנוועגען זיך צו די שפּאַלטן, צינדן אָן די קנויטן, לויפן אַף גיך אַוועק צוריק. טויבע הילכן טרייסלען באַלד פאַנאַנדער די לופט, וואָס איז איינגעשפּאַרט פון טויזנטער יאָרן אָן אין טאָל צווישן בערג.

די הילכן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ אָפטער און שטאַרקער.
די הילכן ווערן וואָס אמאָל אַלץ אָפטער און שטאַרקער.

ביז דזשעק קייקלט זיך ענדלעך אָן קויעך אַרונטער פון בעט. אָן אויסגעמאַטערטער און אַ היץ-צעקראָכענער. אַ צעטומל-טער, בלייבט ער שטיין אין מיטן צימער.

ה.

די קלאַפּערייַ אין טיר שטאַרקט זיך.

אַז ער וואַרפט פון זיך ענדלעך אַרונטער די דרימל-בענדער און עפנט די טיר, דערזעט ער פאַר זיך פּיקאָלן, אַ קלייניטשקן און אַ לעבעדיק-שמייכלענדיקן. הינטער אים—די נידעריקע, דער-שראָקענע באַלעבאָסטע, וועלכע קוקט אַריבער, אַף די שפּיץ=פינ-גער איבער יענעמס אַקסלען.

— זע נאָר, ווי אַ מענטש פּאַלט עס אַוועק אין מיטן העלן טאָג, ווי אַ געהארגעטער... געמיינט: אוודע האָט ער איינגענו-מען די גאַז... מע הערט דאָך אָפּט פון אזעלכע נארישקייטן...

דזשעק האָט זיך גענומען אַרונטערשווענקען די היציקע אויס-געמאַטערטקייט מיט אַ קאַלטן שוואַם וואַסער, וואָס ער האָט אַריבערגעפירט איבערן נאַקעטן לייב. ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אביסל אָפּגעפרישט, נאָר איז נאָך אַלץ געבליבן האַלב נאַקעט. בלויז אַף די לענדן אַ פּאָר קאַלסאָנען אַרויפגעצויגן.

ער האָט אָנגעהויבן רייבן די הענט מיט גרויס הנאָה:

— אָבער וואָס זאָגסטו, פּיקאָלאָ... ס'איז פּאָרט בעסער, ווי מיט אַ יאָר צוריק... נעץ און ווילגאָטש אין די גראָבנס, פאַר-טויבנדיקע הילכן פון דינאַמיט-אויפרייסן... איצט: פאַרענדיקע היץ אַף לייטערס, טראַסקען פון לופט-באַנען פאַרביי אויבערשטע גאָרנס פון טענעמענט-הייזער... איז איצט דאָך בעסער, הא?

פּיקאָלאָ האָט זיך פאַנאַנדערגעטרייסלט אין אַ דינעם, הויכן, קנאַקנדיקן געלעכטער,—אָט ווי עס קנאַקן הילכיק און נאַכאַנאַנד זומערדיקע גרילן אין געדיכטן גראָז.

— מעשוגע... וואָס פאַר א בוידעס, וואָס פאַר א פּאָליצע... אף מיין וואָרט, ער רעדט דאָך טאַקע פון היץ... וואָס פאַר א די־נאַמיט, וואָס פאַר א גראַבּנס... וואָס כאַלעמט זיך דיר... הער אקאָרשט אויף וועגן דעם! אז ניט — גיב איך דיר גלייך איבער דער פּאָליציי אין די הענט אריין, ווי א געפערלעכן אנארכיסט, א מיטגליד פון דער איטאַליענישער „שווארצע האַנט", ווי א... ווי א... און עק זאָל עס מיר באלד נעמען! נעם און טרינק אויס א גלאָז קאַלט וואסער און קום, לאָמיר זיך אקאָרשט בעסער נעמען פאַר דער ארבעט.

דזשעק האָט פּיקאָלאָן ליב געהאַט—דעם איינציקן בא זיי אין שאָפּ, וועלכן ער האָט ליב געהאַט. רירעוודיק, זשוואווע, טאָמיד לוסטיק, טאָמיד פריילעך־קנאַקנדיק מיטן צינגל — א קנוילכל פרי־שע ענערגיע. זיין אייגנטלעכער נאָמען איז געווען אזא גוואלדיק אָריגינעלער: גאָלדבערג. נאָר, טאַקע צוליב זיין רירעוודיקייט און פייפנדיקע פריילעכקייט, ווי אויך צוליב זיין קליינעם וואוקס און איטאַליענישן אויסזען, האָבן די ארבעטער אין שאָפּ אים געגעבן די צונעמעניש „פּיקאָלאָ".

יעדן שאבעס נאָכמיטאָג פלעגט ער אריינקומען צו דזשעקן, קעדיי צוזאמען שטודירן דעם לימוד פון „ענגליש, פערט יאָר". אליין א קליינשטעטלדיקער און נאָך גאָר ניט לאנג דא אין לאַנד, האָט ער גרויס דערעכערעך געהאַט פאַר דזשעקס קענען פון דער ענגלישער שפּראַך און ענגלישער ליטעראַטור. פלעגט ער מיט אים איין מאָל אין וואָך — אין די פרייע שאבעס נאכמיטאָגס—צו־זאמען שטודירן.

נאָר דזשעק איז עפּעס היינט נאָכמיטאג אביסל אין א גע־דריקטער שטימונג: צי פון דער היץ, דער קאלכאויוונדיקער, צי צוליב דעם פרימאָרגנדיקן אינצידענט מיט סלאַפּפּין, אָדער אין אים איז נאָך אלץ פארבליבן א שלעכטער אָפּזאַץ פון פאַבריקער נאכט און ביכלאל פון פאַבריקע טעג. אז זיי נעמען זיך באלד לייענען גרייס „עלעגיע אף א בייסאַלמען", פאַלט דזשעק אריין נאָך אין א שווערערער שטימונג.

— איז וואָס זשע זאָגסטו, פּיקאלא, הא? וואו וועט שוין אונז בעסער ווערן?

— אַ שיינע מאַיסע וואו... ניט אין קיווער, פאַרשטייט זיך... מיסטאָמע וועלן מיר אין קיווער אויך דאַרפן קריגן אַרבעטס־פלע־צער—מיסטאָמע וועלן מיר דאַרפן פון צייט צו צייט איבערפאַרבן

די קוואָרים פון די רייכע, צי ארומפוצן די שאַרבנס פון אָנגע-
זעענע לייט... מאלע וואָס!

דזשעקן ווערט פון אים פריילעכער. ער האָט ווילדע האַנאָע
פון יענעמס קאָמישער ענגלישער אויסשפּראַך, פון יענעמס יעשי-
ווע-באָכערשע האַוואַיעס בעשאסן לייענען גריי׳ס „עלעגיע”. ער
קוועלט גאָר אָן פונם מאָדנע-אומעטיקן טאַלמודישן ניגון, מיט
וועלכן פּיקאלא לייענט די פּאָעמע. דזשעק, פון איין זייט, האָט
אויך אָפּשיי פאַר פּיקאלא, ער ווייסט, אַז פּיקאלא, כאטש אַ גרי-
נער, איז אָבער א געבילדעטער נאָך פון „יענער זייט”. ער איז
גוט באהאַוונט אין דער אידישער ליטעראַטור. דזשעק האָט ביז
דעמאָלט קיינמאָל ניט געוואוסט, אז ס׳איז דא אזאַ זאַך, ווי אי-
דישע ליטעראטור, מער ווי אַ פּאָר נעמען פון אידישע „פּייפּערס”
(צייטונגען) האָט ער ניט געהערט.

פּיקאלא פאַרמאָגט אַ בייסיקע באַציאונג צו אלץ, וואָס עס
קומט זיי אויס איינצוכאַזערן אַף אויסווייניק און אויסלערנען לויט
דער פּראָגראַם פון „ענגליש, פערטע יאָר”. אַף יעדער זאַך, וואָס
זיי שטודירן, האָט ער עפּעס אַ סאַרקאסטישע באמערקונג. אַז
דזשעק לייענט אַף אויסווייניק אייניקע פּאָשעטע און לויטערע לידער
פון וואָרדסוואָרט, באַמערקט פּיקאלא גיך, מיט א נאַיוון
קנייטשל פון זיינע דינע אקסלען:

— זע נאָר... דאָס איז דאָך אונזער אַווראָם רייזין...
מיט הענדערט הונדערט יאָר צוריק.

און אַז זיי נעמען ביידע פאַרהערן זיך, צי זיי ווייסן שוין
„פון קאָפּ” די געפּאָדערטע „דרייסיק שורעס” פון לאנגפעללאס
פּאעמע „עוואַנזשעלין”—אַ זאך, וועלכע פלעגט דזשעקן פונדעסטוועגן
שטאַרק רירן—באַמערקט ער, אַז בעשאַס ער לייענט די באַשרייבונג פון
עוואַנזשעלינס נעסיע אַף א קאָנו[1] איבערן טייך מיסיסיפּי, לייענט
קימאט מיט א פּאַטעטיש-ציטערנדיקע שטים,—ווערט בא פּיקאלאן
געבוירן א גאַליק שמייכעלע. עס האַלט זיך שוין, דאָסדאָזיקע
שמייכעלע אויף אַף פּיקאלאס דינע ליפּן די גאנצע צייט, וואָס
ער, דזשעק, לייענט. אז דזשעק ענדיקט, באַמערקט ער בלויז, פּי-
קאלא, זייער רואיק און זייער געלאסן, קימאט מיט עפּעס אזא
מין נאַכעס:

---

1) אזא מין פּרימיטיוו שיפל פון די אמעריקאנישע אינדיאנער.

— אַך, ווי פיין... אַך, ווי שיין... דערמאָנט מיר אַזוי שטאַרק אָן דער פּאָעמע פונם באוואוסטן אידישן פּאָעט שמירערזאָן: „די באלאדע פון דעם שויכעטס טאָכטער"...

קאָנטיק, אַז ער האָט שוין גאָר שטאַרק ניט ליב אָט די אַלע שרייבער, וועלכע זיי לערנען איצט און כאַזערן אַף אויסווייניק. אַז דזשעק וויל אַלץ אויסגעפינען די סיבע דערפון, ענטפערט אים יענער:

— כ'ווייס... עפּשער דערפאַר, וואָס מען לערנט זיי אין „ענגליש, פערטע יאָר"... עפּעס קלייבן זיי אויס די נודנעסטע, די סאנטימענטאלסטע זאכן... שאַ: פארוואָס הייסט מען אונז ניט אויסכאַזערן אף אויסווייניק, לעמאָשל, באָבבוירנסעס „ליד פון דער לויז"? פארוואָס לאָזט מען אונז ניט לערנען די „טריי-פענע" ענגלישע דראַמאטורגן פונם אַכצנטן יאָרהונדערט? אַך, דידאָזיקע אמעריקאַנישע אלטמוידישע פוריטאנער...

עס ווערט פאַרנאכט. קילער. דזשעק שטוינט איבער פּיקא-לאָס אומדערוואַרטעטן וויסן פון דער ענגלישער ליטעראטור. פונקט, ווי אָט יענער סטודענט, דאָס צוקונפטיקע אַדוואקאטל, וואָס האָט אַנומעלטן אין אָוונט-שול געשטוינט איבער אים, איבער דזשעקן, און איבער זיינע „ווילדע" באגריפן וועגן דעם עצעם פון א דע-באטע איבער סאָציאַלע פראגן.

— וואַרט, —זאָגט אַרויס פּיקאָלא מיט אַ שטילער שטים—אָט, איכ'ל דיר איבערלייענען אַ ליד, וואָס איז ניטא אינם קורס פון „ענג-ליש, פערטע יאָר". הער.

און אינם אָוונט הויבט ער אָן דעקלאַמירן וואָלט וויטמאַנס:

„ווען דער בעז בליט פאַר מיין טיר"...

זיין אויסשפּראַך איז ביז גאָר שלעכט. זיין דיקציע — אַ געכאַפּטע, אַ ניט קלאָרע. ער קאָן בעשום אויפן ניט אַרויסברענגען דעם קלאַנג th, כאָטש ער שטופּט דערביי קאָמיש אַרויס דעם שפּיץ צונג, פונקט ווי עס לערנט אים דער פּראָפעסאָר פון פאָנעטיק. ער קאָן אויך ניט אַרויסברענגען קלאָר קיינע לאַנגע וואָקאַלן: קיין לאַנגן „אָ", קיין לאַנגן „אי", קיין לאַנגן „אַ". נאָר די ווערטער קומען פון זיין מויל אַרויס אַזוי מעלאָדיש, אַזוי באַ-הויכט מיט אייביקער יונגשאַפט, מיט אייביקן יונגן פרילינג... פּיקאָלאָס שטים האָט אָנגעוואָרן איר בייסנדיקייט — זי איז געוואָרן שטיל און רירנדיק, יונג-אינגלש קימאַט.

דער אָוונט האָט טיפער אַרונטערגענידערט. אין כיידער האָבן זיך געלייגט לאַנגע און קילע שאָטנס. דזשעק האָט זיך אויסגעצויגן אַפּן-בעט.

אַז פּיקאָלאָ ענדיקט, איז אַ ווײַלע שטיל. דערנאָך:

— איז וואָס זאָגסטו, פּיקאָלאָ... ווען וועט שוין דער בעז אָנהויבן בליען פאַר אונזער טיר אויך, — האַ, פּיקאָלאָ?

נאָך פּיקאָלאָס שטים ווערט שוין דאָ ווידער איבערגעאַנדערשט, ווערט ווידער בייסנדיק, אָפּשפּעטעריש (ווי קליין ער איז, קנוילט ער זיך נאָך מער אויף צוזאַמען. אַ היקערדיק באַלעכל קייקלט זיך באַלד אריבער צו דזשעקן אפן בעט):

— וואו... אַז מיר האָבן נאָך אונזער אייגן טיר ניט אָפּגעפאַרבט אַפילע, דזשעק...

ו.

אין שטוב איז שוין סאַי-ווי געווען איצט אומעטיק צו זיצן. דער אויסגערוטער גוף האָט געדורשט נאָך באַוועגונג, נאָך זומער-פרייד, נאָך אָנוועזנהייט וואַרימער פון נאָענטן מיידל.

אַ טראַכט געטאָן אַ מינוט: אַריבערכאַפּן זיך אין צענטראַל-פּאַרק, אין אָוונט איז גוט אַף אַ שיפל אַביסל רודערן. נאָר שפּעטער זומער-אָוונט — כאָטש, דוכט זיך, זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן, — האָט שוין געהאַלטן נאָך ניין דעם זייגער.

אַזוי, אַז נאָך אַ היפש ביסל פריער פאַר דער באַשטימטער צייט איז דזשעק שוין געזעסן אַף דער דרויסנדיקער שוועל פונם רעסטאָראַן, וואו ער האָט געדאַרפט אַרבעטן היינטיקע נאַכט. אונטער דער פאַכווע — זיין אויפגעקייקלט פּעקעלע אַרבעטס-קליידער.

דער שטיין פון שוועל האָט געקילט. פון אויבן, איבערן קאָפּ, האָט זעלטן דורכגערוישט אַ קליינער, דרייוואַגאָנעדיקער צוג פון דעם לופט-באַן אַף דער זעקסטער עוועניו.

אין גאַס איז איצט שיטערלעך. ס'איז די צייט, ווען דער אוילאָם, וואָס פאַרברענגט שוין יאָ דעם זומער-אָוונט אין שטאָט, אין די פאַרגעניגן-פּלעצער אַף בראַדוויי, איז געדיכט פאַרפּאַקט איצט — ווי צעהיצטע שטיקער פלייש אין אייזיקע אָפּקילערס — אין דער קילער לופט פון די ריזיקע קינאָס און זומער-טעאַטערן, וואו גרויסע אומגעזעענע ווענטילאַטאָרס הילן זיי איצט מיט שיכטן געפרעסטער, געפרוירענער לופט.

נאָר דער גרעסטער טייל שטאָטישן אוילאָם איז איצט סאַי-ווי באַ די וואַסער-ברעגן. דעריבער איז דאָ, אַף געוויינלעך-וואָכעדיקער עוועניו, אַביסל ליידיקלעך און יאָנטעוודיק. מער ניט: פון אומגעזועענע ווינקעלעך, פון לעכער אַלערליי, פון שמוציקע שטינקענדיקע הויפן, וואָס אַרום די פופציקער גאַסן אין דער זעקסטער עוועניו — הויפּטזאַכלעך, קוואַרטאַלן פון נעגערשער אָרימקייט — רוקן זיך איינע נאָך דער אַנדערער אַרויס נעגערשע גאַסן-פרויען. מיעסע, ווי מאַלפּעס. שוואַרץ-העסלעך, ווי געמעלן פון האָטענטאָטישע ווייבער אַף געאָגראַפישע טאַבעלן. איצט נאָך מער, ווי טאָמיד, שמעקט פון זיי מיט פעכיקן שווייס, מיט מאָדנער צעפּאַרעטער שטיקעניש, וואָס שפּאַרט פון זייערע לייבער, ווי פון ברענענדיקע פאַרשטיקטע זייף-קעסלען. עס באַווייזן זיך אָבער אויך זעלטענע פיגורן פון שלאַנקע און ברוינע מולאַטקעס — זעלטענע, ניט היגע פלאַנצן. איידל און ציטערדיק זיינען זיי, און שמעקנדיק-אויפרייצנדיק, ווי די שפּאַנישע פרויען-פיגורן אַף צ ו ל אָ א ג א ס געמעלן.

עס איז נאָך פרי. דער לאָדזער איז נאָך ניט געקומען. ער איז דער איינציקער פאַרבער, מיט וועלכן ער וועט היינט באַנאַכט דאַרפן אַרבעטן. שפּאַרט דזשעק זיך אָן דערווײלע אָן גרויסן שויפענסטער פון רעסטאָראַן. דאָרט, הינטערן דיקן גלאָז, איז קיל, ווי אונטער אַן אייז-שיכט — דער היפּשער שויפענסטער איז טאַקע אָנגעפילט מיט ריזיקע בלאָקן אייז, צווישן וועלכע עס זיינען אויך צעשפּרייט דיקע שיכטן דין-צעמאָלענעם אייז.

אַפן אייז זיינען אויסגעלייגט גרויסע זאָדיקעס, גראָבע, פּילפּאַכיקע שטיקער רינד-פלייש און קאַלב-פלייש פאַר באַטאַמטע ביפשטעקסן, קאטלעטן און „טשאפּס”. עס טוליען זיך אינם אייז עטלעכע גאַנצע פאַרברוינטע שינקעס, וואָס זיינען אַרומגעבונדן, צוליב לייטישקייט, מיט ראָזעווע סטענגעלעך... היפּשע נאָך לעבעדיקע פיש זיינען דאָ אַפן אייז אויסגעלייגט. פיש, וועלכע אָטעמען שווער מיט די רויטע זשאַברעס. זילבערנע לעשטשן, פעטע בייכיקע קאַרפּן, וועלפיש-שלאַנקע העכטן, באַשפּרענקלט מיט וואונדערלעך-סימעטרישע צייכענונגען, גליטשיקע, שלאַנגענאַרטיקע אאלן, טירישע בלוי-פיש, פודיקע קאדן...

און אַרום און אַרום זיי און צווישן זיי — אָן אַ שיר אומגעלומפּערטע, אַף הינטן צוקריכנדיקע קראַבן און לאבסטערס. אויסגעפּוטשעטע אויגן ווי אַף שטעקעלעך אַרויסהענגענדיקע און

מיט היפשע עטלעכע פּאָר פּיסלעך, נאָכאַנאַנד זיך באַוועגנדיקע. מינוטן פאַר זייער הייסן טויט אין די קעסלען זודיקן וואַסער פראַוועון זיי אַוואַדע איצט אַ ליבע-טאַנץ: זיי קריכן איינע אַף דער אַנדערער. באַטאַפּן זיך מיט די קלעשטשעס, באַשמעקן זיך מיט די לאַנגע, וואָנציקע אַנטענעס... פון צייט צו צייט באַווייזט זיך פון דער הויך אַ ווייסער אויסגעצאַליעטער קוכערשער אָרעם. ער פאַרעט זיך אונטן אַפן אייז מיט אַ היפּשער נעץ. שלעפּט אַרויס אַ לעבעדיקן פיש, אַ קעמפנדיקן און זיך דריגעריקן לאַבסטער.

אַז דער לאַדזער קומט ענדלעך צו גיין אַרום עלף אזייגער, איז שוין דער רעסטאָראַן אינעווייניק אַזוי געדיכט געפּאַקט מיט באַזוכער. זיי האַלטן אין איין אָנקומען פון די טעאַטערן אַף בראָדוויי. אין רעסטאָראַן גופא איז דערוויל אומעגלעך צו אַרבעטן.

— דו וועסט דערוויל אַרבעטן אין קיך... קאָנסט דערוויל גרונטעווען די פּאַליצעס הינטערן אויוון... — קאָמאַנדעוועט דער לאַדזער — און איכ׳ל דאָ צוגרייטן אַלץ... צעפירן די פאַרבן... אַרומקיטעווען די שפּאַלטן אַף די ווענט...

אין קיך איז אַזוי שטיקנדיק-הייס, אַז די לעבעדיקע טאָראַ-קאַנעס און פ״ייסן, וואָס דער רייעך פון דער פאַרב האָט באַלד אַרויסגעטריבן פון זייער באַהעלטעניש אַף דער סטעלע אַרויס, קאָנען זיך לאַנג אין דער הויך ניט האַלטן. זיי טראָפּענען גרונטער איינציקווייז, איינציקווייז. טראָפּענען אַריין אין דזשעקס פאַרב, טראָפּענען אַריין אין דעם קוכערס טעפּ, אין די קעסלען, אין די פאַנען.

דער אונטן-קיך איז איצט נאָך רעכט פאַרנומען. קעלנער שמייען דאָרט אַרום אָן אָטעם. קעלנער, מיט אָן אויסזעען פון פרעמיער-מיניסטאָרן — פאַרפּוצטע אין געפּרעסטן פראַק, אין שניי-ווייסער, האַרטער מאַנישקע-העמד, אין לאַקירטע שיך, מיט גלאַט-פאַרקעמטע, פּאַמאַדירטע האָר.

— איין ראַמסטייק מיט קאַרטאָפל, פראַנצויזישע פריט...
— אַ טוץ נעק-קלעמס, אַף אייז...
— אַ פּאָרציע סקאַללאָפּן 1) מיט באַזער-גריוון.
— אַ העכט אין מאַרינאַד...
— קאַלבס-מאַרכלעך פריט...

1) אויסעראָרטיקע באַשעפעניש.

— אויסטערן אַף האַלבער שאָלעכץ.

דזשעק האָט זיך ארויפגעקליבן אַפּן לייטער גאָר אין דער הויך: ער וועט פארבן דערוויייל די פּאָליצעס. נאָר דאָרט אַף די פּאָליצעס שטייט אָ אַ שיר געפּעס, געפּעס, געדיכט באַדעקט מיט וואָכן-אַלטן שטויב. די ווענט זיינען אין דער הויך פעט, כיילעוודיק פון די שטענדיקע ארויפשטייגנדיקע פעטע קיך-דאַמפן. ס'קריכן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן פּרייסן, טאַראַקאַנעס, אַלערליי רעמאשים און פויזנדיקס — זיי באַפּינטלען די פרישע פאַרב, ווערן דאָרט באַלד דערשטיקט און פילן אָן דזשעקס געמיט מיט שטיקנדיקן עקל.

וואָס אַ מאָל ווערט אויבן אַפּן לייטער אַלץ הייסער און שטיקנדיקער: אונטן אף די היפּשע פּליטן, באַדעקטע מיט שמוציקן פעטס, אויסגעקנאָטענעם אין סאַזשע, האַלט מען אַלץ אין איין פּרעגלען, אין איין בראָטן. אַף יענער זייט קיך-ווענטל, הערט מען, ווי עס קומען אָן נייע, פרישע און פריילעכע געסט. מען באַשטעלט אַלערלייאיקע ברענדיס, וויסקיס, דזשונס, ענגלישע איילן, וויינען, ליקערן. נעמען האָבן דידאָזיקע מאשקאָעס ווי פון עקזאָטישע געוויקסן, אָדער פרעמד-לענדישע מעקוימעס — אַפילו בלויז דידאָזיקע נעמען האָט דזשעק נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געהערט.

— האַ? דזשעק? וואָס? אַפּאָנים... אַפּאָנים, אַז ס'איז נאָך דאָ ערגעץ אַ גרויסע און אַ פריילעכע וועלט.

דער לאָדזוער באַווייזט זיך נאָך אַלץ ניט. דזשעק וואונדערט זיך, וואָס יענער קאָן דאָרט, אין אָנגעפּאַקטן רעסטאָראַן, די גאַנצע צייט טאָן. אז ער קריכט אין אַ ווײַלע אַרום אַריין אַהינטער דעם הייסן אויוון און הויבט דאָרט אָן גרונטעווען די ווענט, הויבט אים באַלד אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. די אַרויפגעלייגטע פאַרב צעמישט זיך און צערייבט זיך מיטן שיכט פעטן כיילעוו און שמאַלציקער סאַזשע, וואָס ליגט שווער אַף די ווענט. אין דער היץ לאָזט דאָס אַלץ אַרויס אַזאַ טשאַדענדיקן גערוך, אַז דזשעק פילט, ווי אָט באַלד כאַלעשט ער און קייקלט זיך אַרונטער פון לייטער.

מיט לעצט-איבערגעבליבענע קויכעס שטרענגט ער זיך אָן און קריכט אַרונטער פון לייטער. ער לאָזט זיך גיך לויפן דורכן רעסטאָראַן אין דרויסן אַרויס.

דאָ דערזעט ער: באַ דער דרויסנדיקער גאַס-טיר שטייט אָנגעשפּאַרט דער לאָדזוער. ער קילט זיך אַ פּאָנים. אין דער

לינקער האַנט האלט ער אַ היפש בייכיקן קופל שוימעדיקן ביר. מיט דער רעכטער — ווישט ער זיך אויס דעם שווערן שווייס, וואָס גיסט זיך אים פון שטערן.

אַז דזשעק רייבט זיך פאַרביי אים מיט א שטויס, שרייט ער אים נאָך:

— היי, היי, דו... וואוהין לויפסטו עס אַזוי? ווער האָט עס דיר אָנגעטראָטן אַפן עק?

דזשעק לאָזט זיך לויפן צום נאָענסטן אויטאמאט-רעסטאָראַן. אזוי ווי עס איז שוין שפעט און מע האַלט שוין האַרט בײַם שליסן, איז דער אוילאם דאָרט סאַי-ווי אַ קלײנער. מע לאָזט דעריבער דזשעקן אַהין אַריין, כאָטש ער איז אין זײַנע אַרבעטס-קליידער. בײַ א גרעסערן אוילאם וואָלט מען דאָס זיכער ניט דערלאָזט.

ער שפּאַרט זיך אָן אָן א מאַרמאָרנעם טישל. קילט זיך אַביסל אין די מעכאַניעדיקע לופט-כוואַליעס, וואס עס שפרייט ארום זיך א היפשער זשומענדיקער ווענטיליאטאָר. פון דעם מאַרמאָר-ברעטל שלאגט אַפן צעהיצטן לייב אפּ מיט היילן-פייכקייט.

אַז ער קערט זיך אום אין א פּופצן מינוט ארום צוריק צום אַרבעטס-פּלאַץ, א דערפרישטער דורך די פּאָר גלעזער אייז=קאַל-טער מילך, וואס ער האט אויסגעטרונקען, איז שוין דער רעסטאָ-ראַן קימאַט ליידיק. ס'איז שוין איינס דער זייגער און ער פאַר-מאַכט זיך. די קעלנער שטעלן צונויף די ביינקלעך אף די טישן. דער רעסטאָראַן הויבט אן אויסקוקן, ווי נאָך א שלאַכט. די ליי-דיקע טישן — האַרוגים. די שטולן אף די טישן — מאַציייוועס.

דזשעק און דער לאָדזער פאַרדעקן בײַ אַלד דעם אינווענטאַר און דאס מעבל מיט לאַנגע פאַרבער-לײַלעכער. זיי בויען אף דער גיך אויף א רעשטאַוואַניע אף עטלעכע לייטערס. די נאַכט-אַרבעט זייערע הויבט זיך ערשט רעכט אָן.

אין דרויסן ווערט וואָס א מאָל שטילער. כאָטש גאָר אין דער נאָענט פילט זיך די גאַנצע צייט נאַכט-אָטעם פונם טאָמיד=וואַכן בראָדוויי — פון דער ליכטיקער עוועניו, וואָס מיט דער באַטאגיקער נאכט. נאָר דאָ, אַף דער זעקסטער עוועניו, שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ די באוועגונג פון טראַמוואַיען און לופט=באַנען.

אין רעסטאָראַן — שטיל. ביידע פאַרבער ריידן קיין וואָרט ניט. זיי אַרבעטן. ס'הערט זיך דאָס נאָכאַנאַנדיקע קלאַפּן און שמייסן פון די פאַרב=בערשטלעך אָנם מעטאַל פון דער געקעסטל-

טער סטעליע. אַז ס׳ווערט אווײלע שטיל אין רעסטאָראַן, און ביידע מיטאַמאל בויגן זיך גראָדע איין איינצוטונקען די בערשט־לעך אין די פאַרב־טעפלעך, הערט זיך, ווי עס קריכן ארום נאָכאַנאַנד — דורך דער גאַנצער צייט, דורך דער גאַנצער נאַכט — די צענדליקער קראַבן, וואס זיינען לעבעדיקערהייט באגראָבן אינם אייז־קאַסטן. אינם אייז־קאַסטן ברענען די עלעקטרישע לאָמפּן אַ גאַנצע נאַכט. טויט־בלייכער שיין הערשט דאָרט אף געפראָרענעם בלוי־שימער פון אייז.

פונם לאָדזער גיסט זיך איצט שוויס, ווי באַד. קאָנטיק, ער וויל אָפּרוען אווײלע. נאר אזוי ווי דזשעק ארבעט פון דער צווייטער זייט סטעליע, מוז ער דאך אים נאכהאַלטן. דזשעק שווייגט די גאַנצע צייט.

נאר דער לאָדזער קאן זיך שוין מער ניט איינהאַלטן.

— כ׳וויס... מיר דוכט, מע וואלט זיך געקאָנט אווײלע אָפּשטעלן ... מיר האַלטן דאך סאַי־ווי בא א באַריער אין סטעליע... קיינע סימאָנים וועלן ניט פאַרבלייבן.

נאר דזשעק שווייגט אלץ. אז ער אַרבעט צוזאַמען מיטן לאָדזער, איז נאך צו דערליידן. אָבער זיין מיט אים צוזאַמען שטיל — ס׳עקלט פונם געדאַנק אַליין.

דעם לאָדזער גיט זיך אפּאָנים סאפקאָלסאָף איבער יענעמס שלעכט־געפיל צו אים. ער באַשליסט אים איצט איבערבעטן.

— נאַר איינער... וואס יאָגסטו זיך אזוי... א שיינע ריינע קאָפּאָרע... סלאפּפּי... ס׳לוינט זיך אוועקלייגן די קויכעס אַף אים...

דזשעק — שווייגט.

— אָט נעמט ער, דער הונט, און כאַפּט בא דיר היינט אוועק א טאָג־אַרבעט... וואָסי, מיינסט טאַקע, אז ער האָט ניט געהאַט, וואוהין צו שיקן דיך?

דזשעקס אויגן לייכטן אויף פון סינע.

— נו, א כאָכמע... וואוהין האט ער מיך דען געקאָנט שיקן... אז אַף ווילקינס עווענױ איז נאך דער ערשטער שיכט פאַרב ניט אויסגעטריקנט געוואָרן... דו האסט עס דאך אים אליין איבערגעגעבן...

דעם לאָדזערס פעטער פּאָנים ווערט רויט, צונטערדיק. ער שרייט זיך פאַנאַנדער.

— וואָסי, דו גלויבסט מיר ניט? מיינסט אַוואַדע, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט. ווי?

— ווער זאגט דען... אָבער גלאַט: איך פאַרשטיי ניט, ווי איז עס מעגלעך, אַז אין מעשעך פון אַ גאַנצן מעסלעס, זאָל די פאַרב ניט אויסטריקענען, און נאָך אין אַזעלכע הייסע טעג...

דער לאָדזער קוקט אָף דזשעקן פון דער זייט, מיט סקאָסנע בליקן. ער איז פונדעסטוועגן ניט זיכער באַ זיך אין טעמפּן מויאַך, צי עס שטעקט אָפּטמאָל ניט קיין איראָנישער אומצוטרוי אין דזשעקס פראַגע.

— נו, כ׳ווייס וואָס... פון וואַנען זאָל איך וויסן... עפּשער האסטו געברויכט אַלטע פאַרב... אָדער אַלפּי־טאָעס די פאַרב ניט ריכטיק פאַרמישט... ס׳טרעפט אמאָל... אַז דיר האָט זיך דאָרט פאַרוואָלט דאַווקע אליין פאַרמישן די פאַרב... ס׳טרעפט אַמאָל, אַז מע מאַכט א טאָעס...

— יאָ, — שטימט איין דזשעק, — ס׳טרעפט אמאָל.

מער רעדט ער שוין קיין וואָרט ניט ארויס. דער לאָדזער קוקט אף אים אלץ פון דער זייט, פאַרדעכטיקט. ער דערפילט אַפּאָנים סאָפקאָלסאָף: יענער גלויבט אים קיין ווארט ניט. באַ־שליסט ער אים מיט עפּעס פאָרט איבערבעטן.

— הער זיך איין, דזשעק... וואָס מיר פאַלט איין... די פאַרב גייט שוין בא אונז אויס... כ׳האָב, ווייזט אויס, ווייניק צוגעגרייט... איז הער־זשע: אָן שטייט דאָרט אין ווינקל א טאָפּ מיט געדיכטער רויער צעקלאַפּטער אָליפע... און אָט דארט שטייט אַ גאַלאָן מיט אייל... טאָ נעם מאַך זי שיטערער... דו מעגסט זיך סאָפקאָלסאָף אליין אויסלערנען אויסצומישן פאַרב, דער רואַך זאל דיך נעמען... ארבעסט שוין לאַנג... ביסט שוין באַלד אַ מייסטער... און איך וועל אף א ווײַלע ארויס: מיר איז עפּעס אזוי הייס... כ׳וועל א קוק טאָן: עפּשער קאן מען נאָך איצט קריגן אף בראָדוויי א גלאָז ביר...

דזשעקס ליפּן שמייכלען נאָך קרום און ניט גוט דעם פּעטן פּאָס, וואס קייקלט זיך ארויס אין דרויסן אַרויס. אין האַרץ ברענט עפּעס, ברענט — ברענט ניט פון אָט דער מינוט אָן, נאר שוין פון לאַנג: ברענט שוין פון לאַנגע, לאַנגע טעג... ברענט אלץ און מוז זיך ענדלעך קילן. און מיטאַמאָל לויכטן אים אויף די אויגן.

מיט וואָקלענדיקע, שיקערע טריט לאָזט ער זיך גיין צום ווינקל. אף בלאַט־צייטונגען פאַרשפּרייטע שטייען עטלעכע פארב־

טעפּלעך, אייניקע פֿאַרפּעטסטע גאַלאָנען. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין פֿאַר אָט דעם געמיש פֿון קאַנען און קענדלעך. פֿונם גאַנצן געמיש קלייבט ער באַלד אויס צוויי גאַלאַנען — איינעם מיט אייל, דעם צווייטן — מיט גלאַזור. ער טאַפּט זיי אַ ווײַכע מיט ליבשאַפֿט אין די אויגן, מיט ניט-גוטן שמייכל אַף צעקרימטע ליפּן...

ער עפֿנט אויף דעם גאַלאָן מיט גלאַזור. נעמט גיסן די האַלב-דורכזיכטיקע געדיכט-קלעפּיקע פֿליסיקייט אין פֿאַרב-טאָפּ אַריין. מיט נעקאָמעדיקן שמייכל — נעקאָמע פֿון אַ שוואַכן און אין קלעם געהאַלטענעם — מישט ער נאָכאַנאַנד, מישט...

— ער'ט זיך שויך האָבן צו האַלטן... יאָ, ער וועט זיך שוין האָבן מיט וואָס צו קראַצן.

דערנאָך גייען אוועק גיך, איינע נאָך דער אַנדערער, די צווייטע און די דריטע אַשמוירעס פֿון דער קורצער זומער-נאַכט קימאַט אָן אַ וואָרט האָבן זיי איצט ביידע געאַרבעט: — אין דער שטילקייט פֿון גאַס, אין דער שטילקייט פֿון שטאָט, אין דער שטילקייט פֿון וועלט און פֿון אייביקע וועלטיקע געפֿילן אַרבעט זיך פֿלייסיק און גיך, — זיי האָבן, דוכט זיך, נאָך קוים באַוויזן אַרומצוקוקן זיך, ווי זיי האָבן שוין אָפּגעפּאַרבט די ווענט אַרום און אַרום. ווייסע, שמייענדיק-אַרומטאַנצנדיק איבער די לייטערס אין דער שטילער ליכטיקייט פֿון שלאָפֿנדיקן רעסטאָראַן, האָבן זיי אויסגעזען, ווי „דאַמאָחויקעס" אין אַ קליינשטעטלדיקער שיידים-מאַיסע.

ס'איז געוואָרן טאָג.

טאָג איז אויפֿגעגאַנגען מיט גערוישן, מיט יונגקייט, און מיט נאָך מער באַנייטער און געשטאַרקטער אַווגוסט-היץ.

אַרום אַכט אַזייגער האָבן זיי אָנידערגעלייגט די אַרבעט, אָנגעהויבן אַרומוואַשן די בלייך-אויסגעצויגענע פּענימער. פֿאַרן אַוועקגיין האָט דער לאָדזער אָנגעהויבן אָט דאָ, אָט דאָרט צולייגן אַ פֿינגער צו פֿאַרב אַף וואַנט.

— זע נאָר, ס'טריקנט עפּעס קיין ברעקל ניט... וואָס הייסט עס... האָסטו כאָטש אַריינגעטאָן גענוג טריקן-שטאָף?

— אַריינגעטאָן.

דער לאָדזער האָט געוואָרפֿן אומרואיקע בליקן צו די גאַ-לאָנען אין ווינקל.

— אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יאַנטעוו... מער וועט

מיר בא סלאפפין ניט פעלן... האָסטו ניט אַלפּי-טאָעס ארייגגעטאָן גלאָזור אנשטאָט אייל?

— די פאַרב האָסטו דאָך פאַרמישט.

— יאָ, איך זאָג דען... איך מיין... אָבער ווען דו האָסט שיטערער געמאַכט... ס'טרעפט זיך דאָך אמאָל, אז מע מאַכט אַ טאָעס...

— יאָ. ס'טרעפט.

אין דרויסן האָבן דזשעקן באַגעגנט זונטאָגדיק-ליידיקע ניו-יאָרקער גאַסן. גאַסן — שיטערע. אויסגעשלאָפענע פאַר דער גאַנ-צער וואָך, אָן קאָלנער און מיט פאַרקאָשערטע אַרבל איילן זיך בירגער אין די פריזירייען. אַפן וועג קויפט מען נומערן פון פרישע בייכיקע, הונדערט-זייטיקע באפאַרבטע און בילדער-באַ-שפרייגקלטע זונטיק-בלעטער, וואס שמעקן נאך מיט דרוקערייי-רייכעס. צו די סטאַנציעס פון לופט-באַן און אונטערגרונט-באַן הויבן שוין אָן איילן פאַרפוצטע פאָרלעך — צום האדסאָן, צום יאַם אַרויס.

און מיטאַמאָל דערמאָנט זיך דזשעק, אַז קלעיר האט אים נעכטן געזאָגט, — ווען זי האט געהערט פון אים, אַז ער קלייבט זיך אַרבעטן א גאַנצע נאַכט, — אַז זיי גרייטן זיך זונטיק גאַנץ פרי, א גאַנצע קאָמפּאַניע, אַף אן עקסקורסיע-רייזע אפן האדסאן... און ס'איז איר א גרויסער שאָד, וואס דזשעק וועט מיט זיי, קאנטיק, ניט קאנען מיטפאָרן...

דזשעק האט אויסגעשפּיגן. ער האט איצט מיד געפלאָנ-טערט מיט די פיס צו א נאָענטער לופט-באַן-סטאַנציע. אין מאטן מויעך האָט געלויכטן א קילער, שאָטנדיקער ווינקל אינם בראָנקס-פּאַרק, — א ווינקל א פאַרהוילענער, וואו ער וועט זיך אנידער-וואַרפן אונטער א בוים, אַוועקפאַלן דאָרט, ווי א געהאַרגעטער. און אָפּשלאָפן אזוי דעם גאַנצן הייסן און אויסגעמאַטערטן זונטיק-רו, אָפּשלאָפן, אָפּשלאָפן, אָפּשלאָפן...

פערטער קאַפּיטל.

א.

— דזשעק, טו אקארשט אָן אַנדער פאָר שיך...

— צוליב וואָס?

— דו וועסט זיך נאָך צעברעכן די פיס... אָט די שיך,

וואָס דו טראָגסט איצט, זיינען אַלטע און צעטראָסקעטע. זעסט ניט, אַז זיי האָבן אַפילע לעכער אין די פינגער?

דזשעק פאַרשטייט גוט, פאַרוואָס עס גייט אַזוי סלאָפּפּין אין לעבן. אַז ער זאָל אָנטאָן איצט אַן אַנדער פּאָר שיך. דאָס קלייבט מען זיך שוין היינט ווידער „אַרונטערנעמען" א פּאָדלאָגע— מע וועט דאַרפן, הייסט עס, שטיין אַ פּאָר שאָ נאָכאַנאַנד אין געדיכטער, קלעפּיקער נעץ, אין דעם שוימיקן געשטאַנק און עסי-קער בייסעניש פון דעם פּאָטאַש-געמיש מיט אַלערליי אַנדערע זויער-זאַלצן, מיט וועלכער מע אַרבעט באַם „אַרונטערנעמען" אַ פּאָדלאָגע.

און קיין פענסטער וועט מען נאָך בעשאָס מאיסע אויך ניט קענען עפענען—אין דרויסן איז איצט הייס. דאָס כעמישע גע-מישעכץ, וואָס איז פאַרשפּרייט אַפן דיל, קען נאָך צוליב דעם צוגיך אויסטריקענען, צוגיך אויסדאַמפן זיך, פון די אַריינבלאָזנ-דיקע הייסע ווינטלעך. און די שיכטן גלאַזור און שערלאַק אַפן דיל זיינען אַלטע און לאַנגאָניקע, באַלעבאַטיש-פולע און באַלע-באַטיש-פעסטע. מע וועט זי אַזוי אויך דאַרפן גאַנצע שאָענווייז ווייקן, שאָענווייז אַרומטאַנצן איבערן דיל אין דער בייסיקער נעץ, וואָס רייצט און רייסט אַזוי שטאַרק האַלז און נעזלעכער— און ווייקן, און ווייקן...

נאָר דזשעק רירט זיך ניט פון אָרט: ער ווייסט עפּעס פּאַר זיך... האָט ער דאָך שוין צייט איינציקע טעג אָנגענומען אַ ווילכטיקן באַשלוס. אַזאַ, וואָס ער טראָגט זיך אַרום מיט אים, ווי מיט אַ געהיימער קאָמייע—ווי מיט אַ געהיימען מאשקן אַף באַלדיקער, אַף זיכערער באַפרייאונג. און דאָס רינגלט אים אַרום מיט מאָדנער זיכערקייט און מאָדנער רואיקייט.

— ניין, איך וועל זיי ניט איבערבייטן.

— נו, געדענק זשע, אַז איך האָב דיך געוואָרנט... דו זאָלסט דערנאָך אָבער קיין טאַינעס ניט האָבן, אַז דו האָסט צע-ברענט די פיס אינם פּאָטאַש.

— זאָרגט זיך ניט... איכ'ל קיין טאַינעס ניט האָבן... איכ'ל זיי ניט צעברענען... איכ'ל סאַי-ווי ניט אַרבעטן אַפן „אַרונטער-נעמען".

— וו-אָ-אָ-ס?

סלאָפּפּי שטעלט אַף אים אָן אַ פּאָר שטעכנדיקע, פאַר-וואונדערט-אויפגערעגטע אויגן. ער בלייבט שטיין גאַפן מיט אַ

פאגאנדערגענומענעם מויל. צו אַזאַ לאָשן איז ער ניט געוואוינט געווען מיצאַד זיינעם אַן אַרבעטער. אים דוכט זיך דעריבער באַלד אויס, אַז ער האָט עפּעס דאָ ניט גוט, ניט ריכטיק איינגע-הערט.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

נאָר דזשעק שווייגט שוין. ער'ט עס טאָן ביסלעכווייז, ביס-לעכווייז... צו וואָס אַרויספּלאַצן מיט דעם מיט אמאָל? אינעווייניק באַ זיך וואַרימט דאָך אזוי דערדאָזיקער געהיימער, שוין אָנגענו-מענער באַשלוס. מער ניט: אויב שוין יאָ אַזוי, וועט ער זיך ניט כאַפּן... וועט ער זען פאַרלענגערן די האנאַע, ער וועט שוין אויך זען צו פאַרלענגערן סלאפּפּיס אגאניע אף אַ פּאָר טעג, פאַרציען זיין „באסישע" מאַטערניש... אך, ס'איז אזא גוואלדיקע האנאע אָנצוקוקן סלאפּפּיס פייער-שפּריצנדיקע אויגעלעך.

כאַזערט ער איבער נאָך אַמאָל, שטיל אַזוי און געלאַסן:

— פאַרוואָס זאָל איך טאָמיד טאָן דיזעלביקע אַרבעט?... זאָל עס אַמאָל טאָן אַן אַנדערער.

סלאפּפּי מאכט א פּאָר האַסטיקע טריט נעענטער צו אים, כאַפּט זיך ארויף אף אים, ווי א נאַכטשאָמרישער בולדאָג, וואָס רייסט זיך אַף עמיצן, אָבער איז פונדעסטוועגן אף א קייט.

— הער נאָר דו, פּאַסקודניאַק... שמירער דו קלאָגעדיקער... וואָס זיינען דאָס פאַר א ווערטער, האַ? וואָס מיינסטו דיך עפּעס, וואָס? גאד דעם איט 1) נעם זיך בעסער גלייך...

נאָר דזשעקס געדולד איז איצט אומגעהויער, די געדולד פון א מענטשן א פעסטן און זיכערן באַ זיך וועגן דעם ענדלעכן אויסקום פון דער פּאַרטראַכטער זאַך. איצט, פילט ער, איז ער דער באַלעבאָס פון דער לאגע, נאָך רואיקער און נאָך געלאַסע-נער ענטפערט ער:

— מר. סלאפּפּי... איך מיין, אנטשולדיקט, מר. פאסטער... אַז איר וועט זאָגן נאָך אט א וואָרט אַזאַ, גיב איך א שפּיי אַף אייך און אייער ארבעט, און גיי גלייך אַוועק...

סלאפּפּי בלייבט דעמאָלט שטיין נאָך א מער בלייכער און אַ מער גאפנדיקער פון אָט אַזאַ מין אומדערוואַרטן באנעמען זיך האָט אים, ווייזט אויס, ניט אנדערש ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער האָט מוירע צו פאַרבלייבן דאָ לענגער א ביסל, — ער ציטערט

1) גאָט פארדאמט (א קלאָלע).

אַזש אײנגאַנצן און האָט עפּעס מוירע אי פאַר זיך, אי פאַר דזשעקן, װעלכער רירט זיך ניט פון אָרט, קוקט אַף אים גלײך, מיט אָפענע, אַקשאָנעסדיקע, אָבער רואיקע בליקן, באַלד פאַר-קערעװעט זיך סלאפּפּי, אָן א װאָרט, לאָזט אַרונטער דעם עק צװישן די פיס, און לױפט אַרױס פון צימער.

אין דרױסן שטײען איצט גאָלדענע און ליכטיקע טעג,—די פּראַכטיקסטע צײט פון יאָר אין צאָפן-אַמעריקע, דער כוידעש אָקטיאבר: דער אינדיאַנישער זומער. װײטן און ברײטן, טױזנט-מײליקע װײטן און ברײטן, באַרגיקע און טאָליקע, פײערן איצט איבערן לאַנד דעם יאָנטעװ פון פולקײט, דעם יאָנטעװ פון זעט. אין דער זוניק-לױטערער לופט ציטערן איצט נאָכאנאנד די שאַר-לעך-רױטע און זאַטע געזאַנגען פונם אינדיאַנישן זומער.

די פאַרבער אַרבעטן איצט אין א רײכן אפּאַרטאַמענט-הױז אַף ריװערסײד [1]). איצט איז די צײט, װען מע הױבט אָן מאַכן די יערלעכע רעמאנטן אין אָט די רײכע און לוקסוסדיקע װאױ-נונגען, װאָס אין די פּאַלאַצן פאַזע דער לענג פונם מיזרעכדיקן האדסאָן-ברעג. זײערע אײנװאױנער זײנען איצט אין דער הײם ניטאָ—זײ האָבן זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון זײער זומער-װאױ-נונג באַם יאַם, אַף די אַריסטאָקראַטישע באָד-פּלעצער, װאָס אין „נאָרט-שאָר” און אין „רײ-ביטש”, פון די פישער-דערפער אינם שטאַט מײן, פון די זומער-פּלעצער אַף די װײסע בערג פון שטאַט ניו-העמפּשאיר, אין די גרינע בערג פון שטאַט װערמאָנט... און האָבן זיך באַלד אװעקגעלאָזן אַף זײער יערלעכע האַרבסטיקע נעסיע קײן אײראָפּע,—צו די גאָלדענע ריװיעראַס באַם מיטלענדישן יאַם, אין מאנאקא צו די רולעטן-פּלעצער, צו די װײסע פױגל-װילעס, װאָס אין ני-צע,—קײן אַלזשיר, קײן מיצראַים, קײן קאַפּרי...

די מירמלנע הײזער און פּאַלאַצן זײערע שטײען איצט לײדיק און קיל אַפן ברעג האדסאָן, אַף דער פינפטער עװעניו און אַף דער גאַנצער װעסט-סײד [2])—יאָנטעװדיק-לײדיקע הײזער פון אײביקן לײדיק-גײערישן יאָנטעװ.

פאָרען זיך דאָרט די פאַרבער איצט און באַנײען זײ די-דאָזיקע װאױנונגען, און פרישן זײ אָפּ.

באַ די פאַרבער איז איצט—אין אָט די גאָלדענע כאַדאָשים

1) די רײכסטע עװעניו אפן האדסאָן-ברעג.

2) דער רײכערער מאַירעװ-טײל פון ניו-יאָרק.

פונם אינדיאַנישן זומער—די סאַמע ברענענדיקסטע מיט פון זייער סעזאָן. מע ארבעט איבערשטונדן, מע אַרבעט שאבאָסים, מע אַרבעט זונטיקס.

אַרויסלויפנדיק פון צימער, טראַכט סלאַפּפּי, אַז דעריבער איז עס אַזוי דזשעק באַ זיך אומאָפּהענגיק, ווייל ער ווייסט, אַז איצט איז די סעזאָן-צייט; יעדער ארבעטער איז איצט מיט גאָלד גליַיך. נאָר נישקאָשע...

— וואַרט... ער'ט זיך מיט אים אָפּרעכענען... נאָך א וואָך, נאָך אַ פּאָר וואָכן.

ער מאַכט אָבער א טאָעס אין כעשבן. דזשעק ווייסט שוין באַ זיך, אַז אַזוי לאַנג וועט ער דאָ סאַי-ווי ניט ארבעטן. ניט נאָר יעדער טאָג, נאָר מאַמעש יעדע שאָ, וואָס ער אַרבעט איצט, איז פאר אים א מאַטערניש. ער שטייט איצט באַם פענסטער פון דער רייכער וואוינונג, און מיט א קליינעם קיילעכדיקן פענזל באַדעקט ער מיט גלאַנצנדיקן עמאַל—ווי מיט צעשמאָלצענעם העל-פאַנט-ביין—די ווייס-געפאַרבטע פענסטער-ראַמען. נאָר די אַרבעט מיטן געדיכטן קלעפּיקן עמאַל ציט זיך אזוי שווער און דרעמל-דיק פונקט ווי שווער און דרעמלדיק עס לויכט דער גאָלדיק-זאטער טאָג אין דרויסן דורכן פענסטער, עס ציט אַזוי אַהין, אין דרויסן, עס ציט אזוי שטארק...

דורך די געראַמע און ווייט פאנאנדערגעוואָרפענע פענ-סטער, פונקט אנטקעגן, טונקלען זיך אין דער קלאָרער אָקטיאבער-לופט די שווערע, אייביק-רויקע און אייביק-בעקאָוועדיקע פּאָ-ליסאַדן פון ניו-דזשוירסי. דער האדסאָן-טייך ליגט צעשפּרייט מיט אַזאַ ראכוועס, מיט אזא מאלכוסדיקער פּראַכט. פּלייצט מיט אַזאַ איינגעהאלטענעם, לאנגזאמען, בלישטשענדיקן גאדלעס...

גרויסע, ליכטיקע און ווייסע עקסקורסיע-דאַמפערס, אָנגע-לאָדענע מיט יאָנטעוודיקע, מיט ווייסע פּאסאזשירן, ציען זיך אַרויף צו פאזע די גאָלדענע בארגיקע ברעגן פונם האדסאָן, פאר-ביי די ווייסע, מירמלנע ווילעס, וואָס הענגען אַף די פעלזן—פאַרבארגענישן צווישן דעם געדיכטן בארגוואלד—גרויסע, ווייסע פליגל, וואָס זיינען שמאכטענדיק פארגליווערט געוואָרן אין דער גאָלדן-לויטערער לופט פון צאפּנדיקן פרי-האַרבסט. שוין טעג און טעג, ווי עס האָט אזוי שטאַרק געצויגן אינם ליכטיקן דרויסן אַרויס. אונטער די טיף-בלויע הימלען פון אָט די טעג איז שוין אַליין געווען איצט אזא הויכע פרייד.

אין די כאדאָרים, וואו דזשעק אַרבעט איצט,—אַף יעדן שריט, אַף יעדן שריט איז אָנגעהויפּט אַשירעס קיינמאָל געזעענע. יעדער ווינקל איז אָנגעשטעלט מיטן טייערסטן מעבל, מיטן רייכסטן בריק-א-בראק. יעדער שטיק דיל איז פארצויגן מיט קאָליר פולסטע דיוואנען און אריענטאלישע טעפּיכן. יעדער ווינ-קעלע איז אָנגעשטעלט מיט אלערליי קונסט-קליינקייטן, מיט טייערסטע כ׳פייצים... און גאָרניט איז פארפאקט, גאָרניט איז פאַרשלאָסן—אַף טישן אין גרויסע עס-זאַלן זיינען נאָך געבליבן ליגן געעפנטע שאכטעלעך שאקאלאד, טיי-געבעקסן, ניס, טייטלען, וואזעס מיט מאראנצן, קערב מיט פרישע „סקוקאם-עפּל״... ס׳האָט געמאַכט דעריבער דעם איינדרוק:

די מענטשן דאָ אין הויז האָבן מיטאַמאָל, גאר אָן שום פארברייטונגען, אין מיטן דערינען, באַם פרימאָרגנדיקן קאווע-טרינקען א געניץ געטאָן, אויסגעצויגן די פארלעגענע, פאַרשלאָ-פענע גלידער און האָבן זיך איינס צום אַנדערן אָפּגערופן:

— איר ווייסט גאָר וואָס... טעג זיינען איצט נאָך לויטערע און גאָלדענע... לאָמיר גאָר אַ פאָר טאָן קיין... קיין!... הא? קיין אלזשיר, זאָגט איר? לאָז זיין קיין אַלזשיר!

און אין דעמזעלביקן טאָג האָבן זיי שוין דורכן טעלעפאָן באַזאָרגט ערטער פאר זיך אף א לוקסוס-אקרענט, האָבן איבער-געלאָזן דאָס הויז ווי ס׳איז אין איילעניש, איבערגעגעבן די שליס-לען דעם אויפזעער און אף מאָרגן שוין אָפּגעשוואומען.

ב.

דזשעקן איז וואָס א טאָג אַלץ שווערער געוואָרן דאָס אר-בעטן, און געפילט האָט ער וואָס א טאָג אַלץ זיכערער, אַז ניט היינט—מאָרגן וואַרפט ער אַוועק אין מיטן די אַרבעט. כאָטש ער האָט פונדעסטוועגן אין דערזעלבער צייט געוואַרט אויך אף אן אנדער מעגלעכקייט.

יעדער יאָר אַרום אָט דער צייט ווערט דורך דער יוניאָן דערקלערט א גענעראַל-שטרייק, א שטרייק אַ פאָרמעלער בלויז, אַ שטרייק, וועלכער ציט זיך בעסאכאקל עטלעכע טעג, אָדער העכסטנס א וואָך, ביז וואנען יעדער באס באנייט זיין יערלעכן קאנטראקט מיט דער יוניאן. נו, מיילע, וועט ער שוין עפּשער צוואוואַרטן די פאָר טעג ביזן שטרייק...

נאָר היינט באטאָג איז אָט די האָפענונג זיינע צערונען געװאָרן.

באטאָג האָבן זיי זיך אַלע צעלייגט אַפן געוועקסטן דיל פונם עס-זאַל, אַרויסגענומען יעדער זיין זעקל צובייסן און זיין פלאש קאלטע טיי אָדער קאווע, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגע-בראַכט. אין פינף—צען מינוט זיינען זיי פארטיק געוואָרן מיטן איבערבייסן, זיך אויסגעצויגן אַפן הארטן דיל, אין ווארימער מיטאָג-שאָ געפרואווט כאפן א דרעמל, נאָר מוירע געהאט איינ-שלאָפן: טאָמער שלאָפן זיי אריין ביז נאָך איינס אַזייגער, און סלאפפי קומט מיט אַמאָל אריין... האָט איינער דעם צווייטן אינ-סטינקטיוו געמינטערט און געהאַלטן וואכעדיק מיט שטיקלעך ניט געבונדענעם, גלאט אין דער וועלט אריין געשפרעך:

— הייסט עס, בעני, אַז היאָר האָבן מיר קיין שטרייק ניט...

— פעלט דיר אויס אַסאַך, טשאַרלי...

— איינגאַנצן איז עס דאָך אַן אָנשטעל... אַ קעגנזייטיק אָפנאַרעניש!.. וואָס דען, ניין, דזשעק?

— אייגנטלעך—נאַרט זיך דאָך באַ דעם קיין איין צאַד פון זיי ניט אָפ... אָפנאַרן נאַרן מיר זיך בלויז אָפּ... וואָס זאָגסטו, טשאַרלי?

און באַלד—אַ כראפען, אַן איילי‌קער, אומרואיקער, פערדי-שער דרעמל. און אַ פלוצלונגדיקער כאַפּ-אויף:

— האַ? הענרי, וואו האַלט עס? ניטאָ נאָך קיין איינס אַזייגער?

— גיב נאָר א קוק אַפן זייגער...

— גיב דו א קוק...

— באַ מיר איז דאָ נאָך 15 מינוט... און באַ דיר?

— נאָך 10—באַ מיר...

— באַ מיר—נאָך 17...

— וואַרף אַוועק דיין זייגער, טיפּעש איינער...

— אַ שטרייקברעכערשער זייגער...

מע בארואיקט זיך איינס דאָס אנדערע, מע גיט זיך צו קוראַזש.

— ע, האָט קיין מוירע ניט, כעוורע! סלאפפי איז היינט צופיל פאַרנומען —

— ער׳ט סאַי-ווי-סאַי ניט קומען אַהער...

— אַ זאָרג האָט ער... די יוניאָן גיט שוין אַכטונג פאַר אים...

— יאַד־אַכאַס ביי זיי...

— מע האָט זיך אַוואַדע צונויפגערעדט, די יוניאן אָרגאַניזאַטאָרן מיט דער באסעס—אסאסיאיישאן [1], אַז היינטיקס יאָר לוינט ניט פאַר קיין צאַד, ניט פאַר די באָסעס און ניט פאַר די יוניאָן־באַאַמטע, צו דערקלערן דעם שטרייק...

דער לאַדזער האָט אויך צוגערוקט זיין פעטן, ווייבערשן גוף אין רעדל אַריין. צווישן די אַרבעטער—וויל ער זיך אַרויסווייזן אויך ווי איינער פון זיי, אַף זייער צאַד. הויבט ער אָן — מיר—ניט, דיר—ניט, מיט אַמאָל אָפּלאכן פון סלאפפי׳ן:

— אָי, ברידער, אַז אָך און ווייי איז צו אונז, אַז סלאפפי דאַרף שוין זיין אונזער באָס... אַמעריקע—אַ לאַנד, און סלאפפי — אַ באָס־פאַרבער. אי, א בראָך אַף קאלומבוסעס מעדינע... מר. פאסטער... כא־כא... ס׳איז ניטאָ ווער זאָל לאַכן... כעוורע, איר ווייסט גאָר ניט, ווי זיין עמעסער נאָמען איז?

— ווי?

— ווי?

— ווי?

— פאסטערנאַק... האָט ער גענומען און פון דעמדאָזיקן עכט אידישן נאָמען צוגעשניטן אזא עכט ענגלישן נאָמען: פאַסטער... וואָס איז נאָר ניט מעגלעך אין קאָלומבעסעס מעדינע.

און סאָפּקאָלסאָף איז גיוועוער די מידקייט פון אָנגעהאַרעוועטע אייוורים, איז גיוועוער די ווארימקייט פון דער סיעסטע [2] שא, און שוין האַרט צו איינס דעם זייגער, איינער נאָכן אַנדערן, ווערט מען אַנדרימלט.

מע פילט ניט, מע ווייסט ניט, ווי לאַנג מע איז אַזוי אָפּגעשלאָפן. נעזער כראָפּען, פייפן, שנאָרכן.

נאָר אין מיטן פון א לאנגן שנאָרך כאפּט זיך איינער אן ארבעטער אויף אין שרעק,—דערפאַר עפּשער, וואָס דער שנאָרך איז געווען א צו לאנגער, אַ פייפנדיקער און אן אומגעוויינלעכער, און האָט זיך צופיל פארצויגן.

— כעוורע, ס׳האָט שוין געפייפט...

— האַ, וואָס?..

1) פאַרבאנד פון ארבעטס־געבער.

2) אָפּרו־שאָ נאָך מיטאָג.

— האַ, געפּייפּט?

— ניין, ווייס איך וואָס, דאָס איז גאָר אַ דאַמפּער... פאַר־בייגעפאָרן...

— וואָס כאַלעמט זיך דיר... ס׳איז בעסאַכאַקל ערשט דריי מינוט זינט מיר זיינען איינגעשלאָפן...

— אָן עק, נו... טאַינעט ניט... גיט עמיצער אַ קוק וויפל איז דער זייגער...

— גיב דו אַ קוק וויפל איז דער זייגער...

— גיב דו אַ קוק...

— גיב דו...

מידע הענט פאַרען זיך פויל אין די קעשענעס, אונטער די אַרבעטס־בלוזעס זוכן די זייגערס.

און מיט אַמאָל:

— אוי!

אַלע שפּרינגען אויף.

— ס׳איז דאָך אַ פערטל נאָך איינס...

און מע צעלויפט זיך אין איילעניש, יעדער אויף זיין אָרט.

און דערנאָך ציט זיך אַ לאַנגער—לאַנגער נאָכמיטאָג. ס׳הערט זיך, ווי דער לויטערער נאָכמיטאָג שאַלט און יובלט דרויסן מיט גאָלדענע הערנער.

אַ בענקעניש און אַ נאָגעניש נאָכן גאָלדיק דרויסן האָט אַפּאָנים איצט אַלעמען אַרומגעכאַפּט... ס׳הערט זיך פונם צווייטן צימער, ווי דער לאַדזער רעדט עפּעס, דערציילט עפּעס עמיצן — און זיין שטים איז פּאַשעט ניט צו דערקענען: ווייכער איז זי, באַהאַרצטער איז זי, וואַרימער און צוגעלאָזטער...

— באַ אונז, אין דער אַלטער היים, איז אַוואַדע איצט סו־קעס־צייט... איצט באַ אונז אין לאָדז... אין אַזאַ טאָג גייט מען אַרויס שפּאַצירן אויף דער פּעטריקאָווער גאַס... גאַסן זיינען שע־נער, און מויערן פאַרשטויבטע ווערן אָפּגעפרישט איצט... צי מען גייט איצט פאַרביי און מע באַטראַכט אָט אַזאַ מין פּאַלאַצל, לעמאָשל, ווי פאַנאַנסקעס שטוב... מיטן גרויסן סאָד אַרום...

קלאַפּ. קוואַטש. גוואַדזש. אין צווייטן צימער שמירן און פּאַליושקען פון עפּעס אָן איינגעגעסענער פליסיקייט איבער דער

פאָדלאגע, און ווידער—א באַנייט זשורטשען פון א צעוואַרימטער און בענקענדיק-פאַרשלאפענער שטים:

— און באנאכט... בא אונז אין באלוט, וואו איך האָב פון קינדהייט אָן געוואוינט, איז איצט שוין אוואדע קיל אין די נעכט... אידענעס און קליינע קינדער זיצן שוין ניט מער, ווי אין די זומער-אָוונטן, אַף אלע טראָטואַרן האַלב-נאַקעטע, האלב-אויסגעטאָנענע, און קילן הייסע באָרוויסע פיס אין דעם מוטנעם וואסער פון די פאַרביילויפנדיקע רינשטאָקן. אַפן מארק שפּרינגען ארום ציגן, כאַפּן אויף מיט די טרייסלענדיקע בערדלעך די פאַר-בליבענע שטרויעלעך פונם יאַריד-טאָג. און בא אונז אין שטוב איז שטיל איצט... דער טאטע איז אוועקגעפאָרן אַף די צווייטע טעג יאָנטעוו, דאָ דאנעבן, אין אלעקסאנדער צום רעבן... די מאַמע איז אוועק פון הויז אין שטיבל אריין... און בא אונז אין שטוב איז איצטער קיינער ניטאָ — בלויז איך און אונזער דינסט, די בלאָנדע פוילישע שיקסע... און אין דער קיל, אין אָוונט, קנייפּט זיך אַזוי געשמאַק אירע ציצן...

דזשעק ארבעט איצט איבערגוואלט. ער שטייט איצט מיט א קליין טעפּעלע קרישטאַל-גלאַזור אין האנט פאַר א ליכטיקן דעמבענעם ביכער-שראַנק, א שראנק אַן אָנגעפּראָפּטן מיט ציכ-טיקע היפּשע בענדער, וואס זיינען סטאטעטשנע און שטייף אוועקגעשטעלט הינטער דער קלאָרקייט פון בלאַנקענדיקע שויבן.

קענטיק, נאָך קיינמאָל ניט גערירטע ביכער. ער שלעפּט ארויס פון דאָרטן איינעם א בוך מיט א באקאנטער אויפשריפט אַפן רוקן: טאָראָס פרישער וואַלד-בוך, „וואלדען-פאונד”.

דער ריינער לעדערנער איינבונד, מיט די גאָלד געקריצטע אויסגעשטעמפּלטע אויסיעס פאַסן זיך אזוי ווייניק צום פרישן, פּאָשעטן און ריינעם אינהאַלט פון בוך. נאָר דזשעק קאָן זיך פונדעסטוועגן איצט ניט אָפּרייסן פון אים, פונם דאָזיקן נאָענטן בוך, כאָטש ער האט אים שוין אזוי פיל מאָל געלייענט — שטעלט ער אנידער אַפן פענסטער-שוועל דאס טעפּעלע גלאזור און פאַר-טיפט זיך אינם בוך. א דאַיגע אים.

און לייענענדיק דעם בוך פונם וואונדערלעכן ענגלישן „פאסאָליע-פילאָזאָף” 1) פילט ער, ווי ער אליין, דזשעק, וואָלט

---

*) אַזוי האָט מען טאָראָן גערופן דערפאַר, וואָס ער האָט געפּרידיקט, אז יעדער מענטש קאָן לעבן אַפן איינפאַכסטן אויפן אין שטילקייט און אין ריינ-

זיך איצט אויך געבאָדן אינם קאַלטן און קלאָרן וואסער פונם וואַלדן=סטאוו, ווי ער אליין וואלט איצט טעג גאנצע געלעגן אין דעם אור-וואַלד און זיך שטיל-צוגעהערט און פאַרנומען מיט יעדן פריש=אויפגעוואַכטן אייוועד זיינעם יעדן וואַלד-שאָרך, יעדן גע-רויש און געזאַנג פון יעדן באַזונדער פויגל, און געוואוסט דעם באַדייט פון יעדן שאָרך, פון יעדן אינזעקט...

— אהא, איז אָט מיט וואס פאר א מעלאָכע, סטודענט מיינער, דו פאַרנעמסט זיך עס באַ מיר אף דער ארבעט... ביכער לייענסט דו, ביכער... מיין לייב פרעסטו באַ מיר אויף און ביסט נאָך בא מיר גוואַלדיק אומאָפּהענגיק?

נאָר דזשעק קערט זיך אפילע ניט אום. אָהאָ, ווי ער ווייסט, ווער איז דאָרטן... אָהאָ, ווי גרינג ער דערקענט דעם הייזעריק-גרילצעדיקן קאָל. נאָר אז ער שטייט אלץ אזוי רואיק מיטן בוך אין האנט, קאָן זיך שוין סלאפפי מער ניט איינהאלטן. מיט א קאָל, וואס שטיקט אין האלז און ווערגט זיך, רייסט זיך אַזש איבער פון העכסטער אויפגערעגטקייט, שיפעט ער ארויס:

—קומסט אקארשט אַהערצו... שוין זאלסטו מיר גיין אהין... אין עקסטן שלאָף-צימער... שטעל זיך גלייך... ארונטערנעמען דעם דיל...

ערשט איצט קערט זיך דזשעק אום צו אים. ער שמייכלט צו אים פאַראכטלעך גלייך אין פּאָנים אַריין. און אָן א ווארט מיט גאַליקן און פארבאהאלטענעם שמייכל, לאזט ער זיך גיין נאָך סלאפפין. אז זיי שטעלן זיך אָפּ בא דער אָפענער טיר פון שלאָף-צימער, זעט ער:

איבערן דיל איז געדיכט אָנגעשמירט א געמישעכץ אזא פון שאַרפע כעמישע שטאָפן — פון אויסעסנדיק-שאַרפן פּאָטאַש, פון וואַש=סאָדע און אזוי ווייטער. די געמישעכץ ווערט ארויפ-געלייגט אַפן דיל מיט קורצע, אויסגעפּליקטע בערשטלעך, — די דאָזיקע געמישעכץ איז אַזוי שארף, אז עס ברענט אויס די האָר פון די בערשטלעך גאר אין א קורצער צייט, פונקט ווי עס ברענט זיך ארונטער דער גלאזור=צודעק פון דיל, די שיך אף די פיס פון די ארבעטער, צעברענט די הענט זייערע, וואס ווערן נאָך א טאג פון אָט אזא ארבעט צעשפּאלטן און דורכגעגעסן, און זיינען בא זיי איצט אויך ארומגעבונדן מיט אלערליי שמאַטקעס. אז א פרישע

קיט פון וועלדער זיך שפּייזנדיק בלויז מיט פּאַסאָליעס, וועלכע ער אַליין קאָן פאַרפלאנצן און אזוי זיך האָדעווען.

נאָז פּרואווט אריינשמעקן אין אָט אזא צימער, הויבט זי גלייך אָן צו ניסן פון דער בײסנדיקער שארפקייט, וואס טראגט זיך פון דעם עסנדיקן כעמישן געמיש.

די ארבעטער קריכן ארום אַף די קני אין אויסגענעצטע און אויסגעווייקטע ארבעטס קליידער און מיט שארפע מעסערלעך קראצן זיי און רייסן ארונטער דעם גלאזור פון יענע פאַרהאַר-טעוועטע ערטער און יענע ווינקלעך, אַף וועלכע דער פּאָטאַש-געמיש האט קיין ווירקונג ניט געהאט.

די פינגער ווערן באַ זיי געשוואָלן פון דער פליסיקייט, וואס עסט זיך אין זיי אריין, — ווי פון לאַנגאָניקן רעוומאטיזם.

דער לאַדזער שטייט אין מיטן — ער פירט עס אָן מיט דער ארבעט. ער זעט, אַז דער אויסגעשפּרייטער פּאָטאַש זאָל צולאנג ניט בלייבן ליגן אַף איין ארט, קעדיי עס זאָלן ניט אויסגעברענט ווערן קיין גריבער אין דיל, צי אַף די זייטיקע לייסטן. אַז ער דעריזעט דזשעקן, גיסט זיך אויס אַ געדיכטע זיסע האנאָע אַף זיין קײלעכדיקן קירבעס-געזיכט.

— נו, ארײַן אין קאָן, גיכער... אט אזוי...אָ, אָט אזוי האב איך ליב... דו'סט כאַפּן אַ ווארימע באָד...

נאָר דא קערט זיך דזשעק רואיק אום צו סלאפּפּי'ן:

— ניין, איך וועל אַט די ארבעט ניט טאָן... סיידן איר'ט געבן מיר אַ פּאָר לעדערנע הענטשיקעס.

— וו-א-א-ס ?

דזשעק גליט אינגאַנצן אינעווייניק באַם אָנבליקן פון דער קאַעסדיקער בליבקייט, וואס צעשפּרייט זיך באַלד איבער סלאַפּפּי'ס גאַנצן געזיכט. ס'פילט זיך שטארק, ווי די לופט ארום יענעם ציטערט אזש, און ווי די פינגער פון זיינע הענט ווערן אויפגע-קרעמפּט אין פויסטן און ברעכן זיך אַזש פון שטייפער אָנגע-שטרענגטקייט.

נאָר דזשעק זעצט פּאָר זיינע רייד — שטיל, רואיק און גע-לאַסן זעצט ער פּאָר:

— און ביכלאַל... ביכלאַל מר. פּאָסטער, — ער גיט אים אַ וואונק מיט אַ פינגער, ער זאָל אביסל אָפּגיין מיט אים אָן אַ זייט. ער האָט, הייסט עס, נויטיק אָן אייגענעם און אַ היימישן שמועס מיט אים — ביכלאַל, מר. פּאָסטער, וואלט שוין לאַנג גע-ווען אַ יושער, אַז איר זאָלט מיר העכערן די סכירעס. איר ווייסט דאך, אַז איך טו אַ מעכאַניקערס ארבעט... וויפל-זשע אין

דערעמעסן איז דער שיר, אז איר זאָלט יעדע וואך ארונטער־לאָזן זיך אין קעשענע מיינס א צענערל?

נאָר סלאפפי רירט זיך ניט פון אָרט — ער שטייט שטום, געליימט, א פארגליווערטער זייל פון בלייכע הויט און ביין. די אַרבעטער זיינען געבליבן ליגן אויסגעשטרעקט אין דער נעץ, אַף דער פאָדלאָגע, מיט אָפענע, גאפנדיקע מיילער. יעדער איין אָט דער פאָזע, אין וועלכער עס האט זיי געטראָפן דזשעקס רייד — געטראָפן זיי ווי מיט א דונער.

אין דזשעקן האט זיך איצט אינעווייניק אלץ געשמאָלצן, געשמאָלצן פון בייזן נאַכעס, פון אָפרייניקנדיקער פרייד, פון ענד־לעכער באַפרייאונג... געשראָקן האט ער זיך פונדעסטוועגן אין אָט דער רעגע, אז טאָמער פלאצט סלאפפי פאָרט ארויס מיט א האַסקאָמע אף א לוין־העכערונג — א קאַשע אף א מאַיסע! ס'איז סעזאָן־צייט, און ארבעטער זיינען איצט ניט בענימצע...

נאָר סלאפפי האט גאָרניט ניט געזאָגט — ער האט בלויז געקוקט אף אים מיט בלייכער דערשטוינונג און צעמישטקייט. און דזשעק האָט זיך אלץ געקילט דאס הארץ, געקילט פאַר לאַנ־גער, לאַנגער צייט פון אונטערדריקונג, פון יעסורים און באַ־ליידיקונג.

— און ווארט... מיר דאַכט, מר. סלאפפי, אז ביכלאל ווילט זיך מיר מער ניט אַרבעטן בא אזא גראָבן יונג, ווי איר... בא אזא וואנץ־באלעבאָס... און אויב איר וועט מיר גלייך אָפּצאָלן פאַר די פאָר טעג פון היינטיקער וואָך, וואָס קומט מיר, איז בא מיר רעכט, אז איך זאָל מער שוין אייער מיעסן פאַרצעף ניט אָנ־קוקן...

ג.

עס האָבן זיך דעמאָלט אנגעהויבן פאַר דזשעקן א ריי ליי־דיקגייערשע, יאָנטעוודיקע טעג.

טעג זיינען שוין פאַר אים דעמאָלט געווען יאָנטעוודיק — גרינג כאָטש דערפאַר אַליין, וואָס זיי זיינען געווען אָנגעפילט מיט א שוין לאנג, לאנג ניט געאַנטער, גרינגער ליידיקגייעריש־קייט און זאָרגלאָזיקייט, — אומגעווייגלעך פרייע, א י ג ע נ ע טעג זיינען עס געווען.

אין ליכטיק און לויטער זיינען זיי אלע געווען אָט די טעג, אָנגעצילעוועט אַף אַן אומגעזעענעם פאָדים פון זיידענעם שפינ־

וועבס — אָפּן ליכטיקן שפּינוועבס-פֿאָדים פֿונם גאָלדענעם צאָפּן-אַמעריקאַנישן האַרבסט.

געלט האָט ער נאָך געהאַט אַביסל — אָפּגעשפּאָרט פֿון דער פֿלייסיקער אַרבעט פֿון ערשטע עטלעכע סעזאָן-וואָכן. ער האָט געוואָלט זיין פֿרייקייט פֿאַרלענגערן און פֿאַרציען וואָס מער, איז ער דעריבער געווען אויסגערעכנט מיט א סענט, קאַרגלעך אַפּילע.

יעדן טאָג פֿלעגט ער אויפֿשטיין פֿרי, ווי געוויינלעך, און פֿלעגט אַוועקגיין פֿון הויז: מע זאָל ניט פֿאַרדעכטיקן אַז ער גייט ניט צו דער אַרבעט אין אָט אַזעלכע סעזאָן-טעג.

ער פֿלעגט איינקויפֿן א שטיק וואורשט, א פּאָר עפּל, — די ערשטע סעזאָן-עפּל, וואָס זיינען נאָך וואָלוול, שמעקנדיק און פֿריש, — און א פֿונט ברויט. מיטן פּאַפּירענעם זעקעלע מיט די שפּייז-פּראָדוקטן אין איין האַנט, און מיט א בוך אין דער צווייטער — פֿלעגט ער אוועקפֿאָרן אַף א טאָג א גאַנצן אין בראָנקס-פּאַרק.

רויט, שאַרלעך, פּורפּור, גאָלדיק און אַלערליי פֿאַרביק זיינען געווען די בלעטער, די קוסטעס און די געוויקסן אין אָט דער צייט, — און אַן אומגעוויינלעכע ליכטיקע און פֿאַרביקע פֿרייד זיינען זיי געווען פֿאַר די אויגן און פֿאַרן געמיט. ער פֿלעגט אָפּליגן אַזוי טעג גאַנצע אָפּן גראָזיקן ברעג פֿונם בראָנקס-טייך, צווישן די געדיכטע אוראַלטע ביימער, וואָס זיינען אין אָט די טעג געווען אויסגעפּוצט אין די הערלעכסטע אָנטאָן זייערע — אויסגעפּוצט פֿאַרן יערלעכן יאָנטעוו פֿון אָט דער צייט. דורך די דורכלויכטן פֿון די ביימער פֿלעגט זיך זען, ווי אָפּן טייך פֿלעגן זיך אַלע ווײַלע פֿאַרבייגליטשן שיפֿלעך מיט יונגע פּאָרלעך, יונגע מענטשן אין ליכטיקע אָנצוגן און אין ליכטיקע קאָפּטלעך און באַצירטע מיט ליכטיקע הערצער. דזשעקס יונג האַרץ איז אַזוי אויסגעגאַנגען צו זיי, צו אָט די פֿאַרביישווימענדיקע פּאָרלעך אין די שיפֿלעך. נאָר ער האָט זיך געמוזט איינהאַלטן, ניט אויסגעבן קיין געלט אַף שיפֿלעך, זיין שפּאָרעוודיק. צען סענט אַ טאָג אַף רייזע-שפּייזן מיטן לופֿט-באַן צום בראָנקס פּאַרק און צוריק — דאָס איז געווען איבערגענוג פֿאַר זיין קעשענע.

אָבער וועד האָט עס אים געקאָנט פֿאַרווערן צונויפֿקלייבן אַרום זיך, מיט אַן אייגנאַרטיק שמוצערן פֿון די ליפּן, וואָס ער

האט גוט געוואוסט, א מאַכנע א גאַנצע גרויהאָריקע וועוריקעס און טיילן זיי ברעקלעך און שטיקלעך פון זיין ברויט?

זיי פלעגן זיך אויסשטעלן ארום אים, אָט די פלינקע כאיע-לעך, אַף די הינטערשטע פיסעלעך און מיט די גיך-גיך קלאַפּנ-דיקע הערצלעך, און מיט די קליינינקע אומרואיק-ארומלויפנדיקע פערל-אויגעלעך פלעגן זיי אויסקוקן און אויסוואַרטן אַף יעדער האַנט-באַוועגונג זיינער, אַף יעדן אויג-צאַפּל זיינעם, אַף יעדן מענטשלעכן ציטער זיינעם.

אַף אט דעם טאַינעג פלעגט ער זיך שוין אמאָל יאָ דער-לויבן אויסגעבן פינף סענט, קויפן א שאַכטל קרעקעד-דזשעקס צו פיסטאַשקעס, און ליב האָבן, אז די גרויס-פויכיקע וועוריקעס זאלן צוקומען גאָר נאָענט צו אים און ארונטערנעמען זיי, די ניסלעך, מיט זייערע לאַפּקעס איינציקווייז פון זיין האַנט.

אָדער ווער האט עס געקאָנט צונעמען בא אים די פרייד פון פאַרטיפן זיך שאָען-ווייז אין דער לויטערער קלאָרקייט, אין דער וואַלדישער קילקייט און רואיקייט פון טאָראָס „וואַלדן"? אז ארום און ארום אים איז דאָך איצט געווען דיזעלביקע לוי-טערע קלאָרקייט, דיזעלבע וואַלדישע שטילקייט און רואיקייט, וואס פון אן אָקטיאַברישן גאָלד-טאָג אינם פרי-הארבסטיקן רויט-וואַלד.

און אנדערש מאָל פלעגט ער זיך דערלויבן צו מאַכן א נעסיע אַף איין טאָג אַף א ציכטיקן און א ווייס-שפּיגלענדיקן האָדסאָן-דאַמפער. כאָטש די פרייד פון אָט אזא נעסיע פלעגט קיינמאָל ניט זיין פאַר אים פאַרפולט, אַף אָט אזא פראַכטפולער נעסיע האט זיך דאך טאָמיד געבענקט נאָך א נאָענטן מענטשן נעבן זיך, — נאָך א נאָענטן מענטשן, אויב ניט פאַר שווייגנדיקע האַנט-דריקן, איז כאָטש פאַר באַגייסטערטע, פריידיקע רייד...

נאָר איצט איז דאָך געווען דער ברען פון דער סעזאָן-צייט בא זיי אין פאַך, — און פיקאלא, ווי אויך אנדערע זיינע באַקאַנטע, זיינען אלע איצט געווען פאַרשפּאַרט אין ענגע כאַדאָרים, האָבן זיך געבאָדן אין שטיקעניש פון בענזין, אין שאַרפקייט פון טער-פּענטין און אין נודעניש פון קלעפּיקע איילן און פאַרב-שטאָפּן. פרייד פון אָט אַזא נעסיע איז דעריבער קיינמאָל ניט געווען פאַרפולט, איז טאקע גראָד מאַכמעס דעם פרייד געווען אויך שאַרף: אייגענע פרייקייט און באַפרייטקייט איז אָט אין אזא צייט

געווען צוליב דעם נאָך קענטיקער, נאָך בוילעטער און נאָך מאַ-מאָשעסדיקער...

אָט אַזוי האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ היפּשע, לאַנגע ריי טעג ליכטיקע, טעג אייגענע, טעג אַרויסגעריסענע פון טאָמידער און לאַנגאָניקער שאַפ-פאַרשקלאַפּטקייט — טעג שיקערע און פאַרשי-קערנדיקע...

ביז אין איינעם אָט אַזאַ ליכטיקן שיקער-טאָג האָט זיך מיט-אַמאָל פאַרגלוסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּבינדן פון זיך נאָך אַ קייט:

— שאַ... און טאָקע צוליב וואָס דאַרף ער דאָס אין דער-עמעסן דאָסדאָזיקע שטענדיקע פאַריאָגט זיין? און אז ער'ט כאָס-וועשאָלעם ניט „ענדיקן"?

איז ער יענעם אָוונט — דער ערשטער אָוונט שוין אין גאָר-גאָר אַ לאַנגער ריי אַזעלכע אָוונטן הינטער זיך, — צום ערשטן מאָל אין שול ניט געגאַנגען. פרייקייט-געפיל איז פון דעם נאָך שאַרפער און שטאַרקער געוואָרן. ס'האָט מאַמעש פאַרכליניעט אַ נייער אנפליי פון פרייד.

און אַז איינעם אזא אָוונט איז ער פרי אַהיים געקומען, און אַ צווייטן אַזוי און אַ דריטן, — איז מען באַ די פעדלער אין שטוב איבער דעם געוואָרן שטאַרק אומרואיק. און פון עטלעכע שפּאָ-טיש-רייצנדיקע און פייערדיקע בליצן-קוקלעך דזשעקס אַף זיי, אַפן צעטומלטן און איבערגעשראָקענעם פּעט שמאלציקן פעדלערשן פּאָר=פּאָלק, האָבן זיי דעם אומגליק זייערן און דעם טאָעס זייערן סאָפּק,לסאָף פאַרשטאַנען.

אין דער שטיל, אַף באַנאַכטיקן ניט-דורכגעלופטערטן שוויס-געלעגער זייערן, האָבן זיי זיך שושקען אָנגעהויבן נאכאנאנד:

— ער'ט שוין, קענטיק, ניט ענדיקן... ש-ש-ש. — פון אים וועט שוין, זעט אויס, קיין לייט קיינמאָל ניט ווערן... ש=ש-ש.

— ער'ט שוין אַוואַדע פאַרבלייבן אַ לאָבוס, אַ פאַרבער, אַ גאָרנישט... ש-ש-ש...

דזשעק האָט זיך בעשאַס מאיסע געשטיקט פון געלעכטער באַ זיך אין קעמערל... ער האָט פאר פרייד גאָר לאַנג ניט גע-קאָנט איינשלאָפן, אַזוי אַז אַף מאָרגן אינדערפרי איז ער געשלאָפן זייער שפּעט אין טאָג אַריין.

אַז ער איז אויפגעשטאנען אַרום עלף אַזייגער און איז אַרויס

אין קיך, האָט אַף אים באַם טיש שוין, קאַנטיק, געוואַרט דאָרט די איבערגעשראָקענע פעדלערשע:

— דזשעק, וואָס איז מיט דיר, ביסט כאַס-וועשאָלעם קראַנק?

— ניין, — ענטפערט דזשעק געלאַסן, — קראַנק בין איך כאַס-וועשאָלעם ניט... נאָר אַ שמועס מיט אייך וועל איך דאַפקע יאָ האָבן.

און קלוגע, ווייבעריש-געניטע טעכטערלס מאַמע דערשמעקט שוין גלייך, וועגן וואָס דזשעק וויל שמועסן. נאָר נאַאיוו און קלוימערשט ניט פאַרשטייענדיק שפאַרט זי אָן דעם פעטן גוידער אַף אַ פּאָר פארשמאַלצענע פינגער פון לינקער האַנט, וואָס זיינען באַדעקט מיט פעט-בריליאַנטענע פינגערלעך.

— וועגן וואָס אַשטייגער?

— כ׳ווייס, אַ שטייגער... איך וואָלט געוואָלט... איך וויל, עס זאָל שוין נעמען ענדלעך אַ סאָף. אַהער, אָדער אַהין... מיילע, אַן עק, זאָל מען מאַכן אַ כאַסענע...

מוטערלעך-מעיושעוודיק ענטפערט זי דעמאָלט:

— מע האָט דאָך שוין וועגן דעם גערעדט, — אַז דוס׳ט ענדיקן...

אַז כ׳וועל אָבער קיינמאָל ניט ענדיקן...

— איז לאָמיר כאָטשבי זעען, אַז דו סטאַרעסט זיך... אַז דו ביסט אַ האָרעפּאַשנער. אַז דו האָסט לעכאָל-האַפּאָכעס בעדייע צו ווערן סאָפּקאָלסאָף אַ באָס אַליין פאַר זיך...

נאָר דאָס שעדל אין דזשעקן טאַנצט שוין איצט אַרום גאָר שטאַרק. אין קאָפּ שווינדלט אַזש, און אין די שלייפן טראַסקעט, נאָר מיט אומגעהויערער געלאַסנקייט טאַינעט ער ווידער:

—אַז כ׳ווייס... אַז בעסאַכאַקל וויל ער שוין גאָר מער ניט אַרבעטן אויך... ווייל וויפל איז דער שיר צו אַרבעטן אין שאַפּ... וויסן וויל ער דער איקערשט וויסן איין זאַך: כאַיקע, — כאַיקע האָט אים ליב, צי ניין?

פּעדלערשע מאַמע שטעלט אַף אים דעמאָלט אָן אַ פּאָר שטאַרק איבערגעשראָקענע קליינע אויגעלעך אין פעטס פּאַרטרוג-קענע, ווי, גאָט באַהיט, אַף אַ אָט נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק גע-זונטן מענטשן, וואָס איז פּלוצלונג, פון העלער הויט, מעשוגע געוואָרן.

זי קוקט אים אָן מיט אָפּגענומענעם לאָשן, און קרעכצט ענדלעך אָן אָטעם ארויס:

— דזשעק... גאָט איז מיט דיר, דער לעבעדיקער... ביסט עפּעס ניט געזונט, צי וואָס? כאַיקעלע, דערלאַנג אהער דעם טערמאָמעטר...

און פון יענער מינוט אָן דערפילט ער זיך נאָך פרייער, שוין גאָר אינגאַנצן פריי — דאָס גאָר לעצטע, עקלדיקע קייטל שוין אויך אָפּגעבראָכן... כאַיקע הויבט אָן אים פון דעמאָלט אינגאַנצן אויסמייַדן — ביז דזשעק פילט זיך אינגיכן געצוואונגען אַרויס־קלייַבן זיך פון פעדלער אַרעס הויז.

ביז וואַנען ער וועט קריגן אַן אַנדער דירע, קלייַבט ער זיך דערווייל אַרייַן צו כאַימען. און דאָ, בײַ כאַימען, שטעלט זיך אויס אַ רייַ נעכט — אַ רייַ פּאַשעטע, מענטשלעך־באַפרידיקנדיקע נעכט, נעכט פון וואָכעדיקער און זאַטער מאַנסבילישער ליבע. די פּעטע, עטלעכע־און־דרייסיק־יאָריקע לייקע קומט אָפּט אהער צו גיין שלאָפן אויף אַ גאַנצע נאַכט.

און דזשעק עסט אַזוי עטלעכע נעכט פונם שוואַרצסטן אָרים־ברויט, פון פּאַשעטסטער מענטשלעכע ליבע — שוואַרצסטער אָרים־ברויט, נאָר ערלעך פאַרדינט און ערלעך באַצאָלט.

ד.

דער אַלטער שויעל האָט איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט באַמערקט, ווי זייַן זון שטופּט אַרייַן אין קעשענע עטלעכע פאַרבליבענע סקאָרינקעס פון דעם אויפגעגעסענעם און אַרומגעגריזעטן ווײַטשערע־ברויט, וואָס האָבן זיך אָפּן טיש געוואַלגערט:

— אויף וואָס איז עס, זון מייַנער? — דער אַלטער האָט זיך געוואונדערט, און עפּעס האָט אים, ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס, דאָס האַרץ פאַרקלעמט.

— גאָרנישט, טאַטע, — דזשעק האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט, — דאָס איז פאַר די וועוועריקעס אין פּאַרק... כ׳האָב זיי ליב קאָרמענען... דו דאַרפסט דען די סקאָרינקעס? ס׳איז דאָך ניט פאַר דייַנע ציין.

— ניין, — האָט דער אַלטער אַ זיפץ געטאָן, און ניט געהאַט קיין האַרץ מער צו קוקן אויף דזשעקן, — ניין, אַוודע דאַרף איך זיי ניט.

דזשעק איז אויף גיך אַרויס אין גאַס. אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ שאַרפער, אַ נאַסער און אַ שטעכיקער סאָף־נאָיאַבר־ווינט. טעג זייַנען שוין איצט געשטאַנען האַלב־פאַרעגנטע, האַלב־פאַר־

וואָלקנטע, פארבלאָזן-ווינטיקע. ווינט עסעדיקער, רעגן. קאַלטער און שמייסנדיקער האָבן זיך איצט נאכאנאנד געביטן — ווינטן צאָפּן-מאירעוודיקע זיינען איצט אָנגעקומען אהער צופליען אזש פונם טויזנטער-מיילן ווייטן, צעשטורעמטן פאסיפישן אָקעאן. ווינטן וואָס האָבן שוין אריבערגעשפרייזט די פארשיישעס-יאמען — ברייטשעסדיקע אנגעהארבעוועטע פעלזיקע וויסטענישן פון די מאירעוודיקע ראקי-בערג.

שטאָט ריזיקע האָט זיך שוין אָנגעהויבן פארקאָוועןאין קאלטע נעפּלען, אין נאכאנאנדיקע רעגנס, אין ערעוו-ווינטערדיקער דורכנעמענדיקער נעץ.

אין דינעם, זומערדיקן מאנטל אייננעטוליעט, אינם מאנטל, פון וועלכן ער איז נאָך מיט א פּאָר יאָר צוריק שוין ארויסגעוואקסן, האָט דזשעק ארומגעשפרייזט גאנצענע פארענגנטע הארבסטטעג איבער די גאסן. זיצן אף איין אָרט איז געווען קאלט.

דערפאר איז ארומצוגיין אסאך אים געווען גאנץ גרינג — אין מאָגן איז אים אין אָט די לעצטע טעג ביכלאל געווען זייער גרינג. אינדערפרי פלעגט ער אויסטרינקען א גלאָז טיי בא כאימען. דורכן טאָג פלעגט ער נאכאנאנד ארומשפאנען איבער די גאסן, זוכן זיך ערגעץ ארבעט אָדער אפילע גלאט אזוי, — ער האָט ניט געוואָלט, אז סאי כאים און סאי דער טאטע זאָלן וויסן, ווי ער קומט דורך די טעג. ער פלעגט שפּאָרעוודיקערהייט גריזען פון די סקאָרינקעס, וואָס ער פלעגט פון טאטנס טיש ארונטערנעמען.

און ערשט אין אָוונט זיך דערווארימען אינם שוסטערקעלער באם טאטן מיט ווארימער לופט און מיט א טעלער וואָרימען געקעכץ.

שווייגנדיקע, פארביסענע ביטערקייט איז שטום געוואקסן אין דזשעקס הארץ — א הארבסטיקע, שארפע פלאנץ.

טאָג הונגעריק-פארביטערטער האָט אזוי אריבערגעיאָגט הונגעריק-פארב'טערטן טאָג.

ביז אין איינעם אָט אזא טאג אין אָנהויב כוידעש דעקאבר האָט דזשעק זיך דערזעען שטייענדיק פּאָנים-על-פּאָנים מיט סלאפפין, בא אים אין קלייט.

דזשעק האָט גוט געקאָנט סלאפפין. ער האָט געוואוסט, אז יענער טראָגט אף אים געוויס גאנץ ווייניק הארץ פאר די זידלערייען, מיט וועלכע ער האָט אים מעכאבעד געווען באם לעצטן געזעגענען זיך. פאר זיי, פאר אָט די זידלערייען, וועט ער זיך

מיט אים, מיט דזשעקן, אוואדע קאָנען בעסער אָפּרעכענען, און אַף א מער מאַמאָשעסדיקן אויפן: ער וועט אים בלויז זעען שטאַרק אַרונטערשניידן פון זיין געהאַלט, אויב ער וועט נאָר האָבן אַרבעט פאַר אים, אויב ער וועט זיך נאָר נויטיקן אין אים.

כלאָפּפּי׳ס לעבנס-כאָכמע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ ווערטל, וועלכן ער פלעגט ליב האָבן צו וואַרפן צאָפּט יעדן איינעם אין פּאָנים אַריין מיט גרויס כשיוועס, פונקט ווי ער אַליין וואָלט דאָס אַזוי בילדעריש-ריכטיק פאָרמולירט דעם טאַמציס פון זיין גלייכנס לעבנס-כאָכמע:

— אַז מע דאַרף דעם גאַנעוו, נעמט מען אים אַרונטער פון דער טליע...

דזשעק איז געשטאַנען איצט פאַר אים און האָט אים געקוקט גלייך און אָפן אין פּאָנים אַריין — דער זעלביקער דזשעק... מער ניט: אַ בלייכערער און אַן אויסגעמאַטערטער איז ער געווען פאַר די לעצטע פאַר הונגער-וואָכן.

סלאָפּפּי האָט עס גלייך באַמערקט. זיינע אויגן האָבן בליציק און שנעל אויפגעלויכטן. אין דערדאָזיקער מינוט האָט ער נאָך מער ווי ווען עס איז דערמאָנט אַ יאַגד-הונט, איידער ער וואַרפט זיך אַרויף אַף אַ פאַרוואונדעטן פויגל.

— אַהאַ, ביסט ווידער דאָ... געקומען נאָכאַמאָל.

— יאָ, אט ווי איר זעט, האָט איר אַרבעט פאַר מיר?

— נו, פאַרוואָס ניט... מיינסט אוואָדע אַז איך טראָג אַף דיר האַרץ... ס׳הויבט זיך גאָר ניט אָן... מאַלע וואָס אַן אַרבעטער צעווערטלט זיך אַמאָל מיט אַ באָס...

דאָס שאַרפע נעקאָמעדיקע פייערל האָט אין זיינע אויגן מער זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט:

— אָבער קיין אַרבעט פאַר דיר האָב איך איצט גראָד ניט... דו ווייסט דאָך, ס׳איז איצט די עמעסע אַרבעטסלאָזיקייט... בא קיינעם אין אונזער פאַך איז איצט ניטאָ קיין אַרבעט. איך האָב שוין אויך אַלעמען אָוועקגעשיקט. בלויז דער לאָדזער אַליין אַרבעט איצט באַ מיר...

דזשעק האָט זיך צון אַ וואָרט אומגעקערט אַף אַרויסצוגיין.

— נאָר וואַרט צו... וואָס איז די איילעניש אַף דיר? כאַפּ ניט — וואַרט נאָך אויס אַ ווײַלע... לאָמיר אַקאָרשט אַ טראַכט טאָן... ס׳הייסט, צוריק גערעדט... אַז איך זאָל וועלן שטאַרק אַ

זוך טאָן, פאַרשטייט זיך... אָבער דו מוזט דאָך אַליין זיך אָנ-שטויסן... פארשטייסט... באַ איצטיקע באַדינגונגען...

— כ׳ווייס, — האָט אים דזשעק קורץ אָפּגעענטפערט — מיינט איר, אַז איך האָב ניט געוואוסט אַף וואָס איך גיי? —

און אויסגעלאָזן האָט זיך עס מיט דעם, אַז סלאַפּפּי האָט באַ דזשעקן אָרונטערגעריסן העכער אַ פערטל פון זיין געוויינ-לעכן געהאַלט.

— נו, — האט ער זיך אַזוי ווי פאַרטאַינעט, הויבנדיק בע-שאָס מאַיסע די הענט, צי פון קעלט צי פון האַנאָע, — פאַר-שטייסט, אַז דו האסט מיך אינמיטן סעזאָן אַוועקגעוואָרפן!.. מיס-טאָמע, ווייל דו האָסט ערגעץ געקראָגן מיט אַ האלבן דאָלאַר מער אַפּן טאָג... האָסטו געמעגט, מעג איך אויך.

נאָר דזשעק האָט אַף דעם בלויז אַ קאַלטן בליק געטאָן מיט די אויגן. קורץ און קאַלט האָט ער איבערגעשניטן:

— וועגן דעם, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט מיט מיר ניט ריידן... כ׳זאָג אייך דען עפּעס? געשעפט איז געשעפט... איז עס אָפּגעמאַכט.

ה.

סאיז שוין געווען איצט לאנג נאָכן פאַרבער-סעזאָן. אָרים און רייך האָבן זיך שוין אַפּן ווינטער ווידער איינגעאָרדנט אין אפּס-נאַי אָפּגערעמאָנטירטע דירעס. אייגענע און באָענטע, נייע און פרעמדע זיינען זיי איצט געווען, די דירעס, ווי אַ ווייב, וואס מע האט שוין אַ שטיק צייט ניט געזעען און מע איז צו איר צו-ריק געקומען.

די איינציקע פאַרבער אַרבעט, וואָס פלעגט נאָך איצט גע-טאָן ווערן, איז געווען אַרבעט דרויסנדיקע — איצט, אום ווינטער די שווערסטע.

באַ סלאַפּפּי׳ן האבן איצט, טאַקע אין דערעמעסן, קיין אַנ-דערע ארבעטער ניט געארבעט אויסערן לאַדזער און דזשעקן.

אף אָט דער שווערער ווינטערדיקער אַרבעט האָבן זיך טאָמיד געפּינען זייער ווייניק באַלאָנים. די יעניקע, וועלכע האָבן אָפּגעארבעט נאָכאַנאַנד די עטלעכע כאַדאָשים פונם האַרבסט-סע-זאָן, האבן געהאט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, און האבן שוין גע-קאָנט, כאָטש אין אָרימקייט און דאבקעס, דורכקומען אזוי ביזן

נייעם, ביזן פרילינג-סעזאָן. אנדערע פארבער ווידער פלעגן ווינ-טער-צייט זיך אָפּזוכן צייטווייליק אנדערע באַשעפטיקונגען.
עס זיינען געשטאנען איצט פראָסטיקע, שארפע טעג.
דזשעקן האָט סלאַפּפּי אוועקגעשטעלט פארבן די פייער-טרעפּ, וואס אינם באקאַנטן הויז אַף אַמסטערדאַם-עוועניו, אַ געדיכט באזעצטן מיט אָרימע אויסלענדישע איינוואוינער, ס'איז געווען אָפּילע איצט, אינם זעלביקן הויז, ארבעט אינעווייניקסטע — גראָד האט מען דאָ איצט אויך די אַלגעמיינע הויז-קאָרידאָרן געהאלטן אין איבערפארבן, דעם הויז-קעלער געדארפט איבער-קאַלכן א. א. וו. נאָר, ווי טאָמיד אַף אַמסטערדאם-עוועניו, האָט זיך אויך איצט אָנגעצונדן דאָ א שטילער קאמף צווישן לאָדזער און דזשעקן וועגן דער פריינטשאפט פון דער אירלענדישער הויז-וועכטערין. די לעצטע איז טאָמיד געווען גוטמוטיקער און פריי-געביקער מיט אירע ווייבערשע מאַטאָנעס צו דזשעקן איידער צום לאָדזער. דער לאָדזער האָט דעריבער זיך באַמיט אף די גאנצע צייט האלטן יענעם אַף דרויסנדיקער ארבעט, וואס ווייטער פון די אינעווייניק:טע כאדאָרים, וואו די וועכטערין האט געוואוינט.
און ווידער האט דער לאָדזער אָנגעהויבן זיינע נעגישעס קעגן דזשעקן. כוץ דעם אַלעמען, האָט ער דאָך אויך געטראָגן האַרץ אַף אים פאר זיין כוצפּעדיקן אויפירן זיך מיט אַ פּאָר כאַ-דאָשים צוריק איידער ער האָט אַוועקגעוואָרפן די ארבעט בע-שאַס דעם לעצטן ארבעט-סעזאָן. דער „באָס“ אין אים, וועלכן דער לאָדזער האט שוין פון לאנג אָן געהאלטן אין זאָרגפולן און האָפנונגספולן אויסכאָוועז, האָט זיך געפילט שטארק באליידיקט און געקרענקט פון דזשעקס ווידערשפעניקן באנעמען זיך קעגן סלאפּפּי'ן — קעגן אַ באָס... ער האָט דעריבער באשלאָסן דזשעקן לאָזן אביסל פילן איצט דעם עמעסן טאַם פון אַ באלעבאָס.
אַף פייער-טרעפּ איז ארבעט אויסמאטערנדיק און פּרירנ-דיק. דאס געפראָרענע אייזן פון די שטאנגען, פון די שטאַכעטן און די טרעפּ ברענט די הענט באַם בלויזן אָנרירן — קאַלטער פייער. מע מוז ארבעטן אין גרויסע הענטשיקעס, וואס זיינען טאָמיד מיט פארב דורכגעזאפט, — און דער פּענזל אין אָט אַזעלכע הענטשיקעס באוועגט זיך אומגעלומפּערט און אומבאקוועם.
דזשעק הענגט א גאנצן פראָסטיקן טאָג אין דער לופט, פארפלאָנטערט אין דער דינער אייזן-נעץ, ברעכט זיך אלע איווו-רים, שטרעקט זיך אויס אַף מישקוילעסן, קעדיי צו דערגרייכן —

אַפּריער מיט שקראַב-מעסער און דערנאָך מיט פאַרב-פענזל — אַלע, אלע ערטער פון די פייער-טרעפּ.

ניט אומעטום קען מען שטעלן א לייטער, ניט אומעטום איז די האנט לאנג גענוג אַף דערלאנגען די שפּיצן פון די מע-טאלענע שטאַפּעטן וואס הענגען ארויס אַף א פיל-עטאזשיקער הויז.

אָפטע מינוטן, רעגעס, וואס געדויערן ווי טעג, בלייבט ער אזוי הענגען אַף געפּערלעכע מישקוילעסן — די הענט ברענען פונם סמאליענדיקן פראָסט, פונם סמאליענדיקן אייזן. די שפּיץ פינגער זיינען אזוי פארפרוירן — הילצערנע זיינען זיי שוין, און פילן מער גאָרניט. א שניידנדיקער פראָסט-ווינט פייפט דאָרט אין דער הויך, סמאַליעט דאס פּאָנים, די נאָז, די אויערן. דער גוף איז אינגאנצן, ווי פאראליזירט. מער ניט דער מויעך ארבעט נאָך: דערלאזט ניט דעם פארפרוירענעם האלב-פאראליזירטן גוף זיך ארונטעררייסן פון דער אכט-עטאזשיקער פראָסטיקער הויך ארונ-טער-צו אַפן ברוק.

אַז ער קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן און סאָפּקאָלסאָף געצוואונגען אַף אַ ווײַלע אַרונטער פון די אייזיקע פייער-טרעפּ, זיינען די אונטערשטע טרעפּלעך גליטשיק און געפּערלעך. שטיק-לעך רויטן זשאַווער, וואָס זיינען דורך אים מיט דער דראָטענער בארשט און מיטן שקראַב-מעסער אונטערגעקראַצט געוואָרן אויבן, פילן אָן די אונטערשטע טרעפּלעך. צעפּירטע אין דער רויטער אליפע, מיט וועלכער די גאַנצע סיסטעם פון די אייזן-טרעפּ ווערט צום ערשטן, פאַרן אָפּפאַרבן זי אינם עמעסן קאָליר, באַדעקט, קע-דיי צו באַשיצן זי קעגן ווייטערדיקן זשאַווער, גליטשן זיך די שטיקלעך אַלטן, צענעצטן זשאַווער אונטער די פיס, ווי נאַסער גליטשיקער שניי. מע קאָן זיך יעדע מינוט אויסגליטשן, ברעכן רוק און לענד.

אַז ער קומט אַריין אין קאָרידאָר פון הויז זיך אַ ביסל אָנוואַרימען, דערזעט ער יעדעס מאָל דעם לאָדזוערס פעטע, צע-שפּרייטע פיגור, וועלכע היניעט טאָמיד אַף איינער אַ טרעפּ — ניט ווייט פון דער וועכטערינס וואוינונג. ער זיצט און קיטעוועט, קלוימערשט, לאַנגזאַם און פאוואָליע די ווענט. ער פּיפקעט, פּיפּ-קעט נאָכאַנאַנד, און ברומט עפּעס אַ ניי-אויפגעכאַפּטע גאַסן-לידל.

אַז ער דערזעט דזשעקן זיך דערנעענטערן צו דער וועכ-

טערינס טיר, לאָזט ער אַרויס אַ ברומען פון אַ הונט, ווען אַ צווייטער דערנעענטערט זיך צו זיין צויג.

— הער זיך איין, דזשעק, עפּעס גייסטו מיר אַוועק צו אָפּט פון דער אַרבעט...

ברומען ברומט ער דאָס אַרויס אַפילע אָן זיכערקייט און אָן איבערצייגונג, ווייל סאָפּקאָלסאָף פאַרשטייט ער, אַז פון אַזאַ אוואוידאָס-פּערעכדיקער אַרבעט אינם פּראָסטיקן דרויסן מוז מען אַריין אַף אַ ווײַלע אָנוואַרימען זיך. און ניט צופרידן איז ער שוין איצט, וואָס ער האָט אָט אַף אַזאַ אויפן פאַנאַנדערגעטיילט די אַרבעט. דוכטן דוכט זיך שוין אים איצט, אַז גלייכער וואָלט עס געווען, ווען ער אַרבעט די גאַנצע צייט אַף די פייער-טרעפּ — וואָלט ער געהאַט דעם אויסרייד אַף אַריינגיין אָפּטער צו דער וועכטערין זיך אָנוואַרימען.

נאָר דזשעק ענטפערט אים ניט אַפילע ניט דאָס צווייטע וואָרט. ער שמייכלט פאַר זיך — דזשעק ווייסט דאָך, וואָס דאָסדאָזיקע ברומען באַטייט... דזשעק ווייס אָבער אויך, ווער עס איז מער צום האַרצן און צו עפּעס אַנדערש דער רויט-האָריקער, פעסט-געבויטער, — ווי אַ באַוועגלעכער, שטיינערנער ביניען, — עטלעכע און דרייסיק-יעריקער אירלענדישער וועכטערין. דזשעק ענטפערט דעריבער גאָרניט דעם לאָדזער. ער גייט אַריין אינעווייניק צו איר אין הויז, זיך דאָרטן אָנוואַרימען.

דער פלאַכער מעטאַל-אויוון — רויט אָנגעגליט, די פּליטע. די אויוון-טירלעך, די קיילעכדיקע דעקלעך — צונטער רויט. עס פּרעגלען זיך כאַזוער גריוון רויט און הייס. פּעך-שוואַרצע, געדיכטע קאַפּע פאַרשפּרייטן אנגענעמען רייצנדיקן דאַמף. און אין אַ קעסעלע זודיקע וואַסער וואַרפט שטיקלעך טייג אָן אויסגערונדערטער פּרויען-אָרעם, אָן אָנגעפּיקעוועטער מיט כיין-גריבעלעך — דאָס קאָכט זי ספּעציעל פאַר דזשעקן פרישע ביסקוויטן.

די פענסטער — פּראָסט פאַרקאָוועט. נאָר צווישן ווענט און סטעליע — וואַרימע דאַמפן, אין וועלכע עס גייען ביסלעכווייס אָפּ צעפּרוירענע גלידער. צווישן אַלטמאָדישער פּערינע און אָנגעוואָרפענער איבערדעק — ווערן דערנאָך יונגע, שוין אָפּגעגאַנגענע אייוורים דערוואַרימט און צעהיצט.

און נאָך אַ שטיק דאַמף מישט זיך אַריין אינם שוין פאַראַנענעם קנויל פון וואַרימע דאַמפן אין דער געדיכטער לופט פון

צימער- שטיקנדיקער און רייצנדיקער דאַמף פון צוויי אָנגעהיצטע מענטשן-לייבער.

אַז דזשעק האָט ווידער זיך געשטעלט אַרבעטן באַ סלאפפין, האָט ער באַנייט דאָס באַזוכן די אָוונט-שול: אין אַ טרייסט און אין אַן אפרו נאָך דער שווערער טאָג אַרבעט האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן נויטיקן.

כאיקעלע, אַז זי באַגעגנט אים איצט אין שול, מיידט זי אים שוין גאָר אינגאַנצן אויס. כאָטש דזשעק האָט זיך שוין ווידער אַריינגעקליבן צו זיי אַף קוואַרטיר אַזוי גיך, ווי ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און פאַרדינען אַף דירע-געלט.

פון אים, פון דזשעקן—עפּעס נאָך מער, ווי ווען עס איז פריער—טראָגט זיך איצט אַ שאַרפער פאַרב-רייעך, ווען ער קומט אין אוונט אין שול אַריין. דערדאָזיקער שאַרפער רייעך פאַרטרייבט ביכלאַל דעם איידעלן אוילם אַף אַ היפּשן מעהאַלעך ווייט פון אים. איידל-שווייגנדיק, ניט וועלנדיק, הייסט עס, צו באַליידיקן דעם „פּראָלעטאַריער" רוקן זיך פאַרפּוצטע באָכרימלעך און פאַרפּוצטע מיידלעך אָפּ פון אים אַף היפּשע עטלעכע פלעצער ווייטער, נעמען אַרויס באַטיסטענע נאָזטיכלעך און פאַרשפּאַרן אַלע ווײַלע די לופט קאַנאַלן פון די דעליקאַטע נעזער.

דאָס פּאָנים איז באַ דזשעקן אַפילע נאָך דער אַרבעט באַדעקט מיט רויטע פאַרב-שפּריצלעך. די אויערן זיינען פון אונטן פאַרשמירט—דער „רעדלעד", מיט וועלכן עס קומט אים אויס איצט צו אַרבעטן די גאַנצע צייט, איז אַ שטאַרקער, גיך זיך איינעסנדיקער און גיך טריקענענדיקער שטאָף. אַז מע ווישט אים ניט אַרונטער טייקעף פון לייב, עסט ער זיך אין אים איין, דרינגט באַלד דורך די הויט און באַפאַרבט זי מיט פּינטעלעך, ווי מיט סימאָנים פון שאַרלאַך-פּיבער. נאָך דער אַרבעט וואַשט ער אַפילע נאָכאַנאַנד העגט און פּאָנים מיט שאַרפער און בייסנדיקער „וואַש-סאָדע", וואָס ברענט די צעשפּאָלטענע הענט, מיט בענזין, מיט טערפּעטין. נאָר ס'העלפט ווייניק. מע קאָן זיי אַרונטערנעמען, די דאָזיקע פאַרב-סימאָנים, ערשט נאָך אַ היפּשן און לאַנגן ווייקן דעם גוף אין אַ וואַנע מיט הייסע וואַסער.

אין דרויסן ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ פראָסטיקער. אַרבעטן אַרבעט דזשעק טאָמיד אַף הענגענדיקע מישקוילעסן. ער קלעפּט

מיט אַלע קויכעס צו די שטאָכעטן און שטאַנגען פון פייער-טרעפּ, און עס איז אבסאָליוט ניט מעגלעך אָפּצוהיטן יעדן נאַקעטן איי-ווער פון אויסשמירן זיך אף אזא אָדער אַן אנדער אויפן מיט פאַרב. די געפרוירענע הענט אין די אומגעלומפּערטע, אין די פאַרב אויסגעווייקטע, הענטשיקעס זיינען קנאַפּ מעסוגל ארונטער-ווישן פאַרב-שפּריצן. נאָר אַז דזשעק באמערקט דעם עפעקט, וואָס זיין פאַרב-פארשפּריצטער פּאָנים האָט אף כייקעלען, האָט אף די איידל-אויסגעפוצטע שול-כאַווערים זיינע אין די מאַנישקעלעך און די קראַגעלעך ריינינקע, אין די אויסגעפּרעסטע קאָסטיומען מיט די פרישסטע „קנייטשן", מיט די זיידענע טאַשן-טיכעלעך, וואָס זיינען וואויל-יונגעריש און ספּאָרטיש אַריינגעשטעקט אין די אוי-בערשטע קעשענעס פון די רעקלעך,—גיט ער דעמאָלט אַ קרומען שמ־יכל... ער מאכט באַ זיך דעמאָלט אָפּ, אז אף מאָרגן וועט מען שוין דאַרפן זעען קומען מיט א ביסל מער רויטע שפּריצלעך אָפן פּאָנים.

— יאָ, באשטימט, מיט א ביסל מער שטינקענדיקן און שטיקנדיקן רייעך פון „רעדלעד"...

לאַנג אין שול קאָן ער סאַיווי ניט פאַרבלייבן. די דורכ-געפראָרענע אייוורים, אויסגעווייטיקטע און צעבראָכענע פון דעם גאַנצן טאָג ציען זיך און ברעכן זיך אף די פייער-טרעפּ, הויבן אָן ביסלעכווייס אָפּשטאַרבן, דאָס מידע בלוט—ערגעץ אנטרונען ווערן. און שוין גאָר מיט לעצטע קויכעס דערקלייבט זיך דזשעק צו זיך אף קוואַרטיר,—אין באַקאַנטן היימישן שטייג, אָן אָנגע-פילטן מיט רייכעס פון פאַרלעגענע שוין לאַנג-לאַנג ניט געלופ-טערטע פעדלערשע שמאַטעס, פון קינדער-סטעקלינעס און הי-נער-קויט.

אין וואַרימען עקל פון אָט די אלע רייכעס הויבן אָן זיינע אייוורים איינע נאָך דעם אנדערן איינשלאָפן. אין וואַרימען עקל פון אָט די אַלע רייכעס הערט ער, ווי דעם פּעדלערס פרוי שלעפּט און שליאַמפּערט דעם פעטן גוף אירן איבער די כאַדאָרים, סאַ-פּעט שווער און מונטערט, און וועקט אלץ נאָכאַנאַנד דעם איינ-געשלאָפענעם מאַן אירן:

— ארע, אַ ארע... נו, זאָג זשע שוין, וועסט מיך היינט דאַרפן, צי ניין... וועל איך גיין נעמען א וואַנע.

ו.

אין מארגן, אַז ער קומט צוגיין צו דער ארבעט, באגעגנט אים דער לאָדזוער שוין מיט א נייעם, פאר דער נאכט אויסגעבא-קענעם, פארמאנישן באשלוס:

— הער זיך איין דזשעק, היינט וועסטו אַרבעטן אינעווייניק, וועסט קאלכן דעם קעלער... נא... און זאָג ניט, אַז איך האלט דיך טאמיד אין דער שווערסטער ארבעט, אין די פייער-טרעפ איז אָט אזא פראָסט.

— אָבער די פייער-טרעפ זיינען דאָך נאָך איבערגעבליבן אינמיטן, ניט קיין פארענדיקטע.

ס'מאכט ניט אויס... איכ'ל דאָרט היינט ארבעטן, רו זיך דו אַ ביסל אָפּ...

און דזשעקן גיט עפּעס אזא שארפער, א ברענענדיקער שטיק פייער א שפאר צו צום האלז.

ווארט... היינט דארף מען דאָך, דוכט זיך, ארבעטן אין די פייער-טרעפּ, וואָס ארום דעם דריטן עטאזש. אין יענע טרעפּ גייען עס ארויס די פענסטער פון דער וועכטערינס וואוינונג. און וואָס איז שאיעך דעם לאָדזוערס גוטהארציקייט און איינזועניש... אין די פייער-טרעפּ איז כאָטש דאָ פרישע, פּראָסטיקע לופט, און דער אָטעם האָט די פּראָסטיקע ריינקייט פון די ווינטער-הויכן פאר נאָכאנאנדיקער, דערפרישנדיקער שפּייז. און דאָ... דאָס קאלכן אינם פינסטערן קעלער...

דער ברענענדיקער שטיק גאליק פייער שפארט זיך ביטער און בייסיק ארויף צו צום האלז. ווידער אמאָל, ווי שוין איינמאָל פריער, קראמפּט די בלייכע האנט א מעסער צווישן די הייסע פינגער.

אָ... ער'ט ווארטן... ער מוז שוין ווארטן נאָך אביסל... ער ווייס: זיין שאָ וועט דאך זיכער ווען-עס-איז שלאָגן.

שווייגנדיק ארבעט ער אָפּ די ערשטע העלפט פון טאָג אינם פינסטערן, לאבירינטיש-פארפלאָנטערטן קעלער פון גרויסן טענעמענט-הויז. דער קעלער איז שוואך, שוואך באלויכטן דורך א קליינעם גאז-הערנדל. מיט ברייטער, פלאטשיקער בארשט וואַשט ער, באגיסט ער מיט ברענענדיקן וואפנע-קאלך די קימאט אומ-געזעענע ווענט, די סטעליע געדיכט באַדעקטע מיט סאזשע פלעקן מיט שפּינוועבס-געוועבן.

אין דער הויך, אף דער סטעליע און בא די ווענט,—ציען זיך די געדערים, דאָס שמוציקע, שטינקענדיקע אינגעווייט פונם אלטן טענעמענט-הויז, די טרויבן פון דער וואַסער-לייטונג, די רערן פון דער גאַז-באלייכטונג, די וואסער-דאמף קעסלען, די קאַנאליזאַציע-דורכגאַנגען... קעדיי צו דערגרייכן און ווייס מאכן אלע די פארבאָרגנסטע ווינקעלעך, איז ניט גענוג צו קאלכן,—מע מוז איינפאך גיסן, פליאכען מיט דער היפשער בארשט,—ניט שמירן און ניט קאלכן. קעדיי דער ברענענדיקער שטאָף זאָל ניט אריין אין די אויגן, ארבעט דזשעק קימאט נאָכאנאנד מיט אויגן צוגעזשמורעטע, מיט ארונטערגעלאָזענע וויעס. אין קעלער איז סאַי-ווי טונקל און דזשעק שטייט אזוי אין האלב טונקל, מיט פארמאכטע אויגן, מיט א היפשן קאלך באַרשט אין האנט, גיסט און פליאכעט אין דער פינסטער, שמייסט מיט בארשט בלינדערהייט קעגן סטעליע, קעגן וואַנט, קעגן דיקע רערן... שפריץ-טראָפּנס פון דער וואַפּנע-קאַלך, ווי פון אַ גוס רעגן, פאַלן סאָפּקאָלסאָף פאָרט אַריין אין די אויגן, און ברענען זיי מיט אַ העלישן פייער.

אַז דזשעק גייט אין אַ ווײלע אַרום מיט פאַרמאַכטע, שמארצנדיקע אויגן פון קעלער אַרויס, נאָך אַ ביסל פריש וואַסער אַף אויסצוואוואַשן די אויגן, טאַפּט ער פאַר זיך אין דער האַלבפינסטער, ווי אַ בלינדער. נאָר אין קעלער טרעפט אים אָן די אירלענדישע וועכטערין. געטריי נעמט זי אים אָן באַ אַ האַנט, זי וויל אים אַרויפירן אַרויף, צו זיך אין דער הויך. זי וועט אים דאָרטן געבן אַ בעקן פריש וואַסער.

— ס'איז שוין סאַי-ווי באַלד מיטאָג-צייט: אינגאַנצן נאָך אַ צען מינוט פאַרבליבן ביז צום בלאָזן פון די קוימענס פאַר דער מיטאָג-שאָ, קום אַרויף צו מיר.

אַז זיי הויבן זיך ביידע אויף אַף די קאָרידאָר-טרעפּ צו איר אין וואוינונג אַריין, קומט זיי אַנטקעגן דער לאָדזשער אינגאַנצן אַ צעפּרוירענער מיט אַ טעפל רויטע פאַרב אין האַנט. ער איז אינגאַנצן אַ רויט-פאַרשמירטער, מיט אַן אויסזעען פון אַ רויטן טייוול, ווי מען מאָלט אים אַף די אַפּישן און רעקלאַמעס פון „פלוטאוואסער"[1]. אַז ער דערזעעט דאָס פּאָרל צוזאַמען, ברומט ער אַרויס אומצופרידן:

— זע נאָר, ווי עס מאַכט זיך עס אין מיצקע דרינען אַ יאָנטעוול... בעסאַכאַקל איז נאָך ווייט קיין צוועלף אַזייגער ניטאָ.

1) פּאָפּולערער אָפּפיר מיטל.

דזשעק האָט בלינדערהייט אַ כאַפּ געטאָן מיט דער רעכטער האַנט עפּעס אין דער לופט אַרום זיך —ביידע, אי די וועכטערין, אי דער לאָדזוער האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אָט דער באַוועגונג פונם דאָזיקן ווייסן מענטשן מיט די בלינד-פאַרמאַכטע אויגן... זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם מיין און באַדייט פון דער דאָזיקער הילפלאָזער באַוועגונג. געוואוסט האָט איר מיין, בלויז דזשעק אַליין — געוואָלט האָט ער אָנכאַפּן די היפּשע און פּלאַטשיקע קאַלך-באַרשט און, אַן אָנגעזאַפּטע מיט וואַפּנע-קאַלך, אַ זאַפּטיקע מיט נאַסן ברען, אַ פּאָר טאָן מיט איר, אַ פליאַכע טאָן מיט איר אין דאָס פּעטע, זאַטע, קירבעסדיקע פּאָנים אַריין.

— א-א-א... גע-וואַ-א-לט...

נאָר דער עמער קאַלך איז געווען איצט ווייט פון אים. און די אויגן בלינד-פאַרמאַכטע האָבן געברענט, און עס איז דערוויל שווער געווען זיי צו עפענען.

— וואַרט... וואַרט...— האָט שטומערהייט געקלאַפּט דאָס ברענענדיקע און קאָכעדיקע האַרץ. — וואַרט... וואַרט...

דער לאָדזוער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף דערשלאָגן זיינס: ער האָט געקראָגן די מעגלעכקייט צו האַלטן טאָמיד א וואך אויג אַף דזשעקן.

דעמזעלבן נאָכמיטאָג שטעלן זיי זיך שוין ביידע אַוועק אַרבעטן צוזאַמען: אויסקאַלכן דעם כאלאל פונם ליפט אַפן הינטערגאַנג.

אַזוי ווי דער דורכגאַנג איז זייער אַ שמאָלער, קאָן דאָרט אַרבעטן בלויז איין מענטש. איז קלאָר אַז דערדאָזיקער מענטש דאַרף אַוואַדע זיין דזשעק. דערדאָזיקער מענטש מוז דאָך אַרבעטן הענגענדיק אין דער לופטן. ער שטעלט זיך אַוועק אַפן קאַסטן פונם ליפט מיטן עמער קאַלך, און אונטן, באַם צווייטן עק פונם כאלאל-דורכגאַנג, אין קעלער, שטייט דער אַנדערער אַרבעטער, האַלט צו די שטריק פונם ליפט. קעדיי ער זאָל ניט אַרונטערזינקען אונטער דער צו שווערער מאַסע פונם מענטשן אַף זיין רוקן. אַזוי ווי דזשעק איז געווען דער גרינגסטער פון די צוויי, איז ער אַריינגעקראָכן אין כאלאל אַריין, און דער לאָדזוער האָט אונטן, אין קעלער, געפּראַוועט מיט דער שטריק.

אַז ער ווערט פאַרטיק מיטן אָפּקאַלכן איין סעקטאָר פונם כאלאל גיט ער אַ הייזעריקן געשריי אויס:

— פּאַרטיק!

לאָזט אונטן דער לאָדזער אַ ביסל אָפּ די שטריק, דער ליפט רוקט זיך אַרונטער אַביסל ווייטער אונטן צו, אַף אַ מעהאַ-לעך פון אַ מענטשנס וואוקס, און די אַרבעט הויבט זיך ווידער אָן,—דזשעק קאַלכט דעם צווייטן סעקטאָר.

דאָ אין כאלאל איז איינגעשפּאַרט אַ שמאָלינקער זייל לופט —געדיכטע, שטויביקע, ביטערע לופט פון דעם שמוץ, וואָס ליגט שוין אַ פּאָר יאָר צייט, זינט מען האָט אים לעצטנס אויסגעקאַלכט, אַף די ווענטלעך, פון די געדיכטע שיכטן שפּינוועבסן, פון די שטיקלעך אַלערלייאיקן אָפּפאַל, וואָס בלייבן הענגען אין זיי, אין אָט די שטייפע שפּינוועבס-נעצן.

באַמיט זיך דזשעק איינצוהאַלטן דעם אָטעם, אַז ניט—הויבט עס אים אָן גלייך בייסן און רייסן אין האַלז, עס הויבט זיך אָן אַ הוסטעניש—ביז צום אויסשפּייען די אָנגעשטויבטע לונגען.

נאָר אינמיטן אַרבעט דערהערט דזשעק עפּעס אַ מאָדנע באַברעווען זיך פון די שטריק אונטן, א ווארפן זיך פון אַ מענטשן אָן דעם אונטערשטן טירל פונם ליפט. און באַלד—אַן אויפגערעג-טער קאַאַס-געשריי פון אַ באַקאַנטער שטים:

— גיי צום טייוול, דו פעטער כאַזער!

דער ליפט גיט זיך א טרייסל, גיט זיך אומדערוואַרט אַ לאָז ארונטער, און דזשעק פילט, ווי ער זינקט, זינקט...

ער כאפּט זיך אָן מיט א לעצטן קראַמפּס-האַפטיקן באַוועג אָן איינער פון די טירלעך, וואָס פירן פונם ליפט אין הויז-קאָרי-דאָר אריין און בלייבט אזוי הענגען אין דער לופט.

נאָר מיט אמאָל האָט זיך דער ליפט אָפּגעשטעלט אין זיין פאַלנדיקן גאנג: א הייזעריקע, אויפגערעגטע שטים פון אונטן שרייט ארויף:

— זע, נאָר, ביסט נאָך אַלץ דאָרט ניט פארטיק אין דער הויך? פארטיק, וואָס? צו-נידעריק פאר דיר?

און אַז קיין ענטפער פון דזשעקן איז ניטאָ, רוקט זיך דער ליפט-קאסטן באלד ארויף צוריק אַף זיין פריערדיקן אָרט.

דזשעק, בא װעמען די פינגער פון די הענגענדיקע הענט האָבן שוין אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן און ער האָט געפילט, אַז אָט-אָט פאלט ער ארונטער, האָט זיך גלייך צוריק ארונטערגעלאָזט אַפן רוקן פונם ליפט.

ער בלייבט אזוי שטיין, קאַלך-בלייך, א שטיק צייט, און דאָס האַרץ הערט אַלץ ניט אויף צו שלאָגן, צו רייסן זיך.

אין א פּופצן מינוט שטעלט זיך אָפּ אין הויז קאָרידאָר נעבן טיר פון ליפּט מרס. מעקגי—די וועכטערין.

זי דערציילט מיט אַן אויפגערעגטער, שעפּטשענדיקער שטים— אַפּאנים, קעדיי אונטן זאָל מען ניט דערהערן—ווי זי איז עס געגאַנגען אונטן אין קעלער, — געדאַרפט דאָרטן אונטערוואַרפן קוילן אונטערן קעסל הייסע וואַסער, ווי זי האָט געמוזט פאַרביי גיין פאַרביי דעם לאָדזער, ווי יענער האָט גאָר אומדערוואַרט פאַר איר, מיט דער רעכטער האַנט זי פון אונטן אַרומגעכאַפּט, זי צו-געצויגן צו זיך און איר אַלץ געוואָלט עפּעס טאָן, ווי זי האָט זיך געשראָקן, אַז יענער זאָל נאָך ניט אַרויסלאָזן פון האַנט די שטריק פונם ליפט, וועלכע ער האָט איצט צוגעהאלטן בלויז מיט זיין לינקער האַנט, ווייל מיט דער רעכטער האָט ער זי געהאלטן שטייף אַרומגענומען, און דעריבער האָט זי זיך מוירע געהאט שטאַרק צו ווערן קעגן דעם אָנגרייפער...

דזשעק האָט איר אָף דעם גאָרניט געענטפערט, האָט אפילע קיין איין קוק ניט געגעבן די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט. מרס. מעקגי האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַר אים — זיין געזיכט איז געווען איצט אַזוי בלייך: קיין טראָפּן בלוט איז אין דעם ניט פאַרבליבן. זי האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן פון אים, און איז צוריק אַרונטער אין קעלער, צו איר וועכטערישער אַרבעט.

אָבער ווי נאָר זי האָט געעפנט די פאָרנטסטע קעלער-טיר האט זי דערהערט מיטאמאָל א היפּשן פליאַך פון דער ריכטונג פונם ליפט, ווי אַ שטאַרקער רעגן וואָלט דאָרטן אָנגעהויבן אריינ-גיסן. גלייך נאכדעם האָט זיך ארונטערגעקייקלט דאָרטן מיט א טראַסק אַן עמער, האָט א הילכיקן פּאַטש געטאָן אין באדן אַ היפּשע פלאַטשיקע בארשט און ס'האָט זיך דערהערט אַ הויך קוויטשען, ווי פון אַ הונט, וועמען מע האָט אָפּגעגאָסן מיט זודיק וואסער.

ווייס, ווי מיט געדיכטע זייף-בלאָזנס אינגאנצן באַגאָסן, ווי גרויס ער איז געווען, — האָט זיך געריסן און געוואָרפן איבערן טונקעלן קעלער דעם לאָדזערס פעטע אָפּגעקאלכטע פיגור. מע האָט ניט אַרויסגעזעען קיין סימען פון אויגן, קיין פּאָנים, קיין נאָז, א באַוועגלעכע קיילעכיקע פאס פון פליסיקן קאַלך האָט זיך געוואָרפן און אַרומגעטאַנצט איבערן קעלער און ניט מיט קיין מענטשלעכן קאָל האָט עס געקוויטשעט:

— גע=וואַ=א-לד... גע=וו-אַלר... ס'ברענט... ס'ברענט...

די וועכטערין האָט אַף גיך געצאַפּט פון קראַן איין עמער וואַסער נאכן צווייטן און געהאלטן אין איין פליאָכען און אויס-לעשן אָט דידאָזיקע ארומטאַנצנדיקע און ברענענדיקע, נאַסע און ווייסע האלאוועשקע. און אינם האלב-טונקעלן קעלער איז איצט פאָרגעקומען עפּעס אַזא מין טשיקאַווע שפּיל:

די וועכטערין האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים מיטן עמער וואַסער, געגאָסן אַף אים און געפליאָכעט. נאָר ווי א מעטורעף האט זיך דער לאָדזער אלץ געוואָרפן פון איין ווינקל-קעלער צום צווייטן, אַנטלאָפן פון דער נאָכיאָגנדיקער פרוי און אלץ גע-שריען:

— געוואלד, מאַמעלעך, ס'ברענט... ס'ברענט...

ז.

מיט וואָכן שפּעטער איז איינער אַ זונטיק—אַ טאָג א שניי-איקער, א פראָסטיקער און אַ נאַסער. שלאָפן שלאָפט די שטאָט אין אָט אַזאַ טאָג העט שפּעט ביז עלף-צוועלף אזייגער. ס'ווילט זיך ניט צו פרי באגעגענען זיך פּאָנים על פּאָנים מיטן נאַסן שנייאיק-ווינטיקן דרויסן. מע נעסטלט זיך אין די אויסגעוואָרימטע גריבער און פאַרטיפונגען פון פערענע, פון מאטראַץ און נאָענטן אויסגעווארימטן לייב.

ערשט אין אָט אַזא פרימאָרגן רוט זיך דזשעק אביסל אויס פון דער גאַנצער וואָך שווערער האָרעוואַניע. ערשט אין אָט אזא פרימארגן גייען זיך אביסל אָפּ די טאָג-נאָך=טאָג פרירנדיקע איינורים. קיין שום ארבעט האָט ער היינט ניט. מיט דער אָוונט=שול איז ער סאָפּקאלסאָף געצוואונגען געווען צעדייסן: קיין קויעך מער ניט געווען צו זיצן דאָרט אין די מידע אָוונטן נאָך דער ארבעט, קיין צייט קיינמאל ניט געווען צוצוגרייטן זיך פּאַר א לימעד. און אויב ער שטייט היינט אויף פרי — שטייט אים פאר א טאָג א נודנע-ליידיקער, א נודנע=פרייער, א טאָג א ווינטער-דיק-כמורנער אין אַ נודנע-פארשנייטן און פאַרעגנטן דרויסן.

דורך דער פאַרמאכטער טיר פון קעמערל הערן זיך נודנע קלאנגען און גערוישן פון לאנגווייליקער, פעטער און אָפּגעפרע-סענער שטוב. נאר ער הערט זיך צו צו זיי פונקט אזוי ווייניק, ער איז צו זיי פונקט אזוי פרעמד און גלייכגילטיק, ווי זיי צו אים.

— א... דארטן... אפּאָנים, אז זיי האבן שוין דאָרט גאָר

אינגאנצן א מאך געטאָן אף אים מיט דער האנט... אפּאָנים, אַז זיי זעען שוין, אז פון אים וועט שוין אוואדע „גאָרנישט", גאָר-נישט ניט ווערן... אז זייער כעשבן איז געווען א פאַלשער... אז בעכינאם האָבן זיי אים אזא שטיק צייט געקאָרמעט מיט אומזיס-טיקע, פרייטיק-צו-נאכטיקע פעטע וועטשערעס.

ערשט שפּעט נאך מיטאג לייטערט זיך עס אביסל אויס אין דרויסן, און דזשעק קריכט ארויס פון בעט. די זון האָט זיך מיט אמאל באוויזן. נאָר אַז ער באווייזט ערשט קוים אויסטרינקען א גלאָז קאווע און אַריינקוקן אין א זונטיק-בלאט, הויבט שוין אָן דער קורצער ווינטער-טאָג צו פארגיין אין איילעניש. קעדיי צו פארכאַפּן נאך אַביסל דרויסנדיקן טאָגליכט, לאָזט זיך דזשעק לויפן הענדום-פּענדום אין גאס ארויס.

דער שניי גוואַדזשעט אונטער זיינע טריט. אף דער פינפטער עוועניו ווישט ער אָפּ מיט א בלאַט-צייטונג א ווינקל פון א פאַרנעצטער באַנק און טוליעט זיך איין דארטן. ער זיצט און באטראַכט די פאַרבייגייענדיקע פארלעך.

אז ס'איז קיין בעסערס ניטאָ, וואָס צו טאָן—איז דאָס אויך א איניען: זיצן און באַטראכטן יענעמס פרייד און יענעמס נאענטע סוידעסדיקייט... פון דעם ווערט בא אים אליין דאָס הארץ פולער,—אי צאארדיקער, אי פריידיקער, אי פיינלעכער...

פיס פון פאָרלעך, וואס זיינען ווי איין מענטש, שליאמעווען נאכאַנאַנד, שלעפּן זיך לאַנגזאם איבערן שנייאיקן טראָטואר. ערשטע פלעמלעך פון גאַז-לאמטערנעס לויכטן אויף גרויסשטאַ-טיש—אומהיימלעך און גרויסשטאָטיש—פריידיק אין קאלוזשעדיק-צענעצטן אספאַלט.

און מיט אמאָל...

צוויי פעטע מענטשישע פיגורן שלעפּן זיך דורך לאַנגזאם פארביי אים — איין פיגור מאָדנע ענלעך אף דער צווייטער, כאָטש מאנסבילשע פיגור איז באַדייטנדיק העכער, ברייטער און עלטע-רער איידער די ווייבערשע. נאָר אַזוי קיילעכדיק-פעט זיינען זיי שוין ביידע פיגורן, אזוי אָפּגעלאָזן-פליישיק זיינען זיי און אזעלכע ברייטע, זיך שאָקלענדיקע קלובעס זיינען שוין בא זייביידן, אז ס'קאן מאכן אן איינדרוק צוערשט, אז דאָס גייט א טאַטע מיט א טאָכטער.

אבער שוין פון דעם אויפן אליין, ווי זיי גייען ביידע גע-ארעמט, שוין פון דעם אויפן אליין, ווי זיי גייען און קוקן אריין

אזוי טוביש-ליבלעך איינער דעם צווייטן אין קיילעכדיקן פאנים אריין,—פון דעם אליין איז שוין געגוג קאָנטיק, אז דאָס זיינען ניט פאָטער און טאָכטער. און כוץ דעם: דזשעק האָט דאָך אף דעם אויך אנדערע „סימאנים״ — א, ער קען זיי דאָך שוין פון לאנג, אָט דידאָזיקע פיגורן, פון לאנג...

אים וואונדערט בלויז, דזשעקן... צוויי זאכן וואונדערן אים: אים וואונדערט ערשטנס, פארוואָס אייגנטלעך, איז דידאזיקעביידע פעט-געארעמטע פיגורן פארשווינדן באַלד אינם שפּאַצירנדיקן אוילאם, פונקט, ווי די איבעריקע פארלעך, הויבט עס אים אָן צו נאגן אזוי צאארדיק אונטערן הארצן, און עפּעס ווערט אים דארט נאך פוסטער און וואָכעדיקער.

און נאָך עפּעס, אַ צווייטנס, וואונדערט אים: — שא, זע באר... ווי קומט עס טאקע... ער האָט דאָך, דוכט זיך, קיינמאל ניט געוואוסט, אז דער לאָדזער האָט א וועלכע ס'ניט איז שאי-כעס, אז ער קאן זיך אפילע מיטן פעדלער ר׳ ארע, צי מיט זיין טאכטער.

אַף מאָרגן, מאָנטיק, איז דערפאַר מיט אמאָל אָן עמעסער פרילינג-טאָג. אט ווי עס פּאַסירט אָפט אין סאמע רעכטן מיטן ווינטער אין דער שטאָט ניו-יאָרק.

מיט אמאָל הויבן אָן צו בלאָזן אף דער שטאָט וואַרימע ווינטן—וואַרימע ווינטן פונם אטלאַנטישן אָקעאן, פון די ווארימע גאלפשטראם-וואַסערן, פון די ברעגן פון פלארידא און די בער-מיודא-אינזלען...

אט דידאָזיקע ווינטן ברענגען מיט זיך אינמיטן ווינטער די זיסטע פרילינג-רייכעס פון יענע האלב-טראָפּישע געגנטן.

זיי טריקענען קעהערעף-אייאין אויף דעם נאַסן אספאַלט און דעם בעטאָן פון ניו-יאָרקס צודעק. שעפעס זון פאַרפלייצן מיט אמאָל אלע גאַסן.

אין אָט אַזא טאָג איז די אַרבעט פריידיק און עס זינגט זיך אף דער נעשאָמע, און עס זינגען אין דער הויך אפילע די ליפּן, זיי ארבעטן איצט אף אַ סקעפאלד[1]), וואָס הענגט קעגנ-איבער דעם צווייטן עטאַזש פון א הויכן מאַגאַזין פון מענער-קליידער אף בראָדוויי.

---

1) אזא הענגענדיקע רישטאוואניע.

זיי—די צוויי אימצעשיידבארע, דאָס פּארל, וועלכע סלאָפּפּי האט אַפּאָנים איינמאָל פאר אלעמאָל און אף טאָמיד פאַרקנאסט.

מע דאַרף דאָ צוערשט אַרונטערנעמען די אַלטע צעטראָס־קעטע פאַרב פונם האלצוואַרג, פון די ברייטע, ריזיקע שוי־פענס־טער, און דערנאָך עס איבער אַנייס באַדעקן מיט אַ שיכט גע־דיכטן, דרויסנדיקן גלאַזור. דזשעק שטייט אף דער רישטאוואַניע, האלט אזא מעשענעם לאמטערן-לאָמפּ אין האַנט. פון איר שיסט ארויס א קראַפטפולער, שטארק-אימפעטיקער שטראם ברענענדיקן קעראסין: דאָסדאָזיקע שטארק-אימפעטיקע, צישענדיקע און פאכענ־דיקע פייער שטעלט דזשעק אן אָט אהער, אָט אהין אַפן האלצ־ווארג. אז ער פילט ווי די אלטע פאַרב-הויט ווערט דורכן פייער ענדלעך צעשמאָלצן, כאַפּט ער אין איילעניש צו דעם פייער־שטראם, און מיטן שאבמעסער קראצט ער ארונטער די צעוואַ־רימטע פאַרב.

די אַרבעט איז אַ שווערע און אַן אָנגעשטרענגטע. טאָמער ווערט דאָס פלעמל צו לאַנג געהאַלטן אַף איין אָרט, הויבט אָן ניט נאָר די אַלטע פאַרב, נאָר גופע דאָס האָלץ צו ברענען, און עס בלייבט דערנאָך איבער אַ שוואַרצער פלעק אַפן האָלץ וואָס זעט זיך שפּעטער אָן דורכן גלאַזור.

נאָר דער לאָדזשער פאַרגינט אים ניט צו טאָן אַזאַ „וויכטיקע" אַרבעט — ער טשעפּעט זיך צו אים אלע ווײַלע, דער לאָדזשער, ער זוכט אַלץ אין דער אַרבעט כעסרוינעס.

כאָטש אַף בראָדוויי איז איצט הילכיק, און כאָטש אף בראָד־וויי איז איצט רוישיק און קלינגענדיק, איז פונדעסטוועגן אַלץ שווער ניט איינצוהערן אָט די גרילצנדיקע, פּישטשענדיקע שטים, וואָס האלט זיך אין איין קלעפּיקן בינדן צו אים:

— כ'האָב עפּעס מוירע, דזשעק... דוס'ט נאָך עפּעס דאָ אָנ־מאַכן אַ צאָרע... כ'וואָלט געמעגט שווערן, אז דוס'ט נאָך סאָפּקאָל־סאָף אויסברענען גריבער... פאָלג מיך, לייג בעסער אַוועק דעם לאָמפּ, און נעם זיך דערוויייל אַרומצופאַרבן די לייסטן.

דזשעקן ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער אויסצושטיין אָט די נעגישעס פונם לאָדזער. די לעצטע עטלעכע טעג זיינען זיי געוואָרן גאָר אומדערטרעגלעך. ער ווייסט גאַנץ גוט, דזשעק, וואָס עס שטעקט אונטער דעם: בא סלאָפּפּי'ן אין שאפּ איז איצט גאָר־גאָר ניט פויגלדיק — קוים, וואָס מע דערציט פון טאָג אַף טאָג. פון די 25—20 מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט בעשאַסן סעזאָן,

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

אַרבעטן איצט בלויז צוויי: לאָדזער און ער. דער לאָדזער — צוליב זיין כאַזאָקע, ווי א פארמאן; ער, דזשעק, ווייל ער קריגט זייער אַ קליינעם געהאַלט: אַפילו זיין געוויינלעכן געהאַלט פון אַ פאַרבער-געהילף האָט דאָך אויך סלאפּפּי געשניטן, ווי אַ שטראָף, ווען דזשעק האָט זיך דאָס לעצטע מאָל צוריק געקערט צו דער אַרבעט. נאָר דער לאָדזער האָט אַלץ מוירע, אַז דזשעק נעמט באַ אים צו „זיין" ארבעט — אַז צוליב דזשעקן וועט מעגלעך אינגיכן גאָר ניט זיין צו טאָן אַפילו פאַר אים אליין.

מיט אָט דידאָזיקע נעגישעס רעכנט דער לאָדזער אים סאָפּ-קאָלסאָף אַרויסשטופּן פון שאפּ, צווינגען אים לעכאָל-האַפּאָכעס אַליין אַוועקגיין. וואָרום אָט אַפילו איצט, אַז ער האָט שוין אַוועק-געלייגט דעם לאָמפּ, און זיך גענומען פאר אַ פאַרב-טעפּעלע און געפאַרבט אַ שטיק צייט די לייסטן אַרום די פענסטער, דערהערט ער אין אַ ווײַלע אַרום ווידער, ווי יענער בינדט זיך צו אים:

— הער נאָר צו, פּליאַכע ניט אַזוי מיטן פענזל, ס'איז ניט קיין וואסער... אונטן גייען דאָך אָן אַ שיר מענטשן... ביסט בלינד, צי וואָס?...

דער שוי-פענסטער, וואָס איז אין דער הויז אַנטקעגן דזשעקן, איז אָנגעשטאָפּט מיט אָן אַ שיר וואָקסענע מענערשע פיגורן — פראַנטיש-אויסגעפּוצטע, טויט-לעבעדיקע מענטשן אין שוואַרצע פראַקן און אין פרינץ-אַלבערטן, אין צילינדערס און אין זיידענע הענטשיקעס, מיט ציגאַרעטלעך און ציגאַרן אין מויל, מיט טייערע שטעקלעך און סטעקס אין די הענט. איז פונקט אָט אַזעלכע וואַק-סענע מאַנעקענען באַוועגן זיך איצט, מיט אַ קאַפּעטשקע מער לעבן אין זיך, אויך אונטן, אף בראָדוויי — וואקסענע, פראַנטישע, ליי-דיקגייערשע פיגורן, וואס באַוועגן זיך אַ גאַנצן טאָג פוסט און פּאַס אינם געווימל פון אייביק ליידיקגייערשן און אייביק-יאָנטעוודיקן טעאַטראַלישן בראַדוויי.

איינער פון אָט דידאָזיקע גייענדיקע מאַנעקענען, מיט אַ גרויסער בלום אין לאַץ, שטעלט זיך אָפּ מיטאַמאָל, פאַרייסט דעם קאָפּ אין דער הויך קעגן דער רישטאַוואַניע, כאַפּט אַרויס אַ זיידן טיכל פון אויבערשטן לאַץ-טאַש און הויבט אָן בייז צו וואָרטשען קעגן דער רישטאַוואַניע.

— זעסט, — שרייט ניצאָכנדיק אויס דער לאָדזער, — כ'האָב דיר געזאָגט, אַהאַ... אַהאַ... אָט האָסטו דיר... געפּאַטערט דעם דזשענטעלמען זיין נייעם אנצוג, מיר'ן זיך ניט קאָנען אויסצאָלן

מיט אים... שוין, שוין זאָלסטו מיר אַוועקלייגן דעם פאַרב-טאָפ, קאַליקע דו איינער!

נאָר יענער מאַנעקענישער דזשענטעלמען, אינם גלאַנציקן צילינדער, מיט דער גרויסער בלום אין לאַץ, מיט איין הענטשיקע אַן אָנגעטאָנענער און דער אַנדערער — באָמבלענדיק זיך גלאַט אַזוי אין זעלביקער האַנט, — נאָך דעם, ווי ער האָט אַ ווײַלע געריבן מיטן זײַדענעם טיכעלע עפּעס אַ פאַרב-שפּריצל באַ אים אַפן אַנצוג, און נאָך דעם, ווי ער האָט אַ בייזן און העפטיקן שפּיי געגעבן קעגן דער רישטאַוואַניע, — איז ער וואָרטשענדיק ווײַטער אַוועק זײַן וואַקסענעם און טראַצלדיקן גאַנג.

נאָר דער לאָדזער האָט אַלץ געשיפּעט פון דער צווייטער זײַט רישטאַוואַניע:

— שוין, זאָג איך דיר, זאָלסטו אַוועקלייגן דעם פּענזל... ווײַסטער קאַליקע דו איינער, אַז אַ לייסט אַפילע קאָן דאָס ניט אָפּשמירן, עס זאָל מאַמעש ניט רעגענען באַ אים פון פּענזל.

דזשעק גיט אַף אים בלויז איין קוק פון דער זײַט, און ווערט אײַנגאַנצן בלייך. ער מוז אַוואַדע זײַן איצט פּונקט אַזוי בלייך, ווי אָט יענער וואַקסענער פאַרשוין, וואָס קוקט אויסגעגלאָצט אַף אים פון שוי-פענסטער אַרויס.

אין קאָפּ רוישט, רוישט אים. אין די שלייפן קלאַפּט. אַז ער גיט אַ קוק אונטן, זעען, ווען ער האָט דאָרט פאַרשפּריצט, גיט מיטאַמאָל אַ שווינדל אין די אויגן. מאָדנע: אַז ער האָט ביז איצט געאַרבעט אַף אַ רישטאַוואַניע פלעגט אים קיינמאָל ניט שווינדלען אין קאָפּ, ווען ער פלעגט אַ קוק טאָן אין גאַס אַרונטער, אַפילע ווען די רישטאַוואַניע פלעגט הענגען אַף אַ גרעסערער הויך, און דאָ אַרבעטן זיי בעסאַכאַקל אַרום דעם צווייטן עטאַזש שווינדלט עס אַזוי שטאַרק אין קאָפּ און דאָס ציט עפּעס אַזוי אונטן, ציט... פון פרײַלעכער עוועניו — אײביק-פרײַלעכער גערויש, אַף טראָטואַרן פון פרײַלעכער עוועניו — שפּאַצירנדיקע, אייביק-יאָנטעוודיקע מענטשן. צווישן זוימען-גאַס — אייביק-געדיכטע מאַסע אויטאָמאָבילן, מאָטאָציקלעטן, טאַקסי׳ס. און איבער דעם אַלעמען — שעפּעס פון אייביק-דערפרייענדיקן ליכט פון אַ פריען, אומדערוואַרטן פרילינג-טאָג אין אַ ריזן-שטאָט.

אין קאָפּ ברענט עס אַלץ מער. אין שלייפן קלאַפּט עס אַלץ שטאַרקער. דאָס מויל קרימט זיך אויס ביז צום ווייטאַק, ביז צום האַנאָעדיקן ווייטאַק. איבער גערויש און געפילדער פון גאַס דער-

הערט זיך ווידער דעם לאָדזוערס גרילצנדיק־אויפגערעגטע שטים:

— נו, שמירסט ווייטער, האַ? שוין, זאָג איך דיר, זאָלסטו מיר אַוועקלייגן דעם פּענזל און ארונטער פון דער רישטאַוואַניע. שמירער וויסטער דו...

דזשעק שטייט באַם צווייטן ענד רעשטאַוואַניע און לייגט אַלץ ניט אַוועק די אַרבעט. ער נעמט בלויז פּאַמעלעך און ניט געכאַפּט און בייט איבער דעם פּענזל פון רעכטער אין לינקער האַנט. מיט דער לינקער האַנט ציט ער איצט פּאַמעלעך און לאַנג־זאַם די פּאַרב, מיט דער רעכטער האַנט, אַ ציטערנדיקער און אַ פיבערנדיקער, פּאַרעט ער זיך עפּעס ארום דער שלייף פון דער שטריק, אף וועלכן די רישטאַוואַניע הענגט, בינדט מיט ציטערנ־דיקע פינגער גיך באַנאַנדער דעם היפּשן שלייף פּונקט, ווי ער וואָלט געוואָלט ארונטערלאָזן די רישטאַוואַניע. קאַנטיק, אז ער האָט שוין גאָרניט בעדייע צו פּאָלגן דעם לאָדזער.

דער לעצטער ווערט שיר ניט צעפּלאַצט פון דזשעקס ניט־געהאָרכזאַמקייט, פון זיין פּאַמעלעכן און לאַנגזאַמען, ווי צעלאַ־כעסדיקן פירן מיטן פּענזל. ער גיט א זעץ אוועק דעם ברען־לאָמפּ אף דער רישטאַוואַניע און גיט זיך א קאַאסדיקן לאָז צו דזשעקן. דעמאָלט פּאַסירט אָט־וואָס:

מענטשן אונטן אפן טראָטואַר דערהערן צו ערשט א קוויִ־טשענדיק־דערשראָקענעם געשריי. איידער זיי קלייבן זיך פאַנאַנ־דער, פון וואַנען דאָסדאָזיקע געשריי קומט, דערפּילן זיי באַלד, ווי עס הויבט אָן ארונטערטראָפּענען איבער זייערע קעפּ א ריטשקעלע פּארב פון דער הויך, און אז זיי הויבן פּאַרוואונדערט אויף די אויגן, דערזעען זיי:

איין טייל פון דער רישטאַוואַניע הויבט אָן גיך, גיך זינקען ארונטער־צו, א פּאַרב־טעפּל פּאַלט מיט א הילך קעגן אַספאַלט. א דארער באָכער, — אוואַדע אזא מין קונצן־מאַכער, — מאַכט א פּאָר קאַזעלקעס אין לופט און גיט זיך א טראַסק מיטן גאַנצן גוף קעגן הארטן צעמענט.

די רישטאַוואַניע בלייבט שוין דעמאָלט הענגען בלויז אף איין זייט, גיט זיך פּערפּענדיקולער א שאַרפן זעץ מיט הענגענ־דיקן עק אינם געשליפענעם שפּיגל־גלאָז פון שוי־פענסטער און צעברעקלט עס.

און ערשט דערנאָך: פּליט מיט א געקוויטש ארונטער פון דער הויך אפן טראָטואַר א היפּשער, א פעטער און עלטערער

מענטש, אָנגעטאָן אין ווייסע, פאַרב-פאַרשמירטע ארבעטס-קליידער.
און בעסאכאקל האָט עס געדויערט עפשער איין מינוט.

און ווער ווייס, אין וואָס פאר א ווילע ארום, און פארוואָס האָבן זיך אויגן, אויערן און מויעך בא דזשעקן ווידעראמאָל געעפנט.

ווי דער פאָקוס פון א פאָטאָגראפישן אפאראט האבן אויגן אריינגענומען אין זיך אף שפעטערדיקע פארהיטונג:

א געדיכטן געזעמל מענטשן, א גלאנציקן און לייטישן וואָגאָן פון אן אמבולאנס-קארעטע און א דאָקטאָר אין ווייסן כאלאט.

אויערן, אף א מינוט געעפנטע, האָבן פארנומען אויפגערעגטע געשרייען:

— ער לעבט, ער לעבט נאָך!

— ער'ט געעפנט די אויגן!

— זיי לעבן נאך ביידע!

אויערן האבן אויך פארנומען א קרעכצן, ווי פון א אידענע, וואס גייט צו קינד:

— אוי, ער האט מיך דערהארגעט... אוי, ער'ט מיר אפגעזעצט די ריפּעס... אוי, דאס גאנצע אינגעווייד איז בא מיר אפגעריסן...

נאר מויעך, וואס האט זיך אף א מינוט געעפנט, האט פארצייכנט א מאָדנע ווארימע באפרידיקונג, א גרינגקייט, א באפרייענדיקע, וואס צעגיסט זיך איבערן גאנצן גוף פונם ענדלעך באַרואיקטן און געקילטן הארץ.

נאר דאס איז אלץ אויך געווען עפשער בלויז אף איין מינוט. דערנאכדעם הויבט עפּעס אן נודיען און נאָגן פונם געדיכטן, וואַרימען בלוט, וואס רינט פון צעעפנטן קאפּ-שפּאלט איבער אויגן, איבער אויערן, איבער אפגעדעקטן מארך. זיי ווערן דעריבער אלע דריי ווידער פארמאכט, דידאזיקע פאקוסן, — פארמאכט און איינגעהילט אין א ווארימען געכאלעשטן שווייגן.

פאַר אונזערע אָרימע ברידער.

א.

דער טאג איז געווען א מיטנוואָכיקער, און אַסאך מאַנס-פאַרשוינען האבן ניט געקאָנט קומען אין צייט צוליב זייערע געשעפטן.

די געשעפטן, וואס זיי פלעגן אָנפירן פון קליינע ציכטיקע צימערלעך ארויס, אין די טורמדיקע געביידעס פונם נידעריקן דאון-טאון אף בראָדוויי, ניט ווייט פונם וואַסער, אף וואָל-סטריט, וויליאַם-סטריט, נעסאו-סטריט, דיי-סטריט און אלע אַנדערע שמאָ-לינקע געסעלעך, וואס געפינען זיך נידעריקער פונם ניו-יאָרקער סיטי-האָל [1], — זיך דרייענדיקע און וויקלענדיקע לענטעס, טיפע אָפּגרונטן, שמאָל-שמאלע באַרג-שפּאַלטן צווישן פיל-פּענסטערדיקע פעלזן-ווענט.

אַף יענער זייט פון אט די שטאַרק-הויכע פענסטערדיקע בערג — מיט די אויגן צו פאַרייסן און דעם גאָרגל-קנאַפּ ביז צום ווייטאק ארויסשטאַרצן — זיינען געזעסן טויזנטער, טויזנטער פאַר-נומענע און שטאַרק-באַשעפטיקטע געשטאַלטן. ווייס-באבלוזטע און טאָמיד-פאַרטאָגנענע, מיט בלויע און פורפורנע אבאזשורן איבער די אויגן. מיט די דין פאַרשפּיצטע, איילנדיקע פינגער זייערע האבן זיי נאָכאַנאַנד אויסגעשפּילט אלערליי שליכעסן אף די קלאַ-ווישן פון די רעמינגטאָנס און אנדערוואודס.

— שליכעסן צו גאָר דער וועלט.

ווייל פון דאָרטן, פון אט יענע ריזיקע וואָלקן-קראַצערס, האָבן זיך געצויגן אומגעזעענע פעדים, אָן א שיר לופט-שליאַכן איבער די שטאטן, וואס מיזרעך און מאַירעוו, צאָפן און דאָרעם פון ניו-יאָרק צו די מעדינעס איבער דעם אַטלאַנטישן און פאַסי-פישן אָקעאַן — אין די לענדער פון אייראָפּע און אַזיען. און אלץ

[1] שטאָט-מאַגיסטראַט.

פון אַט די שטייף-געקאָלנערטע מענטשעלעך מיט די גלאַנציקע פּליכעס, וואָס האבן פון זייערע וואַקסן-איינגעטריקנטע פּענימער, פון צווישן די שטייף-איינגעשנורעטע ליפּלעך, געהאַלטן אין איין שיסן באַפעלן אף די בלאָנדע סטענאָגראַפיסטקעס מיט די בלאָנד-געפאַרבטע האָר.

דידאָזיקע סטענאָגראַפיסטקעס האבן קימאַט אַלע געהאַט בלוי-געפּודערטע נעזלעך און געקרייזלטע הערעלעך, וואס פלעגן אַרונטערהיינגען איבער אויגן און שטערן. האָבן זיי גאָר בעשאַס מאַיסע געטראַכט, אונטער דידאָזיקע געקרייזלטע הערעלעך, וועגן זייערע „באָיס", און וועגן די נאָענטסטע באַגעגענישן מיט זיי אין די טאַנץ-האָלן און סקעטינג-רינגס. און אַז די באַפעלן — צו דער גאַנצער גרויסער און ווייטער וועלט — פלעגן זיך אויפהערן צו שיטן אויף אָט די ליבע, ליידיקע קעפּעלעך, ווי פון קיופּיד-ליאַל-קעס, — פלעגן זיי דעמאָלט זייער ערנסט נעמען און פלייסיק אָנ-הויבן צו שלייפן און פּאָלירן און אַרומשערן די שפּיציק-לאַנגע נעגל זייערע, ווי בא ווילדע קעץ.

* * *

אַז מע האָט דעריבער סערווירט אינם האָטעל דעם בלוי-פּאָינט אָיסטער-קאָקטייל, זיינען נאָך אסאַך פלעצער באם לאַנג-לעך-אָוואַלן רייך-געדעקטן טיש געווען ליידיק. אינם זייטיקן פּריוואַטן צימער פונם גרויסן מעק-גרעגאָר האָטעל — דאס איז גע-ווען דער באַרימטער בלוי- און גאָלד-צימער, באַשיינט מיט די שטילע אומגעזעענע ליכטער פון דער סטעליע אַרונטער — זיינען איצטער מייסטנטיילס געיוען אָנוועזנדיק דאַמען. ס'האבן געפינקלט אינם עלעקטרישן ליכט די טייערסטע בריליאַנטן און איידעל-שטיינער, — געפינקלט פון קאמען אויף די גרויסאַרטיק-פּאַרקעמטע פּריזורען ארונטער, פון דיקלעך-געכאַליעטע פינגער, פון אויערינג-לעך, פון בראַסלעטן.

רובינשטיין, דער שאַמעס, וואס איז געזעסן אין א ווינקל טיש אויף א ברעג שטול, האט זיך אומזיסט באַמיט פאר זיך אָנ-צורופן די שטיינער בא זייערע נעמען. ער האָט אַזויפיל נעמען פאַר בריליאַנטן קיינמאָל אין לעבן ניט געוואוסט. און איבער עפּעס האָבן זיך אים אין אָט דער מינוט אָנגעהויבן פּלאָנטערן מאָדנע נעמען פאַר איידל-שטיינער, נאָר זיי זיינען אלע געווען פון טאַרגום אונקעלוס:

— סמקן, ירקן, וברקן...

ס'איז געווען א מאָדנע זאַך... אַז א פעטע דאַמע מיט א דריי-עטאַזשעדיקן גוידער, האָט זיך צו אים געווענדעט מיט עפּעס א פראַגע, האָט ער איר, פאַרשטייט זיך, אָף דער פראַגע גלייך געענטפערט. נאָך מער — ער האט זיך שטאַרק צוגעאיילט, און געענטפערט מיט אַן אונטערטעניקער זריזעס. בעשאַס אָבער ער האט איר אַרויסגעזאָגט די ווערטער פון זיין ענטפער, האָבן זיך אים אין מויעך, קוקנדיק אזוי אָף דערדאָזיקער לייביקער און בלישטשענדיקער דאַמע, אלץ געפּלאָנטערט מאָדנע אזעלכע קוי-דערוועלישע ווערטער:

— קנכירי, טרקיאָ, ועין עיגלא...

* * *

אינם בלוי-צימער איז געווען איצט שטיל. איבער די טיגער-און לעמפּערט-פעלן, וואס זיינען געווען אויסגעשפּרייט אָף די דילן, האבן ארומגעשמייעט די באפּראַקטע קעלנערס. יעדער איי-נער פון זיי האט סאַכאקל אליין געהאַט דעם אויסזעען פון עפּעס א וויכטיקן סראָרע, וועלכער האָט זיך, פון גרויסער פארערונג, פרייוויליק גענומען צו באדינען די דאַמען און הערן באם אוואלן, רייך-געדעקטן טיש, — ווייל מיסטאמע זיינען די פאַרשוינען, וואָס באם טיש, געווען נאך גרעסערע סראָרעס פאר זיי. פאַמעלעך האבן זיי ארומגעשוועבט, די קעלנערס, קונציק זשאָנגלירט מיט די טאַצן און טעלער, און באַלד שווייגנדיק פאַרגליווערט שטיין גע-בליבן הינטער די שטולן פון די עסערס, — עמעסע סטאַטועס, סטאַטועס, וועלכע פלעגן אָבער לעבעדיק ווערן בא דעם מינדסטן באַפעל פון די סראָרעס באם טיש.

דער געשפּרעך האָט שטיל בעקאָוועדיק געזשומעט: איבער די לעצסטע טעאַטער-פאַרשטעלונגען, די נייסטע פידל-זשעניען, דעם באַרימטן און גאָר גרויסן הינדן פּאָעט, ראַבינדראַנאט טאַגאָר, וואס האט אויפגעגעבן די שטילקייט פון דער היימישער נירוואַנא צוליב דעם אוילאָם-האזעדיקן רום און דער לעבעדיקייט פון דער וועלט-שטאָט ניו-יאָרק. אין די פאַרפוצטע סאלאנען פון אַ רייכסטן ניו-יאָרקער האטעל האָט ער שוין איצט אַ לענגערע צייט געפּריי-דיקט די דערהויבענע מידעס פון איינזאַמקייט און איינפאַכקייט און מענטשלעכער געטלעכקייט, — געפּריידיקט דאָס אלץ צו גרענד-

דאמען, וואָס זיינען אַליין געווען עמעסע אויסשטעלונגען פון רייכסטע קליידער און שרייענדיקסטע פּאַרפיומען.

דערנאָך, אַז ס'איז שוין ניט געווען פון וואָס צו ריידן, האָבן די דאַמען אָנגעהויבן פאַרגלייכן די פאַרשיידענע פוטער-שטיקער אויף זייערע פּעלצן, און באָאַס. ווער ס'האָט געהאַט אַ מארדער, ווער א „האדסאן סיעל", ווער אַ לעמפּערט-פעל, ווער אַן איינפאַכע פיי אָדער פוקסן-פעלך.

קעלנערס האָבן פון הינטער די שטולן ארום פון צייט צו צייט אָנגעפילט די גלעזלעך און באָקאַלן מיט וויין.

אַז מע האָט שוין אָנגעהויבן צו סערווירן דעם „פויגל-נעסט" עוף-סוף, צוגעגרייט אויפן כינעזישן סטיל, האט זיך מיס שיינטאַל אָנגעהויבן שטאַרק צו באַאומרואיקן. דורך די גע-ווירצטע פּאָפּאַראַנטיק-פלאַנצן און בלייכע, לייביקע טיי-רויזן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם מיטאָג-טיש, האָט זי צוגעוואונקען צו רו-בינשטיינען אין דעם קעגנאיבערדיקן ווינקל. יענער איז ניט טויט, ניט לעבעדיק טייקעף צוגעלאָפן און איז געבליבן שטיין אין אַן אָנגעבויגענער ניכנעדיקער פּאָזע.

— מר. יודזשין גולסינגער... איר האָט אַפּאָנים פאַרגעסן אים איינלאַדן?

— אַך, ווי קענט איר עס... כאָלילע... כ'האָב אים ניט איינמאָל וועגן דעם דערמאנט דורך בריוו, ספּעציעלן שאליעך, טעלעפאָן...

— ער איז נאָך אַלץ ניטאָ...

אין אירע אויגן איז געווען גרויס צעטומלעניש און אומ-גליק. אַזוי שוואַך האָט זי זיך איצט געפילט, אַז זי האָט געזוכט פאַרזיכערונג און הילף אַפילע באַ אים, דעם טאָמיד-דערשראָקע-נעם רובינשטיינען, וועלכער האָט געהאט אַפילע איצט אַזאַ דער-שלאָגענעם הילעך — דער פּראַק און די מאַנישקע, וואָס ער האָט איצט אויף זיך ארויפגעצויגן האָבן אים געמאכט אויסזעען נאָך דערשלאָגענער און יאָרדישער, — אָט ווי ער וואָלט זיך יענע מינוט געריכט קריגן פון ערגעץ אַ פּלוצלונגדיקן זעץ.

נאָר ווייל זי האָט צו אים ארויפגעקוקט נאָך הילף, איז ער אויסגעגלייכטער געוואָרן און האָפנדיק אַרויסגעפּראלט:

— ער'ט קומען?

און אַזאַ פּרומקייט און גלויביקייט איז באַ אים געווען

איצט אָפן פּאָנים, פּונקט ווי, ער וואָלט אין אָט די ווערטער אריינגעלייגט זיין טיפסטן „כ׳גלויב”.

— כ׳גלויב בעעמונע שלוימע אין דעם אנקומען פון מאָשיאַכן, און אַפילע, אַז ער וועט זיך פאַרזאַמען, וועל איך דאָך אויף אים ווארטן יעדן טאָג, אַז ער זאָל קומען.

* *
*

און ביסלעכווייז האָט זיך שוין דער גאַנצער אוילאם אָנגעהויבן צונויפקומען, ווייל דער טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן נויגן צו זיין סאָף.

ער איז געווען אַ ליכטיקער, אָט דער טאָג, אַן אָנהויבפראָסטיקער. אַ טרוקענע ווייט-וועלטיקע ליכטיקייט, — אַ ליכטיקייט פון אַ ווינטער-טאָג, וואָס איז מיטאמאָל שטיל געוואָרן — האָט זיך געקנוילט אינם אוויר. אויבן איז די ליכטיקייט געווען געדיכטער, פאַרפרוירענער, זיך געפלעקט אפן הימל אין קאַלט-פייערדיקע וואָלקן-פּאַסמעס, — אָפּגעשוונדענע פעלן פון אלערליי אויסטערלישע כאַיעס.

די הימל-זוימען האָבן איצט רויט דערטליעט.

פון צענטראַל-פּארק וועסט עוועניו ארויס האָט זיך די שווארץ-גלאַנציקע לימוזין, אין וועלכער מר. יודזשין גולסינגער איז געזעסן, שטיל געקייקעלט אַף די גומענע רעדער. דערנאָך פאַרקערעוועט זיך אַף בראָדוויי. אַף בראָדוויי האָבן יודזשין גולסינגער באַגעגנט אַווטאָמאָבילן, קאַרעטן, לימוזינען, רייכע קליידער, גלאַנציקע וויטרינען, ליכטיקע טויער-לאַנגע אַפּישן און העל-בלענדנדיקע עלעקטרישע שילדן. ווען נאָר די עוועניו האָט זיך מיט אַ גאַס געקרייצט, האָט רעכטס ארויסגעשיינט די בלוישטאָלערנע אויבערפלאַך פונם האַדסאָן. אַזוי בא יעדן איבערשניט פון גאַס און עוועניו. אַ דאַמפער. קוימענס פון ווייטע פאַבריקן אַף יענער זייט טייך, וואָס האָבן זיך שטענדיק געדרויכערט, — זיי האָבן אויסגעזען, ווי זיילן רויך פון ערגעץ אַ ווייטן פאַרצייטיקן טעמפּל ארויף. שקיע-גלאַנצן אין פענסטער פון ווייטע הייזער אויף יענער זייט האַדסאָן, אין וו ע ס ט נ י ו - י אָ ק. און ווען מר. גולסינגער האָט צוריקגעצויגן בליק ווידער אהער, צוריק — האָט זיך דער אַספאַלט פון דער עוועניו געקייקלט אונטער די רעדער פונם לימוזין, מיט נאַכעס און איבערגעבנהייט.

אַ וועלט איז אים איצט אַף בראָדוויי אנטקעגן געגאַנגען צוליב זיין האנאָע וועגן, אים מעקאבל פּאָנים צו זיין! און יודזשין גולסינגער, אין זיין פראַק און צילינדער-הוט, פאָרנדיק אזוי אין לימוזין ארונטער שטאָט צו, האָט זיך געפילט עפּעס, ווי אַ יונגער קעניג, וועלכער פאָרט פארביי פאר זיין פאָלק... דאָס פאָלק פאַ-ראדירט עס פאר אים איצט, פארפלייצנדיק די גאסן.

אַ מענטש אין עלטער פון אַכט און צוואנציק יאָר. קומט ארויס פון אַ פארמעגלעכער אומאָפּהענגיקער מישפּאָכע. זיך ערשט אומגעקערט פון אַ רייזע קיין אייראָפּע — קיין פוילן און אוקראינע. אין מויעך האָבן אים נאָך איצט אויך געשוועבט די לענדער, די איינדרוקן, די אָרימע און כאָרעווע שטעט און שטעטלעך פון „יענער זייט". אין אַ ריי האָבן זיך גרינג ארויסגעשטעלט די וואונ-דערבארע טעג, אָנגעפילט מיט שרעק, אומדערוואַרטע פּאסירונגען און באגעגענישן מיט וויסטענישן, בלוט, מאגייפעס, הונגער און אָרימקייט פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט דער לוקסוס, — עמעס טאקע, אַ קנאפּער, — דער וואוילטאָג, די אָפּגעזונדערטע פריווילעגיעס, וואָס ער האָט אין דער ארומיקער כאָרעווער וויס-טעניש טויזנט מאָל טייערער אָפּגעשאצט, ווייל זיי האָבן אים דאָך פאַרשאפט אַ זיס-פאַרשיקערנדיקן געפיל פון דערהויבנקייט, פון העכערקייט און בעסערקייט פון אלעמען ארום אים. די באַ-רוישנדיקע טעג, וואָס ער האָט פארבראכט אין וואַרשע און אין קיעוו, און אין די פיל קלענערע כאָרעווע שטעט און שטעטלעך, וואָס אַרום און אָרום.

זיינע ראַיוינעס, זיין געהויבנקייט מיט זיך האָבן זיך פלוצלונג אָפּגעהאקט. דער שאָפער, אין לאַנגער פּעלערינע-מאַנטל, האָט געלאָזט אַ וואַרימע פארע פון דעם לימוזין אַרויסשפּאָרן.

יודזשין גולסינגער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער מאַשין.

מעק-גרעגארס האָטעל... אַ היימישקייט האָט אַף אים אַ ווייי געטאָן פון דעם באַקאַנטן פּרעכטיקן ביניען. די גרויסע גלאַנציקע, האַרטע פּיקוס-פלאַנצן באַ די טירן, די שלאַנקע, כאָשעווע און אומבאַוועגלעכע לאַקייען, וואָס האָבן אים אויך אויסגעזעען, ווי אַזעלכע שטייפע און גלאַנציקע פּיקוס-פלאַנצן, — אָ, ער האָט זיי גוט געקענט. ניט איינמאָל איז ער שוין דאָ געווען.

אַמאָל, ווי אַ פאַרמיטלער, באַם פאַרשטענדיקן זיך פון ביידע צדאָדים אין אַ גרויסן סטרייק-סיכסעך. און נאָך מער, — אינם מעשעך פון די לעצטע פאָר יאָר — באַ די אָפּטע וויכטיקע צוזאַמענ-

קומונגען אין די רייכע געמיטלעכע האָטעל-כאַדאָרים, וואו עס פלעגט באַשלאָסן ווערן דער גורל פון מיליאָנען אידן אַף „יענער זייט" — אַף די אָפטע קלאַל-טוערשע באַראַטונגען וועגן הילף פאַר די מילכאָמע-געליטענע.

אַן אויסגעגלייכטער און פריצישער איז געווען זיין טראָט איבער די טעפיכער, וואָס האָבן געפירט, ווי קאָלירטע סטעזשקעס צווישן די הויכע דעקאָרירטע ווענט. אַ געדאַנק האָט אים בעשאַס מאיסע ערגעץ אין מויעך דורכגעלויכטן, אַז ער איז דאָך איינער פון די גאָר אָנגעזעענסטע באַאַמטע פון דער גרויסער, שטאַרקער הילפס-אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן קעדיי צו העלפן אונזערע אָרימע ברידער אין דעם לאַנד פון כורבן.

דאָס לאַנד פון כורבן, וואָס הויבט זיך אָן גלייך אַף יענער זייט אָקעאַן.

יודזשין גולסינגער, אַ שלאַנקער און פעסט-געבויטער מאַנסביל — ניט אומזיסט איז ער געווען מאיאָר אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי בעאיים דער וועלט-מילכאָמע — איז שנעל און לעבעדיק דורכגעגאַנגען דורך די טראָפּישע פלאַנצן, וואָס האָבן אָנגעפילט די קאָרידאָרן, די גרויסע פאָיע און דעם מעזאָנין-באַלקאָן. ער האָט איצט געפילט אָן אַ שיר קויעך אין זיך. זיינע-פיס-מוסקולן האָבן מאַמעש געדורשט נאָך באַוועגונג. ער האָט דעריבער ניט געוואָלט נעמען דעם ליפט, ער איז אַרויפגעלאָפן די טרעפּ, איבערשפרינגענדיק צו עטלעכע טרעפּ מיטאַמאָל.

דורכגייענדיק דעם קאָרידאָר, האָט אים אַ בליאַסק געטאָן אין די פריש-גלאַנציקע אויגן אַסאַך וואַרימקייט, אַסאַך ליכט, פון די לאָמפּן און ליוסטרעס אַף די געוועקסטע ווענט. אים איז מיט אַמאָל, כאָטש בלויז אַף איין רעגע, איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט עפשער ניט געהאַט געדאַרפט אָנעמען די איצטיקע איינלאַדונג: ער טאָר זיך ניט ביליק מאַכן מיט זיין צו אָפטער דערשיינונג אין דער עפנטלעכקייט. נאָר דאָ איז אים באַלד אַרויפגעקומען אַפן דימיען דער מאָדנער, צוציענדיקער שמייכל פון יענער פרוי, וועלכע האָט אים אַהער איינגעלאַדן... צופרידן גאַדלעסדיק האָט ער דעמאָלט אַ טרייסל געטאָן זיין גריווע האָר, פאַרשטופּט די מאַנזשעטן אַביסל טיפער אונטער די אַרבל אַריין, איידער ער איז טריאומפירנדיק אריינגעגאַנגען אינם „בלויען צימער" פונם סעק-גרעגאָר האָטעל.

* * *

עס איז שוין געווען, אַז מע האָט סערווירט דעם ברוינ=
איינגעפרעגלטן פילאַדעלפיער קאָפּ=האָן, א פּלוצלונגדיקע שושקענ-
דיקע שטילקייט איז דורכגעלאָפן איבערן טיש, און איין פרויען=
קאָפּ צום צווייטן, און איין הערן=אַקסל צום צווייטן, צוגעבויגן:
שוואַכער, הילפלאָזער וואַסער-אייער אונטער אַ ווינטל.

איידער דאָס ווינטל האָט זיך איינגעשטילט און אָפּגעשטעלט
נעבן מיס עסטעל שיינטאַלן, האָט זיך דאָס שושקען שוין באַוויזן
אַרומצוטראָגן איבערן גאַנצן טיש, דורך די קילע פּאַפּאָראַטניק-
בלעטער און טיי-רויזן באַ זיינע זוימען.

— ס׳ט שוין זיין אַ פּאָרל...

— דער אַלטער שיינטאל וועט שוין איצט אַוואַדע מאַכן
שוטפעס מיט גולסינגערס נאַציאָנאַל-באַנק.

— איז אַליין אויך ניט אַבי ווער... מ׳זאָגט, אַז ער קאָנ=
טראָלירט דאָס ראָוו אַקציעס אין דער פירמע „שענטאל און
בענסאן, וואָל-פאַבריקאַנטן”.

— ווי דען... און שטאַמען שטאַמט ער פון גרויסן איכעס—
אַ דירעקטער צווייג פון דער באַרימטער שיינטאַל=פאַמיליע אין גראַץ!

— און זי אַליין, די טאָכטער? אַ פולקומענהייט אין אַלע
פּראָטים. — דאָס איינציקסטע וואָס מע קאָן זאָגן וועגן איר. וואָס
דאַרפט איר מער — דער זון פונם ענגלישן קעניגס פּריוואַטן
באַנקיר — אַ איד — האָט זיך צו איר איינמאָל געשאַדכנט. ס׳האָט
שוין געהאַלטן באַ אַ שידעך. נאָר דער פאָטער אירער האָט אים
ניט געוואָלט — כ׳וויס... געווען, זאָגט מען, אַ יונגער מאַן נאָך
ניט קיין געזעצטער.

און כאָטש זי האָט געשטאַמט פון דער באַרימטער שייגטאַל=
פאַמיליע אין גראַץ, און כאָטש איר פאָטער האָט קאָנטראָלירט
דאָס ראָוו אַקציעס אין דער פירמע „שיינטאַל און בענסאַן,
וואָל-פאַבריקאַנטן”, די באַזיצערן פון די באַרימטע טעקסטיל-פאַבריקן
אין מ אַ ס אַ ט ש ו ז ע ט ס שטאַט, און כאָטש צו איר האָט זיך שוין
איינמאָל געהאַט געשאַדכנט דער איינציקער זון פונם ענגלישן
קעניגס פּריוואַטן באַנקיר, (מע האָט צווישן אוילאם אַרום טיש
מיט איראַס=האַקאָוועד דערציילט, אַז אַף זיינע באַשיידן=געדרוקטע
וויזיט-קאַרטלעך איז געווען געדרוקט פונקט אַזאַ באַשיידענע
שוואַרצע שורע: „באַנקירן פון זיין מאַיעסטעט, דעם קיניג”) — איז
ניט קוקנדיק אַף דעם אַלעמען — און עפשער טאַקי מאַכמעס אָט

דעם אַלעמען — איז דער פּאָטער אירער געווען דער פּרעזידענט פון דער באַרימטער רעפאָרמערישער סינאַגאָגע „גייטס אָוו מוירסי“ („שערי רחמים“). און זי, די טאָכטער זיינע, האָט זיך אויך ניט גרויס געהאַלטן: זי האָט אַף זיך פרייוויליק גענומען צו אָרגאַניזירן אין דער זעלביקער סינאַגאָגע אַן אונטערהאַלטונג און טאַנצן מיטן צוועק צו זאַמלען געלט פאַר אונזערע פאַראומגליקלעכסטע אָרימע ברידער.

ס׳איז געגאַנגען איצט צו ווייַנאַכט-צו. אַרום אָט דער צייט ווערן דאָך אין אַלע קירכן אָראַנזשירט אונטערנעמונגען, קעדיי אַרויסצוהעלפן די נויטבאַדערפטיקע אַף די גויאישע ווינטער-כאַגאָעס מיט ווייַנאַכט-מאָלצייטן. און אַזוי ווי אין די צייטונגען איז שוין אַזויפיל געשריבן געוואָרן וועגן די ליידן פון אונזערע אָרימע ברידער (ס׳איז אַפילע געווען אַ ווייטאָק און אַ שאַנד צוצוגעבן, אַז אָט יענע לייזיקע, פאַרווערימטע און אָפּגעריסענע, בעעמעס ווילד-פרעמדע מענטשן פון מיזרעך, מיט די מאַמעש שוידערלעכסטע מאַנירן, — אַז אָט יענע זאָלן עס זיין אונזערע אָרימע ברידער... אָבער יענע, די אָרימע ברידער, האָבן עס דאָך נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין שרייען און אין איין איבערכאַזערן אַזוי, אַז עס האָט געמוזט בלייבן אין קאָפּ), בעכיין איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראַנשטאַלטן אין איינעם פון די נאָענטע טעג אַרום די ניטל-כאַגאָעס, אַן אונטערנעמונג און א טאַנץ פאַר די אייגענע קעהילע-מיטגלידער. טאַקע אין די געזעלשאַפטס-צימערן פונם טעמפּל „גייטס אָוו מוירסי“.

אָבער דער דערפאָלג פון אָט דער אונטערנעמונג האָט זיך שטאַרק געווענדט אָן דער אָנוועזנהייט פון דעם באַרימטן קלאַל-טוער יודזשין גולסינגער און אָן דער רעדע, וואָס ער וועט דאַרפן דאָרט האַלטן אַפן באַזאַר, וואו ער וועט דערציילן זיינע פּערזענלעכע איינדרוקן פון זיין לעצטער רייזע אין מיזרעך אייראָפּע, און פון זיין אַרבעט אַפן אָרט. ס׳איז געווען קלאָר: אָט אַזאַ רעדע, און פון אָט אַזאַ נאָבעלער פּערזאָן וועט זיכער דאַרפן שטאַרק רירן די אָנוועזנדיקע. דערנאָך וועט מען צונעמען באַם אוילאַם די באַשטייערונגען און ערשט נאָך דעם וועלן פאַרקומען די טענץ.

און פונקט ווי די פאַרזאַמלטע — אַלע מיטגלידער פון דער קעהילע „גייטס אָוו מוירסי“ — וואָלטן בא זיך באַשלאָסן לאָזן צו-רו אָט די צוויי, מיס עסטעל שיינטאַל און מר. יודזשין

גולסינגער, לאָזן זיי אַליין מיט זיך, ווי א יונגע כאָסן-קאַלע פּאָר, ווינסדיק, אז אָן זייער געשפּרעך ווענדט זיך דער דערפאָלג פון דער גאנצער אונטערנעמונג — האָבן זיך אלע מיטאמאָל גענומען ריידן העכער און שטארקער צווישן זיך. ווייס איך וואָס, זיי הויבן גאָרניט אָן צו הערן, וואָס ס׳קומט פאָר דאָרט אויבן-אָן... גאָרניט! גאָרניט!

— דער און דער האָט געקויפט א נייעם ראָלס-ראָיס[1] אכצן טויזנט דאָלער באצאָלט.

— יענער און יענער האָט פון דאָס ניי איבערגעפּארבט זיין מאָטאָר-שיפל — נאָך דערצו אריינגעשטעלט שפּאָגל נייע בענק און זיידענע אריענטאלישע קישעלעך.

און דערנאָך איז געוואָרן שטיל, און לאַנגווייליק. א זאטע לאַנגווייליקע שלעפעריקייט, וואָס נאָך א שווערן מאָלצייט...

דאָ האָט א פליכצוואטער הער גוטמוטיק זיך אָפּגערופן צו רובינשטיינען, — דעם שאמעס פון דער שול, וואָס איז געזעסן א שווייגנדיקער אין זיין ווינקל טיש, ווי אן אָרימער און שטאָלצער קאָרעוו, וועלכער האָט שוין כאראָטע, פאר וואָס ער האָט אָנגעגומען די איינלאדונג צו דער כאסענע, אף וועלכער ער פילט זיך פרעמד און איבעריק. דערדאָזיקער הער האָט צו אים גערעדט אן אומישנע-געבראָכענעם דייטש, ספּעציעל פאר אָט דער געלעגנהייט געקאשערט און געאידישט מיט א פּאָר העברעאישע ווערטער.

— נו, וואָס נאָך ווילט איר... איר זעט... ס׳איז דאָך אלץ פאר אייך, רובינשטיין, אלץ פאר אייך... זי זינט דאָך איין רוסישע יודע?

רובינשטיין איז פארצאפּלט געוואָרן. ער האָט געמאכט א פארצווייפלטע אָנשטרענגונג, אז זיין לאָשן-דייטש זאָל ארויסקומען אמווייניקסטן כאָטש אזוי פיל דייטשיש, ווי זיין פרעגערס שפּראך. ער האָט זיך פאנאנדערגעשאָקלט, זיך א ווייַלע געטרייסלט, געצאפּלט, ווי א קאַליע זייגער, איידער ער הויבט אָן צו שלאָגן, אין פאַרלאָרנקייט האָט ער געשטאמלט און געפּרעפּלט עפּעס... דער טאָך פון זיין אויפגערעגטן ענטפער איז אומגעפער געווען דאָס פאָלגנדיקע:

— אך, כאלילע, וואָס רעדט איר... ער — א ליטווישער, א רוסישער יודע? מער פעלט אים ניט! כאלילע ער איז בעשום אויפן ניט קיין ליטווישער — ער איז גאָר אַן אונגארישער יודע...

1) אזא סאָרט אויטאָמאָביל.

דאָס הייסט, מע קאָן דאָך טאַקי זאָגן — אַן עסטרייכישער... אַלנפאַלס, ביז ניט לאַנג צוריק אַן עסטרייכער...

נאָר אומזיסט האָט דער אָרימער רובינשטיין זיך אַזוי געטרייסלט: זיין צאַפלדיקן ענטפער האָט שוין קיינער סאַי־ווי ניט געהערט, און ער איז איצט אויך ניט געווען וויכטיק, דער ענטפער זיינער; מע האָט שוין איצט אונטערגעטראָגן די געסט די קליינע קוביקעס דעמי־טאַס מיט די פיינע פראַנצויזישע טאָרטן.

אַף יודזשין גולסינגערס פּאָנים איז די גאַנצע צייט פונם מאָלצייט געווען אויסגעשפּרייט די באַשיידענע אָנווייזנדיקע שטאָלצקייט פון אַ נאָגיד אַ פּאַורען, וואָס ווייס טאַקי גאַנץ גוט דעם ווערט פון דער טויווע, וואָס ער האָט געטאָן אַ מענטשן, נאָר וויל אָבער קיין סאַך ניט ריידן דערפון: מיטן פיינעם טאַקט זיינעם מאַכט ער עס צו גאָרניט. און מיס שיינטאַל האָט שוין דעריבער אויך די גאַנצע צייט געלויכטן מיט אַ גליקלעכער שעמעוודיקייט, דידאָזיקע גליקלעכע שעמעוודיקייט איז ביסלעכווייז און נאָכאַנאַנד אַריבערגעגאַנגען אויך אַף אַלעמענס פּענימער:

— אַלץ וועט שוין זיין גוט. אַלץ וועט שוין זיין גוט.

אָבער גראָד אין אָט דער מינוט האָט דער שאַמעס רובינשטיין זיך דערפילט מיטאַמאָל שטאַרק אומרואיק. ס'איז געווען אַ מאָדנע אומרואיקייט, — אַן אומרואיקייט, וועלכע פלעגט אים לעצטנס אָפט פלוצלונג באַפאַלן — סאַי באַטאָג, סאַי אין מיטן דער נאַכט.

ער האָט זיך איצט נאָכאַנאַנד אַלץ געהויבן פון זיין שטול און זיך צוריק אַנידערגעזעצט, זיך געהויבן פון זיין שטול און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. בעשאַס־מאַיסע האָט ער זיך אַלץ געטאַפּט באַ דער בוזים־קעשענע און געוואָרפן דערשראָקענע, ראַכמימדיקע בליקן אַף די אַנוועזנדיקע, בעטנדיק באַ זיי רעשוס אַרויסצוגיין, — ווי אַן אָרים, לייטיש־דערצויגן הינטל, וואָס בעט זיך „אַרויס"...

אַזוי ווי באַם טיש איז שוין מער ניט געווען וואָס צו טאָן, האָט זיך דער אוילאַם אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן איבער נאָענטסטן ביידער, רויכערן און פּלוידערן. דעמאָלט האָט רובינשטיין מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ פּאַפּירל פון בוזים־קעשענע, אַ צעקנייטשט פּאַפּירל, מיט צעריבענע זוימען און אַרומהיינגענדיקע פּאַפּירענע צויטן.

זיך אומרואיק אַרומקוקנדיק אין אַלע זייטן, האָט ער אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אָנהויבן לייענען דאָסדאָזיקע צעריבענע

פּאַפּירל. נאָר פונם צווייטן כּיידער האָבן זיך אַלע ווײַלע געהערט טריט: מע האָט געקאָנט יעדע מינוט אַרײַנקומען אַהער, און אים טרעפן מיט אָט דעם אין האנט — אָט מער פעלט אים ניט... און די קעלנערס, וועלכע האָבן איצט פון טיש צוגעקליבן, האָבן דאַכט זיך, אויך עפּעס אַלץ אַזעלכע מאָדנע אָפּשפּעטערישע בליקן גע־וואָרפן אַף אים, — בליקן טשיקאַווע, בליקן פון אויבן אַרונטער. דאַכט זיך — וואָס? וואָס איז דען אַף אים געווען צו זען? אַ בלייכער איז ער געווען, אַן אײַנגעקוואָרטער און אַן אײַנגעדאַרטער. איז דער סמאָקינג אַף אים געהאנגען, ווי אַ זאַק, און די מאַנישקע, די שטײַף־אײַנגעפּרעסטע, האָט זיך אַלץ אויפגעבלאָזן און געשפּאַרט אַרויס... אָבער מער ניט.

האָט זיך ענדלעך רובינשטיין, אונטער זייערע קעלנעריש־פאַרעכטלעכע בליקן, אָנגעהויבן אַרומוואַרפן איבערן צימער, אָט פונקט ווי אַ געכאַפּט מייזל אין אַ פּאַסטקע. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט גענומען און דורכגעשאָסן דורך דער טיר עפענונג, אָנגעהויבן לויפן, ווי אַ נאָכגעיאָגטער, איבער די ווײַכע טעפּיכער פון די האָטעל־קאָרידאָרן, ביז ער האָט דערזען אַף אַן עמאַלירטער מעטאַלן ברעטל, צוגעקלאַפּט אַף אַ טיר, אַ פּאָר שוואַרצע ווערטער. ערשט דאָ האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. זיי האָבן אים אויסגעזען, די דאָזיקע פּאָר ענגלישע ווערטער, ווי אַן אומגעוואַרטע, אַ ליכטיקע דערלייזונג, —

מאַנסבילשער אָפּטרעט.

ער איז אַרײַנגעפאַלן אהין און פאַריגלט די טיר. דאָ איז ער לעכאָל־האפּאָכעס געווען זיכער, אַז קיינער וועט אים ניט זען און פון אים ניט אָפּלאַכן

פונם באָל־צימער, וואָס האָט זיך געפונען מיט איין עטאַזש העכער, האָט זיך נעלאָזט הערן דאָס ווייכע, טרוימערישע פאַרציען זיך פון פידלען און פליטן... דער צונויפגעקליבענער אוילאם האָט נאָכן רייכן מאָלצייט זיך געלאָזט איצט וואַלצירן. און אונטער אָט דער ווייכער, אויסגעקעכלטער און איידל־פאַרטרוימטער מוזיק האָט רובינשטיין ווידער הייליק אַרויסגעשלעפּט דאָס צעדרומפּלט־צעקנייטש־בויגעלע פּאַפּיר, — דעם בריוו, וואָס ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געקראָגן פון זײַנעם אַ לאַנדסמאַן, זײַנער אַן אַמאָליקער כאַווער נאָך פון כּיידער אַרויס, ערגעץ אין אַ שטעטעלע

אין פאַדאָליער גובערניע. אינם דאָזיקן בריוו האָט ער איצט גע-לייענט צום כ׳ווייס אליין ניט וויפלטן מאָל:

„... און וואָס זאָל איך דיר נאָך דערציילן, אַז ס׳איז ניט צום באשרייבן: קאָן איך דען איבערדערציילן אַלע מוירעדיקע זאַכן, וואָס איך האָב געזעען מיט מיינע אייגענע אויגן: ווי איז צו זיי, ווייל זיי זיינען נאָך ניט בלינד געוואָרן: זאָוול דעם סויכערס קליין מיידעלע פון דריי יאָר האָט זיך א גאַנצן פרימאָרגן געבעטן מע זאָל עס אַרויפזעצן אויפן אורינאַל: זי איז געווען אַ שוואכס, און האָט זיך אַליין ניט געקענט באַוועגן, ווייל עס האָט געליטן פון ראכיט: נאָר ווער האָט זי געקאָנט אַרויפזעצן: איר מאַמע גניעסע די סויפערטע איז דעם זעלבן פרימאָרגן געשטאָרבן נאָכדעם ווי די קאָ-זאַקן האָבן זי מעאַנעס געווען און צענעריקט בעשאַס מאַיסע פון גרויס ווילדקייט און ווילדן טאינעג: זאָוולען אַליין האָבן זיי צע-שפּאָלטן דעם מויעך, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין ווייב און זיינע אויגן האָבן די שאַנדע ניט געקאָנט צוזעען: און אין דעם זעלבן כיידער ניט ווייט פונם קינד ליגט פעשקע די קראַ-סאַוויצע, זאָוולס פופצן-יאָריקע פלימעניצע: נאָר זי איז צע-מישט און גלייכגילטיק ניט וועלנדיק אָדער ניט זייענדיק אימשטאנד צו העלפן דעם קינד: טראַכטנדיק אין ביטערניש, אַז זי איז איצט אַליין טראגעדיק מיט אַ גויאיש קינד און אַז זי איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט פראַנצן: נו האָט דאָס קליינע דריי-יאָריקע מיידעלע געמוזט בלייבן ליגן אין זיין אייגענער צייע אַ לאַנגע צייט: ס׳איז געווען צו שוואַך אויפצושטיין: איז עס געלעגן און לעבעדיקערהייט געפוילט אזוי אין דער אייגענער צייע און געשטאָרבן צווישן די קריכעדיקע ווערים״.

ב.

פונם הויכן פאַרשפּיצטן געוועלבטן פענסטער—ווי אין פאַר-צייטיקע אידישע שולן אָדער קאַטוילישע קאָשצאָלן — האָט זיך געזעען, ווי עס ציט זיך ווייט דער ברייטער ראַכוועסדיקער ג ר ע נ ד ק אָ נ ק ו ר ס.

דאָס רייכע אַפּאַרטאַמענט-הויז איז געווען געבויט ווי אַ קלין, ווי אַ דרייעק, ווייל אַ זייטיקע גאַס איז באַ אָט דעם ווינקל אַריינגעפאַלן אינם גרענד קאָנקורס — דער גאַס-אקעאָן. מיט אָט דער שמאָלער, איינפענסטערדיקער וואַנט איז דאָס הויז אפן קאָנקורס אַרויסגעקומען—בלויז אָט אָ די איינציקע פערפענדיקולע-

רע ריי פענסטער, און קיין אַנדערע פענסטער, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט, קיניגלעך — אליין און אפגעאיינזאַמט, אַף דער ברייטער עווענין.

דאָ באַ אָט דער וואַנט, האָט יודזשין גולסינגער געהאַט זיין קאַבינעט. אַרויסקוקנדיק פון זיין הויכן פעסנטער אפן אַכטן עטאַזש איבער דער ברייטער וועלט אונטן און אַרום, האָט ער זיך טאַקע נאָר געפילט, ווי אַ מיילעך, ווי אַ הערשער איבער גאָר דער וועלט.

אַ בולוואַר האָט זיך אין מיטן פון דער טאפעלט-ברייטער עווענין געצויגן. שוואַרצע ריטלעך פון הוילע בוימער האָבן זיך געפלאָכטן און געצייכנט אפן לופט-בלוי, — פאַנטאַסטישע בוימערסקעלעטן, געמאלענע מיט איידעלע וואַסער-פאַרבן. אין דער אַראנזש-פלאַמענדיקער, ווינטער-זון האָט ערטערווייז טונקל געפלאַקערט דער פעכיק-שוואַרצער אספאלט, געפלאַקערט מיט טונקעלע פייער-לוזשעס. און ווייט אַריבער די מויערן און קאַטערזשעס פונם גרענד קאָנקורס מיט די שקיע-ברענענדע פענסטער — יעדעס פענסטער א כאָלעם, אַ ווייט לאַנד און אן אנדער וועלט — האָבן זיך געצויגן טאָלן. טאלן מיט מענטשן נאָך ניט קיין באַזוע-סענע, פעלזיקע, ווילדע טאלן, באַבוימט מיט די דזשעראס-וועלדער וואָס זיינען סאמע פון שטיינער-שפאַלטן געוואקסן.

שטאָטישע באנען האָבן זיך ערגעץ אַף ווייטע רעלסן אין דער לופט געקרימט און געבויגן זיך — שטאלענע, עלאַסטישע כאַיעס, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט דער פרייד פון גרויסשטאָט. א ווייטער בריק איבערן הארלעם-טייך. אסאך, אסאך בויגנפארמיקע בריקן. שיפן, דאַמפערס, מאָטאָר-שיפלעך, שלעפ-בארקאסן, א וויס-פארנעפלטער טייך. פונם טייך-נעפל האָבן שוין איצט אינם אוונט לאמטערנעס אָנגעהויבן אַרויסשיינען — די אייביקע אילומינאציע אף אן אָוונטיקן ניו-יאָרקער טייך.

און ווייטער האָבן זיך געצויגן בערג, און ווידער א טייך, דער האָדסאן, פון דאַנען האָט מען אים אַפילע ניט געקאָנט זען, נאָר יודזשין גולסינגער האָט מיט שאַרף-שטאָלענעם אויג זיינעם די שטיינערנע בערג דורכגעדרונגען, און איצט אלץ געזען.

זיין בלוט האָט אין אים איצט העפטיק געשטיגן און זיינע אָדערן זיינען געוואָרן שטאל, ווען ער האָט געקוקט אַף דער פעלזיקער געגנט ארום. פון זיין הויכן פענסטער, ווי פון אַ טורעם

אַרונטער האָט ער דאָך טאָמיד אזוי ליב געהאַט צו קוקן איבערן אַרומיקן לאַנד...

דאָ אין מיטן שטאָט, האָט זיך דער ברייטער, מאַלכעסדיקער גרענד קאָנקורס געצויגן,—מיט דינאמיט דורכגעריסן, מיט ריזיקע מעכאַנישע גראַב-אייזנס דורכגעבראָכן, — דורך שטיינערנע ווילדע בערג,—אַ קיניגלעכער שליאַך. אַווטאָמאָבילן, אַווטאָמאָבילן, אַווטאָמאָבילן, האָבן זיך דורך דאנען טאָג און נאַכט געצויגן—פון ערגעץ ניט, אין ערגעץ ניט, אין דער אומבאַשטימטער, זיך קיינמאָל ניט ענדערנדיקער ריכטונג,—די ריכטונג פון אהין און צוריק. נאכאנאנד, איילנדיק האָבן זיי זיך געצויגן, קיינמאָל ניט אויפהערנדיק, פון דער שטאָט אפן לאַנד, אַרויס און פון וויטן לאַנד צוריק,—דורך שטאָט רוישיקער צום יאַם צו. און אַז יודזשין גולסינגער האָט נאָכגעקוקט די אַווטאָמאָבילן, איז אים אלעמאָל אויסגעקומען, ווי ערגעץ וואו אין דער ווייט איז איצט א גרויסער א פילפעלקערדיקער יאָנטעוו פאַרגעקומען, אָדער גאָר א רייכע, פּאמפּעזע לעוואַיע—אַן איי ביק ע פייערלעכע לעוואַיע.

ווייט האָט ער איצט געקוקט אלץ ווייטער און ווייטער, איבער פעלד, שטיין, מויער און נאָך פוסטעווענדיק לאַנד — אויף יענעם זייט הארסאן, דאָרט ערגעץ איז געווען יודזשין גולסינגערס זומער-גוט, וואו ער האָט זיך עס באקענט מיט מיס עסטעל שיינטאַל. דאָס איז געווען אַ פּאר וואָכן נאכדעם, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע איבער מיזרעך-אייראָפּע. און פאַר די אויגן האָט זיך איצט ווידער אויסגעשטעלט — פונקט ווי זאכן און טעג, איינמאָל געוועזענע פאַרשווינדן שוין מער קיינמאָל ניט—אָט יענער גאָלדענער הארבסט-טאָג.

א פריער גאָלדיקער הארבסט-טאָג. אסאך ליכט. אינדיאנער זומער, פורפור-בלעטער. א ברייטער זאמדיקער שליאַך—דער גאלף-טראקט—וואו ער, א זומערדיק אָנגעטאָנענער, א הויכער, ברייט-פּלייצעדיקער, מיט אן אַטלעטישער פיגור, איז לייכט איבערן וועג געגאנגען, דער יונגער באָכערל האָט אים דעם זאַק מיט די באלן און גאָלף-שטעקנס נאָכגעטראָגן—א „נושא כלים" צו עפּעס א גרויסן קריגער... און דאָס בלוט איז אין אים געווען דעמאָלט פורפור-רויט אויפגעשלאָגן, ווי די בלעטער אַרום, ווי דער ווילדער און ווייך-ווערנדיקער ווייַנטרויב, וואָס האָט זיך געדראַפּעט אף אַרומיקע פּאַרקנס און בוימער באם יאם.

האָט אים איצט דער פאָרשטייענדיקער אָוונט צוזאַמען מיט מיס עסטעלן דורכגענומען מיט א ציטער פון אַ נייער פרייד, בלויז א פּאָר מאָל א געאַנטער...

ער האָט זיך געבאָדן א גאַנצן פאַרנאַכט, געוואַשן, זיך פּאַר-פיומירט און זיך אַלץ געגרייט פאַרן גרויסן יאָמטעוו היינט באַנאַכט.

* * *

און אין יענעם אָוונט האָט זיך פאַר דער טיר פונם טעמפּל „גייטס אוו מוירסי״ געלויכטן אַ קליין עלעקטריש שילד...

געהאַנגען איז זי שוין דאָרט אַפילע א גאַנצע וואָך, דידאָ-זיקע שילד. נאָר היינט אין אָוונט זיינען די עמאַל-בוכשטאַבן אויף שוואַרצן טאַפל געוואָרן באַלויכטן מיטן בלענענדיק-גרויסשטאָטיש-ליכט פון אַן אַריבערהענגענדיקער גרויסער עלעקטרישער אַרקע-לאָמפּ.

א סאָשייבל.

א טאַנץ און אַן אונטערהאַלטונג, געגעבן פון דעם
פרויען-הילפס קאָמיטעט פונם טעמפּל
״גייטס און מוירסי״
אין די פּאַליש-צימערן
אַלע זיינען איינגעלאַדן.
צו—בואָסענס ווערן סערווירט
אָנפאַנג 8,30 אָוונט, פּונקט.

א לאַנגע שערענגע אויטאָמאָבילן און קאַרעטן האָט דעמאָלט געדרימלט אינם בלויען דרויסן, פאַר די טויערן פונם טעמפּל ״שערי רחמים״. זיי, די טויערן, זיינען שוין פון טכילעס אָוונט געווען באַפּוצט מיט טראָפּישע פלאַנצן און קינסטלעך אויסגע-פלאָכטענע גירליאַנדעס פון אַלערליי קאָלירטע עלעקטרישע לעמ-פּעלעך. דאַמען אין פוטערס פון קאָטיק און מאַרדערס, הערן אין צילינדרען, וואָס זיינען געווען מיט פּאַרפיומירטן קאָקאָ-נוס אייל אָפּגעגלאַנצט, הערן אין די שטייפע ווייס-געפּרעסטע העמדער-בוזימס און אין כאַשעווע „איווינינג-דרעסעס״, האָבן אַ גאַנצן אָוונט געהאַלטן אין איין אַרונטערשטייגן פון פילע אונטערפּאַרעג-דיקע פּראַכטפולע אויטאָס.

א ווייסער בלישטשענדיקער שניי, מיט ברייטע פעדערדיקע רעדעלעך, איז איצט געפאַלן—דער ערשטער ווינטערדיקער שניי.

ער האָט אָנגעפילט די לופט צווישן הימל און ערד, דעם ברייטן קאָנקורס און דעם בלויען אָוונט מיט אַ יאָנטעוודיקייט און אַ פּלוצלונג אַרונטערגעפאַלענער פרייד.

פייערלעך שווייגנדיק האָבן די טויערן דורכן גאַנצן אָוונט נאָכאַנאַנד אַריינגעלאָזן די הערן און די דאַמען, נאָר איצט איז שוין געווען שפּעט אוונט.

אונטן, אין די זייטיקע צימערן פונם פּאַליש פלעגט מען דאַוונען בלויז שאַבעס אין דער פרי, ווייל שאַבעס צו „שחרית" פלעגן קומען זייער ווייניק מענטשן: עלטערע אויוועדבאטלדיקע יידעס און באבעס, א אינגל, א מיידל, אָדער אַ מיידל, וואָס פלעגט דאַרפן זאָגן קאַדעש. אָן ארגעל, אָן געזאַנג, איילנדיק—געשעפטסמעסיק פלעגט דער הייליקער רעווערענד, דר. אבאדיא (עובדיק) סילווערשטיין, דורכפרעפלען די „שחרית—טפילעס". די יונגע און די מיטליעריקע קעהילע-מיטגלידער פלעגן דעמאלט אין דער זעלבער שאָ, האַלטן אין אַרויסגעבן די לעצטע באַפעלן פאַר דער וואָך ערגעץ אין די טורעם-געביידעס, וואָס נידעריקער פונם סיטי-האל, אָדער אין די אָנגעפּיקעוועטע מאגאזינען. די רייכערע — אף בראָדוויי און דער פינפטער עוועניו. די אָרימערע—אף סט. ניקאלאס און אַמסטערדאַם עוועניוס. נו, און די דאַמען זייערע — זיי האָבן דאָך ניט געהאַט דעמאָלט צוליב וועמען צו קומען אויסגעפּוצטע אין שול אַריין.

און דאָ אין אָט די פּאַליש-צימערן, וואָס אינם אונטערשטן טייל פון דער סינאגאָגע, איז איצט אויך פאָרגעקומען די אונ-טערהאַלטונג.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען יודזשין גולסינגער האָט זיך געשטעלט האַלטן זיין רעדע. ער האָט אינקורצן איבער-געגעבן זיינע דערפאַרונגען פון זיין פאַרווילן אין מיזרעך-איירא-פּע, און פון די פילע זאכן, וואָס ער האָט דאָרט אויפגעטאן. דערנאָך, פון די איינצעלנע פאַקטן פון זיין הילפס-אַרבעט, איז ער ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען צו אַן אלגעמיינער באַטראַכטונג— צו אַ פילאָזאָפישע באַטראַכטונג, וועגן דעם עטישן אינהאַלט פונם לעבן ביכלאל, וועגן דעם, אַז איינער דאַרף אַלעמאל טאָן גוטס פאַרן צווייטן, פאַרן מיטמענטשן...

— א, יעס... איינער דארף אלעמאָל דינען דעם צווייטן... ניט העכער, ניט נידעריקער זיך פילן — יעדער איינער דאַרף זיך בלויז באַטראַכטן, ווי דעם צווייטנס דינער.

זיין שטים האָט אנגענעם, גלאַט און שעמענוזאַיעסדיק געטריפט:

— און מיר דאַרפן ניט וועלן קיין באַלוינונג פאַר אונזערע מאיסים — אונזער אינערלעכע באַפרידיקונג איז אונזער בעסטע באַלוינונג... ניין, דאס אויך ניט... דאָס איז שוין צופיל. דאָס — אינערלעכע באפרידיקונג — איז דאָך שוין אויך אַ באַלוינונג! מיר טאָרן זיך קיינמאָל ניט גלעטן איבערן בעקעלע פאַר דעם גוטס, וואָס מיר טוען אַ צווייטן. צוליב דעם, וואָס מיר טוען אונזער כויוו פאַרן צווייטן, ווערן מיר ניט קיין העכערע, קיין בעסערע מינים מענטשן: מיר דינען איינער דעם צווייטן, ווייל מיר זיינען מע־כויעו דאָס צו טאָן — ווייל עס איז אונזער פליכט... יאָ.

— לאָמיר, — האט ער פאַרגעזעצט און מיט עסטעל שיינטאַל האָט זיך אנגענעם געוואונדערט צו דערזעען אים אין נאך א ליכט, אין א שפּאָגל נייעם ליכט, — אינם ליכט, וואס האט איצט געשפּרייט פון זיך דער פרומער רעוועדענדיקער אויסדרוק פון זיין פּאָנים: דאס האט אים נאָך אסאַך טייערער געמאַכט אין אירע אויגן — לאָמיר בויען צוזאַמען א שיף... יאָ, א שיף. דאָס שיף — דאס מיינט פאַר אונז דער כאַראַקטער, — דער כאַראַקטער פונם מענטשן... ריכטיקער: פון דעם בעסערן מענטשן. ווי בויען מיר א שיף? צוערשט מוזן מיר דאך בויען דעם פונדאַמענט, דעם הויפּט־ביילעק פונם שיף, דעם גוף פונם שיף. און דא לייגן מיר אוועק די ערשטע, די וויכטיקסטע ברעטער, דעם אויפהאַלט פון דער גאַנצער געביידע — וואס דאָס מיינט, כ׳כאַזער איבער נאך אמאָל, אונזער כאַראַקטער — יאָ, די וויכטיקסטע ברעטער... אָט אַ די ברעטער וועלן מיר אָנרופן „סוירוויס״ — דער דינסט, וואס איין מענטש דארף אַרויסווייזן דעם אַנדערן.

דער אוילאַם איז געזעסן שטיל, פאַרגאַפט. יודזשין גולסינ־גערס פּאָנים האָט זיך מיטאַמאָל געביטן: עס איז געוואָרן שטרענג. די אויגן — ביידע בייזלעך פאַרשפּיצט, מיטן פינגער, פון וועלכן עס האבן אינם רייכן עלעקטרישן ליכט ארונטערגעשעמערירט און געוואָרפן גאַרבלענדעניש עטלעכע בריליאַנטן, האָט ער אף עמיץ אָן אומגעזוזענעם געטייט — געמוסערט און געשטראָפן.

— אָבער דידאָזיקע הויפּט־ברעטער — „סוירוויס״ — כאָטש זיי זיינען דער וויכטיקסטער טייל פונם שיף — זיינען דאך ניט אַלץ... זייער א וויכטיקע ראָלע אינם שיף שפּילן די זעגלען... און יעדער איינער, מיינע ברידער, קאָן אפן שיף ארויסציע־

זיינע אייגענע זעגלען — יאָ, יעדער איינער, יעדער מענטש איז זיין אייגענער באַלעבאָס, און איז פאַר זיך אליין פאַראַנטוואָרט־לעך... און וועלכע זעגלען ער ציט אַרויף, אַהין וועלן זיי אים פירן: צום לעבן אָדער צום טויט... איז וועלכע זעגלען, מיינע ליבע שוועסטער און ברידער, זאָלן מיר אַף אונזער שיף אַרויפ־ציען?

ער האָט טריאומפירנדיק אַ גלאַנץ געטאָן איבערן עולם, האָט זיך אָפּגעווישן דעם שטערן, אויסגעטרונקען קאַלט וואַסער פון גלאָז.

— קאָנסיידער... לאָמיר אַרויפציען דעם ערשטן זעגל. מיר וועלן אים אָנרופן: „דער זעגל פונם ריינעם מויל“. ס׳איז קלאָר. מע דאַרף ניט דערקלערן, וואָס דאָס באַדייט... נו, און איצט, אַז מיר האָבן שוין דעם ערשטן זעגל פעסט און פעסט אַף זיין אָרט, וועלן מיר אַרויפציען אַף אונזער שיף דעם צווייטן זעגל. און אָט דעם צווייטן זעגל וועלן מיר אָנרופן: „דער זעגל פונם ערלעכן אויג“. און דאָס איז אויך קלאָר. און אויך דאָס, האָף איך, נויטיקט זיך ניט אין קיינע פּאַרטייטשונגען. די צוויי וויכטיקסטע זעגלען אַף אונזער שיף „כאַראַקטער“ הייסט עס: ערשטנס, דער זעגל פונם ריינעם מויל און צווייטנס, דער זעגל פונם ערלעכן אויג.

זיין פּנים איז נאָך שטרענגער און מוסערדיקער געוואָרן... שטאַרקער און בייזער האָט ער געטייט מיטן פינגער אַף יענעם עמיצן דעם אומגעזעענעם:

— טאָ היט זיך, מיינע ברידער, פאַרן אומריינעם מיעסן מויל און פאַרן אומערלעכן, ניט־פּאַרגינערישן אויג! כ׳מיין ניט אייך — כ׳בין זיכער, אַז איר, מיינע פריינט, האָט אַרויפגעצויגן די ריכטיקע זעגלען אַף אייער שיף! אָבער צו מיין און צו אונ־זער אַלעמענס באַדויערן, זיינען דאָ אַזעלכע מענטשן — און אַ סאַך מאָל קומט טאַקע אונז אויס צו ליידן פון זיי, — וועלכע האָבן אַף זייער שיף אַרויפגעצויגן גראָד די זעגלען פונם אומריינעם מויל און דעם ניט־פּאַרגינערישן אויג, וואָס דאָס פירט צו דערנידערונג, פאַרמיעסונג און, ענדלעך, צום טויט. יאָ, צום טויט... כ׳דאַנק אייך, מיינע דאַמען און הערן!

* * *

מע האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט.

— אַ פּראַכטפולע רעדע...

— אַ מייסטערווערק ...

— טיף דורכגעפילט ...

— גלענצנדיק אויסגעפירט ...

— פול מיט עמעסן סענטימענט, מיט עמעסער האַרציקער וואַרימקייט און מענטשלעכער געררירטקייט ...

אַ פּאָר עלטערע פרויען — שוין אָפּגעשוואַכטע מענטשן געווען, און דער קאָנטראָל איבער די נערוון-צענטרען פון זייערע לאַקרימע-דריזן האָבן זיי שוין פון לאַנג אָנגעוואָרן — האָבן זיך די קוואַלן פון טרערן בא זיי געעפנט און פרום און אין דער שטיל האָבן זיי געבענטשט גאָט, וואָס זיי אַליין שטאַמען ניט פון אָט יענע מעדינעס, וואו עס וואוינען „אונזערע אָרימע ברידער", און וואס זייערע קינדער געפינען זיך דאָ, אין זיכערהייט.

די אינגערע דאַמען האבן די גאַנצע צייט פון דער רעדע אינעווייניק אָנגעקוואָלן ניט אזוי פונם טיפן אינהאַלט פון די ארויסגעזאָגטע געדאַנקען, ווי פונם געזונטן, מאַנסבילשן אויסזעען פונם רעדנער. ער האט אויסגעקוקט אין זיין אראַטאָרישן ענטוזיאַזם, ווי אַן עמעסער העלד, ווי אַ פירער פון גרויסע קריגערישע מאַכנעס... די פון זיי, וואָס זיינען נאָך געווען מיידלעך, האָבן געקוקט מיט קינע אף מיס שיינטאל. און די וועלכע זיינען שוין געווען פאַרהייראַט, האָבן איצט געקוקט מיט כאראָטע, גרינגשעצונג און פאַרדראָס אף זייערע אייגענע מענער.

די הערן האָבן דערוויל געטראַכט, וואָס פאַר אַ באשטייערונגען זיי זאָלן געבן, וועלכע סומען, אז ס'זאָל זיין פּאַסיק לויט זייער שטאַנד און לויט זייער נאָמען, אז ס'זאָל ניט זיין קיין דערנידערונג פאַר לייטן. מע האָט זיך אומגעקוקט, ווער ס'איז דאָ אין דער געזעלשאַפט. די, וואָס זיינען דאָ געווען מיט קאַלעס אָדער געליבטע האָבן געטראַכט וועגן די אַנוועזנדיקע קאלעס און דער קאַלעס עלטערן, און לויט אָט די אויסרעכענונגען באַשטימט צו געבן די געהעריקע באַשטייערונגען.

אַז דער גאַנצער סכום מעזומען געלט און צוזאָגן איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן, האָט עס טאַקי באַטראָפן אַ היפּשע סומע. און מיס עסטעל שיינטאָל האַט דערמאָלט געקראָגן אזעלכע אויפגעפלאַמטע באַקן, זי האט זיך געפילט די גליקלעכסטע פרוי אף דער וועלט...

יודזשין גולסינגער, וועמעס פאַרדינסטן עס זיינען דאָ אָפן און פון אַלעמען אַנערקענט געוואָרן, האָט זיך דעריבער געפונען אין אַ צושטאַנד פון ווייכקייט און גרויסמוטיקייט. מיט ליבע האָט ער

געטראַכט, אַז עסטעל איז א וואונדערבאַר-פּעאיקע פרוי: אַלץ, וואס זי נעמט אונטער פירט זי דורך מיט אַסאַך קענטשאַפט. אַף איר וועט מען זיך שוין קענען גאָר אַסאַך פאַרלאָזן ... סאַי ווי אַף אַ פרוי, סאַי ווי אַף אַ הויז-ווירטן, און כאַי סטאַם, ווי אַף אַן אייצע-געבערין אין וויכטיקע לעבנס-איניאָנים. און זיין באַשלוס צו שאַדכענען זיך צו איר איז אין אָט דער מינוט געוואָרן נאָך שטאַרקער.

איצט איז שוין געווען נאָך אלעמען. רובינשטיין און קעננעטה, דער סטרוזש פונם טעמפּל, האָבן אַוועקגעשלעפּט צו דער וואַנט אלע שטולן, און געמאַכט פלאַץ פאַר טאַנצן. און באַלד האָבן זיך, אונטער דער מוזיק פון ראָיאַל, פּויק און סאַקסאָפאָן געדרייט יונגע פּאָרלעך מיט גליקלעך צעפלאַמטע פּענימער און זיי האָבן געטראַכט:

— נאָך אַלעמען איז דער פּאָליש פונם טעמפּל אַן אויסגעצייכנטער פלאַץ פאַר טאַנצן ...

דאָ האט מען פונם טאַנצן געקאָנט אַסאַך מער הנאָע האָבן, ווי אַפילע אין די גרעסטע טאַנץ-האָלס פון ניו-יאָרק. אַלץ איז דאָ געווען אזוי עקסקלוסיוו, דער אוילאם — אן אייגענער, אַ געקליבענער. און כוץ דעם: דאָ איז טאקע אַסאַך מער געראַמער פלאַץ פארן גיכן טעמפּאָ פון די יונגע טענצער, ווי אין א געוויינלעכן טאַנץ-זאַל. זיי האָבן דעריבער געקאָנט ארייננעמען די נייסטע, קונציקסטע „סטעפּס“, אויסדרייען די שענסטע „העזיטיישאָן“ וואַלסן ... אָ, דא איז געווען דער עמעסער פלאַץ פאַר די פּאַנאַנ-דערבוי'ע ענדיקסטע, שפּיציקסטע „פּאָקס-טראָטן“.

דאָס, אומגעפער, איז געווען דער טאָן פון די רייד און די מאַכשאָוועס פון די יונגע פּאָ לעך.

אונטער סופיט האָבן זיך נאָכאַנאַנד געקנוילט די ווינקל-דיקע, קיצלדיקע קלאַנגען פון דער דזשעז-מוזיק. אין א זייטיקן צימער זיינען געווען אָנגעשטעלט טישן מיט ווײַנען — ווײַנען פון בורגונדי, מאָזעל, באָרדאָ, קאַליפאָרניע, זיסער מוסקאַטעל און זויערע ריין-ווײַנען, שמאָל-העלזיקע, שלאַנקע שאַמפּאַניער-פלאַשן, קוישן מיט פרוכט, זיבן-פאַכיקע טאָרטן. פון דער קיך אַרויס — אָט דיראָויקע וואונדערבארע. אייגענע קיך איז געווען דער ניט קיין קלענערער שטאָלץ פון דער קאָנגרעגיישאָן „גייטס אָוו מערסי״ איידער איר רעווערענד, דר. אָבאַדיאַק סילווערשטיין מיט זיינע

באַרימטע דראָשעס — האָט מען דערלאַנגט אהער טיי, קאַווע פאַר דער אינגערער געזעלשאַפט, פּאָסטאָם — פאַר די עלטערע לייט.

* * *

אָט א די עלטערע לייט—שוין די טאַנץ-יאָרן אריבער—האָבן עס זיך אייגנטלעך ארומגעקליבן דאָ ארום די טישן.

דורכן טומאַן, וואָס האט זיך אויפגעהויבן פון די ציגאַרן און די הייסע געטראַנקען, האָט זיך מיטאַמאָל באוויזן עפּעס אַ גרוי-באַוואַקסענער, שאָטנהאַפטיקער קאָפּ. א פּאָר איינגעטריקנטע ליפּן האָבן זיך שוואַך און אויוורבאָטלדיק געשאָקלט. און מאַכמעס דעם טומאַן, וואָס האָט איצט איינגעוויקלט דעם טיש, האט זיך עס אויסגעדאַכט: ס'איז בלויז א קאָפּ, — א באַזונדערער, פינם גוף אָפּגעשניטענער קאָפּ, וועלכער האָט אָנגעהויבן ריידן. קיין אויגן אַפילע האָבן זיך ניט געזעען. בלויז אַ מויל, וואָס האט שוואַך און זקייניש עפּעס געפּרעפּלט.

„... אין אַנדערש מאָל פלעגן די קאזאקן צווינגען די עלטערן דערהאַרגענען זייערע אייגענע קינדער. דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַוורעמל קראָקע. אויב די עלטערן פלעגן זיך עס אַנטזאָגן צו טאָן, פלעגן דעמאָלט די קאזאקן זיי צענעריקן, איזדיעקעווען זיך איבער זיי, שלאָגן מיט די באַגנעטן, אַרומשלעפּן פאַר די האָר און מוטשען זיי אַף אַנדערע אויפאַנים. אויב אינם הויזגעזינט האָבן זיך געפונען יונגע מיידלעך, פלעגן דעמאָלט די קאזאקן פאַרשפּאַרן די איבעריקע פאמיליען-מיטגלידער אין א זייטיקן צימער, וועלכער פלעגט באַוואַכט ווערן פון א סאָלדאַט, און דעמאָלט פלעגן זיי מעאנעס זיין די פרויען, איינע נאָך דער אַנדערער. אין אנדערע שטעט פלעגן די קאזאקן אוועקשלעפּן די יונגע מיידלעך אין די סעדער אָדער וועלדער — פרילינג איז עס געווען, אַרום שוואועס, נאָך די כּאַיעסדיקסטע מיני איזדיעקעווען זיך איבער זייערע קערפּערס, פלעגט מען זיי דערנאָך דערהאַרגענען. די איינציקע מיידלעך, וואָס זיינען געבליבן לעבן, וואַרטן, ביז זיי וועלן געזונט ווערן און וועלן האָבן געענוג קויעך זיך אליין אָנצוטאָן א מאַיסע".

דאָס ענגלישע וואָכנבלאַט, וואָס איז די גאַנצע צייט געהאָנגען אין דער נעפּלדיקער לופט, וואָס פאר דעם אונטערגעהאַקטן קאָפּ — ס'האָט זיך אויך ניט געזעען, ווערעס האָט האט עס צוגעהאַלטן דאָס בלאַט פארן גרויען צעקאָשמעטן קאָפּ, וואָס

האָט געשמעקט איצט אויוערבאַטלדיק מיט די ליפּן — איז איצט ערגעץ ארונטערגעפאַלן.

— פּע, ווי קאָנען זיי עס גאָר ...

א דיקע דאַמע מיטן דריי-גאָרנדיקן גיידער האט געפּאָכעט איר אויפגעקאָכטן פּאָנים מיט א יאַפּאָנעזישן פעכער. ס'איז ניט געווען קענטיק, אויב דאָס פאַרדריסט איר עס אף די קאזאקן, אָדער אף דעם בלאַט, וואָס שעמט זיך ניט צו באַשרייבן אזעלכע אומאנשטענדיקע זאַכן.

— פּע, — האָט זי זיך נאָכאַנאַנד געערגערט — ווי קענען זיי עס גאָר !..

— מיין גאָט, מיין גאָט ! — א דאַמע אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע האט א גאַנצן אָוונט פלירטירט מיטן קאַסירער פונם טעמפּל, האָט איצט עטוואָס ארונטערגעלאָזן די אויגן, בעאייס יענער האָט אונטערן טיש נאָך אלץ געדריקט זיין ווארימע קני צו אירער מיטאַמאָל האָט זי זיך דערפילט שטאַרק אומבאַקוועם און נאַריש, — זייער שטאַרק אומבאַקוועם און נאַריש. זי האָט געהאַט איצט דעם געפיל, פּונקט ווי זי וואָלט זיך מיט יענעם ליב געהאַט אין דער פינסטער, און מע וואָלט אַף זיי פלוצלונג דאס ליכט אויפ-געדרייט ... דערפאַר האט איר אף עמיצן — אן אומבאַקאַנטן, דער-שלאָגענעם און אָפּשטויסנדיק-שוואַכן „עמיצן” אף יענער זייט יאַם — איצט שטאַרק פאַרדראָסן. זי האָט בייזלעך פאַרביסן די ליפּעלעך.

— מיין גאָט, מיין גאָט, — האָט זי אלץ געכאַזערט צאַרע-דיק און אָפּגערוקט איר קני פון דעם קאַסירס.

אַ מינוט איז געוואָרן שטיל. אַלע אָנוועזנדיקע מענער און ווייבער, אייגענע און פרעמדע צעהיצטע איינער קעגן אַנדערן, האָבן זיך מיטאַמאָל דערפילט — איבער עמיצנס, ניט זייער שולד — נאַריש און, דעריבער, דערצאָרנט. דער געשפּרעך האָט זיך עפּעס ווייטער ניט געקלעפּט. אַלע האָבן געקוקט מיט פאַרוואורף אויפן גרוי-פאַרגעלטן קאָפּ פונם אַלטן אויוערבאטלדיקן קעהילע-מיטגליד, וועמען ס'איז גראָד אינמיטן דערינען איינגעפאלן דער אומפארציילעכער געדאנק צו לייענען דאָסדאָזיקע שטיקל נייס. דאָס איז זיכער — האָבן זיי אַלע געטראַכט — אַ סימען פון גראָבע אומאַנטוויקלטע מאַניערן, דאָ זיינען דאָך, אַלנפאלס, געווען דאַ-מען, און זיי האָבן זיך דאָך געקאָנט פילן שטאַרק אומבאַקוועם

פון אַזעלכע זאַכן, ווי די, וועלכע זייִנען באַשריבן געוואָרן אינם בלאט.

דעמאָלט האָט יודזשין גולסינגער, וועלכער איז דאָ באַם טיש געזעסן, פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך מיט מיס עכטעל שיינ־טאַל, געוואָרפן אַ רוגזעדיקן בליק אויפן פאַרוואַקסענעם קאָפּ האָר, וועלכער האָט איצט געדרעמלט איבער אַ גלאָז מיט עפּעס אַ גע־טראַנק — אַפּאָנים אַן אויסגעמאַטערטער פון דער אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט געמאַכט בעשאַסן לייענען.

— אַזעלכע אויווערבאָטלס... גאָרניט, זיי מעגן זיך לעבן געזונטערהייט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָבער פאַרוואָס לאָזט מען זיי בעסער ניט זיצן אין דער היים?

אַ דערצאָרנטער האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגענומען זייִן דאַמע אונטערן אָרעם, און אַרויסגעגאַנגען אַן אָנגעבלאָזענער און אַ פּערזענלעך־באַליידיקטער פון צימער.

אויפן וועג האָט ער איר אויסגעגאָסן זייִן האַרץ:

— אָך, מייִן גאָט... און צו וואָס ריידן זיי און טומלען אַזויפיל וועגן דעם?

ער האָט דאָך גוט פאַרשטאַנען, פון וואַנען דער באַריכט אינם ענגלישן וואָכנבלאט שטאַמט: פון זיי, פון די מיזרעך אידן, נאַטירלעך!.. אָבער צו וואָס אַזויפיל שמועסן וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט, צוליב וואָס רייסן אַלעמען די אויגן?

— וואָס מיר קאָנען, טוען מיר דאָך! אָט האָב איך גענוי אַ יאָר צייט געפּאַטערט אַף זיי. זיך אויסגעשטעלט צו אַלערליי געפאַרן, געקאָנט אַנידערפאַלן אין איינער פון די אַלע עפּידעמיעס, וואָס הערשן דאָרט קעסיידער. געליטן אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן און אומרייניקייטן, אַלערליי מאנגלען... און צוליב וואָס? צוליב וועמען? דאָך אַלץ צוליב זיי!

אָבער אַף זיי איז גאָרניט אָנגעלייגט, גאָרניט... אַלץ טוט מען דאָך פאַר זיי, און זיי פאַרבלייבן טאָמיד אומצופרידן! פּונקט ווי עס וואָלט זיי מאמעש געקומען! אָך, אומדאַנקבאַרע... פּע, מיעס...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער ווערט אין קאַעס, וואָס ס'איז ניט געווען שיין אַרויסצו־ווייזן פאַר אַ קאַלע אין דער גאָר ערשטער צייט. אָבער קיינער האָט דאָך אים אַלנפאַלס ניט געקאָנט שטערן, ער זאָל טראַכטן

פאַר זיך אַזוי, ווי ער וויל. האָט ער עס טאַקי געטאָן. אומגעפּער אַזוי — אין דער שטיל, פאַר זיך האָט ער געטראַכט:

— פּע, אַ מיעסער אוילאָם... מע קאָן פאַר זיי קיינמאָל ניט יוצא זיין... זיי מאַכן טאָמיד אָן אַזאַ טומל, אַזאַ געפּילדער... ער האָט דאָך שוין לאַנג אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן אָן זיינע דערדריקנדיקע איינדרוקן פון דאָרט, — איז געקומען דער היינ-טיקער אָוונט... בעעמעס! ער וואָלט דאָך זיכער, — נאָכדעם, ווי אים איז בלויז אין פארלויף פון אַ היפשע פאָר כאָדאָשים ענדלעך געלונגען זיך אָן אַלץ צו פאַרגעסן — ער וואָלט דאָך זיכער ניט געהאלטן היינט דידאָזיקע רירנדע רעדע: ס'איז שוין גאָר ניט איבעריק אנגענעם זיך אָבער און ווידעראַמאָל פאַרצושטעלן יענע ערטער און מענטשן... אָ, ער געדענקט זיי נאָך גוט — דידאָזיקע שמוציקע, די אָפּגעריסענע, די פארוועררימטע אין די לאַנגע קאַ-פּאָטעס מיט די קאָמישע קוגל-היטעלעך אַף זייערע קעפּ, מיט די ווילדע אוואיעס און דעם מאָדנעם מיזרעכדיקן געזאנג אין זייער ריידן, — אַזעלכע צודריינגלעכע זיינען זיי געווען, אַזעלכע קלע-פּעדיקע... און זיי האָבן דיר אַלעמאָל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס טוען זיי גאָר דיר אַ טויווע מיט דעם, וואָס זיי נעמען אָן די הילף... און כוץ אַלעמען — אַזעלכע ניט פאַרגינערס זיינען זיי. מע האָט נאָך געמאַכט אויף אים בילבולים, אַז ער צאָלט זיי ניט אויס גענוג פון דער אַסיגנירטער הילף, אַז ער לעבט אַליין אַף די אַמעריקאַנישע הילפס-געלטער רייך-פארשווענדעריש!.. וואָס'אי — ס'איז סיידן אַף זייער געלט? דערלייגן זיי עפּעס צו דעם? אָט דאָס האָט ער דאָך געמיינט מיט זיינע ווערטער: „אַ ניט פאַרגינעריש אויג"...

— עך, — האָט ער, מיט פאַרביטערונג און פאַרדראָס איידל-איינגעהאלטענעם, ווייטער געטראכט: — מיט די פּאָליאַקן איז שוין אַסאַך בעסער, אסאך אַנגענעמער צו האנדלען, — יענע האָבן דאָך כאָטש מאנירן! זיי זיינען דזשענטלייט, זיינען געווען טאָ-מיד דאַנקבאַר, ווען ער האָט פאַר זיי עפּעס געטאָן... נאטירלעך האָט ער פאַר קיינעם ניט אַרויסגעזאָגט זיינע עמעסע איינדרוקן, דאָס, וואָס ער דענקט אין דער עמעס פון די מיזרעך-אידן — ער האָט נאָך גענוג טאקט! אָבער באַ זיך אין הארצן האט ער דאָך טאָמיד געפילט—מיט די פּאָליאַקן איז אים זיכער איינגענעמער געווען צו האנדלען, ווי מיט „זיי"... יענע האָבן כאָטש אַ ריין מויל...

דורך בעדרייטע האלב-באלויכטענע שטיגן האָבן זיי זיך

אויפגעהויבן פון די פּאַליש-צימערן, וואָס זיינען געווען אויפן גראַנד-עטאַזש, און זיך אויפגעהויבן אין דער הויך אַרויף, אינם טעמפּל אַריין. זייערע טריט האָבן באַלד דערפילט די ווייכע באַ-רואיקנדיקע טעפּיכער, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער די טעמפּל-דורכגאַנגען: דאָרט, אינם טעמפּל, איז געווען איצט אַזוי טונקל, אַזוי באַרואיקנדיק טונקל און שטיל.

און אונטן, אַרום דעם טיש, — אָנגעשטעלט מיט קוישן זעל-טענע טראָפּישע פּרוכטן, באַרויטלט און באַפּורפּלט מיט די פאַר-שיידנסטע ווײַנען, וואָס האָבן אָפּגעפינקלט אין די געשליפענע קוילישעקלעך און בעכערלעך — עכטע גראַנירטע בעלגישע די-מענטן-אַרבעט — אונטן איז די סודע נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען.

נאָר שוין שווייגנדיקערהייט. אַ שווייגנדיקע סודע.

דאָס ליכט האָט איצט געברענט און די ווײַנען האָבן זיך גערויטלט—נאָכדעם ווי דאָס פאַרל האט פאַרלאָזן דאָס צימער — אין שווייגעניש.

דער פּרעזידענט — לודוויג מוירשנער, עסקווייד — האָט עס דעריבער געפילט ווי זיין כיוון, איצט, אַז די „ווירטין" פונם אָוונט מיס שיינטאַל, איז פאַרשוואונדן, — האָט ער עס געפילט איצט ווי זיין כיוון אַרויסשלעפּן דאָס געשפּרעך פון די געפּערלעכע וואַסערן, אין וועלכע עס איז אַרײַנגעפאַלן אויף אַ זיכערן וועג, — אויף אַן איידל-אַנגענעמען געשפּרעך אין די גרעניצן פון שמייכלדיקן, רואיקן לייטיש-געזעלשאַפטלעכן פאַרקער.

— נ-נא, נאַטירלעך, עס איז דא אין דעם אַ היפּש ביסל איבערגעטריבנס...

— יאָ, איר ווייסט דאך צייטונגען...

— און וואס עמעס איז, — בלויז אין די „אידישע" צייטונ-גען דערשיינען דאך אַזעלכע באַריכטן...

— מע דאַרף זיך ביכלאַל פאַרהאַלטן פאָרזיכטיק צו אַזעלכע צייטונגס-יעדיעס, אויסערסט פאָרזיכטיק...

מרס. אדעל בורהאף האט געהאט אַן אויפגערעגט-פלאַמענ-דיקן פּנים. זי איז געווען איינע פון די הויפּט-אינספּעקטארינס פון דער באַרימטער גרויסער הילפס-ארגאניזאַציע, — אַן אויסלענ-דישער אינספּעקטאר. די מייסטע צייט פון יאר — אויסער די צוויי ווינטערדיקע אפּרו-מאנאַטן, וועלכע זי פלעגט פאַרברענגען אין די האלב-טראָפּישע בערמיודא-אינזלען — די מייסטע צייט פון יאר פלעגט זי אַלץ נאכאַנאַנד אַרומפאַרן פון אַמעריקע קיין אייראָפּע,

און צוריק, — אלץ, פאַרשטייט זיך, אין די אינטערעסן פון די ארימע, די ליידנדיקע ברידער. און אַ באַהאלטענע, ביטערע קריוודע האט זי שוין פון לאַנג געהאט קעגן די אידישע צייטונגען, וועלכע האבן אין זייטיקע באַמערקונגען, געגעבן פיל מאל אנצוהערעניש, אַז זי פאַרשווענדט צופיל פון די הילפס-געלטער אַף אירע לוסט-רייזעס קיין אייראפּע, און אַז, ביכלאַל, פאַסט זיך מרס. אדעל באורהאף ניט פאַר אַזאַ אַרבעט: זי איז אַ פרעמדע.

— אַ פרעמדע? האָט זי דען ניט אנגעשטעלט אַ ספּעציעלע פּריוואַט סעקרעטארין, אַן איסט-סיידער מיידל, וועלכע איז אויך שטענדיק אַרומגעפאָרן מיט איר, הין און צוריק קיין אייראָפּע, — אָנגעשטעלט זי בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט געקאָנט אידיש, און האָט איר געהאָלפן זיך פאַרשטענדיקן מיט די אָרימע ברידער, מיט די „אידן״?

אַן אַנטוישטע, אָנגעפילט מיט פּעסימיסטישע געדאַנקען וועגן דער איינגעבאָרענער מענטשלעכער אומדאַנקבאַרקייט, האָט מרס. אדעל בורהאף אין געדאַנק זיך געטרייסט:

— יאָ,.. ס'איז שווער יויצע זיין קעגן אַלעמען...

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ בלאָנדע שלאַנקע דאַמע, מיט אַן עטוואָס פאַריסענעם נאָז און גאָלדענע האָר, אַ דאַמע מיט אַ ניט-אידישן געזיכט, וועלכע איז די גאַנצע צייט פונם געשפּרעך געשטאַנען שווייגנדיק, מיט אַן איידעלער דערווייטערטער מינע פון אַ פרעמדער — פון אַ לייטישן גאַסט.

— נו, מאָלט אייך, אַף די ווילדע אוקראינער, אַף די האידאַמאַקעס, איז עס דאָך אַלץ צו גלויבן — כאַיעס... זיינען זיי דען מעסוגל צו פאַרשטיין, אַז אידן זיינען אויך מענטשן?

דער פּרעזידענט פון דער קאנגרעגיישאָן, — לודוויג מוירשנער עקסווייד — האָט שטאַרק אָנגעקוואלן פון אירע קלוגע רייד. דעם עמעס געזאָגט, האָט ער זיך געפילט אַביסל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר,—דאָס האָט ער דאָך זי איינגעלאַדן אַהער. זי איז דאָ געוועזן זיין דאַמע היינטיקן אָוונט.

— אַז אידן זיינען אויך מענטשן... אָך, ווי דורכגעדרונגען זי איז מיט הומאַניטאַרישע פּרינציפּן...

און אויך זי אַליין, דידאָזיקע בלאָנדע דאַמע מיטן פרעמדן גאַדלעסדיקן פּאָנים, האָט אַ שטילן, איינגעהאלטן-איידעלן שמייכעלע געטאָן פון צופרידנהייט. כאָטש אַ פרעמדע, אַ גויע, טאַקע אַ פּוילישע — זי האָט געאַרבעט ווי אַן אויפזעערין אין איינעם פון

די ביוראָען פון דער באַרימטער גרויסער הילפס-אָרגאַניזאַציע — און דאָך: זעט!..

— אָבער ביכלאַל... גלויבט איר ניט, אַז ס׳איז אַלץ אַסאַך פאַרגרעסערט? סענסאַציעס... צייטונגען ווילן פּראָפיטן שלאָגן! וואָרום איז דען גאָר ביכלאל מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן זיין אזוי שלעכט, — אַזוי שלעכט?

דאָס האָט זיך איצט אַזוי געבעטן די דאַמע אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע האָט אַ גאנצן אָוונט אָנגעפירט אַ באהאלטענעם שפּיל מיט דעם קאַסירער — באַ דער בלאָנדער דאמע מיטן פאריסענעם נעזל. כיינעוודיק-אומבאהאלפן האָט זי אַריינגעפּאסט דאָס ראָזעווע שפּיציקע קינעלע אין דער עפנונג צווישן גראָבן און טייט-פינגער. דער קאַסירער פון דער קעהילע האָט בעשאס מאיסע מיט אנטציקונג געטראכט:

— אַך, מיין גאָט, ווי זי קוקט עס אלץ אַזוי „זאַפּטיק”...

„זאפטיק” — דאָס איז געווען איינער פון די עטלעכע געציילטע אידישע ווערטער, וואָס ער, ווי אַסאַך פון זיין גלייכנס האָבן געוואוסט. די איבעריקע ווערטער זיינען איבעריקס געווען ניט אזוי פיל: שמאַלץ, מעזומאה, (מעזומען) שמיסן, געשעפט, אידישע קאָזאַצקע...

און בעעמעס: זי האָט עס ניט געקאָנט — זי האָט עס פּאָשעט ניט געטאָרט גלויבן! ער, דער פליכעוואטער קאסירער מיטן טאינעג-צעשמאָלצענעם פּאָנים האָט מיט אַ זייער פריינדלעכן קאָפּ-שאקל אויך צוגעשטימט דערצו:

— איז עס מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן זיין אַזוי שלעכט אַזוי שלעכט? מיין גאָט! מיין גאָט!

את אַזוי טאַקע האָט זי געזאָגט:

— מיין גאָט! מיין גאָט!

* * *

רובינשטיין, דער שאַמעס פון דער קעהילע, מאַכמעס ער האָט געוואָלט אַלעמען האווירן און אויסנוצען באַ אַלע שוועסטער און ברידער פון דער קעהילע, האָט ער זיך זייער געסטאַרעט וואָס ווייטער אָוועקפירן דעם געשפּרעך פונם אומאנגענעמען פונקט. אַזאַ ווייטאק, אַזאַ פּאַרדרוס: איבער דעם, אויב ס׳זאָל זיך אַזוי אויסלאָזן איצט, קאָנען זיי נאָך אַ צווייטן מאָל ניט וועלן קומען!

אויסער דעם האָט ער דאָך סאָפּסאָלסאָף אויך געהאַט אַ ווייך, מיטפילנדיק הארץ... האָט ער שוין מער ניט געקאָנט צוזען דאָס פייניקן זיך פון דער מיטליאָריקער דאַמע, מיטן דרייגאָרנדיקן גיידער וועמען עס איז קאָנטיק, צוליב דעם פּאָשעט דאָס כיעס איינגעגאַנגען.

רופט ער זיך אָפּ:

— נו, ליבע פרוי, איר דאַרפט זיך עס ניט נעמען אַזוי שטאַרק צום האַרצן... אין אַנדערע מעדינעס איז עס דערפאַר אַסאַך, אַסאַך בעסער... אומפאַרגלייכלעך בעסער. אין פוילן לע-מאָשל, רייסט מען בלויז בערד.

דער פּרעזידענט, מר. לודוויג מוירשנער, איז רויט געוואָרן, האָט פאַרשעמט אַ קוק געגעבן אויף דער בלאָנדער דאַמע מיטן ניט אידישן פּאָנים,—זיין דאַמע פאַרן היינטיקן אָוונט. איז אָנגע-בלאָזן געוואָרן פון קאַעס און רעציכע.

— סאַרא נאַרישקייט רובינשטיין... וואָס פּלאַפּלט איר? ווער הייסט זיי דען טראָגן בערד? זיינען זיי דען מעכויעוו דאַווקע צו טראָגן בערד?

דער איבעריקער עולאם שוין אַן אָנגעלערנטער פונם פּרי-ערדיקן אינצידענט, האָט זיך גלייך, ווי איין מאַן, אַוועקגעשטעלט אָף מר לודוויג מוירשנערס צאַד—אָף זיין פאַרטיידיקונג.

— פע, און נאָך סאַרא בערד... ציגענע, שפּיציקע, קאַלטענע-וואַטע בערד... ווי אויסגעריבענע בעזימלעך...

— און דאָ אין דער פרייער אַמעריקע, טראָגן מיר דען בערד, וואָס? אַזעלכע אומציוויליזירטע!

—וואָלט איר דען געוואגט טראָגן אַ באָרד?—דער פּרעזי-דענט האָט דערצאָרנט געשלונגען מאַמעש רובינשטיינען מיט די אויגן. ער האָט אינגאַנצן געגליט. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן אַפילע אין דער בלאָנדער דאַמעס זייט.

— אַזוי, אַזוי, עפּשער ווילט איר דאָ באַ אונז, אין דער פרייער אַמעריקע, איינפירן אַזעלכע בערד?

דער שאַמעס פון זיין זייט האָט אויך געפּלאַמט פון בושע. ער'ט געוואונשן, אַז די ערד זאָל זיך אים איצט עפענען אונטער די פיס. גאָט מיינער, צו וואָס האָט ער דאָס אינגאַנצן געדאַרפט... געמיינט האָט ער דאָך פאַרקערט צום גוטן... פאַרלוירן האָט ער געשטאַמלט:

— כאלילע, בערד גאָר... ווער וויל עס דען בערד... ווער זאָגט דען בערד...

און אַזוי ווי אַלע אויגן פון די פּאַרזאַמלטע האָבן געקוקט אויף אים מיט פּאַראַכטונג און סינע, האָט אין אים מיטאַמאָל דאָס האַרץ געגומען זינקען, זינקען. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער מאָרדע, און זי אָנגעהויבן ארומטאַפּן. און אַז די פּאַרזאַמלטע האָבן זיך באַלד צונויפגעפּלאָנטערט אין אַ פּאַרטיפטן צעקאָכטן געשפּרעך, און האָבן שוין באַלד פאַרגעסן אינגאַנצן אָן זיין עקזיסטענץ, איז ער צוגעלאָפן צום שפּיגל, אינגאַנצן אָן אָטעם; דאָרט פון גרויס דערלייכטערונג, איז ער אַזש בלייך געוואָרן, און שיר ניט אומגעפאַלן.

— כ'דאַנק דיר גאָט, — האָבן זיינע ליפּן פאַרכאַלעשט גע-שעפּטשעט, — כ'דאַנק דיר גאָט וואָס איך האָב כאָטש ניט קיין באָרד.

* * *

און אַרום און אַרום האָבן זיך שוין אין דער ליכטיקער לופט געשאָטן שטעכיקע, אָפּשפּעטערישע רייד, געשאָטן זיך נאכאנאנד— ווי שאַרפער דראָבנער דרויב.

— הע, צוליב וואָס מענטשן מאַכן עס א טומל...

— אז ס'זיינען גאָר קיין מענטשן ניט...

— ווילדע ברייעס...

— פּערעאָדאָמס...

— און ריידן נאָך איינגעאַקשנט אויף זייער ווילדן קוידער-וועליש...

— און ווילן נאָך ניט אנדערש, מע זאָל עס „אַנערקענען״:

— ״נאַציאָנאַלע רעכט״! מינאָריטעטן—רעכט״!

מע האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן צו רובינשטיינען, אים אַרומגערינגלט, אַריינגענומען אין מיטן. שפּיציק—לאַכעדיקע אויגן האָבן אים גענומען בריען:

— אנו, רובינשטיין, רעדט אונז אַביסל „אידיש״... לאָמיר הערן, וואָס פאַראַ לאָשן דאָס איז... שמאַלץ, פּעטס, זאפּטיק, מעזומא, איי-וואי, כאַ-כאַ...

רובינשטיין האָט זיך דערשראָקן, פאַרלוירן געשמייכלט. און זיך אָנגעהויבן בעטן:

— איך, כ'וואָלט עס גערן געטאָן פאַר אייך, נאָר פון וואנען

זאָל איך עס קענען... אַז איך בין דאָך ניט קיין רוסישער — איך בין גאָר אַן אונגארישער איד פון עסטרייך... מר. שיינטאַל אַליין קומט דאָך אויך פון עסטרייך.

מיילע, האָט מען אים שוין געמוזט אָפּלאָזן. אַז מר. שיינטאַל אַליין... נאָר דערפאַר איז דער איינגעהאַלטענער צאָרן געוואָרן נאָך שטאַרקער. איינער פונם אוילאַם האָט שאַרף, ווינקלדיק אויסגעשפּיגן. (ס'איז געווען סקאַנדאַליעז: ער האָט עס אַפילו ניט געטאָן אין זיין זיידענער פּאַרפומירטער נאזטיכל. אָבער אין דער אַלגעמיינער אויפרעגונג האָט עס קיינער ניט באַמערקט).

— פּע, סאַראַ עקל... לאַנגע קאָלטענעוואַטע, אומריינע בערד... מיט פּעדים, מיט שמעק-טאַבאַקע...

— און זיי שרייען נאָך צו אונז, אַז מיר זאָלן זיך אָנעמען פאַר זיי! מיר זאָלן פאַרטיידיקן, הייסט עס, דידאָזיקע בערד זייערע! כאַ-כאַ!

אַן עלטערער מעיושעוודיקער הער, וואָס האָט געשטאַמט פון עפּעס אַן אַלט-אידישער איכעסדיקער מישפּאָכע ערגעץ אין מערען האָט ער דעם פאריקן רעדנער געפּרואווט איינעמען:

— נו, דאָך פּאָרט אונזערע קרויווים, פּאָרט אייגענע ברידער... אַן אייגענע מאַקע—דאַרף מען שווייגן.

און מיט אַ קלוגן, אַלט-דערפאַרענעם קוק פון אונטער זיינע גרוי-באַברעמטע אויגן אַרויס האָט ער צוגעגעבן:

— און אַז איר ווילט, ליבער פריינט, איז עס דאָך מער ניט ווי אַ גמילעסכעסעד... ווייל ווער ווייס—דאָס רעדל קאָן זיך דאָך איבערדרייען, — עס האָט זיך שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעדרייט... און דעמאָלט וועלן זיי אונז אַלעס צוריקקערן... האַ-האַ... מיר קאָנען דאָך קיינמאָל ניט זיין זיכער!

דער, צו וועמען ער האט זיך געווענדעט מיט דידאָזיקע ווערטער, האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר טאַמעוואַטע ניט פאַרשטייענדיקע אויגן.

— וואָס, אייגנטלעך, האָט דער אַלטער געמיינט מיט דעם... וואָס האָט ער מיט דעם געוואָלט געבן אָנצוהערעניש?

אים האָט פונם דאָזיקן גרויען אַלטיטשקענס קלוג-פאַרשטייענדיקן, שוין אַסאַך, אַסאַך געזעענעם בליק, עפּעס אַזוי קאַלעמוטנע-אומהיימלעך געוואָרן... און ער האָט זיך אַ ווילע פאַרלאָרן. נאָר בלויז אף אַ קליינע ווילע — נאָר באַלד איז ער ווידער צו זיך געקומען, און גיצאָכנדיק אויסגעשריען:

— נו, אויב אַזוי... אויב אַזוי... אויב אַזוי — טאָ זאָלן זיי אַליין די בערד אָפּגאָלן!

דאָס איז בעעמעס געווען אַ געניאַלער ענטפער: אַף דעם האָבן זיך אַלע געאייניקט. און אַלע צוזאַמען האָבן איצט אויסגע־שריען ניצאָכנדיק, אויסגעשריען אין כאָר:

— יאָ, זאָלן זיי אליין אָפּגאָלן די בערד!

— יאָ, זאָלן זיי אליין אָפּגאָלן די בערד!

* * *

און דער פריילעכער אָוונט אין די פּאָליש־צימערן, איז ווייטער אנגעגאַנגען...

ס'איז שוין געווען איצט ווייט נאָך האַלבער נאַכט. מיטנאַכ־טיקע שטורעמס אַף ווייטע יאַמען, וואָס אַרום און אַרום ניו־יאָרק האָבן זיך איצט אין אָט דער שאָ נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגע־שפּילט. נאָר דאָ, אין דרויסן אַרום דעם טעמפּל... „גייטס אָוו מוירסי" איז געווען שטיל.

ס'איז געפאַלן איצט דער ערשטער שניי.

שטיל האָבן די שנייאיקע רעדעלעך אַרומגעטאַנצט, זיך שוואַך געוואַקלט, זיך פאַרלוירן, זיך צוריק אָפּגעזוכט, גענומען זיך פאַר די הענטלעך און געפאַלן און איינעם גלייך אַף די הויכע מויערן און אַף די לעצטע פּורפּורנע קרויט־קעפּלעך אין די קליינע גערטנדלעך, וואָס ווייט אַרום, אַף די נאָך ליידיקע פלע־צער וואָס אַרום קליינע הייזלעך אין דער דזשעראָם־געגנט. פאַ־מעלעך, לופטיק, ניט אָנרירנדיקערהייט האָט דער שניי אַלץ אַרום באַדעקט. און ווייס איז אַלץ אַרום געוואָרן: אַ מאַיסע־וועלט, אַ כאָלעם־וועלט... אַ שטאָט אין ווייסער שנייאיקער פאַרטראַכטקייט צווישן פעלדער.

און פונם אונטערשטן טייל טעמפּל האָט זיך דאָס גאָלד פון די פענסטער געלייגט איבערן פאַרשנייטן הויף אַרויס. די טאַנצן זייגען שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ס'איז שוין געווען שפּעט, בלויז אייניקע שטאַרק־יונגע און שטאַרק אומרואיקע פּאָרלעך האָבן נאָך קינסטלעריש־מייסטערהאַפט אויסגעטאַנצט אַ „טויבן־גאַנג". דערפאַר איז אַרום די טישן איצט געוואָרן פולער, רוישיקער.

און עס איז געווען, אַז די הערצער פון די קעהילע מיט־גלידער זייגען וואויל געוואָרן פונם ווין, וואָס זיי האָבן אין זיך

איינגעזאפט, האט דער קאסירער באפוילן רובינשטיינען ער זאל ברענגען נאך ווייז.

— נאך ווייז!

רובינשטיין איז דעמאלט גלייך ארויס אין טונקעלן קארידאר, וואו אין ווינקל האט זיך געפונען די טיר אין שפיזארניע אריין. דא האט אים מיכאמאל אזוי שטארק א קלאפ געטאן אין די שלייפן, אז ער האט זיך געמוזט אנשפארן אן דער קאלטער עמאלירטער וואנט. ס'האט אים שטארק געשווינדלט אין קאפ.

— ער האט עפשער געדארפט לאזן דא אלעמען און גיין אהיים? ער איז דאך געווען אזוי מיד...

ער האט אבער געוואוסט, אז ס'איז נאריש, — אז ער וועט עס אוודע ניט טאן. אין מיטן דערינען? זיי וועלן דאך דא בלייבן אן ווייז!

קלערט ער, אז ס'איז שוין בעסער, ארויפגיין אף א ווײלע אויבן אינם טעמפל-זאל ארויף. דארט איז שטיל און טונקל. ער'ט זיך דארט אביסל אפרוען. ס'איז מיסטאמע גארניט — ס'וועט באלד אריבער. ס'קימט אוודע פון בלוט-ארימקייט. ער האט דאך אפט געהאט אזעלכע פלוצלונגע אטאקעס. אט, ער וועט זיך דארט צוזעצן א ווײלע, און האלטן דעם קאפ אנגעשפארט אף הינטן, וועט עס אריבער.

ער האט פאמעלעך געעפנט די שווערע, הינטערשטע טיר, וואס האט געפירט אין טעמפל-זאל אריין. דארט וואו מע פלעגט דאוונען זונטאגס און יאנטויווים, אין איז גלייך פארשלונגען געווארן אין דער טונקלהייט.

צוערשט האט ער גארניט געזען. ס'האט זיך בלויז געפילט דער ווארימער ליידיקער ווייכער גערוך פונם טעמפל. זיינע טריט זיינען געזונקען אין די ווייכע סטעזשקעס פון די טעפיכער, וואס זיינען געווען פארשפרייט אין די דורכגאנגען.

נעבן דעם עקסטן פענסטער, וואס האט זיך אים באלד, ווען ער האט זיך צוגעוואוינט צו דער טונקעלהייט, אנגעהויבן בלויען אין דעם ארום, האט מיטאמאל א פייערל אויפגעגליט. פון אומגעווארטקייט האט זיך רובינשטיין אנגעכאפט אן דער פארענטשע פון א באנק. ער האט זיך דערשראקן: פון דער שול-טונקעלהייט ארויס האט ער דערהערט א שעפטשען... ניט אנדערש, ווי גאנאווים.

נאר אז דאס לעכאטכילעסדיקע הארצקלאפעניש איז שטילער

געוואָרן און זיינע אויגן זיינען נאָך מער צוגעוואוינט געוואָרן צו דער טונקלהייט, האָט ער קענען בלייכן שיין פונם שנייאיקן דרויסן, וואָס האָט שטיל זיך געצויגן אין שול אַריין דורך די גרויסע פענסטער, — דערקאָנט דעם סילועט פון מר. יודושין גולסינגערן. דערדאָזיקער סילועט האָט מיט איין אָרעם ארומ־גענומען דעם סילועט פון א דאמע, און מיט דער צווייטער האָט ער אלע ווײַלע צוגעטראָגן צום מויל א דיקע ציגאר.

אַ דערשראָקענער, אַ פאַרשולדיקטער, האָט זיך רובינשטיין אַף גיך אָפּגעטראָגן אַף די שפּיץ־פינגער און זיך געלאָזט אַלץ טיפער אין שול אַריין, דורכן לאַנגן פּאַסאַזש, מיט סטעזשקעס אַן אויסגעבעטן, וואָס האָט געפירט צום ארנקוידעש, פון וואַנען די קופּערנע אָרגעל־רערן האָבן איצט געשיינט אין דער טונקל־הייט מיט אַן אומהיימלעכן גלאַנץ. בא די זייטן פון דעם ארנ־קוידעש זיינען געשטאַנען פיר אויסגעבעטע בעקאָוועדיקע פּאָטער־שטולן — פאַר דעם פּרעזידענט, דעם „ראַבבי", און פאַר נאָך צוויי פון די וויכטיקסטע קעהילע־באַלעבאַטים, בעשאַסן זונטאקדיקן דאַוונען.

רובינשטיין האָט אויפגעדרייט אַן עלעקטריש לעמפּל, ווייל אין דער טיפעניש פון שול, וואָס האָט געפירט צום אָרונקוידעש צו, זיינען די ווענט געווען בלינדע און קיין שיין האָט פון דרויסן ניט אַריינגעלויכטן.

אין איינעם פון די ווייכע פּאָטער־שטולן איז געזעסן דער פּרעזידענט — טאַקע אַף זיין אייגענעם, פאַר אים פּייערלעך באַ־שטימטן שטול. אַפן שויס האָט ער געהאַלטן אָט יענע שלאַנקע בלאָנדע דאַמע, מיטן ניט־אידישן אויסזעען, וואָס האָט זיך אָנגענו־מען פאַר אידן, געהאַלטן האָט ער זי מיטן פּאָנים צו זיך און מיטן רוקן צו דער שול אַרויס. מאַכמעס זי איז געזעסן אַביסל אַרויפגערוקט אַפן פּרעזידענטס שויס, האָט זיך איר קליידל צופיל אַרויפגעצויגן. איר זיידענע אונטער־קליידל האָט געשימערט אין דער טונקלהייט.

פון דעם אומדערוואַרטן אויפגעדרייטן ליכט איז די בלאָנדע דאַמע אויפגעשפּרונגען. אַף גיך אָנגעהויבן פאַרקנעפּלען איר בלוזקע, און, הינטערוויילעכטס פאַרשעמט, זיך אָנגעהויבן רוקן אַלץ ווייטער אין דער טיפעניש צום ארנקוידעש צו. אָבער דער פּרעזי־דענט איז געבליבן זיצן רואיק: ס'איז דאָך געווען זיין שטול, און

ער איז שוין דאָ געוואוינט געווען צו זיצן בא אנדערע אָנגע־לעגנהייטן.

— וואָס זוכט איר דאָ? — זיין שטים איז געווען באַפעלעריש, גראָב, הייזעריקלעך־אויפגערעגט.

— איך זוך דעם ווייַן...

— וואָס'אַרא ווייַן? וואָסאַראַ ווייַן? וואָס דרייט איר זיך דאָ אַרום?

— דער קאַסירער, מר. דזשערוויסי האט געהייסן ארויפ־ברענגען נאָך ווייַן...

— דער קאַסירער... דער קאַסירער... אַ טייערער באלהויצאָע... נו, דער ווייַן איז דאָך גאָר אין שפּיזארניע?

— יאָ, טאַקי... דער ווייַן איז דאָך אין דער שפּיזארניע, — רובינשטיינס פּאָנים האָט געפלאַמט, טיפ־פאַרשוולדיקט.

טאַקי... ווי האָט ער עס געקאָנט פאַרגעסן, אַז דער ווייַן איז גאָר אין שפּיזאַרניע?

ער האָט אַף גיך אויסגעדרייט דעם לעמפּל און איז אַף די שפּיץ פינגער אַרויס פון שול.

און אין טעמפּל איז ווידער געוואָרן שטיל, — שטיל און שאַ, אַט פּונקט, ווי אין דער שנייאיקער וועלט דרויסן.

* * *

ס'איז שוין געווען גאָר שפּעט באַנאַכט, ווען די געסט זיינען זיך צעגאַנגען פונם טעמפּל. ס'איז שוין געווען באַם סאָף פון דער צווייטער מישמוירע.

אין דרויסן איז געווען איצט נאַכטיק־שטיל — א ווינטער־נאכט. די שנייאיקע ווייסקייט האָט שוין אַלץ פּאַרדעקט — די אוטאָמאָביל־פּאסן איבערן וועג, די מענטשלעכע טריט און די דרעמלענדיקע הייזער. צווישן הימל און ערד איז שוין איצט גאָרניט געווען — דער שניי איז שוין אויך מער ניט געפאַלן. בלויז אַ שטילע, אן איינגעהאַלטענע בלויקייט איז געווען אין דער לופט. שאַ. אַ ווייסער טויט.

אַ פּאָר שאָ נאָכאַנאַנד האָבן קענעטה און רובינשטיין גע־אַרבעט אין די פּאַליש־צימערן, צוגעקליבן פון די טישן, צעשטעלט די שטולן אין דער געוויינלעכער אָרדענונג, געוואשן די דילן מיט אַלערליי רייניקונגס פּרעפּאַראטן. ס'איז שוין באַלד געווען פרימאָרגן. אן אומגעזעען פייער האָט א ברי געטאָן אונטער די פליגלען פון

ווייטע הענער, און אן אויסגעצויגן, געהיימניספול־אנזאָגנדיק קרייען האָט זיך אויסגעצויגן אין דער טראָגנדיקער שטיל פון סאָף נאַכט.

קענעטה, א הויכער, אַ שווייגנדיקער, און אויסגעדאַרטער גוי, מיט אַ שטאַרק פרומען פּאָנים פון ערגעץ אין א העק פאַר־וואָרפּענעם געוועזענעם נײַ־ענגלענדער פּערמער, האָט נאָכאנאַנד געריבן מיט דער שוואַרצע די דילן, געריבן און געשוויגן. פון די סאַך ברענענדיקע לאָמפּן אין די פוסטע צימערן איז געווען ליכטיק — א טויטע ליכטיקייט. און דורך דער טויטער ליכטיקייט האָבן זיך צו רובינשטיינען מיטאמאָל אונטערגעטראָגן די ווערטער פון א הארבער שאילע:

— מר. רובינשטיין... כ׳בעט אייך, מר. רובינשטיין... זאָגט מיר נאָר, וואָס איז עס היינט פאַר אַ יאָנטעוו בא אידן?

רובינשטיין איז מיטאַמאָל ארויסגעטרייסלט געוואָרן פון זיינע מאכשאָוועס. ווי א ניט היגער האָט ער אָנגעקוקט דעם הויכן, דארן, נײַ־ענגלענדער מיט די אויסגעשטעלטע פרעגנדיקע אויגן. ער איז געוואָרן בלייך, און אַפן פּאָנים האָבן זיך אים געמינ׳עט אַלערליי פאַרבן. נאָר באַלד האָט ער ארונטערגעלאָזן זיינע אויגן, און אָנגעהויבן פלאָנטערן עפּעס מיט דער צונג:

— א, היינט?... איר מיינט, הייסט עס, היינט באַנאַכט? היינט באַנאַכט... יאָ, היינט באַנאַכט איז יאָנטעוו... ס׳איז א יאָנטעוו אזא א אידישער בא אונז.

אז זיי זיינען געוואָרן פאַרטיק, האָט זיך רובינשטיין אנידערגעזעצט באַם טיש, א מידער. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן דערנאָך האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע א צעקנייטשט פּאַפּירל, מיט אַרומהייגנענדיקע, אָפּגעריבענע צויטן, עס פאַר־באַנדערגעוויקלט, ווי א בריוו. אַ צייט האָט ער איבער דעם ארומגעבלאָנדזשעט מיט די מידע אויגן. נאָר באַלד האָט ער — אפּאָנים פון מידקייט — ארונטערגעלאָזן דעם קאָפּ אף די צוזאמענ־געלייגטע אָרעמס אפן טיש. און אַזוי איז ער שוין געבליבן ליגן אַ שטיק צייט — אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, אן באַוועגונג, קימאַט א טויטער.

אין דער טויט־ליכטיקער לופט פון די אָפּגעליידיקטע פּאָליש־צימערן איז געווען עטוואָס אזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ טישעבאָוו־נאַכט אין אַ קליינשטעטלדיקער שול, שוין נאָך די קינעס. ווען אין די ווינקלען פון דער שול, אָנגעפילט מיט

דוירעסדיקער מידקייט און אומזיסטיקער אויסגעמאַטערטקייט, פּלאָנטערן זיך נאָך אַרום די אָפּגעשטאָרבענע אוולדיקע ווערטער:

— אני הגבר ראיתי עני...

קענעטה האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אָנגעהויבן וואונדערן, פאַרוואָס רובינשטיין גייט נאָך ניט אַהיים. ס'איז שוין דאָך אַזוי שפּעט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. די לאָמפּן אויסדרייען האָט ער ניט געקאָנט, ווען אַ מענטש זיצט נאָך. איז ער צוגעגאַנגען צו זיין בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין א זייטיקן כיידערל, און זיך אַף דעם, ביז וואַנען וואָס, אנידערגעזעצט.

דורכן אָפענעם טירל פון זיין כיידערל האָט ער אַ שטיקל צייט אזוי געקוקט אַף רובינשטיינס דין־צוזאמענגעקאָרטשעטע אַקסלען. און אַזוי ווי יענער האָט זיך נאָך אלץ ניט גערירט; און אַזוי ווי ער, קענעטה, האָט זיך ניט געקאָנט לייגן שלאָפן: די לאָמפּן האָבן אַזוי שטאַרק געברענט, — האָט ער דערווייל אַרונטערגענומען פון זיין פּאָליצקע א סייפערל — א ברית החדשה — אין ברוינע, אלט־געשטעמפּלטע טאָוולען פון טייערן כאַזער־לעדער, מיט א פאַרשלאָפן, גלייכגילטיק קאָל האָט ער פון דאָרט ארויסגעלייענט פאר זיך צוליב צייט־פאַרטרייב:

„...איר שלאַנגען־קינדער... ווער האָט דאָס אַייך מאַזהיר געווען, אז איר זאָלט אנטלויפן פון דעם צארן, וואָס וועט קומען. דעריבער ברענגט פרוכט, ווי עס קער צו טשואווע".

ער האָט געשמאַק אַ גענעץ געטאָן און ווידעראַמאָל ארויסגעקוקט דורך דעם אָפענעם טירל. נאָר רובינשטיין איז נאָך אַלץ געזעסן באַם טיש אימבאַוועגלעך מיט אַן ארונטערגעלאָזטן קאָפּ אַף די אָרעמס. ס'איז נאָך אַלץ געווען ליכטיק. האָט קענעטה דעריבער אָן כיישעק ווייטער געמוזט פאָרזעצן זיין פאַרדומפּן, גענעצריק לייענען.

— אַ־אַ־אַ „...און טראָגט אייך ניט אַרום מיט דער איינבילדונג, צו זאָגן: מיר האָבן איין פאָטער, אווראָם. דען איך זאָג אייך, דאָס גאָט קאָן פון דידאָזיקע שטיינער אויפשטעלן קינדער צו אווראָמען. די האַק ליגט שוין באַם וואָרצל פון די בוימער. יעדער בוים, וועלכער ברענגט ניט קיין גוטע פרוכט, וועט מען אויסהאַקן און אין פייער וואַרפן..." אַ־אַ־אַ...

און די לאָמפּן האָבן נאָך אַלץ ליכטיק געברענט אין די אָפּגעליידיקטע כאַדאָרים פונם פּאַליש.

אף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ.

אַ איד איז געגאַנגען באַ דער זייט פון זיין וועגל אַפן ברייטן שליאַך, וואָס פירט קיין דזשעקסאָנוויל, וואָס אין פלאָ־רידאָ.

דער שליאַך איז געווען אַ זאַמדיקער. האָבן זיך די רעדער אין אים שווער איינגעגראָבן, און דאָס וועגעלע האָט זיך פּאַמע־לעך באַוועגט, פּאַמעלעך.

ס'איז געווען הייס. שפּעט נאָכמיטאָג. און די זון — אין פולן ברען. אַ טאָג איז עס אַפּילע אַ ווינטערדיקער, נאָר אַף די ברוי־נע שטאַמען פון די געלע סאָסנעס פינקלט זיך גאָלדיק אין דער זון דער זאַפּט, וואָס רינט פון זיי אין דער וואַרימקייט אַרויס, — ווי עס טרעפט באַטאָג אין דאָרעם. אַ שאָטן אָבער האָבן די בוי־מער אַפן וועג נים געוואָרפן, ווייל די זון איז געווען איצט אין מיטן הימל.

דאָס פערדל באַוועגט זיינע גלאַנציקע היפטן פּאַוואָליע, און דעם אידנס טראַכטונגען ציען זיך אויך אַזוי שווער.

און פאָרויס ציט זיך דער ברייטער זאַמדיקער וועג קיין פלאָרידאַ. ווייט און פאָרויס, אַף אַ שיידוועג שטייט אַ סלופּ, גע־פאַרבט אין פּאַסן, און אַפן סלופּ איז אָנגעקלעפּט אַ ברעטל. זעט דער איד, אַז אַף דעם ברעטל זיינען אויסגעמאָלט צוויי הענט פאַרמאַכטע, מיטן טייט־פינגער אָפן אין יעדער ריכטונג. איינע ציייגט אַן אין דער ריכטונג, אין וועלכע זיין וועגל שלעפּט זיך, און די אַנדערע — אין דער אַנטקעגנגעזעצטער, קיין דזשאָרדזשיאַ.

צאָפן־צו ציט זיך דער שטאַאַט דזשאָרדזשיאַ, און דערנאָך דער שטאַאַט דאָרעם־קאַראָלינאָ, און דערנאָך צאָפן־קאַראָלינאַ, שטאַאַטן רייך באַפּיקעוועט און באַקווייטלט, מיט די ראָזלעכע בוימוואָל־פּלאַנצן... און דאָס אויג אָן בליק, און דער בליק אַן אויג ציען זיך ווייטער אַזוי צאָפן־צו, ביז מע קומט אָן צו אַ ברייט־

לעכן שיינעם טייך, דעם אינדיאַנער-טייך פּאָטאמאַק, וואָס איז די גרעניץ צווישן צאָפן און דאָרעם און נאָך אַ קליינעם ווינטערדיקן טאָג רייזע פון יענעם טייך, קומט מען אָן קיין ניו-יאָרק, וואו דערדאָזיקער איד האָט אַ פרוי מיט קינדער.

האָט זיך דעם אידן פלוצלונג פאַרבענקט נאָך זיי, אין דעם הייסן באַטאָג, אליין צווישן די זוניקע זאַמדן. דאָס וועגל אָנגעלאָדן מיט אַלערליי קליינע אַרטיקלען, שניט-סכוירעס און צעלניק. שלעפּט זיך קיין דאָרעם, נאָר זיין מויעך, אָנגעלאָדן מיט בענקשאַפט, ציט זיך נאָך צאָפן. דאָס ווייב זיינס זעט ער זעלטן, בלויז איין מאָל אין יאָר אַף פּייסעך, ווען דער פרילינג איז נאָך אן איי-זיקער דארטן, אין די צאָפן-שטאַאַטן.

אַלץ צוליב פּאַרנאָסע. נ-נ-נאָ.

דערווייל ווערט עס טונקעלער. עס באַווייזט זיך—ווי מיט אַמאָל, ווי פון פריער קיין ניט-באַמערקטע,—אַ גרויסע קיילעכדיקע זון, ווי אן אויסגעשייערטע קופערנע ראָנדל און באַלד איז זי שוין ניטאָ.

דעם פּאַרנאכט אין דערדאָזיקער געגנט באַמערקט מען קוים, ווייל איידער דאָס אויג האָט נאָך צייט געהאט דיך אָפּגעוויינען פונם טאָג, איז עס שוין אָוונט.

און אין דער אָוונטיקער טונקלקייט בלייכן זיך איצט אַרויס די פעלדער.

עס איז ווינטער איצט. די טוואועס האָט מען שוין לאַנג אַרונטערגענומען פון דער ערד, נאָר עס גרינט זיך נאָך ערגעץ וואו אַף אַן איינזאַמען האַלב-ליידיקן פעלד אַן איבערגעלאָזענער פּאַס קאַרטאָפליעס. אַף די איינגעדאַרטע בוימוואָל-שטעקלעך רויט זיך נאָך אין דער טונקלקייט אַ בוימוואָל-בלום. עס טוליעט זיך וואו אין בלייכן זאַמד פון פעלד אן איבערגעלאָזענע דיניע, אַליין אַף נאכט-לעגער אין פעלד, און עס איז איר אומעטיק.

אָוונט. קיל. באַם זייט וועג, וואו דאָס וועגעלע פּאָרט ווערן די בוימער געדיכטער, קענטיקער, און פלויטן בוימערדיקע און טונקעלע הויבן זיך אויף,—הויכע פלויטן פון געלע סאָסנעס און רויט-דעמבעס. פון צווישן די בוימער אַרויסלייכטנדיק טרעפט מען אָן וואו אַ פאַרמערס הויז, מיט אַ שטאַל, אַ שפּייכלער, און קלענערע ביניאָנים פון הינטן. די פענסטער זיינען ליכטיקע, עס זיינען דאָרט אָנגעצונדן דאָרפישע קעראָסין-לאָמפן, און עס שמעקט אָפּ אין דער טונקלקייט פון אָוונט מיט רייעך פון היים.

דער איד קוקט פון דרויסן אף באלויכטן-ווארימע פענסטער, וואָס זעען צווישן די ליידיקע פעלדער אויס, ווי ניט עמעסדיקע. עס שוועבט איבער זיי ווען דער שאָטן פון איינעם פון דעם הויז-געזינט, און די שאָטנדיקע געשטאַלטן הינטער די פענסטער פאַר-שטאַרקן נאָך מער די אָפּגעווייטערטקייט און די מאיסע-ארטיקייט פון די הייזער באם וועג.

— אין אזא קילן אָוונט,—טראכט דער איד,—איז גוט צו זיין צוזאמען מיט דיין הויז-געזינט אין א ווארים באלויכטן שטיבל.

און דאָ דערמאָנט ער זיך, אז גראַד היינט איז כאניקע. אָט זיינען דאָ גאנצע מישפּאָכעס אין די הייזער צווישן די בוימער, און ער, טראכט דער איד, איז אלע מאָל אין דער פרעמד. ווייט אוועק פון זיין היים. העכער טויזנט מיילן ווייט פון דעם זאמד, אף וועלכן זיין וואָגן סקריפּעט איצט, איז דאָ א גרויס פיל-פענ-סטערדיק הויז. און פון א צאָל פון די פענסטער פון אָט דעם הויז לייכטן זיך ארויס פייערן היימישע—די פייערן פון זיין וואוינונג.

— ער וואָלט דאָך אויך געקאָנט זיין אין אזא אָוונט בא א לאָמפּ-באלויכטענעם טיש...

און אין די אלע הייזער דאָ ארום זיינען אלע הויז-געזינדן מישפּאָכעס גאנצע און ניטאָ קיין איינזאמער אָט ווי ער.

דאָס פערד האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. עס איז אוואדע מיד. א טונקעלערע גלאנציקערע שטיק נאכט אויסגעטיילט פון דער נאכט ארום, שטעלט אף אים אָן גרויסע, פייכטע אויגן.

— באלעבאָס, בין מיד. דעם גאנצן הייסן נאָכמיטאָג האָבן מיר אינם זאמד געשפּאנט. איך און דו.

באטראכט זיך דער איד, אז קיין דירקוויל וועלן זיי שוין היינט אין אָוונט סאי ווי ניט אָנקומען. דארף מען זיך ערגעץ אָפּשטעלן, און בעטן נאכטלעגער. די כאיע וועט זיך אָנקאָרמע-נען, ער וועט זיך אויסרוען—און מיט טאָג צוריק אין וועג אריין.

מיט די אויגן זוכט ער צווישן די הייזער באם וועג, און וויל טרעפן, אין וועלכער הויז מע וועט א וואגלער אויפנעמען גאסטפריינטלעך, וויל ער וויל זיך אף קיינעם ניט אָנווארפן. פארשטייט זיך, ער וועט אָפּצאָלן. בלויז איבערצונעכטיקן. און האָבער פארן פערד. א גלאָז טיי עפּשער, פאר אים גופע. און א

וואָרט א פריינדלעכס באם לאָמפּ, פאר קיין זאך איז ניט צו טייער. און עס געדענקט זיך דערנאָך לאנג דורך נעכט...

פון צווישן די רויט-דעמבבעס טונקלט זיך אין אָוונט אריין א הויז. א קליינס, פון האלב-קיילעכדיקע שפּאלעס, געדעקט מיט שינדלען. א פענסטער איז אין ווינקל-הויז אויסגעבראָכן און פארשטעקט מיט שמאטעס: קענטיק, אָרימע מענטשן וואוינען אין דעם. בעסער אזוי, טראכט ער.

און דאָ ווערט עס אלץ קילער. שוין אוואדע גאָר שפּעט אָוונט. דאָס פערדל שטעלט זיך אָפּ באם גאניק, ניט ווארטנדיק אף קיין „האו–האו״. די ביינער טוען אים ווי, צעבראָכן אינגאנצן... קיין וואונדער ניט: א גאנצן טאָג — — —

דער איד קלאפּט אָן מיטן בייטש אין טיר. שנעל עפנט מען זי, פון אינעווייניק, אָט פונקט, ווי מע וואָלט אף אים געווארט.

אינם כוישעך דערזעט דער איד צוויי שורעס ווייסע פּערלדיקע ציין, דערנאָך—א פּאָר גלאנצנדיקע ווייסלען. ער גיט ניט ווילנדיק א רוק צוריק.

א נעגערטע, א פול-לייביקע, שווערע נעגערטע שטייט אין טיר.

און זי:

— וואָס דארפט איר, גוטער מענטש?

נאָו, עס איז שוין צושפּעט. די ווינטער-נעכט אין דאָרעם, און נאָך צווישן ליידיקע פעלדער, זיינען קאלטע. און דאָ הויבט דיך אָן צו בלאָזן א פייכטער מיזרעך-ווינט, פונם אטלאנטישן אָקעאן, אז מע דארף אזש שטארק אָנרוקן דאָס היטל... אין הויז, וואָס לייכט זיך הינטער איר, איז ווארים און ליכטיק, און א פּרוי איז אפן שוועל...

— ער דארף, זאָגט ער, א נאכטלעגער פאר זיך, און א נאכטלעגער און האָבער פארן פערד.

זאָגט זי, און אירע ציינער שמייכלען אין דער טונקל, ווי שוים אף א פינסטערן וואסער:

— ניט אף אייך אפילע האָב איך געווארט. נאָר, מיילע, קומט אריין—איר וועט זיין אן אָנגעלייגטער גאסט. עס איז דאָ אי א ווארימער, ווייכער נאכטלעגער, אי עסן—מער ווי פאר צוויי.

דער איד שווייגט. מיט א ווייטאָגדיק געמיט: אריינגעפאלן צווישן שווארצע... נאָר א ראכמאָנעס אפן פערד—עס האָט

שוין שוים אף די ליפּן, די אויערן הענגען אים טרויעריק אראָפּ... ער שפּאנט אים אויס און פירט אים אונטערן אפּדאך. די נעגער-טע, אונטערקומענדיק מיט א לאמטערנע אין האנט, דערלאנגט אים א בייטל מיט האָבער. עפּעס רעדט זי צו אים, נאָר ער פאַר-שטייט ניט וואָס, ווייל עפּעס איז ער צעטומלט.

ער גייט נאָך נאָך איר אין הויז אריין, דאָס שטיבל איז אָרים. בלויז צוויי כאדאָרים. ריין אָבער, אויסגעקערט, ליכטיק. די גרויסע טאָפּל-בעט באצויגן מיט א ווייסן איבערדעק. א טיר פירט אין צווייטן צימער, א טונקעלן. און איבער עפּעס גיט דער איד אַ ציטער: מע קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אונ-טער אַ נעגערשן געזיכט. און וואָסערע געדאַנקען עס זיינען דאָרטן פאַרבאָרגן, ביפראַט נאָך, אויב אויך די מאַכשאָוועס זיינען טונ-קעלע. נאָר נאָך ווייניקער קאָן מען פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אונטער אַ ווייסנס געזיכט.

נאָר זי שמייכלט און רעדט צו אים גאָר פריינטלעך. אַ פרייד איז אין איר בראָנזענעם ריין-געפּאַלדעוועטן לייב אויסגע-גאָסן. אַ פרייד באַצייטנס, וואָס צו איר איז אין דערדאָזיקער קאַל-טער נאַכט אַ מאַן געקומען. ווייל אין אַזאַ נאַכט, און אַליין צווישן פעלדער, איז אומעטיק אַ פרוי אַליין אָן אַ מאַן. דאָס איז דאָך דאָס בעסטע, וואָס גאט האָט איר געקאָנט צושיקן אין אַזאַ נאַכט.

אַפן טיש איז אַלץ געגרייט, ווי צו אַ סודע. אַף אַ גרויסן פּילומעסעק ליגט אַ ברוין-איינגעפּרעגלטער אינדיק. זיסע קאַר-טאָפל, געפּרעגלטע, איינגעזויערטע, מאַרינירטע. עס בלייכט זיך אינם לאמפּ-ליכט די ווייסלעכע שטעקעלעך פון דער סעלערי, אָפּ-געפּרישט מיט וואסער. שיסעלעך מיט אַרבעס, פאַסאָליעס און אָנגעזאַפּטן שפּארגעל. עטלעכע פלאָדנס, און ניס, און טאָרטן לעראָוו.

דער איד זעט, אַז היינט אָוונט איז אַוואַדע עפּעס אַ כאָ-גע, און נאָך אַ ווײלע אָנשטרענגען דעם מויעך, דערמאָנט ער זיך, אַז היינט איז דאָך ניטל-נאַכט—ווייַנאַכט, דאָס געבורט פון גאָטס זון. און כאָטש ער פאַרברענגט שוין אַזוי פיל יאָרן צווישן גאָים, איז אים דאָך אַ געפיל פון פרעמדקייט באַפאַלן, וואָס ער פאַר-ברענגט ניטל-נאַכט אונטער אַ גויאישן דאַך. נאָר ער האָט עס ניט געלאָזן מערקן אַף זיין פּאָנים. ער האָט געשמייכלט.

דער טיש איז געגרייט פאַר צוויי, וואַרט דער איד—ער ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיט האַרץ־ציטערניש—אַפן אָנקומען פון איר מאַן. און אַז נאָך אַ לענגערע ווײַלע, דער מאַן אירער איז ניט געקומען, פרעגט זיך באַ איר דער איד, פאַרוואָס ווילט ער זיך אַזוי לאַנג, דער מאַן אירער און לאָזט זיין פרוי אַליין וואַרטן אין דער נאַכט.

האָבן זיך דער נעגערטעס אויגן אָנגעפילט מיט בלוט... אַ היץ און אַ וואַרימקייט האָבן פון איר געשלאָגן, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס אַ שולד אירער פאַרשעמט. אירע ווייסלען האָבן זיך אין דער רויטקייט פון אירע אויגן געקאָלערט. זי ענטפערט:

— דער מאַן מיינער אַרבעט אַף אַ נאָענטער פּלאַנטאַציע. ער איז אַנומלטן אָוועקגעגאַנגען, און איז נאָך אַלץ ניט צוריק געקומען. זי וואַרט אַף אים אַ גאַנצן אָוונט—יעדן אָוונט... ער וועט שוין ניט קומען.

און מיט אַ וואַרימקייט שטראַלט זי באַלד אַף אים אויף, און הויבט אים אָן באַדינען מיט אַלערליי מאַיכאָלים. נאָר אַזוי ווי קיין פליייש-זאַכן האָט ער ניט געוואָלט עסן, האָט זי אים דער-לאַנגט רויע פרוכטן און אָפּגעקאָכט אַ טעפּעלע קאַווע. ווייל די פרוי, אַ שוואַרצע איז זי געווען, און געוואַקסן איז זי אינמיטן פעלד, ווי אַ שווערער בוים, נאָר זי האָט געוואוסט זייער פיל פון דעם אידישן גלויבן, ווייל נעגער האַלטן פון דער ביבל אַסאַך מער ווי אידן, און ווען נאָר זי איז אין שטאָט, גייט זי אין זייער איינגעפאַלענער קירך, באַם עק נעגערשן קוואַרטאַל, און זינגט נאָך אַלע קירכן-ניגונים. זי אַליין האָט דעם הייליקן רעוורענד אַסאַך מאָל געהערט דערציילן וועגן די אידן און זייערע הייליק־פרומע מינהאָגים.

גיט זי אַ קאָל'יקן לאַך, ווי אַ דונער, ווען דער איד פאַר-ענטפערט זיך שולדיקערהייט פון וועגן זיין עמונע.

אָ, יעס... אָ יעס.. זי ווייס... זי ווייס. פאַרוואָס זאָל זי ניט וויסן? אַווראַהאַם אָווינו, דער אידישער פאָטער, האָט דאָך גע־האַט אַ נעגערשע פרוי, האגארן, און מיט איר אַפילע אַ קינד געהאַט...

און בלישטשעט אַף אים מיט די ווייסלען.

דער איד זאָגט: „יאָ, יאָ, אַוואַדע", און הויבט זיך אָן פילן אַ ביסל היימישער. אין שטוב איז וואַרים. דאָס וואַרימע וואָרט „אַווראַהאַם אָווינו" זשומעט אין די אָוונטיקע ווינקעלעך מיט אַ

היימישן קלאַנג, ווי אַ וואָרט אין אַ שאַבעס-פאַרנאַכטיקער לופט. די שוואַרצע לייגט אַלץ צו שייטלעך האָלץ אַפן קאַמין. און קו-קנדיק אַף איר באַם שיין פון פייער דוכט זיך אים, דעם אידן: די נאַכט אַליין איז אין שטיבל אַריין זיך אָנוואַרימען.

* * *

אין דרויסן פאַרשטאַרקט זיך דער ווינט. מע זעט דורכן פענסטער, ווי וואָלקנס יאָגן, גרויסע אַזוינע, און טונקעלע. מע באַמערקט אָבער בלויז די זוימען, וועלכע זיינען ליכטיקער ווי די מיטל-וואָלקנס. און דער געדאַנק, אז איר מאַן איז פאַרוואָרפן ער-געץ אין דער פרעמד, ווייט פון דער היים, אָט אַזוי ווי ער—פון זיין ווייב, מאַכט דעם אידן נאָך נעענטער צו איר, צו דער נע-גערטע.

און זי ווערט צו אים גאָר צוגעלאָזן. זי דערציילט אים וועגן זיך. אָט די פעלדער, וואָס ציען זיך הינטערן הויז, באַוואַקסן מיט בוימוואָל-פלאַנצן געהערן עס איר. און אויך די פאַסן קאַרטאָפליעס. מע האָט זיי שוין אַרונטערגענומען. און אַ טייל וואלד—ער זעט דאָרטן די הוילע אָפגעשיילטע בוימער, וואָס זיינען ווי טויט? אָט דאָס זיינען אָבער לעבעדיקע בלומער-בלעק-גאם בוימער.—גוט פאַר האָלץ, פאַר באַהייצונג.

און זי גייט אַף אַ ווײַלע אַרויס און דער איד בלייבט אַליין.

עס ווערט אים אי וואַרים אי ענג אַרום האַלז, און דאָס האַרץ קלאַפּט אים שנעלער... עס פאַלט אים איין, אז ער זאָל גלייך איינשפאַנען זיין פערד און וואָגן, און זיך ווידער לאָזן פאָרן אין וועג אריין. נאָר אז ער האלט זיך שוין אין אויפשטעלן, עפנט זיך די טיר און דער ווינט בלאָזט זי אריין. א גרויסע, א גופיקע, א שווערע,—א שטיק ערד איז פון פעלד ארויסגעריסן געוואָרן און אין שטיבל פון דער נאכט ארייַנגעוואָרפן געוואָרן.

אין דער האנט האלט זי אן אומגעווײנלעך גרויסן קאַוועָן.

— אף די אייגענע פעלדער געוואקסן,—גיט זי א בלישטש ארויס מיט אירע ווייסע ציינער.—ווען עס ווערט קילער, פארלייג איך זיי טיף אין היי. און היט זיי אָפּ, און ווארים זיי. האָט מען אף אזא אויפן פרישע צייטיקע מעלאנס אין סאמע ווינטער. אף ווייַנאכט אָוונט.

זי צעשניידט דעם מעלאן אין צוויי גרויסע העלפט, און לייגט זיי אף א פאלומיסעק ארויף אפן טיש.

דער איד אָבער רירט זיך אָן דעם ניט אָן. עפעס שעפּט־שעט ער צו זיך אין דער שטיל, ווי ער וואָלט א געדער, א מבי־צע פון הייליקע ווערטער ארום זיך אויפשטעלן, אן אומגעזעענעם פלויט. און באלד דערזעט די שווארצע, אז די אויגן פאלן אים צו. ער איז מיד, ער איז שלעפעריק, ער פרעגט בא איר, וואו קען ער, אן ערעך, דעם קאָפּ צושפארן?

קוקט זי אף אים מיט אירע גרויסע אויגן, און שמייכלט עטוואָס פארלעגן. צוערשט גיט זי אקוק אפן גרויסן ווייסן טאָפּל־בעט, דערנאָכדעם אף אים, נאָר, אז זי גיט אקוק אף אים, זעט זי: זיין פּאָנים איז פארכמורעט. זיינע אויגן זיינען איינגעאקשנט געווענדעט אין דער ריכטונג צום טונקעלן צימער.

— מיסטאָמע, זאָגט ער, וועט זיך שוין דאָרטן געפינען א פלאַץ פאר מיר?

נעמט זי אומעטיק ארונטער דעם לאָמפּ פון טיש, גייט אריין אין צווייטן כיידער, פּאָרעט זיך דאָרטן א ווײַלע און קומט אריין צוריק:

— דאָס געלעגער איז פארטיק, איד. איר קאָנט זיך גיין לייגן שלאָפן, אויב איר זייט מיד.

דער איד, מיט זיינע אויגן צו דער ערד געווענדט, גייט אריין אין טונקעלן כיידער.

בלייבט זי איבער אליין באם טיש.

מיט גרויסע אויגן, באגאָסענע, קוקט זי אפן צעשניטענעם, אומבארירטן וואטער־מעלאן,—ווי א גרויס הארץ א צעשניטענס און א אויפגעעפנטס... דאָס רויטע זאפטיקע בלוט גיסט זיך פון דעם צעשניטענעם הארץ און בליצט אין דער ליכט:

— נא, זע... מע האָט מיך אויפגעשניטן און געלאָזן אום־בארירט...

און אז אינם טונקעלן צימער דאָרטן איז שטיל. מאכט זי אויך טונקל דאָ. זאָל אלץ אפן טיש בלייבן ניט אויפגעגעסן! גיט זי זיך א ריס באם לייב און לייגט זיך שלאָפן.

* * *

די ווינטן אין דרויסן האָבן זיך איינגעלייגט און אנטשלאָפן געוואָרן אין די ווייטע פעלדער. די נאכט־שטילקייט טראָגט זיך

אין שטיבל אריין. און אין דער שטיבל טונקלקייט, וואָס אינם שטיבל, ווארפט זיך די גרויסלייביקע פרוי, קייקלט און קאטשעט זיך אפן גרויסן בעט, פון שטארקע אומבאפרידיקטע פארלאנגען, און קרעכצעט אין דער שטיל.

„וואָס זשע איז ער דאָס פאר א מענטש... גאָר קיין מענטש ניט. אָדער פיליכט עקלט עס אים פון מיין שווארצע לייב. וואָס הייסט, א מאנסביל געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט איר, און ער זאָל ניט וועלן פילן איר נאָענטקייט הארט נעבן זיך. וואָלט איינער פון אירע ברידער צו איר אליין אין דער נאכט געקומען וואָלט ער שוין אזוי אין צימער ניט אוועקגעגאנגען נעכטיקן. ניט אנדערש נאָר, ער איז א פרומער איד, א הייליקער".

און ארום איר וויקלט זיך א שווערער לייביקער רייעך, ווי א שטיק צעבראניעט שווארצע ערד, צעווארימט אין דער פרי-לינג זון, לאָזט אַרויס פון זיך וואַרימע פארעס. אַ צעהיצטע און שווער געפּאַלדעוועטע קייקלט זי זיך פון הייסע באַגערן אַפן ווייסן בעט. אירע גרויסע ווייסלען קרייזן זיך אַרום די אויגן, אליין אין דער נאַכט, און בעטן בעט זי עפּעס אין דער טונ-קלקייט.

— גאָט מיינער, עס איז מיר שווער אַליין. מיין מאַן איז שוין לאַנג אַוועקגעגאנגען צו דיר, און וועט שוין קיינמאָל מער צוריק קומען. כ'האָב אַ גאַנצן אָונט געוואַרט אַף אַ מאַן. אַליין אין אַ ווינטערדיקער נאַכט צווישן פעלדער. און עס איז נאָך היינט יאָנטעוו. איז געקומען דער איד. איז ער גאָר קיין מענטש ניט? איז ער אַ הייליקער? גאָט!

און אַ צעהיצטקייט שלאָגט אָפּ פון איר, אַ וואַרימער וואָלקן, און די בלוטן אין איר שטראָמען אַזוי העפטיק, ווי וואַסערן, וואָס גיבן זיך אַ שפּאַר אַרויס אין פרילינג. און יעדער אָדער אין איר איז וואַך, ווי אַ סאָווע באַ נאַכט, און זי הערט זיך איין: טאָמער פאַרנעמט זי פאָרט אַ שאָרך, אַ שאָרך, וואָס זאָל איר אין דער טונקלקייט פון נאַכט און צימער אַ בסורע אָנזאָגן— — —

ווי גוט עס איז, פילט זי, אין אַזאַ קאַלטער טונקלקייט די וואַרימקייט פון אַ מענטשן אין זיך אַריינעמען. און אַ קינד פּי-לייכט פון דעם הייליקן האָבן. איז עס דאָך ניטל=נאַכט, ווייַ-נאַכט.

— א קינד, אַ הייליקס, וועט דיר געבוירן ווערן.

* * *

עס איז נאָך אַלץ נאַכט און טונקל. די נאַכט־שטילקייט באַהעפט זיך מיט זיך זעלבסט, און ווערט אָנגעשטרענגטער און שטייפער. אין דעם כיידער, וואו דער איד שלאָפט, איז שטיל. עס דערטראָגט זיך צו זיינע נאזלעכער דער שאַרפער, רייצנדיקער רייעך, די כוואַליעס וואַרימקייט, וואָס שלאָגן פון ווייטן כיידער אַרויס. נאָר ער ליגט שטיל, קעדיי זי זאָל דענקען, אַז ער איז שווער איינגעשלאָפן. אָבער ער הערט אַלץ אירע שווערע אומרויִקע באַוועגונגען. עס שטיקט אים אין האַלז, נאָר ער וויל ניט אַ הוסט טאָן. די שלייפן קלאַפּן ווי מיט האַמערס. ער דערמאָנט זיך אָן זיינע געדאַנקען וועגן דער היים, פון טכילעס אָוונט. עס ציטערט אים. נאָר ער וויים:

— ער וועט שוין פון דאַנען ניט אַוועקגיין אַזאַ, ווי ער איז געקומען.

אָט הויבט ער זיך אויף פון בעט, אַ ברענענדיקער, מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן. ער שטעלט אַנידער די פוס אַף דער פּאָדלאָגע... אָבער אַז ער הערט, אַז אין צווייטן כיידער איז שטיל, וואַרפט ער אַריין זיין פוס צוריק אין בעט, און טוליעט צו דעם הייסן קאָפּ צו דער שויב.

און ווי ער קוקט אַזוי אין פענסטער, וואָס זשע זעט ער דאָרט, אויב ניט זיין פרוי, אַ ראָז־לייביקע אַזאַ און אַן איידעלע, און קוקן קוקט זי אַף אים מיט אירע שטילע אויגן, און טאַנצט אַזוי אַרום צווישן די בוימוואָל־שטעקעלעך, אָט דאָ און אָט דאָרטן, ווי אַ טאַנצנדיקע בוימוואָל־בלום. אין אַזאַ קאַלטער נאַכט, זי אַליין אין טונקעלן פעלד אַף יענער זייט שויב, און ער אַליין אין טונקעלן כיידער אַף דער זייט שויב... און זיין האַרץ גייט אויס אין גרויס בענקשאַפט.

און ווידער פאַרנעמט ער דאָ די וואַרימע באַוועגונגען פון דער נעגערטעס צימער: אָבער אָט, מיטאַמאָל, דערהערט ער אַ הירזשען,—אַזאַ שטאַרק דערמאָנענדיק הירזשען — — — דאָס איז זיין פערד. זיין פערד! און אַז די ראָז־לייביקע פרוי־בוימוואָל־שטעקעלע טאַנצט אַלץ אַזוי אַרום אין דער בלויקייט, און אַנטפּלעקט איר ווייסקייט און כיינדלט זיך פאַר אים, גיט ער זיך אַ ריס אַרויס פון בעט און גלייך אין דרויסן אַרויס— — —

א מידע און א דערשעפּטע פון אומפּרוכטבארע אויפרעגונג איז די נעגערטע אין צווייטן כיידער ענדלעך איינגעשלאָפן, מיט א שטילן האָפנונגספולן געדאנק, ווי א כאָלעם, אף איר גראָ-בע ליפּן:

— פארטאָג, גאָר אין פריען מאָרגן, וועט זי אויפשטיין, זיך ארייננגאנווענען צו אים אין צימער... בא אים אפן געלעגער וועט זי זיך אנידערזעצן און אים בעטן: זאָל ער צו איר גוט זיין!

זי וועט שוין וויסן ווי אים דערפאר צו באלוינען.

און אזוי איז זי איינגעשלאָפן. איר גראָבע אונטערשטע ליפּ ארונטערהענגענדיק, דאָס מויל אָפן... נאָר די גרויסע ציין ווייסן זיך אין דער פינסטער מיט א שמייכל פון דעם גרויסן פארשטייענ-דיקן גליק.

— א קינד וועט זי מיט דעם פרומען מענטשן האָבן. און דער קינד וועט ניט זיין אזוי טונקל ווי זי, טונקל ווי די נאכט, נאָר ליכטיקלעך, ווי דער ביין-האשמאָשעס— — —מאָרגן פרי.

און מאָרגן אין דער פרי האָט זי דער קאלטער פרי-מאָרגן טאקע געפונען אף דעם ליידיקן בעט אין צווייטן צימער. האָט זי זיך געקאטשעט אף אים מיט איר שווערן גוף, געקרעכצעט און געסאפּעט ווי א בופל-אָקס, געריסן די ציכלעך פון די קישנס, געקושט די ליילעכער און דאָס בעטגעוואנט. און דערנאָכדעם האָט אין דער קאלטער פרימאָרגן-דעמערונג אויסגעבראָכן איר רעוועג-דיק געוויין איבער דער ליידיקער בעט.

אונטער דער ערד.

אָנגעהויבן האָט זיך עס גאָר פון אַ קלייניקייט:

בעני האַרקין, אַ מייסטער-אויפזעער אין אַ גרויסער לאָמפּן-פאַבריק אַף דער ניינטער עוועניו אין די עטלעכע און דרייסיקסטע סטריטן, איז היינטיקן פרימאָרגן, פונקט ווי יעדן אַנדערן פרי-מאָרגן פון יאָר, געפאָרן פון קוני-איילענד צו דער אַרבעט. און געפאָרן איז ער, פונקט, ווי יעדן אַנדערן פרימאָרגן אין יאָר, מיט דער אונטער-גרונט-באַן.

אַרויסגעפאָרן איז ער פון דער היים, ווי יעדן אַנדערן פרי-מאָרגן אין יאָר, אין דער צייט. נאָר, ווי טאָמיד זיך פונדעסט-וועגן געאיילט די גאַנצע צייט פון דער רייזע צום שאַפּ און קי-מאַט אויף יעדער סטאַנציע געציילט די סעקונדן וויפל דער צוג שטייט דאָרטן. ער איז געווען שטאַרק אין קאַעס אַף די פּאַסאַ-זשירן, וועלכע האָבן זיך צו פיל געפּאַרקעט בײַ די טירן, בײַ-שלאָסן אַרויסגיין אַף דער פּלאַטפאָרמע, אָדער בײַם אַריינקומען אין צוג, און ס'האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז נו — נו, היינטיקן פרימאָרגן וועט ער שוין זיכער פאַרשפּעטיקן.

פאַרשפּעטיקן האָט ער אָפילע נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרשפּעטיקט — טאָמיד פלעגט ער אָנקומען אין שאַפּ צו דער צייט, אַזוי אַרום פופצן-צוואַנציק מינוט נאָך זיבן. אַרבעטן פלעגט מען אין שאַפּ אָנהויבן פונקט האַלב אַכט אָבער די עלעקטרישע קראַפט-מאַשינען פלעגט מען דאַרפן לאָזן מיט אַ פינף מינוט פריער, קעדיי אַז פונקט דרייסיק מינוט נאָך זיבן, און ניט אַ מינוט שפּעטער, זאָל שוין די גאַנצע מאַשינעריע, אַלע רעדער און רעדלעך, אַלע מעטאַלענע עקבערס און דיסקן, אַלע שפּיצן, שפּרונזשינעס און וואַלצן, אַלע האַמערס און שטאַנגען, אַלע באַרשטן און בערשטלעך אין דעם „פּאָלישינג רום"[1] — בעקיצער

1) אָפּטיילונג, וואו מע שלייפט און גלאַנצט די מעטאַלענע לאָמפּן.

די גאַנצע מאשינעריע זאָל זיין אין פולן גאַנג, צו דער סעקונדע, און יעדער אַרבעטער זאָל גלייך, אין איין אויגנבליק, קענען צו-פאַלן צו זיין באַשטימטן אָרט,—צופאַלן שנעל און בליציק, ווי ער וואָלט עפעס אַליין געווען אַזאַ שרייפל אָדער א מעטאַלן צײנדל, וואָס האָט זיך אויך אָנגעהויבן באַוועגן ערשט דעמאָלט, ווען די עלעקטרישע ענערגיע איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פונם „פאזער רום", און אַלע רימענס, פאַסן און שטאנגען אין דער לאָמפּן-פאַבריק האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אַ קאָנוואולסיוון כוילע-נויפל טאַנץ,—אַ טאַנץ פון האַלב אַכט ביז צוועלף באַטאָגס ווען סאַי די שרייפלעך און סאַי די מעטאַלענע מענטשלעך פלעגן, אויסגעמאַטערטע און מידע פון קראַנקן אַרומוואַרפן זיך אין דער לופט, בלייבן אַזוי אָנקויכעסדיק און האַלב טויט ליגן, זי רוען. אָבער בלויז אַף איין האַלבע שאָ. און דערנאָך — ווידער אַמאָל געלאָזט זיך מיט אַלע, אַלע אייוורים אינם קראַנקן, נער-ווען-מעשוגענעם טאַנץ פונם הייליקן וויטוס. דאָס איז געווען שוין די צווייטע העלפט פונם טאַנץ, פון האַלב איינס ביז זעקס פאַר-נאַכט.

איז, ווי שוין געזאָגט, בעני האַרקין פלעגט טאָמיד, טאָמי קומען אין דער צייט. ער האָט נאָך קיינמאָל צו דער אַרבעט ניט פאַרשפּעטיקט. ער איז געווען טריי, אַזוי שטאַרק איבערגע-געבן דער פירמע, פונקט, ווי ער אַליין וואָלט געווען אין איר אַ שוטעף, עפשער איז עס טאקע געווען דערפאַר, ווייל ער פלעגט קריגן א היבשן באנוס 1) פון די יערלעכע פראָפיטן פו דער פירמע „לומינוס". און עפשער דערפאַר, ווייל ער האָט גע-האַפט סאָפקאָלסאָף טאַקע אַריינגענומען ווערן אין דער פירמע גופע, ווי אַ שוטעף, ווי אַ פולער שוטעף, אָדער זיין איבער-געגעבנקייט האָט זיך גענומען גאָר גיכער דערפון ווייל,—צוליב דעם, וואָס די עמעסע באַלעבאַטים, די „פירמע" אליין, פלעגט זעלטן-זעלטן זיך באַווייזן אין דער פאַבריק,—האָט בעני הארקין זיך איינפאך אָנגעהויבן פילן דאָ, ווי אַן עמעסער באַלעבאָס, ווי דער איינציקער באַלעבאָס. אַזוי צי אזוי, געטריי און איבערגע-געבן דער פירמע איז ער געווען שטאַרק, גאָר שטאַרק.

איז, אַז ער פלעגט, ניט טויט, ניט לעבעדיק, אַריינפאַלן אין דער פרי אין פאַבריק, פלעגט ער גלייך, טייוולאָניש-געש-ווינט, אַרויפכאפן אַף זיך זיין געלן קויטיקן אַרבעטס-כאַלאַט, און

1) א כוילעק.

נאָך איידער ער פלעגט באַווייזן אַרויפציען אויף זיך דעם רעכטן אַרבל, וועלכער פלעגט זיך טאָמיד מאַיסע-סאָטן, צוליב האַרקינס גרויסער איילעניש אַלץ פּלאָנטערן און צאַפּלען זיך הינטער זיין רוקן,—ארומטאַנצן און צאַפּלען זיך, ווי א לעבעדיקע זאַך, און ווי אַף צולאָכעס פאַרהוילן פון אים דעם אריינגאַנג אין אַרבל אַריין,—איז נאָך איידער וואָס ווען פלעגט ער שוין אָנהויבן שרייען מיט באַנומענע קוילעס איבער דער גאַנצער שווייגנדיק-װאַרטנדיקער פאַבריק:

— העי טאוני, ווהער דהי העלל אר ין[1]...

— לעט'ס גא! לעט'ס גא!

אָבער דער איטאַליענער אנטאניא, דער אינזשענער, פלעגט זיך שוין פון לאַנג פּלאָנטערן אין דער הויך, אינם אויבערשטן געפלעכט פון רעדלעך, שטאַבן און רימענס. ער פלעגט קומען נאָך אַסאַך פריער פארן פאַרמאַן, און ער האָט זיך שוין פון לאַנג געפּאַרקעט דאָרטן אויבן, עפּעס פאַריכט, צורעכט געמאַכט, אָדער קאַליע געמאַכט. איבערגעוואָרפן א רימענעם פאַס, וואָס האָט זיך ארונטערגעגליטשט צוריק אַף זיין מעטאַלענער אקס. איז ער, טאוני, האָט שוין געהאַט זיין דערעך מיטן פאַרמאַן. ער האָט גע-וואוסט, אַז אים דאַרף מען ענטפערן מיט געשריי—אַף געשריי, מיט אויפגערייצטקייט—אַף אויפגערייצטקייט, און מיט רוגזע—אַף רוגזע: בלויז אַף אַזאַ אויפן, האָט טאוני געוואוסט, קען מען אים איינשטילן. איז דערהערנדיק דעם פאַרמאַנס קוויטשנדיקע סאָפּראַנאָ-שטימע, פלעגט ער אים פון דער הויך נאָך שטאַרקער צוריק שרייען אַף זיין איטאַליעניש-ענגלישן לאָשן און וואַרפן מיט די הענט:

— ע... ע... וואַצי מערע... [2]

— אל-רייט, באָס, אל-רייט...

— דזשוסטא מינוטא...

— א רייט... נא האררי! [3]

איז זיצט בעני האַרקין אַזוי יעדן פרימאָרגן אינם סאַבוויי, לייענט און לייענט ניט די צייטונג זיינע—קויפן קויפט ער גע-וויינלעך די „װאָרלד", און לייענען לייענט ער געוויינלעך די פילע צענדליקע צייטונגס-שפּאַלטן, וואָס זיינען געדיכט אויסגע-

---

1) וואו ביסטו, צו די אלטע שווארצע יאָר... לאמיר אָנהויבן.

2) וואָס איז דער מער... שוין רעכט. באַלעבאָס, שוין רעכט... איין מינוט...

3) ניט געיאָגט!

זעצט מיט קליינטשינקע אויסיעס, די צייטונגס-שפּאַלטן מיט די אנאָנסן פון „עמפּלאָמענט וואנטעד״,—שטעלעס ווערן געזוכט.

אים פאַרשאַפט עס אַ זעלטענעם אָנגענעמען געפיל, אַ גע-פיל פון זיכערקייט און מאַכט, ווען ער זעט, אַז עס זיינען דאָ אין ניו-יאָרק אזוי פיל מענטשן אָן אַרבעט, אָן שטעלעס, פאַר-צווייפלטע, אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זוכן, זוכן צו פאַרדינען ערגעץ אַ שטיקל ברויט, זוכן און געפינען ניט. אָבער ער, אָהאָ ער... ערשט ווייס ער טאקע, אַז אים, בעני האַרקין, איז גוט. אַזוי, געוויינלעך, ווייס ער ניט צי עס איז אים גוט, צי עס איז אים שלעכט, און ניט ער טראכט דערפון. גאָרניט. אַזוי זיך, מע לעבט. אָבער איצט פאַרשטייט ער ערשט, אַז אים איז טאקע גוט.

ער זעט און זעט ניט די פּאַסאזשירן אַרום אים, ער שפּרינגט אַלע אַלע מינוט אויף פון זיין אָרט, הויבט זיך אויף און זעצט זיך, זעצט זיך און הויבט זיך ווידער אויף, ער טאַנצט אונטער, קנעט אַזש מיט קרעמפּיקע פינגער דעם שטרויענעם זיץ אונטער זיך, אַלץ פון גרויסער אומגעדולדקייט,—מאַכט עס אַף אַ זייטיקן דעם איינדרוק, ווי ער, הארקין, וואָלט דאָ געזעסן רייטנדיק אַפן מעטאלענעם, יאָגנדיקן צוג און אים אַלץ אונטער-געשפּאָרנט, זיך געהאפּקעט אַף אים און אים אונטערגעיאָגט:

— ריר זיך, נו... ריר זיך, ריר זיך, צוג...

ער כאפּט א קוק דורך די פענסטער פונם סאבוויי אַף יעדער לאקאל-סטאנציע, פאַרביי וועלכער דער צוג לויפט דורך, זיך ניט אָפּשטעלנדיק.

— כמע, אויך מיר א סטאנציע...

ער שטרענגט זיך אָן איבערצולייענען די אויסיעס פון דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, וועלכע זיינען אויסגעמאָלט אַף די סלו-פּעס אָדער אויסגעלייגט מיט קאָלירטע ציגעלעך אַף די קאכעלנע ווענט. די פליענדיקע אויסיעס, וועלכע שפּרינגען געניטמדיק-שנעל אין דער צעוויר-בלטער, טומל-צעריסענער אונטערערדישער לופט, צווישן די שווינדלענדיקע גלייכע רייען מעטאלענע זיילן, צווישן וועלכע דער צוג יאָגט, און וועלכע ציען זיך אומענדלעך, אומענדלעך ווייט אונטער דער ערד, אונטער ניו-יאָרק, און אונ-טער די טיפע וואַסערן, וואָס טיילן אָפּ און פאַרייניקן איין שטיק ניו-יאָרק מיטן צווייטן שטיק ניו-יאָרק.

ער וויל וויסן, הארקין, וואו האַלט ער איצט אין דער וועלט-ער קרעכצט אָפּ:

— ס'איז נאָך ווייט... ס'איז נאָך ווייט...

און פאַרטיפט ווידער די נאָז אין דער צייטונג פון גרויס ערגערניש, וואָס ער מוז זיך סאָפּקאָלסאָף אונטערוואַרפן דעם ווילן פון צוג-אינזשענער און לאָזן אים „גיין" זיין גאַנג.

און דאָ האָט זיך דער צוג, צווישן איין עקספּרעס-סטאַנציע און דער צווייטער, אזוי האַסטיק פאַנאַנדערגעטראָגן, אַז אַלע מענטשן אין אים, צוזאַמען מיטן צוג גופא, האָבן זיך געהאַלטן אין נאָכאַנאַנדיקן וויגן, הין און צוריק, הין און צוריק, ווי פּאַסאַזשירן אויף אַ יאַם-רייזע בעשאַס אַ גרויסן שטורעם. אהא, ווי דער צוג האט זיך פאַנאַנדערגעליאַרעמט, פיין... פיין... באַלד, באַלד... באַלד באַם ציל. נו, איז איצט האט דאָך הארקין שוין זיכער געקאָנט זיין צופרידן...

ערשט דער צוג שטעלט זיך מיט אמאָל אָפּ אזוי פּלוצלונג, אַז אַלע פּאַסאַזשירן, סיי די היינגענדיקע און סיי די שטייענדיקע און סיי די צונויפגעקוועטשטע צווישן אַלעמען, ווי סטאַם איינגעבעטענע געסט,—אַזש זיי אַלע זיינען, מיט אַ הילכיק קוויטשעניש פון די פרויען, ארויפגעפאַלן איינע אַף די אַנדערע. מאָדנע... דאַכט זיך, אז אין צוג איז געווען, אזוי ענג, אז מע האט אַפילע קיין שפּילקע ניט געקאָנט לאָזן פאַלן. אָבער, אז עס איז געקומען צום אַרויפפאַלן פון די פּאַסאַזשירן איינע אַף די אַנדערע, האט זיך ארויסגעוויזן, אַז ס'איז יאָ געווען פּלאַץ.

נו, בעני הארקין וואַרט שוין מיט אומגעדולד, ניט אויפהויבנדיק זיינע אויגן פון דער בלאַט-צייטונג — ביז די געוויסע צאָל פּאַסאַזשירן וועט ארויס אָדער אַריינשטייגן, ווי אַף יעדער סטאַנציע, און דער צוג וועט זיך ווייטער רירן. אָבער באַלד דערפילט ער פון הינטער זיין צייטונג ארויס, אז עפּעס טוט זיך מיטן דאָזיקן אָפּשטעל פון צוג. ס'איז ניט קיין געוויינלעכער אָפּשטעל. עפּעס פילט ער ניט די געוויינלעכע איילעקע שטופּעניש און קוועטשעניש, וואָס קומט טאָמיד פאָר, ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ אף אַ סטאַנציע. נאָך אַ מינוט פאַרלויפט, נאָך אַ מינוט. און בעני הארקין פילט פון הינטער דער בלאַט ארויס, אז אין צוג הערשט אַ מאָדנע שטילקייט...

דאָס האַרץ האָט אים גלייך אַ טיאָכקע געטאָן... מער פעלט אים ניט. איז עס מעגלעך, אַז אָט „דאָס" איז עס?..

נאָר אָט „דאָס" איז עס טאַקע געווען.

אז בעני הארקין האָט ארויסגענומען זיין נאָז פון ציימונגס־לײלעך ארויס און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, האט ער דער־זעען: דער צוג האט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן אַ טונעל. ס'האָבן זיך געזען דורך די בלאָטיקע פענסטער בלויע פייערלעך אין דער טונקלקייט פונם טונעל, בלויע פייערלעך, רויטע פייערלעך, געלע פייערלעך, און הינטער זיי—א וואַנט, א פייכטע, ערדענע וואַנט.

אַלע פאסאזשירן זיינען שוין איצט געשטאַנען שווייגנדיק, מיט זיך־וואונדערנדיקע און ניט־פאַרשטייענדיקע פּנימער. יעדער וואָלט אַ באַלן געוועזן עפּעס פרעגן בא דעם צווייטן, נאָר זיי האָבן ניט געוואוסט, ווי אָנצוהייבן ריידן איינער מיטן אַנדערן.

— ווייל סטייטש פּרעמדע מענטשן!.. קיינמאָל איינער פארן צווייטן ניט פאַרגעשטעלט געוואָרן?..

האָבן זיי דעריבער געשוויגן.

אין צוג האט געהערשט איצט א טויטע שטילקייט. א פיל פּנימדיקע, א פיל מענטשישע שווייגעניש,—אַן אומגעוויינלעכע, שרעקנדיקע שווייגעניש. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס נאָכ־אַנאַנדיקע זשומען פון די ווענטילאַטאָרן, וואָס האבן געמאַכט קאַלטע לופט, און דאָס טרוקענע, ברעקלדיקע קנאַקן פון צײ־טונגס־בויגנס אין די הענט פון די פילע פאסאזשירן.

בעני הארקין איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט אַן אונ־טערגעשאָסענער. ס'פּאַסירט טאקע אָפּט,—און דאפקע ווי אַף צו־לאַכעס. אין די אייל־שטונדן אין דערפרי און פארנאכט, ווען מע פאָרט צו און פון דער ארבעט—אז דער באַן שטעלט זיך פּלוצ־לונג אָפּ. ניין, אויב עס פאסירט ביכלאַל, פאסירט עס טאקע נאָר אין די אייל־שטונדן... וואָס זשע דען, ווען אנדערש וועט עס פאסירן? און כאָטש הארקין ווייס, אז ס'איז אין די מערסטע פאַלן ניט אַף לאנג, און אַז די סיבע, צוליב וועלכער דער צוג האט זיך אָפּגעשטעלט ווערט געווײנלעך גלייך באַזייטיקט און דער צוג הויבט זיך ווידער אָן צו יאָגן זיין וועג, דאָך איז ער אויך איצטיקס מאָל, ווי טאָמיד, אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַ פרעג געטאָן צעטראָגענערהייט באַ דעם, בא יענעם:

— וואָס איז דער מער, האַ?

— וואָס האָט פּאַסירט, האַ?

קיינער האט אָבער ניט געוואוסט. יעדערער האט בלויז געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— איך ווייס ניט.

— איך ווייס ניט.

— איך ווייס ניט.

וואָלט כאָטש אין דעם דאָזיקן וואגאָן געווען א קאָנדוקטאָר, בא וועמען ער וואָלט געקאָנט עפּעס פרעגן. כאָטש וואָס וואָלט דען געהאָלפן דאָס פרעגן? דער קאָנדוקטאָר שווייגט אויך אין אַזעלכע פאַלן. ער ענטפערט גארנישט. ער איז ניט מעכוייעוו צו ענטפערן. דאס גייט דאך ניט אַריין אין זיינע פליכטן. ער היט אָפּ די טירן. אז מע האט אים אָפּגעשטעלט, דעם צוג, שטייט ער. אז ער וועט צוריק אָנהויבן גיין, וועט ער צוריק אָנהויבן גיין. וואָס ווייס ער? ער דאַרף עס ניט וויסן. דאָס גייט ניט אריין אין זיינע פליכטן...

נאָר פונדעסטוועגן איז פּריילעכער, ווען אין וואגאָן געפינט זיך א קאָנדוקטאָר, וועמען מע קען דאָך פאָרט, אין אַזעלכע פאַלן, שטעלן פראַגעס.

— א „טיי-אפּ"[1], האַ?

— אַן עלעקטרישער קורצשלוס עפּשער?

— כאַלילע גאָר אַ סרייפע?

נאָר דאס איז אָבער גראד א וואגאן אָן אַ קאָנדוקטאָר. דאָס איז אַ וואגאָן מיט פּנעוומאטישע טירן[2], דער קאָנדוקטאָר געפינט זיך ערגעץ אין אַ צווייטן וואַגאָן. דאָ הערשט ער בלויז מיט זיין הייזעריקער, מאשינאָווער שטים, וואָס דערטראָגט זיך דורכן טעלעפאָן,—א הייזעריקער סימוואָל פון זיין איבער-וואַגאָנישער מאַכט. בא יעדער סטאַנציע דערהערט זיך אַ בריקען, אַ סקריפּען, אַ קראַצן און אַ פאַרשטיקט קרעכצן אין די שרייפּעלעך פונם סאבווייאישן טעלעפאָן, און דער מעגאפאָן נאָך לאַנגע האכאַנעס און הוסטעניש, הוסט ענדלעך ארויס:

— ר-ר-ר... נעק ראד[3].

— ר-ר-ר... שיפּשי ביי[4].

— ר-ר-ר... קארטעליז ראאד[5].

און די טירן ווערן באַלד געעפנט און פונקט אַזוי גיך פאַרמאַכט דורך דער אומגעזעענער וואַנט, וואָס קוועטשט אַן עלעקטרישן קנעפּל אין צווייטן וואַגאָן.

1) א פּלוצלונגער אָפּשטעל פון די צוגן אף דער גאנצער ליניע.

2) טירן, וועלכע עפענען זיך אויטאמאטיש, דורך צונויפגעפּרעסטער לופט.

3), 4), 5) אזעלכע סטאנציעס.

און דאָ איז דער אוילאָם אין וואַגאָן אַזוי געדיכט אָנגע־פּאַקט איצט, ווי יעדן פרימאָרגן אין אָט דער שאָ, אַז מע וואָלט אפילע ניט געלאָזט פֿאַלן קיין שפּילקע. איז, אַז בעני הארקין האָט זיך פּאָרט ניט געקאָנט איינהאַלטן און אָנגעהויבן שטופּן זיך אומרואיק און זשוואווע אַהער, אַהין, ווי אַ דערשראָקענע קאַץ באַם אַריבערגיין אַ טומלדיקע גאַס — האָבן אים שווייגנדיקע עלנבויגנס און שטיינערדיק־איינגעפּלאנצטע פיגורן פון די סאבוויי־פּאַסאַזשירן האַרט צוריקגעשטויסן, צוריקגעשטויסן אים עפּשער ניט אַזוי מיט די עלנבויגנס זייערע, ווי מיט זייערע פּענימער, וואָס האָבן זיך געוואונדערט אַף יענעמס כעשבן און האָבן זיך נאָך פאַרעכטלעך אַביסל פאַרקרימט, אָפן כעשבן פון בעני האר־קינס אומגעדולדיקייט און דערשראָקנקייט.

— קריך ניט.

— וואס שטופּסט זיך?

— אלע וואַרטן מיר.

— וואַרט אויך.

זיין זיץ אָפן שטרויענעם שטול האָט שוין דערווייל הארקין אָנגעוואָרן, ווייל אין אָט דער שאָ, אַז איינער פארלאָזט נאָר זיין פּלאַץ אין סאבוויי, ווערט ער טייקעף, קעהערעף־אַיען, פאַרנומען, פונקט ווי מע וואָלט אין זאַמד־וואַל אַרויסגענומען פון אונטן אַ הייפעלע זאַמד, ווערט דער ליידיקער אָרט אונטן גיכער ווי אין אן אויגנבליק מיטאַמאָל אויסגעפּילט דורכן זאַמד אויבן.

מיילע, וואָס האָט ער דען געקאָנט טאָן... האָט זיך האַרקין צוגעשפּאַרט צום גלאָז פון אַ טיר, צוגעשפּאַרט צו דעם דאָס דערשראָקענע פּאָנים זיינס, און איז שוין אַזוי געבליבן שטיין.

וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען אין דרויסן, האָט קיינער ניט געוואוסט.

דער צוג איז געשטאַנען לאַנג, לאַנג. דורך דער לענג פון דעם נאַכטיקן, מיט אייביק, אייביק ברענענדיקע לאַמטערנעס באַ־לויכטענעם טונעל, איז איצט אַף די רעלסן געשטאַנען אַ לאַנגע, אַ פייערדיקע ריי פון אונטערערדיש־באַלויכטענע צוגן: אַ פייער־דיקע ריי פון אָפּגעשטעלטע צוגן האָט זיך געצויגן אַף מיילן און מיילן ווייט אין דער אונהיימלעך אַנטשוויגן־געוואָרענער טונעל־וועלט, וואָס איז איצט געלעגן אנטשטילט און געדיכט—באַפּינטלט מיט פייערן און פייערלעך.

אין וואַגאָן, וואו הארקין האָט זיך געפונען, פונקט ווי אין

הונדערטער אַנדערע וואַגאָנען הינטער אים און פאָרנט פאַר אים, האָבן די פילע עלעקטרישע לעמפלעך ליכטיק געבּרענט, געבּרענט מיט אַ טויט-ליכטיקייט, פונקט ווי אַלע מאָל, און באַלויכטן די שווייגנדיקע פּענימער פון די פּאַסאַזשירן.

דאָס נאָכאַנאַנדיקע שווייגן זייערס—ווייל זיי ווערן דאָך ניט נעמען אין מיטן דערינען און אָנהויבן ריידן איינער צום אַנדערן: דאָך פרעמדע מענטשן... — דאָס קנאַקן און שאַרכען פון די פרישע מאָרגן-צייטונגען אין זייערע הענט, די גאַנצע שווייגנדיקע ליכטיקייט אין וואַגאָן, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טויטן וואַגאָן, וואָס עס איז אָנגעפילט פון וואַנט ביז וואַנט מיט מייסים, מייסים שטייענדיקע, זיצנדיקע און צונויפגעקוועטשטע; מייסים מיט אָפענע אויגן, וועמען מע האָט אַריינגעשטעקט בלאַט-צייטונגען אין זייערע הענט אַריין צוליב עפּעס אַ שפּיצל...

און דער צוג איז אַלץ געשטאַנען... עפּשער זיינען פאַרלאָפן בלויז מינוטן, אָדער שוין אַ גאַנצע האַלבע שאָ זינט דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָר הארקינען האָט זיך געדוכט, אז עס איז שוין לאַנג, לאַנג, אָן אַ שיר לאַנג. ער האָט זיך איינגאַנצן איינגעקאָרטשעט אין זיך, אַ צעטומלטער און אַ הילפלאָזער... גוואַלד, וואָס זשע וועט זיין? וואָס זשע וועט איצטער זיין? ער האָט פאַרלאָרענערהייט געעקבערט זיינע בליקן אין דער סונקל-פינסטערניש.

לעמפלעך, פייערן, פינסטערע אייביק, קויטיקע מעטאַלענע זיילן, וואָס שפּאַרן אונטער דעם אונטערערדיקן סופיט פונם טונעל; מענטשן אין ברוין-קויטיקע אַרבעטס-קליידער און מיט סטורקאַטשעס אין די הענט זיינען דאָ ארומגעגאַנגען פאַרביי די פייכטע, רינענדיקע ווענט, און עפּעס געגישטערט און עפּעס געפּארעט זיך, און די סטוקאַטשן זייערע, ווי אומרואיקע פייער-כאַיעס, האָבן אַרומגעפלאַטערט אין דער פינסטערניש און עפּעס געזוכט און עפּעס באַשמעקט... און ווייטער גאָרניט.

און סאָפּקאָלסאָף האָט זיך דער אוילאָם דאָ, אין צוג, אויך אַ ריר געטאָן... די שווייגנדיקע, איינער פון דעם אנדערן מיילן אפגעזונדערטע פּאַסאַזשירן, האָבן זיך ענדלעך אויך א באַוועג געטאָן. די פענסטער און די שויבן פון די טירן זיינען ביסלעכווייז באַקלעפּט געוואָרן מיט פילע אנגסטלעכע פּענימער. מע האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיק.

און באַלד האָט מען אָנגעהויבן קלאַפּן אין די שויבן, צו-רופן די באַשמירטע און פאַרמורזעטע געשטאַלטן און סילועטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אינם האַלב-טונקל. נאָר קיינער פון יענע געשטאַלטן האָט זיך ניט אָפּגערופן, פונקט ווי דאָס וואָלטן געווען מענטשן פון גאָר אַן אַנדער וועלט, מענטשן, וואָס זיינען דאָ, אין דער טונקל-פינסטערניש, אַרומגעגאַנגען אין אַ געהיימער שליכעס און וואָס האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דעם אומ-גליק פון די מענטשן אין צוג.

ס׳איז, קאַנטיק, געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך...

עמיצער האָט, פון פאַרצווייפלונג, פון כאַיעשן אומגעדולד און שרעק, וואָס ווער ווייס ווען און אויב מע וועט נאָך גאָר דערזעען די ליכטיקע שיין, — עמיצער האָט זיך געלאָזט שפּאַרן צו די טירן. די טירן זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרשלאָסן.

און דאָ האָט זיך עמיצער — עפּשער איז יענער געווען אַ גאַנעוו לויט זיין פּראָפעסיע — אָנגעהויבן פּאָרען זיך מיט אַ לאַנגן, דינעם אינסטרומענט אַזאַ, אַ „שליסל-סקעלעט״, אין דער שליסל-לאָך פון די פּנעוומאַטישע טירן. מע האָט אים באַלד אָפּגעשטעלט. עס האָבן זיך דאָך נאָך געפונען, אינם אומרו, וואָס האָט אַרומ-געכאַפּט די מענטשן, קלוגע און ניכטערע קעפּ, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז דאָס עפענען די טירן וועט ברענגען צו אַ מעאו-יעמדיקער קאַטאַסטראָפע. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דער צוג האָט זיך דאָך, נאָך אַלעמען, געקאָנט רירן יעדער מינוט, סאַמע אין מיטן פונעם ארונטערקלעטערן פון די פּאַסאַזשירן. דאָ זיינען נאָך געווען גרעסערע געפאַרן. דער גערעכטער אוילאַם וואָלט זיך מיט אַמאָל און אַלע איניינעם אַ שפּאַר געטאָן צו די צוויי טירן און עס וואָלט זיך אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע מינוטן, אַ גרויסע פּאַניק, א טרעטעניש פון מענטש אויף מענטשן א קריכעניש פון קאָפּ אויף קאָפּ, און ניט איין מענטש וואָלט באַם אַרויסשטייגן פונם וואַגאָן אומגעקומען. דאָס ערגסטע איז, נאַטיר-לעך, געווען אין דרויסן... דאָרט האָט זיך דאָך געפונען די עמעסע טויט-געפאַר, די געפאַר פון זיך אָנרירן אָן דער עלעקטריש-באַ-לאַדענער „דריטער-רעלסע״, וואָס מענטשן וואָלטן פון דעם אליין געפאַלן, ווי די פליגן, און פאַרסאַרפעט געוואָרן אַפן אָרט.

און אין וואַגאָן איז דעריבער באַלד, נאָך די אויסגעבראָ-כענע אומרואיקע צאַפּלעניש, אַנגעפאַלן אויף די מענטשן א גע-

דריקטע שווייגעניש, — אַ טונקל־באַלויכטענע, אומהיימלעכע שווייגעניש.

בעני הארקין האָט שוין אָבער מער ניט געזעען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים אין וואַגאָן. ער האָט זיך געפּילט באַזונדער און אָפּגעריסן פון אַלע איבעריקע מענטשן אין וואַגאָן. ער האָט איצט קיינעם ניט געפּילט. ער האָט איצט פון זיי קיינעם ניט געוואוסט. ער איז דאָ געווען — ער אַליין — און מער קיינער ניט. און ער, הארקין, האָט זיך איינגעגעסן און מער ניט געקאָנט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דעם האַלב־צעפּלאַמטן, אומבאַקאַנטן און פרעמדן טונעל־כוישעך. וואָס טוט זיך דאָרטן?

מעגלעך, אַז ערגעץ אין דער ווייט קומט איצט פּאָר אַ סרייפע אין טונעל, מעגלעך, אַז פּאַרשיידענע כעמישע סובסטאַנצן, צי שעדלעכע גאַזן האָבן אָנגעהויבן רינען פון די אומצאָליקע רערן אויף די פייכטע ווענט, און אַט דעריבער לאָזט מען ניט עפענען די טירן. מעגלעך... מעגלעך... אַסאַך זאַכן זיינען מעגלעך. נאָר פון די אַלע מעגלעכקייטן האָט זיך פאר בעני הארקינס אויגן אַוועקגעשטעלט, בוילעטער, ווי אַלע אַנדערע, איין טרויעריק־פּלאַמענדיקע מעגלעכקייט:

— מעגלעך, אַז דאָס זיינען איצט זיינע לעצטע מינוטן מעגלעך, אַז עס דערנעענטערט זיך איצט צו אים אַ זיכערער טויט...

הארקין האָט זיך איינגעשטשעמעט מיט די נעגל אין דער טיר אַריין און האָט זיך בעשום אויפן ניט געלאָזט אָפּשטופּן פון אָרט, ווען אין וואַגאָן איז מיט אַ ווײַלע צוריק פּאָרגעקומען אַן אומרואיקע באַוועגונג, און די מענטשן האָבן געקוקט איינער אַפן אַנדערן מיט אומצוטרוי, מיט פּאַרדאַכט און אויסוואַרטונג. אַלנ־פאלס, האָט זיך הארקין געטראַכט, ווען די טירן זאָלן זיך נאָר עפענען, איז ער דער ערשטער אין דרויסן... אָבער אין גיכן האָט ער זיך אָפּגעלאָזן, איז געוואָרן גלייכגילטיק, פונקט ווי די איבע־ריקע פּאַסאַזשירן. אים האָט אַרומגעכאַפּט כאַלאָשעס און אַ שוואַכ־קייט און ער האָט מיט אַן איבלריקן געפיל צוגעמאַכט די אויגן.

...וואו אַן ערעך־געפינען זיי זיך איצט? אין וועלכן טייל שטאָט? וועלכע גאַס געפינט זיך אין דער הויך, אין דער פרייער וועלט, וואָס איבער זייערע קעפּ? דאָרטן, אין דער הויך, גייען איצט אַוואַדע אַרום הונדערטער, טויזנטער מענטשן... פרויען ביינדלען זיך צו באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענער... קינדער שטיפן און לאַכן... אַוטאָמאָבילן פליען פאַרביי... און זיי אַלע,

קיינער פון זיי ווייסט גאָרניט פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס עס טוט זיך איצטער אָפּ אונטער דער ערד, סאַמע אונטער זיינע פיס... זיי ווייסן גאָרניט פון דעם אומגליק פון די הונדערטער, פון די טויזנטער מענטשן, וואָס זיינען פאַרשפּאַרט אין אַ טויט-פאַסטקע, אינם גרויזאַמען, אַלץ-אַריינשלינגענדיקן סאַבוויי-כאַלעל... איבער זיין קאָפּ גייט איצט אָן דאָס לעבן, ווי געוויינלעך, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס עס וועט גאָר באַלד פּאַסירן מיט די פאַרשפּאַרטע מענטשן דאָ, מעגלעך נאָך — אין דער סאַמע נאָענטסטער מינוט...

בעני הארקין האָט זיך איצט איינגעגעסן מיטן שאַרף-וואַכן געדאַנק אין דרויסן, — אין דער ליכטיקער וועלט, וואָס איבער זיין קאָפּ, אין דער גרינער, ליכטיקער וועלט, וואָס געפינט זיך אויבן אַף דער ערד, סאַכאַקל עטלעכע הונדערט קלאַפטער איבער אים... און ווידער האָט ער זיך געפרעגט: „וואו איז ער איצט, אין וועלכן טייל ניו-יאָרק?"

מאָדנע... טאָג איין, טאָג אויס, פאָרט ער דאָך מיטן זעלביקן וועג צו דער אַרבעט. פון קוני-איילענד באַם אָפענעם ברעג פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן, ביז זיין שאַפּ, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פונם האַדסאָן-טייך, אַנטקעגן-איבער די וואַלדיקע און פעלזיקע, אייביק-יאָנטעוודיקע און פריילעכע פּאַליסאַדן פון ניו-דזשוירזי אַף יענער זייט טייך. יעדן טאָג, שוין אַזוי פיל יאָרן פון זיין לעבן, אַז ער פאָרט דעמדאָזיקן וועג, און קיינמאָל, קיין איינציקן מאָל איז ער נאָך ניט געווען אויבן, אין די פאַרשיידנסטע געגנטן פון ברוקלין, אונטער וועמענס ערד ער פאָרט דורך יעדן טאָג, אונטער פּאַרקן, אונטער פּראָספּעקטן און פּלעצער, אונטער גאַסן און טייכן, און ער אַליין האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט אָנגעקוקט...

סאָף זומער נעמט ער געוויינלעך אורלויב. ער פאָרט אַוועק אַף אַ פּאָר וואָכן אין די אַדיראַנדעק-בערג, צו די אָזערעס „שטאַמפּליין" און „סט. דזשאָרדזש". ער האָט אַפילו איינמאָל אָנגעשפּאַרט אַזש צו די וואונדערבאַרע בערג-אָזערעס, וואָס געפינען זיך אין דער פּראָווינץ „קוועבעק" פונם פראַנצויזישן קאַנאַדע, — צו די אָזערעס „מעמפּראַמעגאָג" און „פּיטש-ביי", וואָס מענטשן זאָגן אַף זיי, אַז זיי זיינען אַזוי פּראַכטפול, ווי די בערג-אָזערעס אין די שווייצערישע אַלפּן. ער קלייבט זיך אַפילו קומענדיקן יאָר צו מאַכן אַ רייזע אַזש צו די בערמיודאַ-אינזלען... אָבער אים איז

נאָך קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו מאכן אַ רייזע קיין ניו-יאָרק גופע... ער האָט דאָך נאָך קיין איינמאָל ניט געזעען קיין איינציקע פון די וואונדערבאַרע געגנטן פון ברוקלין, וועלכע פליען דורך איבער זיין קאָפּ יעדן טאָג, — צוויי מאָל אין טאָג, אינדערפרי און פאַרנאַכט.

אים זיינען איצט איינגעפאַלן אין מויעך אַזעלכע מאָדנע פאַרגלייכן:

— ער איז מער ניט, ווי א מעטאַלענער פיסטאָן...

ער איז עפּעס אליין איינגאנצן ווי אַ מעטאַלענער פיסטאָן, וואָס שיסט דורך דורך דער ריזיקער סאבוויי-רער הין און צוריק צוויי מאָל אַ טאָג, — פון דער היים אין שאפ און פון דאָרטן צוריק, און ווייטער גאָרניט.

בעני הארקין האָט זיך באלד דערפילט אין עפּעס אַ מאָדנעם דערהויבענעם צושטאנד, אָט, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געהאט בלויז נאָך עטלעכע מינוט צום לעבן, און ער דאַרף דעריבער זעען צו טראַכטן איצט נאָר וועגן זאַכן וויכטיקע — וועגן די סאַמע וויכטיקסטע זאַכן פון אַ מענטשנס לעבן... ער האָט זיך אָנגעהויבן צו עפּעס גרייטן...

זיך אַריינעסנדיק מיט זיינע גיריקע אויגן אין דער טונעלישער האַלב-טונקלקייט אַריין, האָט ער מיטאַמאָל דערזעען פאַר זיך אַ שנירל מוטנע וואַסער, אַ וואַסערל, וואָס איז, מיסטאָמע, פאַמעלעך אַזוי שוין לאַנג-לאַנג געפלאָסן אין דער ערדישער פאַרטיפונג, וואָס האָט זיך דורך יאָרן פונם וואַסערלס פלייצן דאָ, אויסגעפאָרמירט פאַזע די רעלסן.

און הארקין האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן דעמדאָזיקן וואַסערל. ער האָט ניט געזעען דעם אָנהויב פון דעם ריטשאלן, און ניט ענדזיינעם. ער האָט בלויז געזעען, ווי דאָס מוטנע וואַסערל האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך אַף אַ מוטנעם אויפן די פייעדלעך פונם טונעל און פון דעם אונטערערדישן צוג.

עס איז געפלאָסן פאַמעלעכן, דאָס וואַסערל, זייער פאַמעלעכן. פון דעם האָט עס הארקין געדרונגען, אַז דאָס איז זיכער ניט קיין צופעליק וואסער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פון ערגיץ אַריינגעגאָסן אַהער פון אַ געפּלאַצטער רינווע, אָדער רער, נאָר, אז עס פלייצט שוין דאָ פון לאַנג, פון לאַנג: — דאָסדאָזיקע מוטנע וואַסערל פלייצט דאָ מיט זיין אייגן, מיט זיין אונטערערדישן לעבן מיסטאמע, שוין פון יאָרן און יאָרן... און אַף דעם איז נאָך קיינ-

מאָל ביז איצט ניט געפאַלן דער שיין פון דער ליכטיקער זון, און פונם ליכטיקן טאָג, און עס ווייס גאָרניט, גאָרניט, פון די גרויסע אָפּענע וואַסערן, וואָס געפינען זיך ניט ווייט פון אים, אין און ארום ניו־יאָרק, אף די דרויסנדיקע ווענט פון דער ריזיקער וועלט־שטאָט, — וואַסערן, באַשטראַלט און פילפאַרביק באַפאַרבט פון דער ליכטיקער, טיפערעסדיקער זון פון אַ ליכטיקער וועלט...

און בעני הארקינען איז דאָ, אין זיין ניט־געוויינלעכן, גע־הויבענעם און אויפגערודערטן געמיט־צושטאַנד, אריינגעפאַלן אַ פאַרגלייך צווישן אים און דעם מוטנעם רישאקל, — דעם מוטנעם רישאקל, וואָס פלייצט דאָ שוין יאָרן און יאָרן... פלייצט אין דער פינסטערניש, פלייצט אין דער דעמפיקער פאַרבאָרגעניש אונטער דער ערד, — אייביק, אייביק אין דער דעמפיקער פאַרבאָרגעניש אונטער דער ערד.

וואָס אַמאָל איז הארקין אַריבערגעגאַנגען אין אַלץ אַ דער־הויבענערער, אין אַלץ אַן עקזאַלטירטערער שטימונג.

און ווידער האָט ער אָנגעהויבן מיט זיינע אויגן און מיט זיין מאָרך צו עקבערן די ערד־אויבערפלאַך איבער זיין קאָפּ. וואָרט... איז וואו געפינען זיי זיך איצטער פאָרט?

ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן געוויסע כעשבוינעס, האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נאָמען פון דער לעצטער סאבוויי־סטאַנציע, וואָס ער האָט באַמערקט פאַרבייפאָרנדיק, האָט צוגעלייגט די צאָל מינוטן, וועלכע זיינען אומגעפער פאַרלאָפן זינט דאַן, ביז וואַנען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט — און אים איז איינגעפאַלן מיט אַ זיכערקייט, אז זיי מוזן זיך איצט געפינען ערגיץ אין די געדערים פון דער ערד, וואָס אונטער דעם פראָספּעקט־פּאַרק.

פראָספּעקט־פּאַרק... אין אָט דעם פראָספּעקט־פּאַרק איז ער שוין גראָד יאָ געוועזן אינם מעשעך פון זיין לעבן אין ניו־יאָרק, אַבער דאָס איז געוועזן אזוי לאַנג צוריק, — כ׳וויים, עפּשער מיט אַ הונדערט יאָר צוריק... כאָטש זינט יענעם טאָג זיינען פאַרלאָפן איינגאַנצן עפּשער בלויז אַ פּופצן יאָר.

דאָס איז געוועזן איינמאָל אין אַ פרילינג־טאָג. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ כאָסן טאַקע פאַר זיין איצטיקער פרוי, — פאַר זיין פרוי, וועלכע ער באַמערקט שוין איצט אַזוי ווייניק, פונקט ווי ער באַמערקט ניט די געגנטן אין ברוקלין, אונטער וועלכע ער פאָרט דורך יעדן טאָג, יעדן טאָג, שוין אַזוי פיל יאָרן.

יאָ, איז דעמאָלט געווען אַ וואונדערבאַרער פרילינג-טאָג טאָקע איינער פון די ערשטע פייסעך-טעג. און אין שאפ האָט מען דעמאָלט ניט געאַרבעט, ווייל דער אידישער פייסעך איז גראד אויסגעפאַלן צוזאַמען מיטן קריסטלעכן „איסטער“[1], האָט ער זיין קאַלע דעמאָלט „אויסגענומען“ אין פּראָספּעקט-פּאַרק אַריין. זיי זיינען דאָרט ביידע געפאָרן אף אַ שיפל איבערן אָזערע, אַרומ-געפאָרן אַ גאַנצן וואַרימען טאָג אַף אַ שימערירנדיקן וואַסער, און פון אַלע זייטן האָבן זיך געזעען שוואַרץ-נאַקעטע בוימער, אַף וועלכע עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע שפּראָ-צונגען, די ערשטע פּיפּסיקעס, די ערשטע מיילכעלעך... און די ווילדע קאַטשקעס, און די ווילדע גענז פונם פּראָספּעקטס אָזערע האָבן געשריען און זיך געטראָגן איבערן וואַסער... און פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען צופליען אַסאַך פרעמדע אַזעלכע פויגלען.

אָבער זינט דעמאָלט איז ער נאָך קיין איינציק מאָל ניט געווען אינם פּאַרק. כאָטש ער פאָרט פאַרביי אים, — ריכטיקער, אונטער אים — יעדן טאָג. יעדן טאָג פאָרט ער דאָך פאַרביי דעם אנדענק פון יענעם גליקלעכן פרילינג-טאָג... און האָט ער דען זייט דאַן ניט געקאָנט האָבן קיין סאַך אַזעלכע גליקלעכע טעג? אָבער ראַק ער האָט געהאַוועט, ראַק ער האָט געהאַוועט. ער האָט קיין-מאָל ניט גערוט. ער האָט אַפילע ניט געזעען די דרויסנדיקע וועלט קיינמאָל, — עפּעס זיין גאַנץ לעבן איז געווען איינגעצאַמט, ווי אין אייזנס און אין דראָטן. און זיין באַרירונג מיט דער דרויסנדיקער-ליכטיקער וועלט האָט ער אויך דאָך דורכגעמאַכט נאָר דורך דעם גרויסן, מעטאַלענעם קאַסטן, אין וועלכן ער איז אָט די גאַנצע יאָרן געווען פאַרשפּאַרט, — דורכן סאַבוויי...

בעני האַרקין איז געווען אַזוי פּאַרטיפּט אין זיינע געפילן פון פּאַרדרוס און כאַראָטע, אז ער האָט אַפילע ניט געהערט, ווען דער צוג האָט ווידער אָנגעהויבן לויפן.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גאָר אינגיכן ווידער באַרואיקט, און זיך ווידער, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט, פּאַרטיפּט אין זייערע בלאַט-צייטונגען, אין די פרימאָרגנדיקע נייס, אין די פּאָפּולערע סעריעס קאַריקאטורן, אין דער נייס וועגן די רעזולטאַטן פונם געכטיקן ריזיקן פויסט-קאַמף פאַרן טיטל פונם „פעדערוואגיקן

---

1) פּאַסכאַ.

טשעמפּיאָן״, וואס איז פּאָרגעקומען אין מעדיסאן סקווער גאַרדן,— אַ קאַמף, וועלכער האָט אף אַ פּאָר שאָ קימאַט אָפּגענומען דעם אָטעם בא צענדליקער, בא הונדערטער טויזנטער ניו־יאָרקער...

נאָך אַלעמען, פּאַסירט דאָך אַזוינס אָפט, אַז אַ צוג זאָל זיך אין דער סאַמע איילנדיקסטער פרימאָרגן-שאָ פּלוצלונג אָפּשטעלן; איז מאַ ראַאַש? מער ניט, איצט האָט עס געדויערט אַ היפּש ביסל לענגער ווי געוויינלעך. נו איז גאָרניט, איז פאַרפאַלן. זיינען זיי ווייטער געפאָרן.

נאָר דערפאַר האָט שוין בעני הארקין איצט שוין מער גאָר ניט געהערט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום אים...

אַז דער צוג איז זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאָפן, האָט טאַקע דאָס גאַנצע טרייסלען פונם מעטאַלענעם וואַגאָן, און די וויבריא־ציעס פון דער גאַנצער לופט, און דאָס נאַכאַנאַנדיקע פינטלען פון די עלעקטרישע לעמפּלעך, האָט דאָס אַלץ זיך סאָפּקאָלסאָף ווידער אַרויפגעצוואונגען אף אַלעמען, אף אַלע פאַסאַזשירן, און אין זיי אַלץ, אַלע כושים, אַלע פריערדיקע שרעקן אָפּגעווישט, און מיטן טומל און ליאַרעם פאַרטויבט. נאָר ניט בא בעני הארקינען. אין בעני הארקינען איז שוין איצט אַלץ געווען וואַך,— יעדער אָדער, יעדער נערוו איז געווען אָנגעשרויפט און וואַך.

נו, יאַ, דער צוג איז שוין ווידער געגאַנגען... איז וואָס איז אָבער דערפון? וועט ער סאָפּקאָלסאָף באַלד זיין אין שאַפ. איז וואָס איז דערפון? שוין יאָרן און יאָרן, אַז ער פאָרט אַזוי אין שאַפ. שוין יאָרן און יאָרן, אז ניט נאָר זיין גוף, נאָר אויך זיין גאַנצע נעשאָמע שמייעט און האַוועט אַזוי... אָבער אַמאָל—אַמאָל— אַמאָל...

אַמאָל איז דאָך ניט אַזוי געווען. צוערשט האָט ער זיך דאָך געשטעלט קליינע, אַזעלכע באַשיידענע צילן.

אומגעוויינלעך־שנעל איז אין אים איצט, מיטן ליאַרעמדיקן לויפן פון צוג, זיין גאַנץ לעבן פאַר די לעצטע פופצן—צוואַנציק יאָר פאַרבייגעלאָפן.

אָט, ער געדיינקט זיך נאָך ווי אַ גאָר, גאָר יונגן באָכער נאָך „אין דער היים״, ווען ער מיט זיינע כאַווייריִם פלעגן עס גיין אַ זומערדיקן שאַבעס נאָכמיטאָג אין וואַלד אַריין, צו די קרע־ניצעס הינטער דער שטאָט. ער געדיינקט, ווי ער און דוואָירעלע— אַ בלייכער, פאַרשוואונדענער סימען פון דער איצט פעטער, צע־פאָרענער, הונדערט און אַכציק פונטיקער אידענע,— געדיינקט ער,

זוי ער און דוואוירעלע פלעגן זיך אַרויסגאַנווענען פונם איבעריקן אוילאם, זיך פאַרקלייבן ערגעץ אין אַ שאָטנדיקן וואַלדישןווינקל, און ווי ער פלעגט דאס אזוי האָלט האָבן זיך צוהערן צו זיין דוואוירעלעס האַרציקן זינגען:

איינער בעט אַף קליידער,
אַ צווייטער — אַף געלט, —
איך דאַרף ניט קיין קליידער,
איך דאַרף ניט קיין געלט.
איך וויל נאָר אַ שטיקעלע
אַפן גראָז דעם גרינעם,
איך און מיין זיס לעבן
זאָלן וואוינען דערינען...

אַך, ווי ער האָט עס אזוי אינגאנצן אינגאַנצן איינגעשטימט דעמאָלט מיט יעדן וואָרט פונם לידעלע... אָבער וואָס-זשע איז דערנאָך געוואָרן פונם „שטיבעלע אַפן גראָז דעם גרינעם״?

* * *

און בעני האַרקינען האָט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט א מין גלייכגילטיקייט צום פאַרשטייענדיקן אַרבעטס-טאָג אין שאַפּ, א גלייכגילטיקייט צום גאנצן שאַפּ... אַ גלייכגילטיקייט, וואָס האָט זיך קימאַט געגרעניצט מיט סינע... יאָ, סינע צום שאַפּ האָט אין אים אָנגעהויבן אומדערוואַרטערהייט אויפשפּראָצן. און וואָס נעענטער דער צוג האָט זיך צוגערוקט צו מאנהעטן, אַלץ ווייטער איז אינגאַנצן אין דער אַנטקעגנגעזעצטער ריכטונג אַוועקגעלאָפן האַרקינס נעשאָמע...

אַוועק, אַוועק פון דערדאָזיקער שטיקנדיקער טפיסע, וואו עס הירזשען טאָמיד די מאַשינען, וואו די פענימער באַ אַלע זיינען טאָמיד אויסגעשמירט מיט סאַזשע, וואו עס ברענען טאָג און נאַכט די לאָמפּן, וואו די הענט און די אָרעמס זיינען באַ יעדן טאָמיד אויסגעשמירט מיט מאַשינען-פעטס, וואָס דרינגט אַפילע דורך דורך די קליידער צום סאַמע לייב צו, און אין דער לופט שטייט אַלע-מאָל דער נודיענדיקער און צום האַרצן שלאָגנדיקער רייעך פון באנאנא-אייל, — אַוועק, אַוועק פון דערדאָזיקער טפיסע, וואו ער האָט שוין אַזוי פיל יאָרן אָפּגעפינסטערט... אים האָט זיך איצט אַזוי שטאַרק, — ווי אַ דורשטיקן, וועלכער שטעלט זיך פאָר אַ

טרונק-וואַסער, ווי גאָר אַן אומגעוויינלעכן טאינעג, — אים האָט זיך איצט אַזוי שטאַרק פאַרביינקט נאָך ליכט, נאָך איינפאַכן טאָג־ליכט, נאָך דער טאָג-טעגלעכער זון-ליכטיקייט, נאָך געוויינלעכער, מענטשלעכער פרייד, וועלכע ער האָט ביז איצט פאַרזעען...

און מיטאַמאָל, אין אַן אָנפאַל פון כאַראַטע אַפן גאַנצן פאַרגאַנגענעם לעבן זיינעם, און אין דעם קעסיידערדיקן אָנשווימען אַף אים פון אַט דעם געהויבענעם און עקסטאַטישן געפיל, האָט זיין פּאָנים אינגאַנצן אויפגעלויכטן פון אַ ווילדע פרייד. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט מיט יעדן פאָדים פון זיין גאַנצן נעשאָמע-געגעוועב, אַז עפעס אויסערגעוויינלעכעס וועט פּאַסירן היינט, ווען ער וועט קומען אין שאַפ אַריין... ער האט זיך נאָך קלאָר ניט פאָרגעשטעלט — וואָס אַזוינס אויסערגעוויינלעכעס וועט עס דאָרטן פּאַסירן, אַז ער וועט קומען, אָבער עפעס וועט עס זיכער פּאַסירן, עפּעס אויסערגעוויינלעכעס וועט זיכער פּאַסירן... עפּעס אַזוינס, וואס וועט מאכן אַ גרויסן רוישעם אַף אַלעמען... עפּעס אַזאַ זאַך וועט ער דאָרט אָפּטאָן, עפּעס אַזוינס וואָס... וואָס... וואָס וועט אויסקויפן מיט זיין דערהויבנקייט און הערלעכקייט זיין גאַנצן ביזאַהעריקן לעבן... עפּעס אַזוינס, וואָס וועט דארפן מעכאַפּער זיין זיין גאַנצן ביזאַהעריקן פאַרשמייעטן, יאָגנדיקן, הינטישן לעבן.

און כאָטש ער האט נאָך קלאָר ניט געוואוסט, וואס אַזוינס דאס וועט זיין, נאָר דאָך האט זיך שוין אַ געהויבן בילד אָנגעהויבן אויסמאָלן פאר זיינע אויגן.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

אין שאַפּ שטייען איצט אַלע מאַשינען, שטייען שטיל, מע אַרבעט ניט — הארקין האט זיך בעשום אויפן ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז די מאשינען, וועלכע ווערן אַלעמאָל געלאָזן אין גאַנג מיט זיין וואָרט, זאָלן אויך איצט, ווען ער איז ניט געקומען, שפּרינגען און אַרומטאנצן זייער פארשמייעטן טאַנץ, — דעם טאַנץ זייערן מיט די שטאַכעס, פיסטאָנען און שווינדלענדיק-לויפנדיקע רימענע פּאַסן, — פונקט ווי געוויינלעך. אַוואַדע... עס שטייען איצט זיכער אין שאַפּ אַלע מאַשינען, און די אַרבעטער זיצן אַף די געשטעלן און אַף די קאַסטנס מיט די פאַרפּאַקטע פּארטיקעלאָמפּן, זיצן אַף די שנייד-טישן און אַף די אָנגעהויפטע ראָלן מעש. זיצן אַזוי זיך, — וואונדערנדיקע און האַלב-יאָמטעוודיקע, עסן דער־

ווייל די מיטגעבראכטע אַנבייסנס און שטוינען אַלץ, וואָס דאָ וועט זיין.

און דאָ...

דאָ קומט ער אַריין, ער, בעני הארקין, הייסט עס... ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט... עס ווערט שטיל, און ער... ער שרייט אויס בלויז דאָס פאָלגנדיקע:

— קינדער, מע ארבעט ניט היינט... גייט, מאַכט זיך היינט אַ יאָמטעוו... פארלאָזט דעם שאָפּ... גייט אַהיים... ניטאָ קיין אַרבעט, אַ, יאָ, אָט דעם ליגן וועט ער דאָך זיי מוזן זאָגן, (אַז ניט וועט מען דאָך אים אָנקוקן, ווי אַ מעשוגענעם)... גייט היינט אַרויס איבער די גאסן פון דער שטאָט ניו־יאָרק... ס'איז היינט אַ ליכטיקער גוטער טאָג... (אַזוי האָט זיך עס הארקין אין דער מינוט פאַרגעשטעלט, כאָטש ער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט, וואָס פאר אַ וועטער עס איז איצט אין דרויסן, ווייל דעם דרויסן האָט ער קנאַפּ וואָס אָנגעזועען אין די פּאָר מינוט, וואָס ער איז אינדערפרי דורכגעלאָפן די גאַס, דעם קורצן מעהאַ־לעך צווישן זיין היים און דער סאַבוויי־סטאַנציע). ברידער, גייט אַרויס איבער די פעלדער פון ארום ניו־יאָרק, איבער די פעלדער פון לאנג־איילענד און ניו־דזשורזוי, איבער די בערג און טאָלן פון סטעטן־איילענד און די באוואַלדעטע סטעזשקעס פון די פּאַ־ליסאַדן... מאַכט זיך היינט אַ יאָנטעוו, ברידער... פאָרט אַרויס צו די וואַסערן פונם האָדסאָן און אַטלאַנטיק. צו די ליכטיקע ברייטע וואסערן פונם לאנג־איילענד סאונד און סטעטן־איילענד סאונד... לאָזט זיך גיין שפּאַצירן איבער די שטילע, רואיקע געגנטן פון ברוקלין... ברידער גייט אין די פארקן און אין די אקוואריומס, גייט צו די טייכן, צו די וועלדער, און אין אַרום אונזער שטאָט... ברידער מיינע אַרויס פון שאָפּ.

און בעני הארקין האט זיך אַזוי אריינגעאַרבעט אין זיין עקסטאַטישער שטימונג, אַז ער האט שוין באלד געגלויבט, אַז ער וועט עס טאַקע טאָן. ער וועט עס טאקע זיכער טאָן..

ער האָט זיך נאָך מער אריינגעגעסן מיט די אויגן אין דער פינסטערניש פונם טונעל, וואָס האט זיך שוין געהאלטן באַם אויסלאָזן און בלייכער ווערן: דער צוג האט זיך איצט דערנעענ־טערט צום גרויסן מאַנהעטען־בריק. דאס האט מען געקאָנט פילן אינם פארשטארקטן רודערן פון די באַן־רעדער אַף די רעלסן.

און דאָ האט הארקין ווידער דערזען דעם ריטשאַקל וואַ־סער נעבן די רעלסן, — דער ריטשאקל וואסער איז אים, הייסט עס, די גאנצע צייט, די גאנצע צייט נאָכגעלאָפן... אָבער באַלד לאָזט ער אים איבער הינטער זיך אין סאַבוויי, אָט דעם ריטשאַקל מוטנע וואַסער... און האַרקין האט אים דערווייל אַלץ נאָכגעקוקט און קימאַט אומבאַוואוסטזיניק געשעפּטשעט פאר זיך דעם צווייטן פּערז פונם זעלביקן לידל, וואס ער האָט זיך פריער דערמאָנט, —

א, וואסערל, וואַסערל,
טריקן זשע איין...

און אַז הארקין איז אין אַ האלבע שאָ אַרום אריינגעלאָפן אין שאָפּ אַריין, איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַ טומלדיקער שפּארעניש דער הוזשען פון די מאַשינען...

הארקין איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער און אַ צעטומל־טער. קיינער, אויסער דער בוכהאלטערין אין קאַנטאָר האט זיך אָפּאָנים ניט געמאַכט קיין וועזן ניט פון זיין אָנקומען ניט פון זיין פארשפּעטיקן. דער אינזשענער האט, ווייזט אויס, געלאָזט גיין די מאַשינען אין דער געוויינלעכער צייט. און האַרקין איז עפּעס געבליבן שטיין אַזוי, אַ פארשעמטער און אַ פארלאָרענער. ער האָט זיך געפילט קימאַט באַליידיקט. „ווי הייסט עס, אָן מיר גאָר“...

ער האט נאָך געדענקט אַפילע אין די ערשטע מינוטן פון זיין אריינקומען, אַז עטוואָס אַזוינס דאַרף ער נאָך זאָגן דאָ אין שאָפּ... יאָ, עטוואס אזוינס... עטוואָס אויסערגעוויינלעכעס... כאָטש ער האט נאָך אלץ ניט געוואוסט — וואס אייגנטלעך. ער האט אָבער באלד אָנגעהויבן פילן אַ מאָדנע געפאלנקייט, און אָפּהענטיקייט. הייסט עס טאַקע אָן אים אויך... אָן אים גייט די פאבריק פונקט אַזוי גוט. ווי מיט אים...

פארשעמט און קיינעם פון די פארביישטייענדיקע אַרבע־טער ניט אָנקוקנדיק, האט ער אָנגעהויבן אַריינקריכן אין זיין אַר־בעטס־כאַלאַט אַריין. ער האט זיך געפילט זייער אָפּגעשוואַכט...

נאָר אַז דער ליידיקער אַרבל האט זיך אים אָנגעהויבן ווי געוויינלעך יעדן טאג, באמבלען הינטערן רוקן ווי אַ צולאָכעסדיק, ווידערשפּעניק באשעפענישל, איז הארקין אויפגערעגט געוואָרן, איז אַריין אין קאַעס, און האט זיך געוואָלט ארויסווייזן אַ ביסל מאַכט, ווייזן ווער עס איז דאָ באַלעבאָס...

— העי, טאַוני, — האט זיך האַרקין ווי געווײַנלעך יעדן טאָג צעשריען — ווהער דהי העלל אַר יו? לעטיס גאָ...

טאוני האָט אים אָפּגעמאָסטן ווי אַ שיקערן. מיסטאָמע איז ער די לעצטע נאכט געווען אַף אַ הוליאַנקע און איז נאָך איצט אויך אַ ביסל באַטראַסקעט, — האט טאוני געטראכט. האט ער גע־קוקט אַף אים קליגיטשקע אַזוי א שטיקל צייט, אַ קוועטש גע־געטאָן מיט זײַנע פעסטע ברייטע פלייצעס, און ענדלעך אַרויס מיט זײַן לאָשן:

— אָ־רײַט באָס, אָ־רײַט... זשוסטאַ מינוטאַ... נאַ האַררי!

קאנסערוון.

.1

— וועל, סעם, ווי גייען עפּעס די ביזנעס?

— אָט אַזוי זיך, צוביסלעך, ס'עט בעסער ווערן...

ווען ער זאָגט עס אַרויס, סעם, קוקט ער אַפילו ניט אין איר זייט. ער קייט בעשאַס-מאַיכע זיין דיקע סיגאַר, וועלכע ער לאָזט, דוכט זיך, קיינמאָל פון מויל ניט אַרויס, לאָזט זי ניט אַרויס אַפילו ווען ער שלאָפט.

זיינע קליינע, קאַטאַקע אויגעלעך, קוקן ערגעץ אומבאַשטימט. ס'איז שווער צו זאָגן, אויב ער טראַכט איצט עפּעס וויכטיקס, און דערפאַר קוקן עס זיינע בליקן אַזוי אומבאַשטימט, אָדער דאָס קוקט ער אַהינצו, וואוהין ער קוקט, ווייל ערגעץ וואו אָן אַ זייט דאַרפן דאָך זיינע קאַסאַקע אויגעלעך זיין געווענדעט און געבן אַן אָפּנאַרערישן איינדרוק, אַז זייער באַלעבאָס, אָט דער באַלעבאָס פון דעמדאָזיקן פּאָרל קאַסאַקע אויגעלעך, איז אַ געוואַלדיקער כאָכעם — מאַמעש אַ לאַנדס-כאָכעם.

אָבער דער עמעס איז, אַז ער טראַכט איצט ניט, סעם.

דאָס ווערט באַלד איינעם קלאָר, נאָכדעם ווי ער קוקט אַ לענגערע ווייל אף זיין אויסגעמאַטערטן, טעמפּיקן, אשיקן פּאָנים.

הערשט אַ ווייל אין הויז אַ פּוסטקייט און אַ לאַנגווייליקייט... קיינער רעדט ניט. ס'איז פּאַשעט ניטאָ פון וואָס צו ריידן. מאַן און ווייב האָבן געוויינלעך קיינמאָל ניט פון וואָס צו ריידן — אָדער עפּשער פוילן זיי זיך פּאַשעט צו עפענען אַ מויל. ס'יידן צום עסן.

סעם פאַרטיפט זיך, גלייך ווי ער שלינגט אַרונטער דעם לעצטן ביסל פון דער וועטשערע אין זיין צייטונג. לייענען לייענט ער די „איווינינג מייל" 1). ער וואָלט קיינעם ניט געקאָנט

1) אַ ניו-יאָרקער ענגלישער אָוונט-בלאַט.

דערקלערן, פֿאַרוואָס עד לייענט דאַפֿקע די „מייל" און ניט קיין אַנדערע צייטונג. דאָס איז אייגנטלעך זיין איינציקער קאַפּריז, דאָס איינציקע, וואו ער דריקט אויס, בלינדערהייט, זיין אינדי־ווידואַליטעט.

— איך, סעם טשענינג (כאַניך איז זיין פֿאַמיליען־נאָמען), האָב, הייסט עס, האַלט צו לייענען גראַד אָט די צייטונג און ניט קיין אַנדערע... איז מיסטאַמע ווייס איך, וואָס איך טו...

וועגן דער „מייל" רעדט ער זייער הויך און מיט גרעסטן איראַס־האַקאָוועד, ווען ער געפֿינט זיך אַמאָל אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו ער רעדט פֿון צייטונגען. כאָטש אַרן — דער ווייטער קאָרעווזייערער, וואָס וואוינט בײַ זיי אין הויז, און רעדט קימאַט קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויס מיט זיי, נאָר ראַק ער קוקט זיך צו צו זיי פֿון דער זייט און קוועטשט טאָמיד מיט די אַקסלען — אַרן האָט איינמאָל געפּרואווט אין אַ שפּאַס אַריינרוקן אַלע אינעווייניקסטע זייטן פֿון אַנדערע ענגלישע אָוונט־צייטונגען אין דעם דרויסנדיקן בויגן פֿון דער „מייל", און סעם האָט, נאַטירלעך, קיין אָנונג ניט געהאַט וועגן דעם גאַנצן בייט.

סעם דערגרייכט סײַ ווי זייער זעלטן צו יענע פֿרעמדע און ערנסטערע צייטונגס־זייטן, וואָס געפֿינען זיך אין מיטן בלאַט.

גלייך נאָך דער זאַטער וועטשערע הויבט אים אָן טייקעף צו שלעפֿערן.

זיצט ער אַזוי אַ ווײַלע נאָך דער וועטשערע, סעם, און בלעטערט די צייטונג.

לאַרא קוקט אין די קאַרטונס [1] פֿון צייט צו צייט לאַכט. זי אויף מיט איר קליינינקן, דראַבנינקן, נאָך אַלץ מיידלשן געלעכטערל: עפּעס אַ קאָמישע קאַריקאַטור, צי אַן אונטערשריפֿט אונטער אַ קאַריקאַטור איז איר, ווייזט אויס, שטאַרק געפֿעלן.

פֿון דעם געלעכטערל טרייסלען זיך בײַ איר בעשאַס־מאַיסע, ווי האַלב פֿאַרגליווערטע שטיקער „פּעטשא", די שווערע, פֿעטע פֿאַלדן פֿון איר לייב, — איר לייב, וואָס איז פֿאַר דער צייט און יונגערהייט פֿאַנאַנדערגעשוואָלן, איז אַזוי פֿעט און צעיוירן געוואָרן.

זי עסט צופֿיל, לאַרא. טאָג און נאַכט טוט זי נאָר איין זאַך — האַלט אין איין עסן די פֿעטסטע און בוימלדיקסטע מאַכאָלים. אז מע וואַרפֿט איר אַמאָל אויס, וואָס זי עסט אַזוי פֿיל און מאַכט

1) קאַריקאַטור־צייכענונגען.

דורך דעם קאַליע איר נאָך גאָר יונגע פיגור פון א צוויי-און-צוואנציק יעריק מיידל,—שמייכלט זי לעקישעוואטע און כיכיקעט זעלבסט-צעפרידן:

— כי-כי-כי... און וואָס זאָל איך טאָן, אז דאָס איז מיין איינציקער פאַרגעניגן... אז קיין פאַרגעניגן אויסער עסן האָב איך דאך ניט... און ס'איז גאָר ניטאָ קיין אנדער פאַרגעניגן, גלויבט מיר...

איז, אז זי לאַכט אַזוי אַ פּאָר מאָל אויף, ווען די קאַרי-קאַטורן זיינען באַזונדערס ציקאַווע,—כאָטש זיי זיינען קימאט די-זעלביקע יעדן טאָג,—קאָן זיך סעם, ווייזט אויס, מער ניט איינ-האַלטן, ער זעט עפּעס אין דעם קימאט ווי אַ פּערזענלעכע באַ-ליידיקונג. ס'הייסט:

— וואס לאַכט זי עפּעס, און ער ווייסט אפילע ניט פון וואָס... אָן זיין ויסן לאכט זי?

אָט אז זי וואָלט געלאכט פון זיינעם א וויץ, וואָס ער וואלט איר דערציילן — וואָלט געווען פאַרשטענדלעך, — וואלט געווען עפּעס אַנדערש.

ער קאן ניט צוועען דידאַזיקע האַזעדיקע באַהויפּטונג פון איר פּערזענלעכקייט. ער פּלאַצט ענדלעך אַרויס:

— וואָס כיכיקעסטו, בעהיימע דו...

לארא נעמט עס אָן גאַנץ גוטמוטיק. זי ענטפערט אַפילע אף דעם ניט. זי פוילט זיך. צו סעמס זידלערייען איז זי שוין צוגעוואוינט געוואָרן און באליידיקט זיך אף זיי ניט, ווי אַ טרייע בעהימע באַליידיקט זיך וואַרשיינלעך ניט אף דעם באלעבאָס שמיץ.

סאי ווי — באַלד הויבט זיך שוין סעם אויף, גיט א געגעץ

— סטו שוין מאַכן די בעט, לאווא? (אנשטאָט אַ רייש קומט באַ אים טאָמיד אַרויס א וואָוו)—איך גיי שלאָפן... פאווגעס ניט צוצושליסן די טיוון.

* * *

אינדערפרי שטייט סעם אויף טאָמיד אַף דער לינקער זייט.

די ערשטע זאַך — שרייט ער אָן און פּאַטשט אויס די קינ-דערלעך. ער טוט עס ניט אַזוי אויס שלעכטקייט, ווי גיכער דערפאַר, ווייל ער איז אַ טאַטע, און ער האָט אַ רעכט דערצו. ער האָט לי זיך פילבן באַלעבאָס אין הויז. אכוץ דעם:

— דאַרפן דאָך קינדער קריגן דערציאונג, וויסן, אַז זיי האָבן אַ טאַטן, — ניין?

פאַרטיק געוואָרן מיט דער דערציאונג פון די קינדער, הויבט ער אָן פינקטלעך יעדן פרימאָרגן צו שרייען:

— לאַווא, וואו איז דעוו האַנטוך?

— לאַווא, וואו איז די זייף?

לאַרא שרייט צו אים אַרויס פון אונטן, פון דער קיך, וואו זי זיצט און עסט שוין, — וואו אַט יענע אַלע זאַכן געפינען זיך. אָבער סעם בלייבט אומצופרידן.

וואָס הייסט — זי זיצט זיך דאָרטן און הויבט זיך אפילע פון שטול ניט אויף? אַזוי טויג ניט.

הויבט ער אָן צו שרייען נאָך העכער:

— לאַווא, מע זאָגט דאָך דיר, אַהעוו גיי...

— לאַווא, קום אַרויף...

און וואָס זי זאָל זיך ניט באַמיען אויסצוגעפינען פון אונטן, וואָס ער וויל דאָרטן אין דער הויך, איז אַלץ אומזיסט. ער קומט באַלד אַריין אין גרויס קאַעס און הויבט אָן צו טאַפּען מיט די פיס:

— גאָד דעם מיט [1], קאָנסטו ניט אַרויפקומען, אַז מע רופט דיך? וואַט די העל [2]...

ביסקל לאַרא, אַן אומצופרידענע און אַ וואָרטשענדיקע, וואָס מע האָט איר איבערגעשלאָגן אין מיטן עסן, הויבט זיך ענדלעך אויף אַף די טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צום באָד-צימער. אונטער דער מאַסע פון איר שווערן, צעפאַרענעם גוף, אַף וועלכן עס טרייסלען זיך פרודן גאַנצע פעטס, קרעכצן אַזש די טרעפּ.

ערשט איצט, אַז זי קומט צו אים אַרויף, סאָפּענדיק און קרעכצנדיק ווי אַן אַלטע אידענע, — און אַלט איז לאַרא בעסאַכאַקל צוויי-און-צוואַנציק יאָר, — ערשט איצט דערפילט זיך סעם צופרידן געשטעלט. ערשט איצט דערפילט ער, אַז ער, ער איז באַלעבאָס.

ער האַלט זיך איצט באַם גאָלן, ער גאָלט זיך יעדן פרי-מאָרגן, — דאָס איז זיין רעליגיעזער ריטואַל באַם אויפשטיין. אין באָד-צימער איז אַלץ ריין, אַלץ אין אָרדענונג, אַלץ ציכטיק, ווי אין אַ שפּיטאָל. אַלץ איז אַפּן אָרט, ווי אין אַן אַפּטייק. גאָרניט פעלט אים. און בעעמעס האָט ער זיך ניט צו וואָס צו טשעפּען. נאָר גאָרניט... זי איז דאָך זיין ווייב צי ניין? איז וואָס איז שאַיעך? ווער וועט אים זאָגן דייעס?

[1], [2]) זידל-ווערטער.

ניט קוקנדיק אפילע אין איר זייט, ברומט ער איצט אַרויס:

— גיי אַרונטער אין קיך און שטעל אָף גיך די קאַפע. איך אייל מיך אוועקצוגיין.

נאָר די קאַפע איז שוין לאַנג פאַרטיק. לאַרא באַמיט זיך יעדן פרימאָרגן צו האַלטן די קאַפע פונקט אין דעם ריכטיקן צו־שטאַנד: עס זאָל זיין ניט צו הייס און ניט צו קאַלט, קעדיי סעם זאָל זי קאָנען אויסטרינקען גלייך, ווי ער גייט אַרונטער. אַז ניט, אויב די קאַפע איז אַ קאַפּיטשקע צו הייס אָדער אַ טראָפּעלע צו קאַלט, מאַכט ער אַזאַ געפּילדער — הימל עפן זיך. און זי באַמיט זיך צו פאַרמיידן אויסהערן סעמס געשרייען, ניט אַז זיינע גע־שרייען זאָלן זי שטאַרק אַרן, זי ווייס, אַז אַ מאַן דאַרף שרייען, אַז אַלע מענער זיינען אַזוי. נאָר זי פילט זיך פאַשעט אויסהערן זיינע געשרייען, ווייל זי פילט זיך אַף זיי ענטפערן. ווי עס טוען אַנדערע ווייבער.

און סעם איז אין דער עמעסן אויך גאָרניט אַזאַ שלעכטער. נאָר אַז ער שרייט ניט, פילט ער זיך עפעס אַזוי ליידיק, אַזוי טעמפּ... ערשט דעמאָלט, ווען ער שרייט אָן אַף לאַראַן אַזוי גע־שמאַק, דערפילט ער זיך וויכטיק, דערפילט ער זיך באַלעבאָס אין הויז, אַ יעש אַף דער וועלט!

און דאָס, וואָס ער קוקט קימאַט קיינמאָל ניט אַף איר, איז אויך ניט, ווייל ער האָט זי פיינט, דאָס ווייב זיינע. ער האָט זי ניט פיינט און ניט ליב. זי איז זיין ווייב. איז וואָס האָט ער וואָס צו קוקן אַף איר? וואָס, ער האָט זי קיינמאָל ניט געזעען? און ביכלאַל...

ביכלאַל איז ער אַ פאַרנומענער מענטש, סעם. ווי ער שטייט אויף, הייבט אים אָן זיין קאָפּ טראַכטן פון ביזנעס... דער קאָפּ איז אים טאָמיד פאַרשלאָגן מיט ביזנעס. נו, קוקט ער אַף איר ניט, — קוקט ער אַף איר ניט, אַפילע בעשאַס ער שלאָפט לעבן איר אין איין בעט — קוקט ער דען אַף די מאַיכאָלים, בעשאַס ער עסט זיי? אַף אַלץ קלעקט ניט קיין צייט.

— לאַווא, — שרייט ער צו איר שוין דאָס לעצטע מאָל, נאָך בעשאַס זי גייט אַרונטער די טרעפּ, און שילט אים אונטער דער נאָז, שילט אים אַזוי זיך, קימאַט אָן ווערטער און גוטמוטיק, קימאַט מעכאַניש, — — לאַווא, אייל זיך, מאַך שנעל פאַרטיק די קאַפע.

אָבער לאָזן לאָזט זיך עס סאָפּקאַלסאָף אויס מיט דעם, אַז

ווען ער לויפט אַרונטער אין אַ צען מינוט אַרום, שוין אין דעם אויבער-מאַנטל און אין הוט, מיטן פּאַרטפעל אין האַנט, גיט ער בלויז איין זופּ, אָדער צוויי פון דער קאַפע, און איילט זיך גלייך אַוועק, ווי א אונטערגעשאָסענער אָן אַ זיי געזונט. אט אַזוי אַלע פרימאָרגן.

2.

דערנאָך הערשט אין שטוב אַ גאַנצן טאָג אַ פּוסטקייט.
לאַרא קאַרמעט די קינדער.

בעשאַס מאַיסע טראַכט זי, דוכט זיך, פון גאָרניט. זי קאַרמעט די קינדער מיט אַזאַ מין גוואַלדיקן אינטערעס, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אירע ליאַלקעס, מיט וועלכע זי וואָלט זיך איצט געשפּילט.

ווען עננא, איר קליין מיידעלע—אַ נאָמען נאָך סעמס פּאָטער; דעם פּאָטערס נאָמען איז געווען כאָנע; בעמיילע, כאָנע—כאַנע—אנעע—עננא—ווען עננא שפּילט זיך מיט אירע ליאַלקעס, טוט זי דאָך אויך אַזוי: זי שטופּט זיי דאָס עסן אין מויל אַריין, און אַז די ליאַלקעס שפּאַרן זיך איין און ווילן ניט עסן, איז צוערשט שלאָגט זי זיי, עננאַ, און דערנאָך עסט זי עס אַליין אויף. איז עפּעער האָט זי עס זיך אויסגעלערנט באַ דער מאַמען. די מאַמע טוט אויך אַזוי—בעשאַס זי קאָרמעט די קינדער, עסט זי דערוויל אַליין. זי קאָכט דאָס עסן אייגנטלעך אָפּ פאַר די קינדערלעך, אָבער אַז זיי שפּאַרן זיך איין און ווילן ניט עסן—געראָטן זיינען די קינדערלעך אין סעמען—אַקשאָנים גרויסע, און דארע אַזעלכע שפּענדעלעך—עסט זי עס סאָפּקאָלסאָף אַליין אויף.

און דערנאָך, אַז דער טאָג איז אַזאַ לאַנגער, און מיט שטוב אַרבעט איז זי שוין באַצייטיק געוואָרן, ליינט זי דעם „כאַכורדעי. איווינינג פּאָסט" און קייט דערווייל ווידער. בלוצלונג דערבאַנט זיך אַז ס'איז שוין דריי אַזייגער נאָך מיטאָג און—

— אוי ווי, זי האָט נאָך קיין וואַרמעס ניט געגעסן...

לויפט זי אַריבער צום גויאישן קאַצעוו, קלייבט זיך אויס אַ געשמאַקן, זאַפטיקן ביפשטעקס,—די אידן פּאַרקויפן ניט אַזעלכע ביפשטעקס,—פּרעגלט אים אָפּ צף דער העלפט, און עסט אים אַזוי האַלב-רויערהייט... מיטן געשמאַקן בלוט. זי באַלעקט זיך אַזש...

— אוי ווי, געשמאַק, גלויבט מיר...

אין הויז איז איצט קיינער ניטאָ. קיינער, פאַרשטייט זיך,

הערט איר דעריבער ניט, נאָר זי מוז דאָך אויסדריקן איר אַנט ציקונג אין דער הויך.

אייגנטלעך האָט זי ערשט האַנאָע פונם עסן, ווען זי עסט אַליין. ניט, אַז סעם פאַרגינט איר, כאַלילע, ניט דאָס עסן. נאָר יענץ עסן באַם טיש, מיט דער מישפּאָכע, איז, פאַרשטייט איר מיך, עפּעס אַנדערש... דעמאָלט קאָן מען זאָגן דאַרף מען דאָך עסן. אַלע עסן דעמאָלט, עסט זי אויך! אָבער איצט איז עסן אויסער פּראָגראַם. איצט כאַפּט זי אַריין עטוואָס באַ דער זייט... זי עסט, הייסט עס, אין געהיים... זי ווינקט איצט אונטער שעל-מיש אין דער פּוסטער לופט אַריין, ווי זי וואָלט אַ געשמאַק-גנייוויש שטיקל אַרבעט איצט אָפּגעטאָן:

— אוי, ווי געשמאַק, גלויבט מיר...

דערנאָך נעמט זי רעקס ביטשס אַ ראָמאַן „אין די וועלדער פון געהיימניכפּולן צאָפּן", און גיט זיך אַ וואַלגער אַרונטער אַף דער סאָפע. דעם ראָמאַן לייענט זי שוין לאַנג, לאַנג— שוין כאַדאָשים גאַנצע, עפּשער יאָרן. זי ווייסט קיין מאָל ניט, וואו זי האָט דאָס לעצטע מאָל איבערגעלאָזן—נאָר וואו זי הויבט יע-דער מאָל ניט אָן, איז עס פּאַר איר ניי.

לאַנג אָבער לייענט זי סאַי ווי סאַי ניט—אין שטוב איז וואַרים און די פּילע אַריינגעקומענע שפּייזן צעוואַרימען זי ערשט רעכט גוט... ווערט זי אַנטשלאָפן.

אַז זי כאַפּט זיך אויף, איז שוין אָוונט.

די קינדערלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומרייסן, האָבן זי אויפגעוועקט.

זי גענעצט זיך אויס געשמאַק און כאַפּט זיך, אַז ס'איז שוין צייט גרייטן צו וועטשערע.

זי וואַרט ניט מיט וועטשערע-עסן אַף דעם מאַנס אָנקומען. ער קומט אַלע מאָל אַזוי שפּעט פון ביזנעס. דערווייל, וואָס ווען ביסקל ער וועט קומען, עסט זי אַליין אָפּ וועטשערע. און אַז זי עסט זיך גוט און אַסאַך אָן מיטן שווערן מאָלצייט, איז זי שוין אַזוי מיד, אַז קוים וואָס איר פאַרבלייבט שוין קויעך אַרויפצו-שלעפּן זיך אין דער הויך, אין דעם שלאָפצימער אַריין און זיך אַריינוואַרפן אין בעט.

אָבער אַז סעם קומט צו גיין, רייסט ער זי טייקעף אויף פון שלאָף, כאָטש די וועטשערע שטייט שוין געגרייט אַפן טיש.

ניט ווייל ער איז אַ שלעכטער, נאָר וואָס הייסט, ווי זשע דע אַנדערש:

— אַ ווייב דאַרף דערלאַנגען דעם מאַן וועטשערע... ווער זשע דען?

און אַז זי שלעפּט זיך אַרונטער אין קיך, אַ פאַרשלאָפענע, אַ פאַרלעגערטע, אַ צעפּודזשעטע, און זינקט אַרונטער אַף אַ שטול בורטשענדיק און זשמורענדיק זיך קעגן ליכט, צווינגט ער זי דאָרטן, אַז זי זאָל מיט אים מיטעסן. ניט ווייל ער האָט כאָס-ווע-שאָלעם מוירע, אַז זי זאָל נאָך שטאַרבן פאַר הונגער—נאָר ווידער אַמאָל, וואָס הייסט:

— אַ ווייב דאַרף זיצן באַם טיש, ווען דער מאַן זיצט, און דאַרף עסן, ווען ער עסט!

— עס, וואָס עסטו ניט!...—בייזערט ער זיך אַף איר,— צום טייוול!... פרעסט זיך אָן איידער איך קום צו גיין, און קאָן שוין דערנאָך באַם טיש ניט עסן...

נאָר אַ ווייב איז זי דאָך פאָרט אַ גוטע, טוט זי אים צוליב און עסט מיט אים אויך גאָר האַרציק וועטשערע. אַ דאַיגע נו, זאָל ער זיך בייזערן—זי דערלייגט צו דעם גאָרניט.

נאָכן עסן איז אַ ווײלע שטיל. זיי האָבן ניט פון וואָס צו ריידן. זי קוקט אַריין אין די צייכנונגען פון דער אָוונט-צייטונג, וואָס סעם ברענגט מיט זיך, און כיכיקעט אונטער פאַר זיך פון צייט צו צייט.

און סעמען איז איצט אָנגענעם און וואַרים, ווי אַ קאַץ באַ אַ ווינטערדיקן אויוון. ער רוקט צו זיך צו נאָך אַ שטול, ציט אויס און פאַרוואַרפט אַף אים די לאַנגע, דאַרע פיס זיינע, ווי באַ אַ יאַגד-הונט. ער לויפט דאָך אַזוי פיל אַרום אַ גאַנצן טאָג, אָט טאַקע ווי אַ דאַרער פלינקער יאַגד-הונט. ער יאָגט זיך דאָך אַרום אַ גאַנצן טאָג אין שאָפּ.

דורכן כוט-האַשעדרע גייט אים מיטאַמאָל דורך אַ ציטער. שטיל, נאָך א ציטער און אַ דריטער אַ לענגערער.

סעם גיט אַ פליענדיקן קוק אַפן ווייב, נאָך איינעם, און אַ דריטן, און דערמאָנט זיך, אַז עס איז שוין פאַרלאָפן צווי טעג זינט דעם לעצטן מאָל... נעמט ער און פאַרויכערט רואיק, זייער רואיק אַ דיקע ציגאַר, בייט זי נאָכאַנאַנד אין אַ ווינקל פון מויל, און וואַרפט פון צייט צו צייט זייטיקע בליקן, מיט אַ פייערל אין

זיי, אַפּן ווייב, ביז זי דערפילט ענדלעך זײַנע אויפגערעגטע בליקן אַף זיך.

ווערט איר אויך אַזוי גוט פון דעם, און זי הויבט אָן וואַ־רים צום מאַן צו אירן שמייכלען. זי ווייסט, אַז איצט קאָן זי זיין מוטיק, איצט קאָן זי זיך שוין מער דערלויבן מיט אים...

זי רוקט זיך צו צו אים און לייגט אים אנידער איר ווייסע, פעטע האנט אַף די קני, אַ האַנט, וואָס איז אַזוי אויסגעכאליעט, אַז זי זעט אויס צו זיין אָן ביינער, און די פעטע פינגער—פון איין שמאלציקן גוס, אן קנעכלעך אַפילע.

לויפט אים פון איר וואַרימען ריר אָן זיין קני דורך נאָך אַ פּאָר ציטערלעך דורכן כוט־האשעדרע. נאָר ער, פונדעסטוועגן, —גאָרניט: ער באמערקט זי קוים...

ער רויכערט זיך רואיק, רואיק. ער קוקט אַף איר בלויז פון דער זייט.

נאָר זי לאַשטשעט זיך צו אים, און בויגט אן איר שווערן, הייסן קערפּער אַלץ נעענטער צו אים.

— איך האָב היינט געזעען אין אַ שוי־פענסטער אַ נייע, שיינע קלייד...—ווייסט, סעם, מיט פיינע אויסהעפטונגען... עס איז איצט אין דער מאָדע אַזאַ קלייד...

— נו, קויפט מען,—ענטפערט ער איר לאקאניש.

— דאַרף מען האָבן געלט...—כיינדלט זי זיך.

— בעט מען.

— נו, איז אָט, בעט איך...

— נו, איז גוט, וועסט קריגן,—שניידט ער אָפּ קורץ.

נעמט זיך שוין אָן איצט לאַרא מיט נאָך מער מוט, גיט זיך אַ הויב און גיט זיך מיטאַמאָל אַ זעץ אַוועק באַ אים אַפּן שויס.

איז גיט ער זיך צוערשט אַ בויג איין און אַ קארטשע אונטער דער שווערער מאַסע, וואָס האָט זיך אומדערוואַרטערהייט אַרויפגעוואָרפן אַף אים. נאָר ער האַלט עס אַ ווײַלע אויס זייער העלדיש: פאָרט אַ מאנסביל. אָבער אין אייניקע מינוטן ארום—ווייל וועגן וועגט זי קיין איינהארע אַסאַך, און די פיס זײַנען באַ אים דינע, זי קאָן זיי נאָך אַזוי איבערברעכן...—הויבט ער זי שוין אָן פאַמעלעך ארונטערשטופּן פון די קני.

— נו, וויפל איז דער שיר, לאַווא... דו וועסט דאָך מיך באַלט דערשטיקן... אַז וועגן וועגט עס פורן גאַנצע. דאָס איז דאָך ניט קיין פרוי—דאָס איז דאָך אַ גאַנץ הויז...

הויבט זי זיך אויף פון זיין שויס פויל, מיט א געלעכטערל. זי ווייסט אז ער מיינט עס ניט ערנסט. זי ווייסט דאָך, אז ער האָט זי ליב. פארקערט, זי האָט אין דעם אירע אנשויאונגען. מענער האָבן סאכאקל גאָר ליב דאפקע פעטע... זיי האָבן ליב אז עס זאָל זיין אסאך, אסאך, כע-כע...

אין א ווײַלע ארום הויבט ער זיך אויף, קייט נאָך אלץ די ציגאר אין ווינקל מויל, און ווארפט אף איר א פּאָר זייטיקע, שמייכלדיקע בליקן. ער נעמט זי אף איין מינוט ארום און ציט זי צו צו זיך. אָבער בלויז אף איין מינוט. אין א ווײַלע ארום זאָגט ער שוין ארויס הערשעריש:

— נו, כ'גיי שלאָפן, קום באַלד אַרויף!

דורכן כוט-האַשעדרע לויפן שוין אים איצט נאָכאַנאַנד דורך אַסאַך פייערדיקע ציטערלעך, ציטער נאָך ציטער, ציטער נאָך ציטער, ווי אין אַן עלעקטרישע מאַשינקע, וועלכע האָט זיך גע-לאָזט גיין.

און איר איז אויך איצט אַזוי גוט, אַזוי וואַרים איבערן גאַנצן לײַב. אַ נאַריש, אַ גוטמוטיק שמייכעלע צעגיסט זיך אינ-גאַנצן איבער איר פעטן, גיידערדיקן פּאָנים.

אָן אַ וואָרט שטעלט זי אַרויף אַפן גאַז אַ טשאַיניק, אויפ-זידן אַ ביסל וואַסער. דערנאָך גייט זי מיטן הייסן וואַסער אין דער הויך, וואו די שלאָפצימערן זיינען. ער גרייט שוין דאָרטן צו דאָס שאַכטעלע מיט די גויטיקע פילן.

זי וויל עפּעס צו אים אַביסל נעענטער ווערן איצט—נעענ-טער ווערן גייסטיק, הייסט עס. טראַכט זי אַ ווײַלע, וואָס צו זאָגן אים, טוט זיך דערוויל אויס און פרעגט סאָפּקאָלסאָף:

— וועל, סעם, ווי גייען עפּעס איצט די ביזנעס?

— אָט אַזוי זיך,—ענטפערט ער,—און וואַרפט אַרונטער די שיך מיט אַ הילך אַפן דיל,—צוביסלעך. ס'וועט בעסער ווערן...

3

שלעפּט זיך אַזוי איין טאָג נאָכן צווייטן, איין טאָג נאָכן צווייטן. איינער ענלעך אינגאַנצן אַפן אַנדערן—צווײ פון טאָמיד באַשטימטע און געצוי אָפּגעוואויגענע מעכטלעך לופט.

זיצט לארא אין די נאָכמיטאָגס אין דער היים. כיירן ווען זי גייט אַרויס אין מאַרק איינקויפן פאַרן הויז.

אַמאָל בלויז כאַפּט זי זיך אַריין אין אַ קינאָ און פאַרלירט

זיך דאָרט איינגאַנצן אַף אַ פּאָר שאָ אין דער פרייד פון אַן אַנ-דער וועלט. זי פאַרגעסט זיך דאָרט אין דעם פאַרפלאָנטערטן רעגנבויגנדיקן געוועב פון עפּעס אַ ראָמאַן פונם לעבן פון דער הויכער געזעלשאַפט, אָדער אַ בילד פון דער ניו-יאָרקער אונטער וועלט, צי אַ דערציילונג פון עפּעס אַזעלכע שרעקלעכע העלדן, געוואַגטע באַנדיטן און טעראָריסטן, דערפּאָלגרייכע צירק-קעמפער, געהיימניספולע אימפּאָרטירער פון אָפּיום און קאָקאָין, א. אַז. וו. א. אַז. וו.

זייער אָפט פאַרגיסט זי, לאַרא, דערביי אַסאַך טרערן. נאָכ-פאָלגנדיק אין דער פינסטערער אילוזיאָן די פאַרפּלאָנטערטע טרוי-עריקע געשיכטע פון אַן אומגליקלעכער העלדין, וועלכע איז פאַר-פירט געוואָרן פון אַ רייכן בענאק, וועלכע שטאַרבט דערנאָך אויך אין קימפּעט מיטן אומשולדיקן מאַמזערל, נאָר וועלכע ווערט דערפאַר צום סאָף פון בילד דערהויכט און דערהויבן,—אין אַ מין פאָעטישן אפאטעאָז, וועלכער קומט פאָר אַף יענער וועלט, פאַרן שטול פונם ריכטער אין הימל, און דאָס פאַרפירטע מיידל ווערט דאָרט פאָרגעשטעלט ווי אַ ריין-ווייסער מאַלעך, איינגאַנצן דראַפירט אין לופטיקע, שוימיק-שנייאיקע קליידער.

לאַרא פאַרגיסט טאַקע דעמאָלט אין דער פינסטער ניט איין טרער... נאָר פונדעסטוועגן, אַז זי גייט אַרויס דערנאָך פון דער אילוזיאָן, האָט זי עפּעס אַזאַ אנגענעם געפיל,—אַ מעכאַיעדיקן גע-פיל פון דערלייכטערונג.

צום אַלעם ערשטן פודערט זי זיך אָן שטאַרק די נאָז, וועלכע איז איינגאַנצן רויט געוואָרן פון וויינען. ווייל נאָך אַלע-מען, האָט דאָך יענע טרויעריקע מאַיסע פּאַסירט מיט אַן אַנדער מיידל... איר, לאַראַס לעבן איז דאָך, גאָט צו דאַנקען, אַ גליק-לעכס. נאָר פונדעסטוועגן איז פּאָרט אַווי גוט צו זיין אַמאָל אין אַ קינאָ, זעען, אַז עס זיינען נאָך דאָ גרויסע אומגליקן אַף דער וועלט,—אומגליקן, וואָס דיך, דאַנקען גאָט, גייען זיי פאַרביי.

אָבער דערנאָך יאָגט זי שוין פון זיך די נעשאָמע אַרויס און איילט זיך אַהיים.

אַ קליינינקייט, זי האָט דאָך איבערגעלאָזט די ביידע קינ-דערלעך איינע אַליין אַף דעם גאַנצן הויז. דאָס איז דער איינצי-קער אויפן, ווי זי קאָן זיך אַריינכאַפּן אין אַ קינאָ:

איינשלעפערן די קינדערלעך און זיך גלייך אָפּטראָגן.

— אַז סעם וואָלט נאָר געוואוסט!

איז אַז זי קומט צו גיין, טרעפט זי געוויינלעך, אַז עס איז שאַ, רואיק.

די קינדערלעך זיינען טאַקע אויפגעשטאַנען. איז איינס, דאָס קלענערע, וואָס איז זייער שטאַרק געראָטן אין לאראן, ליגט טאַמעוואַטע אין וויג, ווי אַ שטיק פלייש, און זויגט נאָכאַנאַנד די ליידיקע גומענע סאָסקע און האָט שטאַרק האַנאָע. און דאָס צווייטע, ענעלע, לויפט דער מאַמען אַנטקעגן מיט אַ סימכע, מאַכט אַ פּרום קאָשער פעניגמל פון אַ גוט געטריי קינד און איז די מאַמען מעכאַבעד:

— מא, כ'וויל מאַכן אַ־אַ.

איז דאָך דאָס אייגנטלעך זייער אַ נאַבעלע האַנדלונג מיצאַד ענעלען,—אַ האַנדלונג, פאַר וועלכן זי פאַרדינט דעם גרעסטן לויב, אָבער געוויינלעך געפינט באַלד די „מאַ" אויס, אַז דאָס איז בלויז ענעלעס אַ כיטרער אָנשטעל, אַז דאָס איז בלויז אַן איינפאַל פון איר גוט טעכטערל—סעמעלעס קאָפּ!—און אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען...

דעמאָלט נעמט לארא און הויבט אָן זי שמייסן, פאַטשן און שלאָגן—ניט, כאָלילע, אויס בייזקייט, אָדער קאַאָס פאַרקערט, בעשאַס-מאַיסע רעגט זי זיך אַפּילע ניט אויף אַף קיין האָר. נאָר זי ווייסט דאָך פונדעסטוועגן, אַז אַ מאַמע דאַרף לערנען אירע קינדערלעך, און אַז ביכלאַל.

— וויפל איז אַ שיר פון אַ קינד איינצוהאַלטן אַזעלכע מיעסע מאַניערן?

פאַרגייט זיך דאָס קינד אין אַ געוויין און קאָן שוין ניט דערוואַרטן די מינוט, ווען די מוטער וועט זי אָפּלאָזן. זי ווייסט פון דערפאַרונג, אַז דאָס מוז סאָפּקאָלסאָף פּאַסירן. דערווייל טוט זי אָבער אירס—זי בריקעט מיט די פיסלעך, זי בייסט מיט די ציינדלעך דער מאַמעס פוס, זי שרייט, זי פּראָטעסטירט. אָבער די מאַמע שרייט נאָך העכער פאַר איר:

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז דו זאָלסט מאַכן אַ־אַ אין טעפּי?...

„טעפּי" איז אַ אידיש וואָרט און שטאַמט פון דעם וואָרט „טעפּעלע". אַזוי רעדט לארא מיט די קינדער ענגליש,—נאָר דאָס אידישע וואָרט „טעפּעלע" האָט זי געהערט אַמאָל פון איר שוויגער. איז דער קלאַנג פונם וואָרט איר אַפּאָנים געפעלן געוואָרן, האָט זי עס פאַרצויגן אַף „טעפּי".

— דו זאָלסט מיר מאַכן אַ-אַ אין אַ טעפּ'...

— אַ גוט קינד דאַרף מאַכן אַ-אַ אין אַ טעפּ'...

4

דורך דער גאַנצער וואָך שטייען אַזעלכע לאַנגע נודנע אָוונטן.

סעם נעמט לאַראַן זעלטן ערגעץ וואו אַרויס. ער האַלט ניט פון טעאַטער, און אויסער דעם: צוזאַמען קאָנען זיי דאָך ניט גיין. אַף וועמען וועט מען איבערלאָזן די קינדער? און אַליין גיין קאָן זי אויך ניט, סעם קומט אַהיים שפּעט פון ביזנעס.

דערפאַר אָבער האָט ער ליב מוזיק. ער האַלט זיך פאַר אַ פאַרקאָכטן מוזיק-ליבהאָבער. נאָר ווער קאָן זיך עס שלעפּן אַף קאָנצערטן? האָט ער צוליב דעם, קעדיי צו באַפרידיקן זיין דורשט נאָך מוזיק איינגעקויפט אַ פיין וויקטראַלע [1]). האָט ער אַלע באַרימטע קאָנצערטיסטן-זינגער, פּיאַנא-שפּילער, פידעל-שפּילער, וויאָלענטשעל-שפּילער טאָמיד באַ זיך, אין דערהיים. קאָן ער זיי הערן, ווען נאָר אים אַליין געפעלט עס, און צו יעדער צייט.

איז אַזוי ווי ער איז עס ביעכוילעס צו טאָן, ווען ער וויל נאָר אַליין, איז שוין דערפאַר די איילעניש באַ אים ניט אַזוי גרויס. ציט אים צו דער מוזיק ניט אזוי אָפט.

— ס'איז נאָך דאָ צייט, מאָרגן איז אויך אַ טאָג. ביפראַט, אַז ער קומט דאָך אַהיים אַזוי שפּעט פון ביזנעס. און די קינדער שלאָפן שוין, און מע קאָן זיי נאָך אויפוועקן.

און לאַראַ האט דערפאַר נאָך א פיין מעהאַגעני [2]) מעבל, וואָס זי דאַרף אַ פאַר מאָל דורך דער וואָך פּוצן און רייניקן מיט ציטרין-אייל. נו, מע דאַרף דאָך האָבן באַלעבאַטישקייט.

אָט זונטיק איז שוין עפּעס אַנדערש.

מיילע, אַ גאַנצע וואָך איז אַ גאַנצע וואָך. יעדן וואָכעדיקן אָוונט קומט סעם אַהיים אַ מידער. דורך דעם גאַנצן טאָג איז ער דאָך אַפילע קימאַט אַף דער פרייער לופט ניט געוועזן. אַז ער גייט בלויז דורך די צוויי קוואַרטאַלן, וואָס צווישן זיין הויז און די סטאַנציע פון אונטערגרונטיקן צוג, פאַלט ער שוין גלייך אַריין אין

1) אַזאַ גראַמאָפאָן.

2) אַזאַ האָלץ.

דער באַן, וועלכער פירט אים אַ גאַנצע שאָ צייט ביז זיין געשעפט-פּלאַץ. און דערנאָך — נאָר איין האַלבן קוואַרטאַל אין דרויסן און ער איז שוין אין זיין געשעפט-פּלאַץ.

קעדיי ניט צו פאַטערן קיין צייט אין ביזנעס, לאָזט ער זיך אַפילע אַרויפּברענגען צובייסן אין שאַפּ אַריין. און פאַרנאַכט, אַז ער פאָרט אַהיים איז ווידער דאָסזעלביקע אין אונטערגרונטיקן צוג: גלייך ווי ער קומט אריין, טוט ער דאָסזעלביקע, וואָס אַנדערע: ער שטופּט גלייך אַריין זיין קאָפּ אין בלאַט-צייטונג, און נעמט אים פון דאָרטן ניט אַרויס, ביז ער קומט ניט אָן צו זיין סטאַנציע, וואו ער דאַרף אַרונטערגיין. ער זעט אַזוי ווייניק, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אַז ער ווייס צומאָל ניט, אויב אינם אונטערגרונט-צוג, דעם געדיכט אָנגעפּאַקטן, ביז צו דערשטיקעניש, געפינט זיך כאָטש נאָך איין מענטש, אַכוץ אים.

אַ גאַנצע וואָך איז ער עפּעס, ווי קיינמאָל ניט אַף גאָטס וועלט. ער איז נאכאנאנד, פון זון-אויפגאַנג, ביז זון-פאַרגאַנג, פאַרפּאַקט אין אַ פארמאַכטן קעסטל, אין אַ פעסט-פאַרשלאָסענער קיילע, וועלכע פליט מיט אים דורך אונטער דער ערד הין און צוריק, הין און צוריק.

דערפאַר אָבער זונטיק איז עפּעס אַנדערש.

זונטיק בינדט זיך סעם מער צונויף מיט דער וועלט. זונטיק ציען זיך פעדים פון סעמס הויז און פאַרייניקן דאָס מיט דעם גאַנצן גרויסן אוניווערזום.

שלאָפן שלאָפט ער יענעם טאָג שפּעט — ביז סאַמע מיטאָג ער שלאָפט אַפילע ניט די גאַנצע צייט, — גלאַט ער וואַלגערט זיך אין בעט. ער טוט זיך סטאַם אָן אויגעג-זונטיק.

און אז ער שטייט ענדלעך אויף, אַן אויסגעלעגענער, אַ וואַרים-דורכגעווייקטער, מיט בלויע סימאָנים, פאַסן און צייכנס אַף זיין לייב און פּאָנים פון צופיל ליגן אין בעט, גאָלט ער זיך צוערשט אָפּ, פאַרויכערט אַ ציגאַר, גייט אַרויס אין גאַס, מיט דער קאָוואָנע כאַפּן שוין היינט אַ לאַנגען, לאַנגען שפּאַציר, כאָטש איינמאָל פאַר דער גאַנצער וואָך.

די פרישע דרויסנדיקע לופט, פון וועלכער ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוואוינט, ווייזט זיך אָבער אַרויס צו זיין צו שאַרף פאַר אים, און זי מאַטערט אים גלייך אויס. קערט ער זיך דערייבער באַלד אום צוריק — קערט זיך אום מיט אַ גרויסן, וואָגיקן, פיל-פונטיקן, ענגלישן זונטיק-בלאַט אונטערן אָרם.

דאס בלאט איז גרויס, גרויס... עס האָט הונדערט זייט, און אָפּט מערער נאָך... און קאָסטן קאָסט עס בלויז 5 סענט. דאָס פּאַפּיר אליין, די בילדער, זיינען דאָך ווערט אַסאַך מער פון 5 סענט, טראַכט סעם, און קוועלט אָן פון דער מציע.

ער צעלייגט זיך אף דער סאָפע און זיפּט דורך די בלעטער דורך זיינע פינגער.

— אַך, מיין גאָט, וויפל זאַכן עס זיינען דאָ אף דער וועלט...

אַ מאָדנער מענטש, אָט דער קאָרעוו זיינער, אָט דער אָרן, וואָס וואוינט בא זיי אין הויז, און וועלכער האַלט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע — אומפאַרשטענדלעך, דערווייטערט פון זיי, שווייגט די מייסטע צייט, און אַז ער רעדט שוין יאָ אַמאָל, רעדט ער אויך אַזעלכע ווילדע, אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד. אַנומעלט האָט ער אים געהערט זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף קעסיידער פאָרן, דאַרף אַרומרייזן טאָמיד איבער דער וועלט. און אויב ניט איבער דער וועלט, דאַרף ער כאָטש אַרומרייזן אין דערזועלביקער שטאָט, — אַרומרייזן צווישן אַלערליי מענטשן... אַ מענטש דאַרף לערנען וויסן...

— וויסן — שמיסן...

— און ווי קאָן מען דען אַרומרייזן אין דערזועלביקער שטאָט? וואָס שאַיעך? ווי הייסט? און טאָקע צוליב וואָס?

אז מע לייענט איבער אַזאַ ריזיקע צייטונג, ווייסט מען שוין אַלץ. וועגן וואָס איז דען ניטאָ אין אַ צייטונג, דערהויפּט אין זונטיק-נומער. ריעל-עסטייט [1] און פּאָליטישע פראַגן, ספּאָרט און ליטעראַטור, נייע וואוינונגען און מאַגאַזין-אַרטיקלען, צייכענונגען און מוזיק, ביזנעס-מעגלעכקייטן און נייס פון אַלערליי טעאַטער און קאָנצערטן, און כ'ווייס וואס נאָך — אַ גאַנצער יאַם... ער קאָן דאָך אַזא בלאט לייענען מאמעש אַ גאַנצע וואָך, זיבן טעג און זיבן נעכט. דאָ איז דאָך דא אַ וועלט אַ גאַנצע, אַ גאַנצע אוני-ווערזיטעטס-בילדונג.

נאָר סעם באַווייזט אבער קיינמאל ניט איבערצולייענען אַפּילע דעם גאָר קלענסטן טייל פון אַט דער גאַנצער בילדונגס-ענציקלאָפּעדיע. באַלד דאַרף מען דאָך עסן דעם פיינעם זונטיק-דיקן הון-מאַלצייט און דערנאָך ווערט שוין דריי אַזייגער, גייט ער אַוועק צום נאָענטסטן בייסבאַל-דיימאַנד [2], צוקוקן די בייסבאַל-

1) קויף און פאַרקויף פון אומבאַוועגלעכע גיטער.

2) אַ פעלד, וואו מע שפּילט בייס-באָל.

שפּיל צווישן צוויי קאָנקורירנדיקע שפּיל-קאָמפּאַניעס. די שפּיל קומט דאָרט פֿאַר יעדן זומערדיקן זונטיק. און יעדן זונטיק גייט סעם אַהינצו.

אַז ער קומט צוריק אַהיים איז שוין פֿאַרנאַכט.

אין שטוב, וואו מע גיט זיך נאָר אַ קער, ליגן אַנגעוואָרפֿן זייטן, בויגנס, אָפּטיילונגען גאַנצע פֿון דעם אומגעהויערן, הונדערט און פֿופֿציק-זייטיקן ענגלישן זונטיק-בלאַט. דער נומער וועט שוין מאָרגן גאַנץ פֿרי אַרויסגעוואָרפֿן ווערן מיטן מיסט, אַ ניט-דורכ-געלייענטער, — אָבער דערווייל האָבן אַלע מיטגלידער פֿון דער מישפּאָכע פֿון אים האַנאָע, יעדער אויף זיין אופֿן.

דאָס קליינע אויפֿעלע צערייסט די ליטעראַרישע אָפּטיילונג אויף פּיצפּיצלעך, פּאַקט אָן אַ פֿולע מויל מיט דעם, ביז ער פֿאַר-הוסט זיך, פֿאַרכלינעט זיך, הויבט זיך אָן שטיקן — און ברעכט דאָס איינגאַנצן סאַפּקאַלסאָף אויס.

ענעלע זיצט אין אַ גאַנצער נעסט פֿון צייטונגס-בויגן און לעכערט דורך די אויגן בײַ אַלע „פּאַפּאַס" און „מאַמאַס", און בכלל אָנשטענדיקע מענטשעלעך, וואָס זי טרעפֿט אָן אין די צייטונגען.

לאָראַ זיצט אויף דער סאָפֿע און לייענט דאָס זייטל פֿון דער הויכער געזעלשאַפֿט, טיף, ביז גאָר פֿאַרינטערעסירט אין די נייס וועגן די רייכע כאַסענעס, וועגן די גרויסאַרטיקע בעלער, די פּראַכטפֿולע מאַכט-רייזעס, וואָס קומען פֿאָר אין דער „הויכער געזעלשאַפֿט". פֿון צייט צו צייט פּרוּווט זי איבערגעבן סעמען די נייס און די פֿאַסירונגען וועגן וועלכע זי לייענט. אָבער ער קאָן עס ניט ליידן. ער קאָן ניט פֿאַרטראָגן, אַז זיין ווייב זאָל אים דערציילן נייס! וואָס, אַליין ווייסט ער ניט! לאָראַ וועט אים גיין לערנען... אַ שיינע מאַיסע, כּלעבן!

איז נאָך דעם, ווי ער הערט אויס אומגערן אַוועקדרייענ-דיק בעשאַס-מאַיסע דעם קאָפּ, וואָס זי האָט אים צו דערציילן, מאַכט ער אויף דעם טאָמיד איין און דעמזעלביקן אומגעדולדיקן קאָמענטאַר:

— אַוואַדע, אַוואַדע... דו דערציילסט מיר! איך ווייס עס אַליין ניט?..

אַרט זי ניט, שווייגט זי, נו יאָ, ווייס ער מער, איז וואָס איז דערפֿון?

און ער, קעדיי צו באַווייזן איר זיין קענטשאפט הויבט איר דערמאָלט אָן איבערגעבן וועגן דער באַטאָגיקער בייסבאָל-שפיל, ווער עס האָט געהאט אַ „האָאום-ראַן" [1], און ווער עס איז דער-לאָפן בלויז ביז דער דריטער „בעיס" [2] און ווער עס איז געווען דער „פיטשער" [3] און ווער עס איז געוועזן דער „בעטטער" [4] און ווער עס האָט געשפּילט „פאול פליי" [5], און וועלכער צאַד האט ענדלעך געוואונען, מיט וויפיל „פּאָינטס" [6].

לאַרא הערט זיך צו מיט קאָפּ, כאָטש זי פארשטייט גאנץ ווייניק פון דעם און עס הויבט זי ניט אָן צו אינטערעסירן. זי וואָלט נאָר אַ באַלן געווען, זי שטאַרבט מאַמעש צו פרעגן:

— סעמעלע, טייערער... און וואס הערט זיך עפּעס מיקויעך אַ בייס?

נאָר זי וויל סעמען ניט אריינברענגען אין גרימצאָרן. וואונדערט זי זיך גאָר שטאַרק אָף זיין מאיסע און שמוצערט אַלע ווײַלע מיט די ליפּן:

— אַזוי? אַזוי? כידושים!..

דער פארנאכט ווערט געדיכטער.

אין דער פינסטער רוקן זיך צו מאַן און ווייב איינער צום אנדערן. ס'ווערט עפּעס אַזוי אומעטיק אין הויז, אומעטיק אין גאַס, אומעטיק אַף דער וועלט.

אין דער שטילער אָוונט-לופט, וואס נידערט אַרונטער, הערט זיך ווי עס קלינגען גלאָקן אין די עטלעכע קירכן פון דער נאכבארשאפט.

עס זעט זיך דורך די פענסטער, ווי די קריסטלעכע שכיי-נים פון דער נאכבארשאפט לאָזן זיך גיין אין זייערע קירכעס. יעדערער אין זיין קאָנגרעגיישאָן [7] אַריין. נאָר סעם גייט אין ערגעץ ניט — ער איז ניט פארשריבן אין קיין אידישער שול. ער האלט דאָך דערפון ניט, אויסער אום ראָשאַשאנע און יאָמקיפּער. ער געהערט בלויז אין איין פלאַץ — אין דער צדאָקע-כעוורע פון זיין היים-שטאָט. און אַהינצו גייט ער אויך בלויז איין מאָל אין יאָר — צום יערלעכן באַל, אַן אויסגעפּוצטער אין עסיק און האָניק, אין אַ בעקאָוועדיקן פראַק און ווייסע הענטשיקעס.

ס'ווערט אלץ אומעטיקער אין הויז.

דאָס איז דער איינציקער פארנאכט דורך דער גאנצער וואָך.

1, 2, 3, 4, 5, 6) טעכנישע טערמינען אין בייס-באָל שפּיל.

7) רעליגיעזע געמיינדע.

וואָס סעם איז אין דערהיים. דער איינציקער פאַרנאַכט, וואָס פּאָר־פאַלק זיינען צוזאַמען. איז איצט, אַז עס איז געוואָרן טונקל אין הויז, און די גאַסן אַרום, פילט מען, זיינען אויך געוואָרן אויסגעליידיקט און שטיל, אזוי הויבט זיך דאָס פּאָר פאַלק אָן צו פילן אויך אויסגעליידיקט און שטיל. און די קראַפט פון דער אינוועניקסטער אויסגעליידיקטקייט און פוסטקייט זייערע, דערנענטערט זיי מיט אַמאָל שטאַרקער איינער צום אַנדערן.

זיי זיצן ביידע שוין גאָר נאָענט איינער צום אַנדערן אַף דער סאָפקע. לאָרא מיט דער גאַנצער שווערער וואָג און פּיליביקייט אירער, טוליעט זיך איין אין סעמ׳ען, די קינדערלעך טוליען זיך איין אָן איר.

און סעם פילט זיך איצט ווידער שטאַרק, סעם פילט זיך איצטער ווידער וויכטיק, יאָ, ער האָט זיין אָרט אַף דער וועלט. ער איז א מאַן, אַ טאַטע, אַ באַלעבאָס.

איצט, אין אַזוינע מינוטן, הויבט אָן אויך לאָראַס מויעך צו באַוועגן זיך. איר מויעך באַוועגט זיך איצט, אין דעם פאַרנאַכט, אַרום דעם ניט פאַרשטענדלעכן, דעם טשיקאַוון, קוואַרטיראַנט זייערן, דעם וויטן קאָרעוו פון דער מישפּאָכע, אַרענען. אָט, ער שלעפּט־זיך טאָמיד אַרום מיט מיידלעך האָט ניט קיין סטעדי[1], האַלט זיך טאָמיד ניט לאַנג מיט איין און דעמזעלביקן מיידל. זאָגט, אַז ער וויל נאָך דערווייל ניט כאַסענע האָבן, ווייל ער וויל נאָך אַ שטיק צייט פון זיין לעבן ליב האָבן... ליב האָבן אזוי לאַנג, ווי עס וועט זיך לאָזן.

וואָס, טראַכט לאָרא, אַז מע האָט כאַסענע, האָט מען זיך ניט ליב? האָט זי דען סעם ניט ליב? אַהאַ, זי ווייסט שוין, ווי שטאַרק ער האָט זי ליב...

— וואָס דען, ווען מע האָט אַ היים, האָט מען אַלץ, האָט מען ליב אויך...

און וואָס — צוליב וואָס דאַרף מען עס זיך אַרומשלעפּן, רייזן־שמייזן? און אַפילע, אַז מע וויל שוין זען נייע לענדער, איז וואָס, דאַרף מען זיי דען אַלע אויספאַרשן? אָט אַנומלטן — איז זי געווען אין קינאָ פלעגט זי זען אָפּט בורטאָן האָלמס רייזע בילדער, האָט זי טאַקע געזען אין מעשעך פון עטלעכע מאָל, אי יאַפּאַניע, אי די האַוואַי אינזלען, אי די פיליפּין אינזלען, אי איטאַליען, אי קאָרעאַ, און נאָך און נאָך...

---

[1]) אַ באַשטענדיק מיידל.

און דאס אלץ האט איר עפשער געקאסט בלויז איין דאָלער, נאָך ווייניקער: 75 סענט בלויז. יאָ, פינף מאָל צו 15 סענט איז 75 סענט, — טשיקלעס, טשואינג-גאַם, [1] אַ סאָדע — קאָסטן אַפילע אויך עטלעכע סענט, אָבער דאָס גייט דאָך פונדעסטוועגן ניט אריין אין כעשבן פון אירע רייזע-קאָסטן אין די ווייטע לענדער. דאס איז גלאט פארגעניגן.

5.

אָבער דער אָוונט שטאַרקט זיך אַלץ, און די אומעטיקייט אויך. באַ ביידן אין קאָפּ איז שוין איצט אזוי פּוסט, עס איז ניטאָ מער פון וואס צו טראַכטן, ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן.

אין דרויסן צינדן זיך שוין אָן פייערלעך, און אין דער ווייטנס טרומייטערן אווטאָמאָבילן. אין דער ווייטנס געפינט זיך דער ברייטער, ראכוועסדיקער שאָסיי-בולוואַר אושאן-פּארקוויי, און עס ציען זיך דאָרט הין און צוריק, הין און צוריק א גאַנצן ליכטיקן זונטיק-טאָג שערענגעס לאנגע, מאַכנעס גאנצע אווטאָמאָבילן, רייכע עקיפּאַזשן אַפּן וועג צום אינזל פון טומלדיקער פרייד און פאַרטויבנדיקע טאַינוגים. ציען זיך נאָכאַנאַנד צו און פון קוני איילאַנד.

ס'הויבט אָן בלינדערהייט, שטומערהייט און אומבאַוואוסטערהייט, צו ציען באַם האַרץ.

און דאָ אין הויז ווילט זיך נאָך איבער עפעס סעמען אלץ ניט אָנצינדן קיין פייער — דאָס הייסט, אויפדרייען די עלעקטרע. לאָרא האט זיך שוין געפּרוווט א פּאָר מאָל אויפהויבן פון סאָפקע און צוגיין צום עלעקטרישן קנעפּל, נאָר סעם גיט זי שווייגנדיק א ציִ צוריק, פּונקט ווי זיין האַרץ גיט אים עפּעס אַלע ווײלע אזא צי, אזא מאָדנעם צי.

— וואָס זשע איז דאָס אזוינס?

פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס פייפן פון אַ שיף, און נאָך א שיף ערגעץ ניט ווייט פון יאַם.

דער יאַם געפינט זיך עפשער אינגאַנצן א צוואנציק מינוט גאַנג פון סעם'ס היים. ניט נאָר דער יאַם, נאָר טאַקע דער גרויסער און איינציקער אָקעאַן, — דער אָפענער, אייביקער, און שטענדיק-פראַכטפולער אָקעאַן. נאָר סעם האט אים נאָך, דוכט זיך,

---

[1] קאנפעקציענען פּאָפּולערע.

קיינמאָל ניט געזעען. בלויז פון צייט צו צייט הערט ער, ווי ווייטע אקרענטן ברויזן, בלאָזן, פייפן, — אָט ווי איצט.

און ווילן ווילט זיך אים עפּעס איצט. און סעמען ווערט עפּעס אומעטיק אַפן האַרצן. און דער איקער פּוסט, פּוסט... זעלטן ווען ער פילט דאָך א פּוסטקייט אַפן האַרצן, סעם, — אים פעלט, דוכט זיך, קיינמאָל גאָרניט. אָבער איצטער איז אים עפּעס ליידיק, אין עס ציט און עס ווילט זיך עפּעס.

איז מיט אַמאָל כאַפּט זיך סעם אויף. אָ, ער האט אן איינפּאַל, א וואונדערבאַרן איינפאַל, ווי צו מאַכן אביסל פריילעך אין הויז.

ער גיט זיך א וואַרף צום גראַמאָפאָן און לייגט אַפן אַקס א באַרימטע לאַך-פּלאַסטינקע. די פּלאַסטינקע באַשטייט פון גאָרניט — פון א קלייניקייט: איינער א מענטש פּרוואווט צו שפּילן עפּעס א טרומפּייט-סאָלאָ. און מיט אַמאָל, שפּילנדיק, לאָזט ער ארויס עפּעס א פאַרדעכטיקן בלאָז — אַ בלאָז, וואס איז ענלעך אַף אן אנדער מענטשלעכן בלאָז — א קלאַנג, וואס איז ניט אָנגענומען פאַר א מענטשן צו לאָזן הערן אין אנשטענדיקער געזעלשאַפט. דעמאָלט גיט עפּעס א דאַמע, מיסטאָמע איינע פון דער אודיטאָריע, וועלכע האָט זיך איינגעהערט אין אָט דערדאָזיקער טרומפּייט-סאָלאָ — איז דעמאָלט גיט אָט די דאַמע א לאַך.

לאַכט אויך אַ צווייטער, א דריטער, א פערטער...

פלעכט זיך צוזאַמען איין הירזשענדיק געלעכטער מיטן צווייטן.

הויבט שוין אין גיכן אָן צו לאַכן דער שפּילער אליין. ער פאַרכלינעט זיך אַזש פון געלעכטער אין מיטן שפּילן, און יענע פרוי, וועלכע האט דאס געלעכטער אָנגעהויבן, ווערט שוין באַלד איינפאַך היסטעריש, ווערט צעזעצט פאָשעט לאַכנדיק.

אַזוי קייקלט זיך די פּלאַסטינקע אַף איר אַקס, רעגע נאָך רעגע, רעגע נאָך רעגע, און ס'איז אינגאַנצן איין געלעכטער וואַקכאַנאַליע, עפּעס א מין מאַרינירטע קאָנסערווירטע, געלעכטער וואַקכאַנאַליע.

און וויפל מאָל מע האט שוין דידאָזיקע לאַך-פּלאַסטינקע ניט געשפּילט אין הויז, קומט אָבער אַלע מאָל פאַר געמני איינס און דאָסזעלביקע: שוין באַ די ערשטע לאַך געררישן, וואָס שטראָמען ארויס פון דער וויקטראלא, הויבט לאָרא די ערשטע אָן צו לאַכן. ענגלע הויבט אָן לאַכן די צווייטע. סעם, מאַיסע באַלעבאָס און

מאַיסע מאַן, וואַרט צו א ווײלע מיטן לאַכן. ווי אַן עמעסער שטאַרקער כאַראַקטער קוקט ער קריטיש פאַרעכטלעך אַפּן ווײב, וואָס גיט זיך אזוי גרינג אונטער דעם אײנפלוס פון דער פלאַס־טינקע, באַנוצט זיך אָבער דערווײל מיט זײן ציגאַר אין א ווינקל־מויל, קעדײ אײנצוהאַלטן דעם ספאַזמישן געלעכטער, וואָס שפּאַרט זיך פון זײן אײנגעווײט אין דרויסן אַרויס. באַלד הויבט ער אָן צו פאַרבײסן די ליפּן זײנע, נאָר קאָן זיך סאַפּקאָלסאָף ניט אײנ־האַלטן, און הירזשעט אויך אַרויס מיט א הויך געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ!

און ארום אָט דער צײט איז אים זײן פרוי שוין אָבער העט ווײט איבערגעשטיגן — זי קאַטשעט זיך שוין איצט אין היס־טערישע לאַך־ספאַזמען אַף דער סאָפע. זי ווערט אײנפאַך צע־פּלאַצט לאַכנדיק. די שווערע פּלאָדן פעטס אַף איר לײב הוידען זיך, הוידן זיך, ווי אומגעהויערע שטיקער פאַרגליווערטע „פּעטשאַ״.

ענגלען, דער עלטערער מײדעלע, איז אויך געפעלן דערדאַ־זיקער איניען — זי וואַרפט אַוועק אַלע אירע שפּילעכלעך און לאָזט זיך פאַנאַנדער קווײטשענדיק הויך, ניט אַזוי אויס אַן אָרגאַ־נישער נױטװענדיקײט, ווי פון א פאַרלאַנג נאָכצוטאָן די גרויסע פּאַפּאַ־מאַמאַ און אויסצודריקן איר סאָלידאַריטעט מיט די יאָרנ־דיקע עלטערן.

און סעם האָט זיך שוין ארום אָט דער צײט אויפגעהערט צו זשענירן — ער הירזשעט וואָס אמאָל אַלץ שטאַרקער, פּאַטשט זיך אַזש איבער די קני פון גרויס צופרידנקײט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן דעם פאַרדינטן לויב דערפאַר, וואָס ער האָט אײנ־געשאַפט אין הויז אַזאַ וואונדערלעכע פּלאַסטינקע. ער שרײט אויס פון צײט צו צײט ענטוזיאַסטיש:

— אָ, שוין אײנמאָל א פּלאַסטינקע!

און לאַרא — זי ליגט שוין איצט אַף דער ערד און קאַ־טשעט זיך מאַמעש אין היסטעריקע אַף די טעפּיכער, אירע אויגן זײנען פול מיט טרערן, זי איז אינגאַנצן רויט ווי א צוויק. איר גײען שוין אָט אויס די קויכעס לאַכנדיק, זי בעט זיך אַזש ראַכ־מים באַם מאַן:

— סעם, טײערער, כ׳בעט דיך, שטעל אָפּ די פּלאַסטינקע, אום גאָטעס ווילן, שטעל אָפּ!

און אז די פּלאַסטינקע גײט ענדלעך אויס און דאָס גע־לעכטער אין הויז שטאַרבט אויך, און לאָרא קלײבט ווידער אָן

גענוג קויכעס אַף קאָנען זיך אויפהויבן פון דער דיל און קומען צו זיך, — ווייזט זיך באַלד אויס, אַז דערווייל האָט פּאַסירט א גרויס אומגליק אין הויז:

מאַכנדיק די גרעסטע אָנשטרענגונגען נאָכצוהאַלטן אין טאָן און אין שטאַרקייט פון טומלדיקן געלעכטער מיט פּאַפּאַ-מאַמאַ, האָט ענעלע דערווייל גאַר אומבאַוואוסט פאַר זיך גופא, אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך, — אזא זאַך — בעקיצער, א זאַך, וואָס זי האט זיכער ניט געטאָרט אָפּטאָן אין אזא יאָנטעוודיקער מינוט, אין א מינוט, ווען אלע האָבן איר אזוי פאַרטרויט.

אַזוי אלענפאַלס דענקט די מאַמע, וועלכע האלט זי איצט אין פּאַטשן איבערן נאַסן טויזנט-מעכילעסל:

— א מיידעלע דאַרף מאַכן, א-א-א אין טעפּי... א-א-א אין טעפּי!

* * *

דעמאָלט דרייט אויף סעם די עלעקטריע.
דער זונטיק האָט זיך געענדיקט.
ס'האָט זיך געענדיקט אויך די יאָנטעווודיקע רו.
ווידער הויבט זיך אָן די וואָך.
לאָרא מאַכט טיי און שטעלט ארויף פרוכטן אַפן טיש.

איינמאָל אין כוידעש, ווען זיין מוטער קומט צופאָרן צו גאַסט און פאַרבלייבט אַן אָוונט מיט די קינדערלעך, נעמט סעם דעמאָלט אויס לאראַן. ער נעמט דעמאָלט א טאַקסי, 1) און פאָרט מיט איר אויך אַף א באקאנטער גאס, וואָס געפינט זיך באַ א האלבער שאָ גאַנג פון זייער הויז.

וואָלטן זיי טאַקע געקאָנט צוגיין אהין צו פוס, נאָר אזוי ווי ניט ער און ניט זיין ווייב זיינען געגאַנגען אזא מעהאַלעך שוין אין מעשעך פון יאָרן, איז אזא אָנשטרענגונג פאַר זיי צופיל. נעמען זיי דעריבער אַ טאַקסי. אויסער דעם איז א טאַקסי איי-נער פון די וויכטיקסטע פונקטן פון די פאַרגעניגנס, וואָס סעם גיט זיין פרוי.

אף דער צענטראַל-גאַס גייען זיי יענעם אָוונט אַריין אין א רייכן טשאַפּ-הויז און באַשטעלן זיך א גרויסן פּאָרטערהאוז-ביפשטעקס פון א פּאָר פונט פלייש, אָדער געשמאַקע זאַפטיקע

---

1) אַן אויטאָמאָביל מיט אַן אויסמעסטער פון מעהאַלעך און צייט.

כאזער-בראטן, און פאַרטרינקען עס דעמאָלט מיט אסאך פלעש-לעך ביר. אָפּגעגעסן ווישן זיי זיך אָפּ די מײַלער און קערן זיך דערנאָך אום אַהיים.

אָבער דאָס — אָט אזא גרויסער יאָנטעוו — פּאַסירט בלויז איין מאָל אין כוידעש. און היינט איז ניט יענער אָוונט. היינט איז איינער פון די איבעריקע דריי געוויינלעכע זונטיקדיקע אָוונטן דורכן כוידעש, ווען זיי פאַרבלייבן אין הויז, און היינטיקן אָוונט, פּונקט ווי אין די איבעריקע צוויי זונטיק-אָוונטן, כאַזערט זיך איבער איין און דיזעלביקע סצענע.

לאָרא שטעלט אוועק אָפּן טיש דעם קויש מיט פּרוכטן. סעם נעמט א פרישן אבריקאָס אָדער אנאנאס און איז שוין גרייט צו עסן זיי, ער גיט שוין אָפּילע א ביס. מיט אמאָל דערמאָנט ער זיך:

— לאָווא, וויפל מאָל האָב איך דיך געבעטן, אַז דו זאָלסט סערווירן געבלעכלטע פּרוכטן, ניט קיין רויע?

ער האָט ניט ליב קיין רויע פּרוכטן, קיינע פרישע פּיי-רעס. זיי זיינען פאַר אים צו רוי, צו טערפּקע, צו שאַרף. אוי-סערדעם, דאַרף מען זיך מיט זיי צופיל ארומפּירן — אָפּשיילן, ארומרייניקן, צעשניידן. געבלעכלטע פּרוכטן זיינען ווייכער. זיי זיינען, אזוי צו זאָגן, צוגענגלעכער צו זיין גומען. זיי האָבן אַרום זיך אויסערדעם א פיינעם סאָוס, וואס מאַכט גרינגער די שטיק-לעך פּרוכט אַרונטערצושלינגען. און זיי זיינען ביכלאַל איינגאַנצן גרייט יעדע ליבע מינוט געגעסן צו ווערן. ניט אומזיסט „עסט די גאַנצע וועלט" געבלעכלטע פּרוכטן — א וועלט ווייסט, א וועלט פאַרשטייט. אפילע גרינסן-טאָמאַטן, פּאַסאָליעס, ארבעס, קוקורוזע, שפּאַרגעל, ציבעלעס — האָט ער אויך האָלט בעסער געבלעכלטע איידער פרישע און נאַטירלעכע, דירעקטע פון גאָרטן ארויס.

לאָרא, פאַרקערט, וויל עסן רויע פּרוכטן. ניט ווייל זי האָט זיי בעסער ליב, — ליב האָט זי אַלץ, אַבי מע קאָן עס עסן, — נאָר אז זי איז געווען אַ מיידל, האָט זי דאָך דעמאָלט אויך גע-האָט איר גייסטיקע וועלט, געהאָט אירע „אידעאַלן". איז זי דע-מאָלט געווען אַן אָנהענגערין פון אלפרעד מעקקענס[1] שפּייזונגס-טעאָריעס. זי פלעגט דעמאָלט לייענען סיסטעמאַטיש און פאַרגעטערנדיק אַלע זיינע אַרטיקלען. זי האָט געכאָלעמט,

[1] באקאנטער אמעריקאַנער שפּייז-טעאָרעטיקער.

אז ווען זי וועט כאַסענע האָבן, וועט זי דעמאָלט אין דער ווירק-לעכקייט דורכפירן אַלפרעד מעקקענס שפּייז-געבאָטן באַ זיך אין הויז.

דאָס איז אייגנטלעך געווען לאַראס איינציקער כאַלעם אין איר יונג לעבן, אבער אויך דעם איינציקן כאַלעם אירן איז באַ-שערט געווען צערונען ווערן.

לאַראַ ווייסט פון פריער, אַז סעם ,פּירט טאָמיד אויס. און סטאָם: זי האָט ניט קיין כיישעק צו אָנפירן זיך מיט אים. זי פּוילט זיך. נאָר דאָך מאַכט זי טאָמיד אַ פאַרזוך דורכצופירן איר איינציקן פּרינציפּ, איר איינציקן יוגנט-כאַלעם. זי שטעלט טאָמיד צוערשט אַוועק דעם קויש מים פרישע פרוכט. אָבער אומזיסט... און זי גיט זיך גיך אונטער.

אַז זי הייבט אָן אים איבערגעבן גאַנצע פּסוקים, גאַנצע טעזיסן פון מעקקענס טוירע, שלאָגט ער זי איבער מיטן גרעסטן אומגעדולד, ער וויל אַפילע ניט אויסהערן. זיין האנאר איז טיף באַליידיקט. נו, אַ שיינע מאַיסע אַביסל, זי דערציילט אים. ניטאָ וועך עס זאָל לאַכן, כ׳לעבן...

— אום גאָטעס ווילן, וואַרף אַוועק דיינע נאַרישע רייד,— וואָס דערציילסטו מיר? וואָס, כ׳ווייס אליין ניט? איך ווייס אַלץ.

ענדיקן ענדיקט עס זיך דערמיט, וואס זי שטעלט אַרויף אפן טיש אַ גרויסע טאַץ אָנגעשטעלט מיט שיסעלעך, טעלערלעך, טעצעלעך און קעלישעקלעך.

עסט מען אין זיי אַלערליי קאָנסערווירטע פרוכטן און איינגעמאַכטסן. עסט מען זיי מיט אַלערליי סאָרטן קרעקערס און ביסקוויטן און איינגעמאַכטסן, ביז מע ווערט צעשוויצט און צע-וואַרימט פון טיי און ס׳איז שוין צייט צו גיין שלאָפן.

* * *

סעמען איז איצט אנגענעם און וואַרים, ווי א קאַץ באַ א וויּנטערדיקן אויוון. ער רוקט צו צו זיך נאָך א שטול, ציט אויס און פאַרוואַרפט אף אים די לאַנגע, דאַרע פיס, ווי באַ יאַגד-הונט.

דורכן כוט־האשעדרע גייט אים מיט אַמאָל דורך אַ ציטער, שטיל. נאָך אַ ציטער, און אַ דריטער אַ לענגערער.

סעם גיט א פליענדיקן בליק אף לאראן און ער טראַכט, אַז כאָטש ס׳איז נאָך טאקע קיין פולע צוויי טעג ניט פאַרלאָפן צייט דעם לעצטן מאָל, אָבער אַזוי ווי היינט איז געווען זונטיק,

האָט ער דאָך זיך באוויזן אַביסל אויסצורוען און איינזאַמלען אַביסל עקסטרא-קויכעס. נעמט ער און פּאַרויכערט רואיק, זייער רואיק, אַ דיקע ציגאַר, קייט זי נאָכאַנאַנד אין אַ ווינקל מויל און וואַרפט פון צייט צו צייט זייטיקע בליקן מיט אַ פייערל אין די אַפּן ווייב, ביז זי דערפילט ענדלעך אָף זיך זיינע אויפגערעגטע בליקן.

ווערט איר אויך אַזוי גוט פון דעם, און זי הויבט אָן וואַרים צו אים צושמייכלען, ווייסט, אז איצט קאָן זי זיין מוטיק.

רוקט זי זיך צו צו אים און לייגט אים אַנידער אַ ווייכע, פעטע האַנט אף דער קני. לויפט אים שוין דאן, פון וואַרימען ריר אָן זיינע קני דורך נאָך אַ פּאָר ציטערלעך דורכן כוט-האַ-שעדרע, נאָר ער פונדעסטוועגן — ער טוט גאָרניט. ער באַמערקט זי קוים. ער רויכערט זיך רואיק, רואיק.

נאָר זי לאַשטשעט זיך צו אים, בויגט אָן איר שווערן, הייסן קערפער, אַלץ נעענטער צו אים.

— כ'האָב היינט געזען אין א שוי-פענסטער אַ גיי, שיין קלייד... ווייסט סעם, מיט פיינע אויסהאפטונגען אזעלכע... עס איז איצט אין דער מאָדע אַזאַ קלייד.

— נו, — קויפט מען, — ענטפערט ער איר לאַקאניש.

— דאַרף מען האָבן געלט, — כיינדלט זי זיך.

— בעט מען.

— נו, איז אָט, בעט איך.

— נו, איז גוט, וועסט קריגן, שניידט ער אָפּ קורץ.

נעמט זיך שוין איצט לארא אָן מיט נאָך מער מוט און גיט זיך מיטאַמאָל אַ הויב, און אַ זעץ באַ אים אַפּן שויס.

איז גיט ער זיך צוערשט אַ בויג איין און אַ קאָרטשע אונטער דער שווערער מאַסע, וואָס האָט זיך אומדערוואַרטערהייט אַרויפגעוואָרפן אף אים. נאָר ער האַלט עס אַ ווייַלע אויס, זייער העלדיש: פאָרט אַ מאַנסביל. אָבער אין אייניקע מינוטן אַרוס, — ווייל וועגן וועגט זי קיין איינהאָרע אַסאַך, און די פיס זיינע זיינען באַ אים דינע: זי קאָן זיי נאָך אונטערברעכן — הויבט ער זי שוין אָן פּאַמעלעך אַרונטערצושטופּן פון די קני.

— נו, וויפל איז דער שיר, לארא.., דו וועסט דאָך מיך באַלד דערשטיקן... אז וועגן וועגט דאָך פּודן גאַנצע... דאָס איז דאָך ניט קיין פרוי—דאָס איז דאָך אַ גאַנץ הויז.

הויבט זי זיך אויף פון זיין שויס פויל, מיט אַ געלעכטערל.

זי ווייסט, אַז ער מיינט עס ניט ערנסט, זי ווייסט דאָך, אַז ער האָט זי ליב... פאַרקערט, זי האָט גאָר אין דעם אירע אנשויאונ-גען, מענער האָבן גאָר סאַכאַקל ליב דאַפקע פעטע, כע-כע...

אין אַ ווײַלע אַרום הויבט ער זיך שוין אויף, קייעט נאָך אַלץ די ציגאַר אין ווינקל מויל און וואַרפט אף איר אַ פּאָר זיי-טיקע, שמייכלדיקע בליקן. ער נעמט זי אף אַ מינוט אַרום און ציט זי צו זיך. אָבער בלויז—אף איין מינוט. אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט ער שוין אַרויס הערשעריש:

— נו, כ׳גיי שלאָפן. קום באַלד אַרויף.

דורכן כוט-האַשעדרע לויפט אים שוין איצט נאָכאַנאַנד דורך אַסאַך פייערלעכע ציטערלעך,— ציטער נאָך ציטער, ציטער נאָך ציטער, ווי אַן עלעקטרישע מאַשינקע, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין. און איר איז אויך איצט אַזוי גוט, אַזוי וואַרים איבערן גאַנצן לייב. אַ נאַריש גוטמוטיק שמייכעלע צעגיסט זיך איבערן פעטן, גיידערדיקן פּאָנים.

איצט וויל זי צו אים אָביסל נעענטער ווערן. טראַכט זי אַ ווײַלע, וואָס צו זאָגן אים. טוט זי זיך דערווײַלע אויס, און פרעגט סאַפּקאַלסאָף:

— וועל, סעם, ווי גייען עפּעס איצט די ביזנעס?

— אָט אַזוי זיך,— ענטפערט ער —, צוביסלעך. ס׳וועט מיס-טאָמע בעסער ווערן.

שטילע ווערטער.

אַלע ווײַלע פֿלעגן פֿלעמלעך, קלײנע עלעקטרישע פֿײַערלעך אויפֿשײַנען פֿאַר איר.

ס'איז געווען אַ קאַלטער שטורמעדיקער טאָג אין די קעטסקילבערג.

אַרום און אַרום דעם דאָרף, וואו עס האָט זיך געפֿונען די טעלעפֿאָן-סטאַנציע פֿאַר דער גאַנצער געגנט, זײַנען געווען צע-וואָרפֿן פֿערמעס און הײַזער אַף שפּיצן און שפּוע'ס פֿון נאַקעטע פֿליכעוואַטע בערג און ווײַסע פֿאַרשנײטע טאָלן.

די פֿערמער האָבן אין אַזױנע טעג ניט געקענט קומען אין דאָרף אַרײַן. זײ פֿלעגן אָנקלינגען טעלעפֿאָניש די קלײטן אין דאָרף, אויסגעפֿינען, וואָס עס מאַכט אַ באַקאַנטער פֿערמער ערגעץ אַף יענער זײַט פֿון א באַרג, אין אַ ווײַטער בויגונג פֿון אַ טאָל, נעבן אַ באַרג-שפּאַלט באַ דער זײַט פֿון אַ וועג.

שנײ-פֿלאָכטעס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געהוידעט, זיך באַהעפֿט און ווידער צעריסן אין דער לופֿט. ס'איז געווען ווינטיק, כאַאָטיש און שטאַרק אונהײמלעך אין דער גרויער ווינטיקער לופֿט. נאָר די טעלעפֿאָן-דראָטן האָבן געטראָגן אַ ווארימע, נאָענטע היימישקײט דורכן פֿראָסט, דורך דער ווײַסער, אָפּגעאײנזאַמטער לופֿט פֿון די פֿאַרפֿרוירענע בערג און טאָלן.

אײַנגעפֿעלצטע און פֿאַרוויקלטע אין אַלערלײ שמאַטעס, האָבן פֿאַרוואָרפֿענע פֿערמערס אַלץ געטראָגן פֿולע אָרעמס מיט שײַטלעך האָלץ פֿון דער האָלץ-קופּע אפֿן הויף אין קיך אַרײַן און דערנאָך — ווידער צו דער האָלץ-קופּע. נאָכאַנאַנד געשפּאָלטן מיט דער שאַרפֿער האַק דאָס האָלץ פֿון צעזעגטע יונגע ביימער. גע-האַקט מיט אַ הילך אין דער פֿראָסטיקער לופֿט, דערנאָך אַרײַן אין דער דערבײַיאיקער שטאַל, געלאָזט די פֿאַרפֿרוירענע גלידער אָפּגײן אין דער וואַרימקײט פֿון בעהײמישן מיסט און אָטעם. באַ

די בעהיימעס איז פון די סאָפּנדיקע זייטן און פון דעם גאַנצן שוויצנדיקן גוף געגאַנגען אַ פּאַרע, ווי פון הייסע אָנוטשעס, וואָס מע טראָגט ארויס אין אַ קאַלטן דרויסן.

אין דעם דאָרף, באַ דער באַן-סטאַנציע, אַפּן צווייטן עטאַזש פון אַ הילצערנעם הויז, האָט דאָס מיידל געאַרבעט.

פאַר איר איז געשטאַנען אַ נידעריקער, ברייטלעכער קאָמוּטאַטאָר, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אמעד אין אַן אָרימען, קליינשטעטלדיקן שולכל. דאָס מיידל האָט געהאַט אַרום די זייטן קאָפּ איבערגעצויגן אַזאַ שטאָלענע רייפל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי קיילעכדיקע דעקלעך איבערביידע אויערן.

יעדער מינוט שיינט אויף אָף דער שוואַרצער ווענטל פאַר איר אַ פלעמל, — אַ קליין עלעקטריש לעמפּל.

— האַללאָו! האַללאָו!!! האַללאָו!!! יעס, טווענקיו. האַללאָו? איך קלינג אייער נומער — און ווידער אַ פלעמל, און ווידער אַ שטים, און נאָך אַסאַך שטימען, וואָס קלינגען טאָמיד הייזעריגלעך, קאַלט, אויפגערעגט אומצופרידן, בייז. — און אַזוי ווייט, דומפּיק, ווי פון יענער זייט וועלט.

ווי פון אַ טויטן מעטאַלענעם מענטשן, וואָס ווערט באַוועגט דורך אַן אומגעזעענער ספּרוזשינע — אַזוי זיינען געווען די באַוועגונגען פונם מיידל. זי האָט גערעדט צו שטיקער אייזן, שטיקער מעטאַלן, צו טויטע, אומבאַקאַנטע געגנשטאַנדן, וואָס זיינען געווען פאַרשטעקט ערגעץ אין אַלערליי ווינקעלעך פון דער אַרומיקער געגנט. קיין איין געדאַנק האָט זיך ניט באַוועגט אין איר קאָפּ בעשאַס זי האָט טעלעפאָניש פאַרבונדן די צדאָדים, און קאַלט געשעפטמעסיק געענטפערט אף די נומערן און זיך צוערשט צוגעהערט מעכאַניש אויב דער געשפרעך גייט שוין אָן.

אין שטוב איז געווען קאַלט. דאָס מיידל פלעגט זיך אַלע ווייַלע צוכאַפּן צו דער אייוועלע און אריינוואַרפן אַהין אַ שטיק האָלץ.

אָט איז אַף אַ שטיקל ווײַלע שטיל געוואָרן אַפּן טעלעפאָן-אַפּאַראַט. ס'טרעפט אַמאָל אַזוי, עפּעס פּלוצלונג. עפשער זיינען אומעטום אין אלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, אין די ווייטע פאַרוואָרפענע און פאַרוויטע הייזער, די מענטשן געגאַנגען איצט שלאָפן, אָדער געזעצט זיך עסן, אָדער גאַר באַדעקט געוואָרן מיט די שניי פּלאַכטעס.

דער שטורם איז געוואָרן שטאַרקער. די טעלעפאָן-דראָטן האָבן געמוזט קאַליע ווערן.

דאָס מיידל איז דעמאָלט צוגעגאַנגען צום פענסטער.

ס'איז געווען אַ אידיש דאָרף. פאַר איר האָט זיך געצויגן איין גאַס א נאסע און אַ צעטראָטענע. ווייל ס'זאָל ניט שנייען דורכן ווינטער, איז דאָ, אַף דער גאַס די ווייסקייט אַלעמאָל גע־ווען צעטראָטן און פארוואנדלט אין אַ געדיכטער געלער קאַשע. אַ פּאָר אומגעהויערע, אומגעלומפּערטע פּערמער־שליטנס זיינען געשטאַנען, אָנגעלאָדענע מיט מילך־קאַנען, וואָס עטלעכע אָרימע פּערמער, וועלכע האָבן קיין אייגענעם סעפּאראטאָר ניט געהאט, האָבן קוים פאַרשלעפּט אין דער קאָאָפּעראטיווער „קרימער" [1]) אָפּצו־טיילן די סמעטענע פון די מילך. עפּעס אַ פּאָר מענטשן האבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיינען איילעניש איבערגעלאָפן פון איין קראָם אין אן אנדערער. זיי האָבן געטראָגן זעק מיט לעבלעך ברויט.

אַף דער קליינער סטאנציע־פּלאטפאָרם האָבן זיך ארומגע־דרייט עטלעכע הויכע דארע אידן, מיט אַ פּאָר נידעריקע, ברייטע, זיך קאטשענדיקע אידענעס, און האָבן וועגן עפּעס בעשום אויסן ניט געקענט דורכקומען צווישן זיך. זיי האָבן געהאלטן אין איין אומקוקן זיך אַף צוריק, הינטער זיך, זעען, אויב מע דופט ווי ניט צוריק. דאָס זיינען געווען אוואדע עטלעכע ניו־יאָרקער, וועלכע זיינען געקומען אין די בערג באצייטנס צו דינגען דאַט־שע־פענסיאָנען פארן זומער־סעזאָן.

דאָס מיידל האָט זיך איינגעהערט, ווי דער ווינט וואַיעט אלץ שטארקער און שטאַרקער און שליידערט טרוקענע שניי אין דער שארפער לופט.

אַנטקעגן, דורכן פענסטער, האָט דאָס מיידל מיטאמאָל דערזעען דאָס געזיכט פון דעם יונגן פארמאצעווט. ער איז דאָרט געשטאנען און האָט געבלאָזן פון לאנגווייליקייט אַף דער טיר, געמאכט רעדלעך מיטן פינגער, אָנגעווארימט אָפענע „פענסטער־לעך" דורך די בערן אַף די פענסטער, און ארויסגעקוקט דורך זיי אין דער דרויסנדיקער וועלט.

שארף, אָפּגעהאקט, אין איין מינוט, האָט דאָס מיידל פון דאָרטן צוגעכאפּט איר בליק. זיין קיילעכדיק ברייט פּאָנים, ווי אַ קירבעס, מיט די הערעלעך, וואָס האָבן פון דעם אין אַלע זייטן

---

1) אַ געביידע, וואָס איז באַזאָרגט מיט אַ צאָל גרויסע סעפּאראטאָרס פאַר אַ גאַנצן דאָרף.

ארויסגעסטאַרטשעט, האָט איר אין דער מינוט אויסגעזעען ווי אַ שפּין אין מיטן פון זיין געוועב.

זי איז אַריבער צום צווייטן, אַנטקעגנאיבערדיקן עק שטוב, ארויסגעקוקט דורך די פענסטער אין יענער וואנט.

די פענסטער דאָרט זיינען ארויסגעגאנגען אַפן פארשנייטן לאנד. דאָס לאנד האָט אויסגעקוקט ווייס און ווינטערדיק, און איז געווען אַ שטילונג און אַ בארואיקונג פאר דעם מיידל אין הויז. דאָרט, אַף די אָפּגעליידיקטע זייטן פון די בערג, האָבן זיך געצויגן אָן אַ שיר שנייאיקע פעלדער דורכגעשניטענע וואו ניט וואו מיט אַ שווארצן פּארקן, דורכגעשטאָכענע מיט אַ שווארץ, פאראיינזאמט געוויקס. און ס'האָט געצויגן דאָס מיידל פארלאָזן איר איינזאם ביידער און אוועק שפּאצירן אַזוי מיט די רעלסן איבער די שווארצלעכע שפּאַלעס. גיין, גיין, גיין. גיין אָן אַ שיר און אָן אַ ברעג, גיין ביז צו איינעם פון אָט יענע ווייטע פעלדער, און דאָרטן ארויפקריכן אַף יענעם לעצטן באגרינטן פעלד, זיך אַנידערלייגן דאָרט אינמיטן שניי — אַ שווארצער, אַן אומרואיקער און אַן אומגליקלעכער פלעק — און זיך צוזאמענגיסן מיט דער שטיטער, רואיקער ווייסקייט. דעמאָלט וואָלט עס עפּשער גענומען אַן עק צו אירע ליידן און ספייקעס און פּיין.

אָבער יענע ווייסע פעלדער אַף די בערג־זייטן זיינען געווען זעלטן. זיי פלעגן זיך אויסערדעם, — אין דעם קרייזלדיקן פייפנדיקן, סווישטשענדיקן, נאדלדיקן וויכער אין דרויסן — אָפּט פארבאהאלטן פון איר אויג, פארציען זיך מיט אַן אומגעהויער-לאנגער אויסטערליש-געפלאָכטענער נעץ פון שניי-שטויב. דער גרעסטער שטעטך פון די בערג איז געווען באדעקט מיט נאקעטע אָפּגעפליקטע און ליידיקע וועלדער. שווארצע רימלעך־וועלדער האָבן זיי אויסגעזעען ווי בלויזע בייסאולאָמס פון בוימער-סקעלעטן.

דינע, נאקעטע, טויטע אַזעלכע געוויקסן האָבן אָנגעטייטלט די גאנצע ווייסקייט ארום איר, און שווייגנדיק-טויט געסטראשעט אין דער פעלדער-לופט — לאנגע אַזעלכע בוימער-קראַען... און אַזוי איז אויך געווען דעם מיידל אַפן הארצן — נאקעט, שווארץ, אויסגעליידיקט און פארפרוירן.

און, אַז זי האָט איר בליק געלאָזט ציען אין דער לענג פון די אייזנבאַן־רעלסן. ביז צו דער צווייטער קרימונג פון דעם

בארג, האָט איר אָנגעכאפּט אַ נאגעניש און אַ צופּעניש באַם האַרצן.

— וואָס טוט זי דאָ, אין דעם אָרט, וואו עס האָט מיט איר געטראָפן אַזאַ אומגליק? עפּשער, אז זי וואָלט אוועקגעפאָרן פון דאנען, וואָלט איר געווען לייכטער, וואָלט זי זיך אָן אַלץ פארגעסן...

דאָרט, וואוהין די צוגן לויפן, מיזרעך-צו, זיינען דאָך דאָ אסאך שטעט און שטעטלעך, שטעט און שטעטלעך מיט נייע, מיט אומבאקאנטע לעבנס.

— אָט, צום ביישפּיל, ניו-יאָרק...

זי האָט זיך אָבער פלוצלינג דערמאנט, אז דאָרט געפינט זיך יענץ מיידל, דעם פארמאצעווטס עמעסע קאלע, וועלכע ער וועט אינגיכן מאכן פאר זיין פרוי. מיט איר האָט ער דאָך אזוי זיך... זיך בלויז געשפּילט... זי האָט זיך געפּרואווט פאָרשטעלן וואָס פאר אַ סאָרט מיידל איז יענע.

— פארוואָס איז יענע בעסער?

מיסטאמע איז יענע אַ פעטע, אַ אידישקע. אלע אידיש-קעס זיינען פעטע. ניט אזוי ווי זי — אַן איידעלע אזא, אַ שלאנקע און אַ דינע.

מיטן יונגן ציניזם, וואָס איז אין איר אקארשט געבוירן געוואָרן, נאָך דער ערשטער אנטוישונג אין לעבן, האָט זי מיט פארקרימטע ליפּן צוגעגעבן:

— אלע האָבן זיי ליב פעטע...

נאָר באלד האָט זי זיך געכאפּט, אז אירע געדאנקען זיי-נען מיעסע.

— גאָט, ווי טיף זי איז עס געפאלן!

אָבער איר איז דאָך געווען אזוי שווער... אזוי שווער... עפּשער... עפּשער וואָלט זי פאָרט אוועקגעפאָרן צו איר פאָטער, אהין, אין דעם קליינעם, וויַיטן פאַרוואָרפענעם פערם-הויז, וואָס שטייט באַם ליבן אייגן-נאָענטן דאָרף מיטן אלט-אינדישן נאָמען,— דעם דאָרף, וואוהין די אידן האָבן נאָך ניט אנגעשטעקט מיט זייער טומל און מיט זייער געפילדער? הא?

ס'איז פאריבער אַזוי עטלעכע מינוט אין שווייגנדיקער טראַכטונג, נאָר דערנאך האט זי א טרייסל געגעבן דעם קאָפּ, פאַרביסן די ליפּ, און מער ניט געוואָלט שוין טראַכטן פון איר פאָטער.

— וואָס איז, פריער האָט זי סיידן געפרעגט באַ אים? זי האָט דאָך גאָר געפּאָלגט יענעם.

צוליב יענעם איז זי דאָ איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעמ־דאָזיקן הויז, צוגעבונדן צום קאָמוטאַטאָר א גאַנצן זומער און א גאַנצן ווינטער, — עס זאָל זיין נעענטער און באַקוועמער פאַר אים זיך טרעפן מיט איר, ווען אים וועט זיך נאר פאַרגלוסטן, זי האָט ניט געהאט קיין קויעך זיך קעגנשטעלן זיינע פאַרלאנגען, ווייל זי האָט אים ליב געהאַט.

אירע אויגן האבן געבלאָנדזשעט ווייטער, ווייטער, אלץ ווייטער איבער די רעלסן, — גלאַנציקע, קאלטע און פאַרפראַרענע. א־בער זיי האָט געציטערט איצט א קאַלטער פראָסט־פייער, ווי די היץ־כוואַליעס איבער א ראַדיאַטאָר. די רעלסן ציען זיך פאַרביי אסאַך קליינע דערפלעך און שטעטלעך, איבער די בערג און אין די בערג.

— יאָ, אומעטום זיינען דאָ מענטשן... וואָס גייט זיי אָבער אָן איר ווייטאָק?

נאָר מעגלעך, אז דאָרטן זיינען אויך דאָ יונגע מיידלעך, וועלכע באַהאַלטן אין זיך זייערע ליידן? ס'קען אָבער ניט זיין. אַזוינס, ווי ס'האָט מיט איר פּאַסירט, האָט זיכער מיט קיינעם, קיינעם ניט פּאַסירט.

עס איז דורכגעגאַנגען אן אייזנבאַן־אַרבעטער אין בלויע אַרבעטס־קליידער און האָט אָנגעהויבן קלעטערן אַף אַ הויכן און נאָענטן סיגנאַל־לאַמטערן. ער האָט דאָ־ט אָנגעצונדן א סעמאַ־פאָר, — אַ טיף בלויען פייער.

— איז אים גוט?

עפּשער וואָלט זי צוגעגאַנגען צו אָט יענעם אומבאַקאַנטן מענטשן, צוגעפאַלן צו אים, דערציילט אים, אַז ס'טוט איר וויי, אַז מע האָט איר שלעכטס געטאָן... ער איז דאָך אַ מענטש, וועט ער איר העלפן?

נאָר זי האָט זיך באַלד הויך פאַנאַנדערגעלאַכט, אַזוי הויך, אַז זי האָט זיך פון דעם אַוש אַליין דערשראָקן, און זיך אַרומ־געקוקט, צו זען, אויב קיינער איז ניטאָ אין שטוב און האָט איר ניט אונטערגעהערט.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס האָט אפּאָנים, אין אָט דער מינוט, זיך צו איר ווידער אומגעקערט איר אַמאָליקע נאַאיווע קינדהייט און איר גלויבן אין מענטשן, אין יעדן מענטשן.

— ניין, איצט איז זי שוין געוועזן קליגער...

כאָטש נאָך גאָר אַ יונג מיידל פון אַכצן יאָר, האָט זי שוין איצט געוואוסט מענטשן בעסער, זינט „דאָס" האָט מיט איר פּאַסירט. זי האָט געוואוסט, אַז יעדער איינציקער מענטש איז איינער אַליין אַף דער וועלט, אַליין מיט זיינע ליידן, און אַז קיינער קען פון קיינעם קיין הילף ניט דערוואַרטן.

— מע דאַרף זיך אַליין העלפן.

נו, וויבאַלד אַזוי, וועט זי זיך שוין אַליין העלפן... זי ווייסט שוין ווי אַזוי. זי האָט עס שוין גענוג איבערגעטראַכט די לעצטע עטלעכע וואָכן. יאָ, זי וועט זיך אַליין העלפן, אַליין העלפן. ווי? אָ, זי ווייסט שוין ווי.

אַזוי זיינען דער מיידלס געדאַנקען געלאָפן פּאזע די רעלסן. זיי האָבן זיך אָפּגעהאַקט דאָרט, וואו די רעלסן זיינען פאַרשוואונדן אַף יענער זייט פון אַ נאַקעטן באַרג. באַם באַרג, ווי אַ פלוצלינג-דיקע שטערעניש, האָבן זיך אירע געדאַנקען אָפּגעשטעלט.

מיילן און מיילן ווייט פון דאָרט איז געווען ניו-יאָרק... נאָר קיין ניו-יאָרק וועט זי ניט פאָרן. דאָרט וועט זי דאָך צע-טראָטן ווערן... זי איז געווען זיכער, אַז אַף יעדע פּרוי לויערן דאָרט אָן אַשיר מענער, מענער, וועלכע וועלן באַלד דערשמעקן אין איר אַ שוין צעטראָטענע פרוי, און וועלן זי זען דערנאָך מער צעטרעטן.

— כאַ-כאַ, ניו-יאָרק...

יענער, דער פאַרמאצעווט מיטן קיילעכדיקן פּאָנים, אינם ראַם פון גלעזער העלער, ווי אַ שפּין-געוועב, יענער קומט דאָך אויך פון ניו-יאָרק.

ניין. זי האָט ניט צו וועמען צו גיין. וואוהין צו גיין. זי וועט פאַרבלייבן דאָ. אומעטום איז עס אַזוי.

דאָס מיידל איז געווען אָנגעפילט מיט אַ טיפן, פאַר-צווייפלטן אומצוטרוי צו מענטשן. זי האָט מוירע געהאַט וועגן איר אומגליק עמיצן צו דערציילן, פרעגן אָן אייצע. אַז עמיצער א מאָן זאָל, אָן ערעך, וויסן, וואָס מיט איר האָט געטראָפן, וואָלט יענער לעפּאָנים וועגן בעשאַס-מאַיסע זי באַדויערט און דערווייל זיכער געטראַכט פּלענער ווי אַזוי אַרום ער זאָל זי אַריינקריגן פאַר זיך.

— ניין, ס'איז ניטאָ וואוהין צו גיין.

און ביכלאַל... ביכלאַל וויל זי ניט, זי קען ניט אַוועקפאָרן פון דאַנען, איידער זי האָט זיך באַפרייט פון אָט דעם געפיל פון

געפאַלנקייט, וואָס האָט איר גאַנצע נעשאָמע פאַרפלייצט. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט דאָך מער ניט וויסן פון קיין איינציקן טאָג אין איר לעבן, וואָס זאָל זיין פריי פון אָט דעמדאָזיקן געפיל פון צעדריקטקייט, צעטראָטנקייט, וואָס האָט איר נאָכאַנאַנד פאַרפאָלגט און געבויגן זי צו דער ערד. און זי האָט ניט געזעען קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך צו באַפרייען פון אָט דעמדאָזיקן געפיל, ווי פריער אָפּעטעמען, ווי זיך אויסגלייכן און קוקן מענטשן אָפן אין געזיכט אַריין, — סיידן זי וועט יענעם אָפּרוימען, אַוועקשיקן אים פון דער וועלט.

זי האָט שוין געהאַט בא זיך באַשלאָסן, ווי אַזוי זי וועט עס טאָן. זי האָט אין די צייטונגען זייער אָפט געלייענט וועגן ענלעכע פאַלן. זי האָט זיך ניט געשראָקן פאַר דעם—דאָס געריכט וועט איר סאַי ווי סאַי באַפרייען. אין דעם איז זי געווען זיכער, פונקט ווי זי איז געווען זיכער אין איר גערעכטיקייט.

יאָ, זי וועט עס נאָך טאָן היינט אָוונט, ווען דער פאַרמאַצעווט וועט שליסן זיין געשעפט און זיך אומקערן אַהיים.

דאָס הויז וואו ער וואוינט, געפינט זיך אָן אַ זייט, שטייט קימאַט אַליין אין פעלד. און דערצו נאָך — זי וועט אָפּוואַרטן די מינוט, ווען דער לעצטער צוג קיין ניו-יאָרק וועט פאַרביי-רודערן. אין טומל, וואָס בעשאַסן צוג אָפּגיין, וועט קיינער זיכער דעמאָלט ניט הערן דעם שאָס.

זי איז שטיל צוגעגאַנגען צום פאָדערשטן פענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין. פון אַ ווינקל, פאַרשטעלט דורך אַ פאָרהאַנג, האָט זי אַרויסגעקוקט. דער פאַרמאַצעווט איז דאָרט נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר דער טיר.

זי האָט באַטראַכט דאָס געזיכט,—דאָס קימאַט נאַאיווע געזיכט, וואָס איז איר אַלעמאָל געווען אַזוי ליב. דאָס קינדיש-פולע, שמייכל-דיקע געזיכט. און מיט ווייטאָק האָט זי געפילט, אַז זי האָט אים אַפילע איצט אויך ליב, ליב אַזש ביז פיינטשאַפט. נאָר זי האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעטאַפּט אין איר בוזים דעם קליינעם שטייפן, קאַלטן אווטאָמאַטיק-רעוואָלווער, וועלכן זי האָט אין אַ געווער-קלייט געקראָגן מיטן אויסרייד, אַז זי מוז עס האָבן פאַר באַשיצונג, ווייל עס קומט איר אויס צוגיין שפעט באנאכט אַהיים. און אָנטאַפּנדיק דעם רעוואָלווער, איז אף דעם מיידל שוין אין פאָרויס אָנגעקומען דאָס מיד-זיסע געפיל פון באַרואיקונג, פון איינגעשטילטקייט.

נאָך מיטאָג האָט איר אָנגעקלונגען אַ טעלעפאָן-מאשיניסט-קע פון ניו-יאָרק און געזאָגט, אַז ס'איז דאָ א צווישנשטאָטישער טעלעפאָן-געשפרעך פאַר איינער אַ פערזאָן אין איר טעלעפאָן-געגנט. דער טעלעפאָן-רוף איז פאַר עפעס אַ פאַרוואָרפענער פער-מער-הויז, וואָס האָט געהאַט א בעשוטפעסריקע טעלעפאָן-ליניע.

די מיידל האָט אָנגעקלונגען יענע פערמער-הויז און האָט זי פאַרבונדן מיט ניו-יאָרק. זי האָט, ווי געוויינלעך, צוערשט אַריינגעהערט אין אַפּאַראט, אויב די טעלעפאָן פאַרבינדונג איז אַ גוטע, און אויב דאָס געשפרעך גייט אָן. זי האָט גלייכגילטיק דערהערט א מאַנס שטים ריידנדיק פון ניו-יאָרק:

— האללאָ! האללאָ! האללאָ! וואוינט דאָ מר. קאַרלין?

פון דער פערמער-הויז האָט צעטומלט און אויפגערעגט צוריקגעשריען אַ גראָבע פרויען שטים אין אַ געבראָכענעם ענגליש:

— ווער רעדט עס? האללאָ! וואָס ווילט איר?... ווער רעדט עס?... ווער? האללאָ! האַללאָ!

די מענער-שטים האָט זיך באַמיט צו דערקלערן, פריער אין אַ שטילן קאָל, דערנאָך אין אַ העכערן, אַן אויפגערעגטערן, ווער זי איז. אָבער ס'איז געווען אומזיסט. די פרוי אין דער פערם-הויז האָט אין מיטן ריידן אויפגעהאָנגען די טרייבל.

די טעלעפאָן-מיידל האָט אַ ווילע נאכאנאנד געקלונגען אהין און האָט קיין ענטפער מער ניט געקראָגן שוין פון דער פרוי.

דעמאָלט האָט די מיידל דערקלערט דעם צווייטן צאַד אין ניו-יאָרק, אַז זי קען צום באדויערן די פאַרבינדונג ניט מאכן. אויף דעם האָט איר געענטפערט אַן איידעלע, ווייכע און ברוס-טיקע מענער-שטים. ער האָט איר זייער געבעטן, אז זי זאָל זעען יאָ מאכן די פאַרבינדונג. ער קומט היינט אוונט אומדערוואַרטעט צופאָרן פון ניו-יאָרק. דאָס קומט ער צו זיינע א שוועסטער וועגן א זייער וויכטיקן איניען, און די פערמערקע—איז עס זיין שוועס-טער. אזוי ווי די וועגן זיינען אין די בערג זיכער פאַרשנייט איצט און די נעכט זיינען אויך פינסטערע, און סאָף-כוידעשדיקע, און די פערם-הויז, וואוהין ער פאָרט, איז א פאָר מייל ווייט פון דער באַן-סטאַנציע און אויף אים ריכט מען זיך דאָרטן ניט, — האָט ער דעריבער געוואָלט לאָזן וויסן זיינע קרויווים, זיי זאָלן ארויסשיקן א פור, וואָס זאָל ווארטן אויף אים באַם וואקזאל.

די שטים, וואָס האָט גערעדט צו איר, איז געווען זייער אַן איידעלע, א הארציקע אזא, און אַן איבערצייגנדיקע. דאָס

מיידל האָט נאכאמאָל געפּרואווט מאכן די פארבינדונג. פון דער פערמער-הויז האָט מען אָבער ווידער גראָב און אויפגערעגט געשריען:

— האללאָו! האללאָו! האללאָו!!! וואָס ווילט איר? הא? וואָס?... וועמען דארפט איר?

אָט אין אידיש, אָט אין ענגליש.

די מענער-שטים פון ניו-יאָרק האָט בעשום אויפן ניט גע-קאנט צוזאמענריידן זיך מיט דער פערמערקע. די לעצטע האָט זיך לעסאָף גאָר באליידיקט, איז געווען זיכער, אז מע באומרואיקט זי אומזיסט, אז קיינער קען איר פון ניו-יאָרק אין אזא שפּעטער שא ניט אָנקלינגען, אז דא איז עפּעס א טאָעס, אז דאָס רופט מען זיכער אן אַנדערן, א שכיינישן פערמער—ס'איז דאָך א בע-שוטפעסדיקע טעלעפאָן-ליניע, און זי האָט א קליין קינד, וועלכן זי האָט אלע ווײַלע געמוזט איבערלאָזן, קעדיי צוצוגיין צום טרייבל, געהאלטן אין איין שרייען. זי האָט מיט אַ קאעסדיקן זעץ אויפגעהאנגען די טרייבל.

די איידעלע מענער-שטים איז געווען שטארק באזאָרגט. דער מענטש אין דער ווייטער שטאט ניו-יארק איז געווען אין גרויסער פארצווייפלונג, אזוי, אז ער האָט אפאנים געמוזט פארגעסן, אז מיט א טעלעפאן-מאשיניסטקע לאָזט מען זיך ניט אריין אין פּרי-וואטע געשפרעכן.

— וואס זאָל ער טאן איצט? קיין טעלעגראַמע קאָן ער ניט קלאַפּן, ווייל אין אַזאַ וועטער וועט מען זיכער קיין ספּעציעלן שאָליאַך אף צוצושטעלן די טעלעגראַמע פון דער סטאַנציע אַהין ניט שיקן.

אויסער דעם, איז דאך שוין באַלד אָוונט, און פינף אזייגער פאַרמאכט זיך די טעלעגראַף-קאנטאר אין דאָרף. און קומען מוז ער היינט — עס איז זייער און זייער א וויכטיקער איניען. ס'האַנדלט זיך וועגן... וועגן א קנאס-מאָל. דאָס מוז נאך מאָרגן אומ-באַדינגט באַזאָרגט ווערן.

דאָ האט ער זיך אַפּאָנים געכאַפּט, אז ער איז צופיל פאַר-קראָכן מיט זיין היימישקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבן טויזנטער מאָל אנטשולדיקן. זיין שטים איז געווען זייער זיס און אומבא-האָלפן.

— ער ווייס אזוי ניט וואָס צו טאָן, אַז ער האָט איר אָנ-געדולט א פולן קאָפּ.

דאָס מיידל באַם טעלעפאָן האָט אים באַרואיקט.

— עס מאַכט ניט אויס, אדרבא.

זי איז געווען אזוי גערירט פון דעם, וואָס א ווילד-פרעמ־דער מענטש זאָל איר פאַרטרויען אזאַ זאַך, אז זי האָט אים צוגעזאָגט:

— זי וועט זיך באַמיען נאָך עטלעכע מאָל. זי וועט זיכער זעען קריגן פאַר אים דעם נומער. זיכער, זיכער.

די מיידל איז ניט געוואוינט געווען מע זאָל צו איר ריידן אזוי איידל און ווייך דורכן טעלעפאָן. געוויינלעך זיינען די שטי־מען געווען גראָב, פאָדערנדיק. די מענטשן פלעגן באַלד אין קאַעס ווערן, אויב זיי פלעגן אזוי גיך דעם געווינשטן נומער ניט קריגן, אָדער אויב זי פלעגט מאַכן עפּעס א טאָעס. אפילו נאָענטע, באַקאַנטע מענטשן פון דעמזעלבן דאָרף, ווען זיי פלעגן נאָר ריידן צו איר דורכן טעלעפאָן, פלעגן זייערע שטימען זיין קאַלט, רוי, געשעפטס-מעסיק, גיך זיך אויפרעגנדיק. און דאָ האָט גערעדט צו איר גאָר א פרעמדער, פאַר הונדערטער און הונדערטער מיילן ווייט. אזוינער וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געזעען, און מיט וועלכן זי וועט זיך קיינמאָל אין לעבן זיכער ניט צוזאַמענטרעפן, און פונדעסטוועגן... ס'איז אזא ווייכקייט, איידלקייט און פיינקייט אין זיין שטים...

דעם פרעמדן מענטשנס איניען איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אייגן און נאָענט, ווי אן אייגענער ברודער וואָלט צו איר גערעדט.

זי האָט געפּרוּווט נאָך א פאָר מאָל אָנקלינגען די פערם, אָבער אומזיסט. די פערמערקע האָט זי ניט געקאָנט פארשטיין.

זי האָט דעמאָלט נאָך אַמאָל אָנגעקלונגען דעם אומבאַ־קאַנטן אין ניויאָרק און דערקלערט, מיט שמייכלדיקער שטים, אַז ניט אַנדערש — די פרוי דאַרף זיין אַ גרינע אַ „פרעמדע". זי פאַרשטייט אַפּאָנים ניט קיין ענגליש.

— עס טוט מיר זייער באַנג, זייער...

יענער דאָרט האָט מיסטאָמע געפילט דעם פריינטלעכן שמייכל אין איר שטים, ווייל ער האָט זיך אויך פריינטלעך צעלאַכט. איר טויזנטער מאָל אָפּגעדאַנקט, וואָס זי איז געווען אַזוי פריינט־לעך צו אים. מיילע, ער וועט שוין מוזן ריזיקירן, וואָס וועט זיין — וועט זיין. און אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט גלאַט אין מיטן אַזוי איבעררייסן דעם געשפרעך, וועלכער איז שוין געוואָרן אַ פריינטלעכער, האָט ער איר געשטעלט אַ פאָר פראַגן וועגן דעם וועטער.

— אַפֿן לאַנד מוז אַוואַדע זיין איצט זייער קאַלט, זייער. ווי?
— אַוואַדע — האָט זי אים געענטפֿערט — אַוואַדע. דער פֿראָסט איז דאָ אַ ברענענדיקער.
און זיי האָבן מער ניט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. זיי האָבן זיך אָבער פֿונדעסטוועגן ביידע געפֿילט אומבאַקוועם אַזוי אויפֿצוהענגען די טרייבלעך.
— ווייסט איר גאָר וואָס? — איז איר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, און ס'האָט איר אָנגעפֿילט מיט אַמאָל אַזאַ וואַרימע גליאונג — ס'קען זיין, אַז אַף אַזאַ לאַנגע שטרעקע, פֿון העכער הונדערט מייל, און נאָך אין אַזאַ שטורמדיקן וועטער, קענט איר זיך מיט דער פּרוי טאָקע ניט צוזאַמענריידן. איר קומט אָבער צופֿאָרן אַהער, ווי איר האָט באַשלאָסן, און פֿון דאַנען, פֿון דער באַן-סטאַנציע, קלינגט אָן אייערע קרוויוים. אַף אַ מערכעק פֿון צוויי-דריי מייל וועט איר זיך זיכער קענען צוזאַמענריידן, און מע וועט אייך צושיקן אַ פֿור.

דעם רעשט נאָך מיטאָג האָט זיך דאָס מיידל געפֿילט באַזונדערס גוט און צעוואַרימט, און אָנגענעם אַזוי, אויפֿגעלייגט. זי האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך אַ גאַנצן טאָג גאָר אין מויל ניט געהאַט. איז זי געגאַנגען זיך מאַכן עפּעס עסן אַף דער קויל-אייוועלע, וואָס איז געשטאַנען אין צימער.
זי האָט זיך געפֿילט איצט שטילער און רואיקער. אַריינקוקנדיק אין די צעגליטע רויטע קוילן, האָט זי זיך געפּרואווט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי יענער מאַן קען אויסקוקן, אַז ער איז געווען אַ יונגער — אין דעם איז זי געווען זיכער. ער מוז אויך האָבן אַלע מאָל אַ שטילן, קימאַט קינדערשן שמייכל אַף זיין פּאָנים. און וואָס פֿאַר אַ ליפּן האָט ער?
ס'איז געווען אָוונט. דער פֿראָסט און דער ווינט האָבן זיך געשטאַרקט. ביזן אָנקומען פֿון דעם ניויאָרקער צוג איז נאָך פֿאַרבליבן דריי שאָ. זי האָט זיך שטיל פֿאַנאַנדערגעלאַכט, זי האָט, הייסט עס, אויך געוואַרט אַפֿן אָנקומען פֿון דעם צוג, פּונקט ווי אײַער אַ קאָרעוו האָט צו איר געדאַרפֿט קומען!
און מיט אַמאָל האָט איר די האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן פֿון אַ שטיפֿערישן איינפֿאַל: זי וועט איצט גלייך אַליין אָנקלינגען די פֿערמערקע, דערציילן איר, אַז איר ברודער קומט צו פֿאָרן אַהער, און זאָגן איר, אַז זי זאָל זען אַרויסשיקן אַ פֿור אים באַגעגענען.

דאָס מיידל האָט אינגאַנצן געגליט באַ דער פאָרשטעלונג פון דער אנגענעמער איבעראַשונג, וואָס דער פרעמדער וועט האָבן באַ זיין אָנקומען, ווען ער וועט דערזעען, אַז אַ פור וואַרט שוין אַף אים.

די נעקסטע מינוט האָט זי אָנגעקלונגען די פערמע. נאָר קיינער האָט איר ניט געענטפערט. דאָס מיידל האָט באַלד אויסגעפונען, אַז דער טעלעפאָן איז געווען דאָרט ניט אין אָרדענונג.

זי איז געבליבן זיצן אַזוי אַ לענגערע צייט אַ פאַרגליווערטע, און זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן פון אָרט, אַפן קאָמוטאַטאָר האָט זיך באַוויזן פייערל נאָך פייערל, נאָר זי האָט ניט אויפגעהויבן די האַנט צו מאַכן די נויטיקע פאַרבינדונג.

הייסט עס, דער פרעמדער וועט קומען און וועט זיך ניט קענען פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט זיינע קרוביים. ער וועט ניט האָבן קיין פור. אַזוי שפעט, און אין ווינטערדיקע נעכט, זיינען אַרום די סטאַנציעס ניטאָ ניט קיין פורמאַנעס, ניט קיין אוטאָמאָבילן. ער וועט מוזן גיין צופוס עטלעכע מייל אין אַזאַ פראָסט, אין אַזאַ שטאָק-פינסטערניש, איבער אַ צעדרייטן וועג צווישן וויסטע, גריבערדיקע פעלדער. און מאלע וואָס עס קען מיט אים פאַסירן. און זי איז אין דעם שולדיק — זי האָט דאָך אים אַליין געראָטן קומען אַהער.

פאַרצווייפלט, בלייך האָט זי בלויז געטראַכט דערפון, אַז ווען דער צוג וועט אָנקומען, וועט זי מוזן צוגיין צו דער סטאַנציע, בעטן באַ דעם אומבאַקאַנטן מאַן טויזנטער מאָל אַנטשולדיקונג, אָבער שאַ...

ווי אַזוי וועט זי דערקענען, ווער ער איז?

— זי וועט זעען, ווער עס וועט פאַרבלייבן לענגער און זיך אַרומדרייען אַליין אַף דער סטאַנציע.

— אָבער וואָס וועט זי דערנאָך טאָן מיט אים? וואוהין וועט זי אים פירן? מינוטן זיינען געלאָפן נאָך מינוטן, געלאָפן אין אַ מאָדנער, אומגעווייגלעכער שנעלקייט, שנעלער ווי ווען עס איז פריער אין איר לעבן. די צייט פון דעם צוג-אָנקומען האָט זיך דערנעענטערט.

די מיידל איז געוואָרן זייער נערוועז און אומרואיק. זי האָט ערשט דערפילט אַ שטאַרקע דערלייכטערונג, ווען די באַנאַכטיקע טעלעפאָן-מאַשיניסטקע איז געקומען זי איבערבייטן. זי איז אַף גיך אַרויס פון הויז.

עס איז שוין געווען שפעט אין אָוונט. די קלייטן פון דאָרף האָבן זיך שוין אָנגעהויבן איינער נאָך .דער אנדערער צומאַכן, און די גאַסן — ווערן טויטער און פוסטער. עס איז געווען אַזוי פינסטער, — בלויז נאָענט צום שנייִ האָט מען נאָך געקענט פאַנאַנדערטיילן געגנשטאַנדן און זאַכן.

דאָס מיידל האָט ניט געוואָלט גיין אין דעם פּענסיאָן וואו זי איז איינגעשטאַנען, עסן וועטשערע. זי איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן טראַטואַר פאַרבײַ די קלייטן, ווי וועלנדיק מיט איר אַרומגיין אָפּהאַלטן די ליכטיקע קראָמען פון אויסלעשן זיך, אָפּהאַלטן דעם פּלאַץ אַרום דעם וואָקזאַל פון ווערן אָפּגעשטאָרבן און שווייגנדיק, ווי ער איז עס געוויינלעך אין שפּעטן אָוונט. אַף דערדאָזיקער סטאַנציע פלעגט זעלטן ווער עס איז אָנקומען מיטן 11 אַזייגערדיקן צוג.

עס איז פאָראיבער נאָך א האַלבע שאָ. די קלייטן זיינען שוין אלע אויסגעלאָשן געוואָרן. דער פאַרמאַצעווט האָט שוין אויך אויסגעלאָשן די גרויסע עלעקטרישע ארקע-לאָמפּ פאַר דער טיר פונם אַפּטייק. די גאַס איז געוואָרן פינסטער. בלויז אין עטלעכע הייזער האָבן זיך נאָך געלויכטן לאָמפּן אין די שלאָף צימערן, וועלכע מע האָט איצט געהאַלטן אין אָנווארימען פאַרן שלאָפן גיין. אין אַזאַ פראָסטיקער נאַכט לייגן זיך אלע פרי שלאָפן.

דאָס מיידל האָט אַלץ ארומגעבלאָנדזשעט איינע אַליין איבער דער פּלאַטפאָרמע פון דער קליינער באַן=סטאַנציע, וועלכע איז געווען דאָ נאָענט, אין סאַמע מיטן פון דער געשעפטס-גאַס. זי האָט געזעען דעם קרעפטיקן, קיילעכדיקן, ניט נאָך זיינע יאָרן פעטן פאַרמאַצעווט גיין אהיים. נאָר זי האָט צו אים אין אָט דער מינוט גאָר ניט געפילט. זי האָט זיך איצט ניט אַ צאַפּל געטאָן, ווי געוויינלעך, ווען זי פלעגט אים דערזען. זי איז געבליבן מאָדנע קאָלט.

אַף יענער זייט גאַס, אין אַ שייער, טיף אין א הויף, האָט זיך געעפנט אַ טיר.

אַ ליכטיקייט האט ארויסגעפּראלט אין דרויסן. עמיץ, אן אנגעפּעלצטער, איז ארויסגעשטופּט געווארן אין דער ליכטיקייט. דארט איז געווען די בעקערײַ, און מע האט ערשט איצט זיך געשטעלט דארט ארבעטן. דאס איז געווען דער איינציקער סימען פון לעבן און וואכזיין אין באנאכטיקן שטעטל.

דאס מיידל איז אריבער אף יענער זייט גאס.

אין הויף, אונטערן אָפּדאַך, איז געשטאַנען א פערד און וואָגן, און א גויאישער פערמער האָט זיך ארום דעם פערד געפּאָרעט און אַרונטערגענומען פון אים א וואַרימע קאָלדרע. ער האט זיך קאנטיק געגרייט אין וועג אַריין.

זי האט דעם פערמער געקאָנט. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט אים „גוטן אָוונט". ער האט זיך פאַר איר גלייך אף עפּעס אָנגעהויבן באַקלאגן.

דאָס מיידל האט צוערשט גאָר ניט געהערט פון זיינע רייד. נאר איר איז געווען סתּם גוט אזוי, וואס עס איז איצט דאָ אין דרויסן נאָך א לעבעדיקער מענטש, וועלכער רעדט און וואַרימט אָן מיט פאַרע פון זיין מויל דעם פראָסט און די נאַכט. זי האָט אָבער באַלד אנגעהויבן פאַרנעמען דעם זין פון זיינע ווערטער.

ער איז געקומען אהער נאָך אין מיטן העלן טאָג, געבראַכט צופירן אַפּאָר זעק קאַרטאָפּליעס. געוויינלעך זיינען באטאָג דאָ אַסאַך אידישע פערמער פון די אַרומיקע ערטער, האט ער ניט קיין שוועריקייטן צו קריגן א קוינע אף זיין סכוירע. היינט אָבער, צוליבן גרויסן שטורם און פראָסט, איז קיינער ניט געקומען. ער האט געוואַרט און געוואַרט, און גאָרניט. די זעק קאַרטאָפּליעס האט ער איבערגעלאָזן באם אידן אין דער בעקעריי. איצט פאָרט ער אהיים — אומזיסט אָנגעוואָרן א האַלבן טאָג.

דאָס מיידל האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. אז זי האָט עס אזש געדאַרפט מיט קויעך צוקוועטשן אין דער ברוסט. זי האָט שיר ניט אויפגעשריען פון צעטומלונג. איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אז זי רעדט צו הויך און צו אויפגערעגט, און ס'קען נאָך ווערן פאַרדעכטיק. זי האט אָבער אין דערעמעסן גערעדט שטיל און קאָלט.

— פאַרוואָס — האָט זי צו אים געזאָגט — פאַרוואָס, אַז ער איז שוין דאָ, זאָל ער ניט פאַרבלייבן נאָך אווילע, ביז דער ניו-יאָרקער צוג וועט אָנקומען? וועט ער קריגן א פּאַסאַזשיר, פאַר-דינען א פּאָר דאָלער, וועט אים שוין זיין נעסיע זיך האָבן געלוינט.

גלייכגילטיק האט ער, דער פערמער, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אַזוי שפּעט? אין אזא פאַרוואָרפענעם העק, וועט קיינער ניט קומען אזוי שפּעט צו פאָרן.

אָבער זי האָט דאָך אליין געזעען, אז יא. ערשט מיט א פּאָר נעכט פריער איז זי דאָ פאַרבייגעגאַנגען אין אָט דער שאָ — זי איז זיך גראד פאַרזעסן שפּעט באַ א פריינדין אין הויז — האָט זי אַליין געזעען א פּאָר פּאַסאַזשירן זיך ארומדרייענדיק דאָ און זוכנדיק א פור מיט ליכט. זיי האבן געוואָלט שיין, זייער שיין באצאָלן.

דער פערמער האט ניט געגלויבט. דאָס מיידל האט אָנגע-הויבן אים צוריידן, איבערצייגן, אַז זי זאָגט עמעס. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אף איר מיט כשאַד. ער האָט באמערקט, ווי אירע אויגן פייערן, און זי ברענט עפּעס איינגאַנצן. מיסטאָמע איז דאָ ערגעץ פאַרבאָרגן אַ שפּיצל פאר אים, האָט ער געטראַכט, און האָט אָנגעהויבן פאריכטן די רימענס און די פּאָסטראָמקעס אפן פערד און פארוקן שטארקער די אייזנדלעך אין דעם געשפּאַן.

— ער וועט פאָרן...

נאָר מער האט זי שוין ניט גערעדט מיט אים וועגן דעם. זי האט בלויז אָנגעהויבן אויסצופרעגן אים, וואָס עס מאַכט זיין מישפּאָכע און וואָס עס הערט זיך באַ אים אַפן פערם. האָט לידע געהאט עפּעס שיינע כאַזיירימלעך? און וואָס מאַכט עפּעס דער בוהאַי? — מע דאַרף אים נאָך אַלץ אלעמאָל פאַרטרייבן מיטן הונט פון דער שטאָל, וואוהין ער קריכט אלץ צו די בעהיימעס? און קלייבט ער זיך אָנצאַפּן אַסאַך סיראָפּ פון די מייפּל-בוימער[1] היינטיקן פרילינג? און האָט ער זיך שוין באזאָרגט מיט נייע עמערס? גאַנצע דריי הונדערט שטיק? הייסט עס אז ער וועט אָנצאַפּן א היפּש ביסל סיראָפּ היינטיקן פרילינג?

זי האט גערעדט און גערעדט אָן אויפהער, און ער האָט אַלץ ניט געקאָנט אוועקפאָרן.

עס איז בלויז געבליבן א פערטל שאָ צום צוג-אָנקומען. דער פערמער האט זיך אנגעהויבן קווענקלען. מיילע, אזויפיל קאָן ער נאָך צוואוואַרטן. ער איז ארונטער פון זיין זיץ, האט צוריק ארויסגענומען די וואַרימע קאָלדרע פון וואָגן און מיט דעם ווידער צוגערעקט דאס פערד.

— איך האָב זיך פאַרגעסן — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף נאָך קויפן א ברויט אין דער בעקעריי.

---

1) אזאַ סאָרט בוימער, וואָס לאָזן פון זיך אין פרילינג ארויס א צוקער-זאַפט.

זי האט אים דעמאָלט, שטיל-שמייכלענדיק פאַר זיך, געזאָגט „א גוטע נאַכט" און איז אוועק.

אין דער שטילער, פּראָסטיקער נאכט פון אף יענער זייט בארג, האט זיך דערהערט דאס פייפן פון א צוג. פון יענער זייט, פון א ווינקל פון א הויף, האט דאָס מיידל געזעען, ווי דער פערמער איז צוגעפאָרן מיט זיין שליטן צו דער סטאַנציע, און האט זיך אנידערגעשטעלט וואַרטן. זי האָט געזעען, ווי אין א ווײַלע ארום האט ארייַנגעפייערט פון דעם שמאָלן לעצטן פּאַס טאל פאַר דעם שטעטל, א באנאכטיקער, א גרויסער און סאָפּעדיקער צוג.

דער צוג איז געשטאַנען צווישן איר און דעם קליינעם וואָקזאַל, און פאַרשטעלט דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אף דער צווייטער זייט. דער מיידלס האַרץ האט געהאַמערט הויך און שטאַרק.

אין א מינוט ארום האט זיך דער צוג אָפּגעטראָגן, איילנדיק זיך ווייטער אין וועג אף זיין וויכטיקע שליכעס. און דאָס מיידל האט דערזעען:

איבערן שנייאיקן פלאַץ סקריפּען מיט די שיך דריי מענטשן, היגע איינוואוינער, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון א נאָענטע רייזע. זיי ווערן באַלד פארשלונגען אין די נאָענטע הייזער, און אָפן וואָקזאַל בלייבט מער קיינער ניט.

נאָר אט טראָגט זיך ארויס פון א ווינקל נאך א מענטש, א הויכער, א סטולאָוואַטער און א פרעמדער. ער קוקט זיך א ווײַלע פארלאָרן ארום, ווי ער וואָלט ניט געווען זיכער, אויב ער איז געקומען צופאָרן אין דעם ריכטיקן שטעטל. דער פערמער גייט צו אים צו. עפּעס ריידן זיי דאָרט אווילע, ווי זיי וואָלטן ביידע שוין פון לאַנג אָן געוואַרט אף אט דערדאָזיקער באגעגעניש באנאכט. און באַלד האָט זיך דער שליטן מיט די צווייען אָפּגע-טראָגן לינקס, — צו די הויכע, ווייטע, פאַרוואָרפענע פערם-הייזער אין די טאָלן.

איצט האט זיך דאס מיידל דערפילט מאָדנע שוואַך, אזוי שוואך, ווי זי וואָלט געהאט געארבעט א גאנצן לאנגן זומער-טאָג אף א פעלד און האָט אָפּגעטאָן אסאַך ארבעט, — אסאַך, אַסאַך גוטע אַרבעט. ס'איז איר געווען גוט, און זי איז קוים איינגע-שטאַנען אף די פיס. זי האָט געוואָלט אָפּרו.

זי האט זיך געלאָזט גיין אהיים. איר איז געווען אזוי שטיל אפן הארצן, ווי שטיל און איינגעהאַלטן עס איז געווען די נאַכט אַרום איר.

אז זי איז פארבייגעגאַנגען דאָס ברייטע, איינגאַרנדיקע הויז, וואו דער פאַרמאַצעווט האט געוואוינט, האָט זי אַרויסגענו-מען פון בוזים דאָס קאַלטע, בלישטשענדיקע געווער און עס אַוועקגעוואָרפן ווייט פון זיך אין שניי. ווי מאָדנע שווער עס איז געווען! עס איז אין איין אויגנבליק פאַרגראָבן געוואָרן אין דער ווייכער שניי-מאַטעריע.

און דאָס מיידל איז ווייטער געגאַנגען. אז זי האָט זיך שפּעטער א ווײַלע געלייגט אין בעט, האט זי א שטיק צייט ניט געקאָנט איינשלאפן. זי האָט זיך אלץ געוואונדערט צו וועמען זי שמייכלט עס אזוי ליב און צוגעלאָזן אין דער טונקל פון איר צימער.

אונטער די פיס.

1.

געוועזן איז ער א קינד, ווי אלע קינדער. א געוויינלעכער אינגעלע, און גערופן האָט מען אים א געוויינלעכן נאָמען: ראַוואָו'עלע.

קיינער האָט אים דאָ אף דער וועלט ניט באַדאַרפט, און קיינער האָט אים אַהערצו ניט גערופן און ניט איינגעלאַדן. זיכער ניט זיינע אייגענע טאַטע-מאַמע, וועלכע האָבן שוין אַזוי אויך געהאַט אַ היפשלעכע פאַמיליע. נאָר אַזוי ווי זיי, ראַוואָו'עלעס טאַטע-מאַמע, האָבן זיך זייער שטאַרק ליב געהאַט, האָבן זיי זיך אין איינעם א קאלטן ווינטערדיקן פאַרטאָג שטאַרק געטוליעט איינער צום אַנדערן, און פון דעם איז באַ זיי געבאָרן געוואָרן ראַוואָו'עלע, א רויטינקער און פאַרבלוטיקטער, ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק.

אַז ער איז נאָך געוועזן אַ ברעקל און אומבאַהאָלפן, און האָט נאָך קוים געוואוסט זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער אַרויס-געוויזן אַ שטאַרק-קענטיקע נייגונג צום שמייכלען. שמייכלען פלעגן זיך באַ אים אָפּט באַווייזן, אַסאַך עפטער ווי באַ אַנדערע קליינע קינדער; שמייכלען אַרום די ווינקעלעך מיילכל און אַרום די באַקן-גריבעלעך. ער פלעגט שמייכלען צו עפעס אומגעזעענע מענטשן און זאַכן, וואָס נאָר ער אַליין פלעגט זיי זעען, אין אַזאַ מין בלויקייט איינגעוויקלט, און אָט פלעגן זיי ניט ווערן, און אָט זיך ווידער באַוויזן.

פלעגט ער צו זיי שמייכלען מיט די אויגן און ליפּעלעך.

און אַמאָל פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן, און זיין פּנימ'ל פלעגט ערנסט ווערן... ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן אַזוינס, אָן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים שוין לאַנג צוריק — אין מאָדנע טונקל-ליכטיקע וועלטן, וואָס זיינען געוועזן אַזוי רויט-

וואַרעמלעך. דידאָזיקע „זאַכן" האָבן מיט אים פּאַסירט עפּשער נאָך גאָרניט לאַנג צוריק, פֿאַרן געבוירן ווערן, — בלויז מיט אַ הונדערט און פֿופֿציק טעג צוריק. נאָר דער שנעל אונטערן נעזל, וואָס דער מאַלעך האָט אים געגעבן, האָט אַלץ פֿון זיין מויעך אָפּגעמעקט, און די „זאַכן" האָבן שוין געקאָנט פּאַסירן, גאָר, גאָר לאַנג-לאַנג צוריק, עפּשער מיט גאַנצע הונדערט און פֿופֿציק יאָר צוריק.

גאָר אַמאָל.

.2

און אַזוי האָט שוין דער שנעל אונטערן ווייך-כאַריאַשטשעווען נעזל, וואָס דער מאַלעך האַשיקכע האָט אים פֿאַרן געבוירן ווערן געגעבן, ראַוואָו'עלען גאַנץ קנאַפּ גוטס געטאָן.

ווייל פֿון שוין די ייִנגסטע כאַדאָשים פֿון זיין לעבן האָט זיך באַ אים אָנגעהויבן שטאַרקן אַ פֿאַרלאַנג, אַ זיסלעך-פּייניקנ-דיקער פֿאַרלאַנג זיך צו ד ע ר מ אָ נ ע ן. זיך צו דערמאָנען ניט אָן עפּעס אַ באַזונדערע געשעעניש, נאָר סטאַם זיך דערמאָנען, — זיך דערמאָנען אָן זאַכן, וואָס האָבן אַמאָל געמוזט מיט אים פּאַסירן, און וואָס געפֿינען זיך גלייך אַף יענער זייט פֿון די טירעלעך פֿון זיקאָרן. מע פֿילט אַזוי זיכער זייער זיין דאָרטן, ווי דורך אַ טונ-קעלער, כאָטש דינער מעכיצע, נאָר זעען קאָן מען זיי ניט.

פֿלעגט ראַוואָו'עלע אָט פּייַנלעך-ערנסט פֿאַרטראַכט ווערן, אָט אָנהויבן שמייכלען.

און ווייל ער איז געווען אַ קלייניקער, איז זיין מאַמען זייער געפֿעלן געוואָרן זיין פּלוצלונגדיקע פֿאַרטראַכטקייט און זיין שמייכל אַרום די ליפּן. זי האָט אים זייער ליב געהאַט. אי פֿאַר זיך, אי פֿאַר אירע שכיינעס האָט זי זיך באַרימט, אַז ער איז דער שענסטער און דער קליגסטער קינד.

מע האָט זיך מיט אים מאַמעש אַרומגעטראָגן אַף די הענט.

.3

נאָר אין דעם מעשעך פֿונם יאָר האָבן זיינע טאַטע-מאַמע, וועלכע האָבן זיך שטאַרק-שטאַרק ליב געהאַט, זיך ווידער וואַרעם צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן באַם סאָף פֿון אַ דריטער פֿראָס-טיק-קאַלטער אַשמוירע.

אין דרויסן איז געווען שוואַטיק. אַף יענער זייט טונקל-דיקע פֿענסטער האָט געריסן אַ ווינט פֿון די צאָפֿן-מאַירעווודיקע

פליינען און די פעלזיק-צעקאַרבעוועטע באַרגיקע לאַנד-שטרעקעס וואָס אין די מאַירעוו-שטאַטן. יאָמען פינסטערע און פאַרטאָגיג-אויפגעבערויזטע האָבן אין סאָף-נאַכטיקע בורעס זיך געכוואַליעט און געהויבן צו די בליי-פאַרוואָלקנטע הויכן.

און פון דעם טוליען איז באַ זיי געבוירן געוואָרן נאָך אַ אַ קינד.

דאָס מאָל — אַ מיידעלע.

האָט מען זיך אָן ראוואו'עלען פאַרגעסן, און אים געלאָזן אַליין וואַקסן.

4.

איז ער אַליין געוואַקסן.

נאָר אַז ער איז זיך אַזוי געוואַקסן אַליין פאַר זיך, און קיינער האָט זיך אַף אים ניט אַרומגעקוקט — ווייל זיין פאָטער איז נעבעך געווען אַן אָרימער אַרבעטער, פלעגט אין די אָוונטן קומען אַהיים אַ רוגזעדיקער און האַלב-טויטער, און האָט גע-האַלטן אין איין מאָנען באַ דער וועלט, און באַקלאָגן זיך אַף דער אומבאַרמהאַרציקייט פון מענטשן; און זיין מוטער האָט געהאַט א פולע הויז מיט כאַדאָרים און מיט קינדערלעך — איז ער זיך אַזוי אויסגעוואַקסן, ווי אַ פאַרלאָזן קראַנק בוימעלע, וואָס וואַקסט באַ א הילצערנעם פּלויט, ניט אַזוי ווייל מע דאַרף עס, נאָר ווייל מע פאַרגעסט זיך עס אַלץ אָפּצוהאַקן. באַ אַזאַ בוימעלע גייען די צווייגן ניט אַרום גלייך, ווי באַ אלע איבעריקע בוימער, וואָס וואַקסן ניט נעבן אַ פּלויט, נאָר מאָדנע אין דער קרום און בויגנ-דיק אַזוי, און קאַפּריזנע, מיט קליינע שליאַכעלעך איבער זיינע צווייגן צו דער זון.

אַ פלאַנץ, וואָס איז בלויז אַ צולעהאַכעסדיקער כאָלעם פון א קראַנק-צעשפּרייטער פאַנטאַזיע.

אָט אַזוי פאַרקרימט און אויסגעבויגן איז דאָס אינגעלע געוואַקסן, ווייל עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אַף אים אַכטונג געבן. נאָר זיין קערפּערל-נעשאָמעלע האָט זיך אַף איר אייגענעם אויפן און דורך פאַרקרימטע שטעגלעך געצויגן צו דער ליכטיקייט פון דער זון פאַר כאַיונע.

5.

פאַמעלעך אַזוי איז ער אַלט געוואָרן זעקס יאָר.

קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט אַפילע ווי אַזוי דאָס איז געשעען.

עס איז געווען, דוכט זיך, א פורים-אָוונט. זיינען פריינט און קרויווים געקומען צו דער סודע צו זיינע טאטע-מאמע. רופט זיך אָן אַ געפּאַקט-גופיקע קרויווע:

— זע נאָר, ווי ער איז דאָס דיר אזוי אויסגעוואַקסן, דער-דאָזיקער קאראפוזיק! ווי אַלט, אַשטייגער, ציפּע, קאָן ער דאָס זיין?

ציפּע — אזוי האָט דאָס געהייסן רוואוועלעס מאַמע — האָט אַף אים א קוק געטאָן, און איר איז מיט אַ מאָדנער פרעמדלעכער וואַרימקייט איינגעפאַלן, אז דאָסדאָזיקע אינגעלע, אַף וועמען די פעטע קרוויווע טייטלט מיט די דיקע קורצע פינגער, איז עס א טייל פון איר לייב, און איז אמאָל א פאַרבלוטיקטער ארויסגעקומען פון איר טראַכט. זי האָט זיך אַ ווייל פאַרטיפט, געמאַכט געוויסע כעשבוינעס, און האָט אַרויסגעזאָגט מיט א פאַרטראכטן קוק אַף אים:

— ער מוז דאָך שוין, אַפּאָנים, זיין זעקס יאָר אַלט.

האָט רוואוועלע געוואוסט איצט, אז ער איז שוין זעקס יאָר אַלט. נאָר וואָס איז דאָס אים אָנגעגאַנגען? ער האָט ווייטער ניט פארשטאנען עפּעס, און איז ווייטער געוואַקסן.

.6

ער האָט אָנגעהויבן גיין אין שול. און דאָ האָט די פּאַרזעסענע מויד מיטן גרינעם פּאָנים, זיין לערערין, די ערשטע באַמערקט, אז עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים. אין מיטן א טאַנץ-קאראהאָד, אין מיטן אַ קינדער-שפּיל, פלעגט ער מיטאַמאָל בלייבן שטיין אָן א זייט, און זיך פאַרטראכטן. א דערביי שטייענדיקער מענטש האָט דעמאָלט ניט געקאָנט וויסן, צו וועמען ער פלעגט עס דעמאָלט שמייכלען, מיט א פינגערל פאַרשטעקט אין מויל.

ער פלעגט זיך עס דעמאָלט צוהערן צו א ווייטן געזאנג.

אין דער בלויער לופט האָט עס פאַר אים געזונגען. דער אספאלטענער ברוק פונם שול-הויף, און די הויך-רויטע מויערן פון דער שול-געביידע פלעגן צערונען ווערן אין דער בלויקייט ווי צעשמאָלצן פון דער זון. די קינדערלעך האָבן גאָר געטאַנצט אין אַ גרינעם פעלד, באַשפּריינקלט מיט בלימלעך. פון רויט, און בלוי, און ראָז, און לאַווענדער. די קינדער אליין זיינען געווען בלימלעך, וואס האָבן זיך באַוועגט... און ארום, און אין פעלד האָט געשיינט אסאך זון, א גרעסערע זון און גאָלדענערע,

ווי די, פון וועלכער מע האָט דאָ אין הויף געזעען בלויז אַ קליין פּענעצל, ווי פון אַ גאָלדענער בולקעלע. אינגלעך און מיידלעך, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט נאקעטע פיס און אַנטבלויזטע קעפּ, צעשויבערטע, האָבן געטאַנצט אין פעלד, האָבן הויך געלאכט און געזונגען:

— ליא-ליא... ליא-ליא... ליא-ליא...

.7

אומגערן, צי גערן—פאַרוואָס זאָל אַ קינד עפּעס זיך פאַרטראַכטן, און זיין אַנדערש, און ניט שפּילן זיך פּונקט אָט אַזוי און פּונקט אין דער זעלבער צייט ווי די איבעריקע?—אומגערן צי גערן האָט מען אים אומגעוואָרפן אַפן האַרט-שטייפן אַספּאַלט פונם שול-הויף. קליינע ליבלעכע פיסלעך פון זוניקע קינדער האָבן אַף אים געטראָטן, זייער קינדיש געלעכטערל האָט דערביי פריידיק געקלונגען, ווי צעשטויסענער זונען-שטויב,

אַז די לערערין האָט אים אויפגעהויבן, האָט פון רוואוועלעס נעזעלע גערונען בלוט, און זיין ווייסע בלוזקע איז געווען מיט דעם פאַרשמירט, און זיינע פיסלעך זיינען געווען צעדראַפּעט און צעקרעלט, ווייל אין די קינדער-שיכלעך, וואָס האָבן איבער אים געטראָטן, זיינען געווען טשוועקלעך, קלייניניקע אַזעלכע, און ליבינקע טשוועקעלעך.

איז די לערערין שוין דאָ אַפן פּלאַץ געקומען צום ערנסטגעלערטן באַשלוס, אַז רוואוועלע איז אַוואַדע ניט קיין לייטיש קינד... ער טרינקט מיסטאָמע ניט קיין מילך אין דער פרי, און שטאַמען שטאַמט ער געוויס פון אָרימע, אומוויסנדע אַרבעטער, גיכער פון אַלץ,—פון אויסלענדער.

האָט זי אָנגעשריבן אַ צעטל צו זיין מאַמען, און אים געהייסן, ער זאָל עס מיטנעמען מיט זיך, גייענדיק אַהיים.

נאָך אַלעמען, איז ער דאָך יאָ געווען אַ גוט קינד, און האָט זיך שוין אין אַלץ געהאַט פאַרגעסן.

שפּעטער, נאָך דער שול צייט, האָט ער אַוועקגעטאַנצט אַהיים. דעם גאַנצן וועג האָט ער געזונגען און געשפּרונגען—עס איז געווען אַ זוניקער טאָג, און אַ בלויקייט אַ באַגאָלדעטע איז אומעטום צעשפּרייט געווען. האָט ער אַריינגעטאַנצט אין הויז און דעם צעטעלע דער מאַמען איבערגעגעבן.

— אַ מאַטאָנע פון דער דרויסנדיקער זון.

.8

די לערערין איז, עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, געווען טאַקע גערעכט: פּאָרט אַ געבילדעטע מיידל, און דאָס יונג-רויטע בלוט פון זיך אַרויסגעשטודירט.

רואוועלעס מאַמע איז טאַקע געווען אַ אומוויסנדיקע אויס-לענדערין, און האָט דעריבער לעכאַטכילע דעם צעטעלע ניט גע-קאָנט איבערלייענען. נאָר אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אַף רואוועלען און האָט דערזעען, אַז זיין ווייסע העמדל איז אויסגעשמירט מיט בלוט און קויט, און בלוט איז באַ אים פאַרגליווערט אַפן פּאָנים, און דאָס נעזל איז צעדראַפּעט, איז אין איר אָנגעצונדן געוואָרן דער גרויסער קאַעס:

— סטייטש, ערשט אין דער פרי אים אָנגעטאָן אין ווייסן, און שוין איז ער באַשמוציקט!

אַף די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קליין אויפּעלע—איר פלעגט אומגעפער יעדן יאָר צוקומען איינס—האָט זי עס געגעבן אַ זעץ אַנידער אַפן טיש, אין גרויס גרימצאָרן.

האָט דאָס אויפּעלע אָנגעהויבן מאַכן גוואַלדן.

איז דער מוטערס רעציכע נאָך מער געשטיגן.

זי האָט אָנגעכאַפּט רואוועלען און אים אָנגעהויבן טרייס-לען, ווי אַ בארן-בוימעלע, וואָס וויל קיין בארעלעך ניט לאָזן פאַלן, —אים אָנגעהויבן נעריגן און מיימעסן.

— סטייטש, וואָס וויל ער האָבן פון איר לעבן?

ער וועט זי דאָך יונגערהייט אין קייווער אַריינברענגען! סטייטש, ערשט היינט אין דער פרי אָנגעטאָן אין ריינע זאַכן! קיין קויעך האָט זי דאָך שוין ניט מער צו וואַשן אים די בלוז-קעלעך יעדן טאָג! אויסגעריסן ווערט זי פון אירע קינדער, ווערט זי דאָך! און צו וואָס האָט זי גאָר איינגאַנצן אים געדאַרפט ברענ-גען אַף דער וועלט?

— האַ?

און האָט רואוועלען איינגעטיילט אַ היפּש ביסל סטוסאַקעס און בוכטשעס אין די זייטעלעך אַריין.

דער „האַ" באַ איר האָט זיך פרעגעריש-פאַרוואונדערט גע-קנוילט, ווי אַ רינגל סיגאַרעט-רויך, אין דער ליידיקער כאַדאָרים-לופט. ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגן, דער „הא", זיך דע-ריבער אין א ווינקל איינגעקאָרטשעט און צערונען געוואָרן.

זיכער האָט רואוועלע געוויינט. עס האָט אים וויי געטאָן. און וואָס אנדערש קען אַ קינד טאָן, ווען עס טוט וויי? א לייב איז בא אים געווען אן איידעלע און א דינלעכע, ווי ער וואָלט געווען אויסגעגאָסן פון דינעם אויסגעבלעזלטן גלאָז.

ער האָט אפילע ניט פאַרשטאנען, וואָס די מאמע וויל מיט אירע טאַינעס: „וואָס וויל ער פון זייר לעבן? און צו וואָס האָט זי אים נאָך געדארפט ברענגען אף דער וועלט?"

— ווער האָט זי דען געבעטן?

און דער איקער:

— פון וועלכער וועלט האָט עס אים די מאמע אהער גע-בראַכט?—

האָט ער געוויינט, און געוויינט, און געוויינט, און האָט אויפגעהערט, ווי עס הערן סאָפּקאָלסאָף אויף צו וויינען אַלע.

שפּעטער האָט אים די מאַמע עסן געגעבן, האָט אים וואר-טשענדיק דאָס פאַרבלוטיקטע נעזל אַרומגעוואַשן. און דאָס קליי-נע איינגעלע האָט זיך אין אַלץ פאַרגעסן. ער האָט בלויז געטראַכט, ווי אַזוי עס קאָן אויסקוקן אָט יענע וועלט, וואו ער איז פריער געווען, און פון וואַנען ער איז עס אַהער געקומען. און באַלד, טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער אָנגעהויבן שמייכלען, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אָן זאַכן, וועלכע זיינען אַמאָל, אַמאָל מיט אים גע-שען. אָבער ער וואָלט סאַי-ווי ניט געקענט איצט אָנרופן דידאָזיקע „זאַכן" מיטן נאָמען.

ער האָט זיך פאַרקליבן אין זיין ווינקל. דאָרטן האָט ער אַ קליין טישל געהאַט מיט שופלאָדעלעך און קעסטעלעך, און אַף דעם זיינען געווען אָנגעוואָרפן צוגעלעך, און וואַגאָנטשיקעס, און קליינע שיפעלעך. ער האָט געוואוסט, אַז אַף זיי פאָרט מען. א... ער וועט נאָך אַמאָל אַוועקפאָרן אַף זיי אין ווייטע לענדער אַריין, און אַז עס וועט אים באַשערט זיין, וועט ער נאָך עפּשער יונגער-הייט אָנקומען אין יענעם לאַנד, פון וואַנען ער איז אַהער געקומען.

.9

אָוונט שטילער האָט אַרונטער גענידערט. ער האָט פאַר-בלויט און פאַרווייכט די אַרומיקע גאַסן און ליידיקע פעלדער. האָט אַרומגעטוליעט די הייזער, און רואוועלעס יונגע וואונדן.

ער האָט זיך אָן די קלעפּ פּאַרגעסן.

נאָר אין אָוונט דעם שטילן און דעם בלויען, איז דער פּאַ־פּאַ פון דער אַרבעט געקומען,—אַ מידער, אַ האַלב־טויטער און אַ מאַנענדיקער. בּאַם עסן האָט אים די פרוי, וועלכע האָט אים שטאַרק־שטאַרק ליב געהאַט, דערציילט דאָס בּאַטאָגיקע.

— פאַרוואָס זאָל זי דען עפּעס פון איר אייגענעם מאַן באַ־האַלטן? איך בעט אייך, פאַרוואָס?

דער רואוועלע איז גאָר עפּעס אַ ווילד קינד. אָט ווי ער וואָלט געוועזן אויסגעוואַקסן אין אַ מידבאָר. ער פאָלגט קיינעם ניט, ניט דער מאַמען, ניט דער לערערין. ער קריכט אויס אין אַלע לעכער. ער שמירט זיך אויס, ער שלאָגט זיך אַרום מיט אַלע קינדער, זיין האַנט איז אין אַלעמען, און אַלעמענס איז אין אים. אָט האָט ער זיך צעשלאָגן מיט אַ „באַיטשיקל" אין סקול. די לע־רערין האָט צוגעשיקט אַ בריוועלע, אין וועלכן זי שרייבט. אַז מע וועט אים, רואוועלען, דערפאַר פון שול אַרויסוואַרפן.

און זי האָט דעם מאַן דערלאַנגט דאָס צעטעלע.

— נא, זאָל ער עס אויך איבערלייענען!

נאָר דער פּאַפּאַ האָט דאָס בריוועלע ניט איבערגעלייענט. ערשטנס, איז ער געוועזן מיד. צווייטנס, קאָן ער דאָך נאָך זיך פאַרלאָזן אַף זיין אייגן ווייב!

ער האָט איצט געהאַלטן אין עסן דעם קאָמפּאָט. די ליפּן און אַ שטיק מאָרדע זיינען באַ אים געוועזן איינגעשמירט אין גע־קאָכטע עפּל מיט מאַראַנצן־שאָלעכטס. עס איז געוועזן געשמאַק— אַ כיעס. האָט ער אַלע ווייַלע אַרויסגעשטעקט אַ בלוילעכע גע־שטופּלטע צונג און עס ארומגעלעקט. ער האָט געקוקט איצט, זיס־באַלעקנדיק זיך, אַפן ווייב און בעשאַס מאַיסע צו איר אַף אַ וואַ־רים היימישן אויפן געשמייכלט.

ער האָט עפּעס אַזעלכע וואַרים-צופרידענע מאַכשאָוועס געהאַט.

אין דער יוגנט איז ער געוועזן אַן אָנהענגער פון פּיראָגאָווס און פּעסטאַלאַציס שיטעס פון קינדער-דערציאונג. קינדער דאַרף מען אַסאַך פרייהייטן געבן. לאָזן זיי ווי גרעזעלעך אין פעלד וואַקסן. און נאָכפאָלגן זייערע אייגענע, אין זיך פאַרהוילענע און פאַר זייטיק אויג אומגעזעענע, אַנטוויקלונגס-געזעצן.

זיכער אַזוי.

נאָר דאָס איז אַלץ געוועזן אין דער יוגנט.

איצט איז ער, ווי אַלע מענטשן, עלטער געוואָרן, עלטער און טעמפּיקער—„קליגער", האָט עס געהייסן—מידער. אזוי מיד... אַ גאַנצן טאָג האָט ער דאָך שווער אין שאפ געאַרבעט. נו, ניש-קאָשע, אים האָט אויך די וועלט שוין לאַנג אַף האַלב-טויט פאַר-שמיסן.

.10

אַז ער האָט מיטן צונג שוין געהאַט אַרומגעלעקט דעם קאָמפּאָט-טעלער, איז ער אריין אין זאַל-צימער.

ער האָט רואוועלען צו זיך צוגערופן:

— אַ שפּילצייג וויל ער אים געבן...

ער האָט אים אָנגענומען באַ די הענטלעך און צווישן די קני אנידערגעשטעלט. אַ ווארימקייט האָט זיך אים איבערן לייב צעשפּרייט. די קני האָבן זיך אים אַזש געטרייסלט.

און ווי קאָן מען עס גאָר צו אַ קינד ריידן, און אים דער-ווייזן? טאָקע, אָט ווי אין אַנדערע כאָשעוודיקע ביכער איז גע-שריבן, אַז באַ אַ קינד זיינען נאָך די מאַרך-צעלן ניט אַנטוויקלט, און די צעלן פון „באַנעמען" און „פאַרשטיין" פעלן נאָך דעם גאָר אינגאַנצן. היינט ווי קאָן מע גאָר צו דעם ריידן און געבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער האָט ניט, מיט וואָס צו באַנעמען דאָס, וואָס מע רעדט צו אים?

— אַ קינד איז,—שטייט דאָרט ווייטער, אין אָט יענע כאָשע-ווע ביכער, געשריבן,—אַ קינד איז א ווילדע כאַיע, וואָס האָט אַף זיך קיין אַכראַיעס-געפיל און קאָן גאָר ניט טראכטן, און רייסט אַלץ, און ברעכט אַלץ... און אַף אים ווירקט דעריבער בלויז איין מיטל:

— מוירע פאר שטראָף.

האָט ער רואוועלען צו זיך אַף די קני אַרויפגעשלעפּט, מיטן רוקן אַרויף. געוואונדערט האָט זיך דאָס אינגעלע איבערן נייעם שפּיל, וואָס דער פּאַפּאַ גייט האָבן מיט אים איצט. געוואונ-דערט זיך און געוואַרט, און דערווייל געקנאַקט פון גרויסער פרייד מיט די ליפּעלעך.

— קלא... קלא...

דער פּאַפּאַ האָט אים אָנגעהויבן די הויזעלעך אַרונטערנעמען. די הענט האָבן אים געציטערט פון אויפרעגונג, ווען ער האָט אים די קליינינקע הויזן-קנעפּעלעך פאַנאַנדערגעשפּילעט. געציטערט

האָבן אים די הענט, ווי בײַ אַ יונגן בעל־עבֿסל, ווען ער טוט זײַן פרוי די קליידער אויס אין מינוטן פֿון ליבע.

ראָוועלע האָט זיך גערוואונדערט, און געוואַרט אַלץ, וואָס פֿון אָט דעם שפּיל וועט אַרויסקומען.

אָן אַ זײַט איז די ווײַב געשטאַנען און געקוקט מיט פֿאַר־צאַפּלטע אויגן און פֿאַרצאַפּלטן האַרץ, ביז דער מאַן האָט אַף איר וואַרים־קאַפּסדיק אַ קוק געגעבן.

— זאָל זי אַרויסגיין!..

האָט זי דעם בליק ניט אויסגעהאַלטן, און מיט רוגזע און פֿאַרדראָס, וואָס זי קאָן דערבײַ ניט זײַן, אין שלאָף־צימער צו זיך אַרײַן.

— דו ווערסט ווײַטער ניט פֿאָלגן אַ מאַמען? ניט פֿאָלגן אַ לערערין? ניט פֿאָלגן אַ פּאַפּאַן? אויסקריכן אַלע לעכער? פֿאַר־שמירן דײַנע ריינע העמדעלעך?

ער האָט געשמיסן ראָוועלען איבערן וואַרימען לײַב. גע־שמיסן מיט זײַן הויזן־רימען, געשמיסן צוערשט פּאַמעלעך, אומ־זיכער. דערנאָך, — וואַרימער, אַלץ וואַרימער, שטאַרקער און מיט מער כיישעק. דאָס אינגעלע האָט צוערשט עס ניט פֿאַרשטאַנען, געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַזאַ שפּיל, אַ מאָדנע. נאָך דערנאָך האָט עס אים אָנגעהויבן ברענען דאָס לײַב. האָט ער אָנגעהויבן צוערשט שרײַען—לאַכן, ער האָט ניט געוואוסט קלאָר, צי ער דאַרף דאָ לאַכן, אָדער וויינען. נאָר באַלד איז דאָס לאַכן אין זײַן העל־זעלע שוין געבליבן און די שטוב האָט בלויז פֿאַרנומען זײַנע געשרייען.

און אַז דער אינגעלע האָט מער געשריען, איז דער פּאַפּאַ נאָך ווילדער געוואָרן, און נאָך מער געשמיסן. די אויגן האָבן אים געברענט, און דער גאַנצער קאָפּ האָט אים איצט געקלונגען. די ליפּן האָבן צעקרימט געשמייכלט פֿון טאַינעג, און אַ סלינע, אַ געדיכט־קאַלעמוטנע, איז אים פֿון מויל געררונען.

און אין דעם שטיל־בלויען אָוונט אַריין האָט דאָס אינגעלע אַלץ געשריען, געשריען... די אויגעלעך האָט ער געהאַלטן פֿאַ־באַנדערגעגלאָצט, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס איז דאָס פֿאַר אַזאַ שפּיל.

.11

שפּעטער אַביסל האָט אים די מאַמע פֿון דעם טאַטנס הענט אַרויסגענומען.

— אין דערעמעסן, עס איז שוין גענוג, — האָט זי געזאָגט.
זי האָט אים אַרומגעוואַשן דאָס פּנים, אים אויסגעטאָן און שלאָפן אַנידערגעלייגט.

אַליין איז זי אויך אין שלאָפצימער אַריין, וואו דער מאַן אירער האָט זיך שוין געפונען. אַ קאָעסדיקער און אַן אומצופרידנ-געשטעלטער, האָט ער די שיך מיט אַ הילכיקן קלאַפּ אַף דער פּאָדלאָגע געוואָרפן. זיי זיינען געפאַלן און געבליבן ליגן שטיל, — אין גרויס מוירע פאַר זייער באַלעבאָס קאָעס.

באַלד איז ער, אַן אויסגעטאָנענער און אַן אויפגערעגט-צי-טערנדיקער, אין בעט געלעגן, און אַף דער ווייב געוואַרט.

אַ גרויזאַמע ליבשאַפט האָט זיך אין איר איצט אָנגעצונדן צו איר מאַן. זי האָט זיך אַף גיך אויך אויסגעטאָן, און זיי האָבן זיך ביידע שלאָפן געלייגט.

12.

פּאַוואָליע, פּאַוואָליע האָט זיך די אָוונט-בלויקייט ווייטער געוויקלט פון דער נאַכט-שפּולקע אַרונטער. עס איז געוואָרן פינס-טערער און טונקעלער.

איצט איז שוין גאָר שפּעט. די גאַנצע אָוונט-בלויקייט האָט זיך שוין אַרונטערגעוויקלט, און איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער סטעזשקע פונם טאָג.

עס איז נאַכט איצט.

רואוועלע האָט געשריען, געשריען, געשריען, ביז וואַנען די קויכעס זיינע זיינען אים ענדלעך אויסגעגאַנגען. דאָס געוויין האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסזעען אַ פרעמדער, ניט זיינער. אַ ווײַלע האָט ער נאָך בעקיוון געוויינט, קעדיי זיך איינצוהערן, ווי עמי-צער, אַ פרעמדער, וויינט אַזוי אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, — אַ פרעמדער, וואָס געפינט זיך אין אים אַליין. נאָר באַלד האָט ער זיך דערשראָקן פאַרן פרעמדן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איינשלאָפן האָט ער אָבער ניט געקענט, ווייל דאָס לייב האָט אים געברענט, און ס'איז אים געווען היים אַזוי.

ער איז ניט געווען אין קאָעס אַף קיינעם. עס איז ניט געווען זיין טעווע צו זיין אין קאָעס אַף עמיצן. בלויז איין מאָל אין זיין גאַנץ לעבן איז ער קימאַט אין קאָעס געוואָרן, נאָר ווען דעם וועט דערציילט ווערן ערשט שפּעטער. ניין, ער איז ניט געווען

אין קאָפּ איצט אַף קיינעם. איצט האָט ער בלויז געפילט איין זאַך: דאָס לייב שמערצט אים. דאָס לייב ברענט אים.

מער ניט — ער האט ניט פאַרשטאַנען עפּעס.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס האָט דאָס דער טאַטע געדאַרפט טאָן אַזוי, אַז עס זאָל אים ווי טאָן? עס זיינען דאָך דאָ אַנדערע שפּילן. דער פּאַפּאַ איז אַוואַדע עפּעס אַן אַנדערער געוואָרן, אַ נייער. ער האָט זיך געמוזט אַן עטוואָס פאַרגעסן, און מער ניט געוואוסט דעריבער, ווי צו ריידן מיט אים, רואווועלען, און ווי צו שפּילן זיך מיט אים.

דער פּאַפּאַ האָט זיך, אַפּאַנים, פאַרטראַכט, אָט ווי ער, רואווועלע, האָט זיך אַמאָל פאַרטראַכט אין סקול-הויף און באַלד דערויף האָט עס אים גענומען ווי טאָן, און בלוט איז אים גערו-נען. און איצט איז עס מיסטאָמע אויך אַזוי געווען; דער פּאַפּאַ האָט זיך געמוזט פאַרטראַכטן, און דאַן איז „עס" געשעען.

— אַ, אַז מע פאַרטראַכט זיך, געשעען אַמאָל אַזעלכע מאָדנע זאַכן... נאָר אַמאָל טוט עס ווי באַלד נאָכדעם, און אַמאָל, פאַר-קערט, איז עס גוט.

און עפּשער האָט זיך אים עס אויסגעדוכט? זיכער, דאָס האָט זיך אים בלויז אויסגעדוכט. עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז דער פּאַפּאַ זאָל עפּעס אַזוי מאָדנע זיין, און זיך אַזוי פרעמד-ווייטאָק-דיק מיט אים שפּילן. אַוואַדע, דאָס האָט זיך אים, רואווועלען, בלויז אויסגעדוכט, אַז מע האָט אים געשמיסן. עס איז גאָרניט געווען, גאָרניט.

עס האָט אים אינגאַנצן געפיבערט, אַ היץ האָט אים אַרומ-געוויקלט, און זיין מויעכל האט זיך אלץ ניט געקענט באַרואיקן. עפּשער פאָרט — עפּשער האָט ער געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין? —

— אַ, יאָ... איצט ווייס ער שוין...

ער האָט די הילצערנע פערדעלעך און די קאַרטאָנענע שי-פעלעך אינמיטן שטוב איבערגעלאָזן. האט זיך די מאַמע איבער אַ קליין אקרענטל דעם פוס פאַרטשעפּעט. האט זי דעם פּאַפּאַ דער-ציילט. האט דער פּאַפּאַ אים דערפאַר געשמיסן.

נאָר דער פּאַפּא איז דאָך אַלעמאָל געווען אזא שווייגנדי-קער און גוטער. פאַרוואָס-זשע טוט אים איצט אזוי ווי? פאַרוואָס?

רואווועלע האט זיך געביסן דעם קולאָקל פון גרויס ווייטיק, כּאר זיך געשראָקן צו שרייען אינמיטן דער נאַכט.

ער האָט באַ זיך איבער אָפּגעמאַכט:

דעם צווייטן מאָל, אַז ער וועט זיך שפּילן, וועט ער די וואַגאַנטשיקעס און די שיפּעלעך טיפער און נעענטער אַרום זיך אַרומשטעלן, און וועט זיך אונטער זיי באַהאַלטן, יאָ.

פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך באַהאַלטן און באַשיצן אונטער די שיפּעלעך.

.13

באַ דעמדאָזיקן געדאַנק איז אים בעסער געוואָרן. דער וויי-טאָק האָט זיך מער ניט געפילט.

די נאַכט איז געווען שטיל און האָט געציטערט.

— וואָס איז דאָס? — רופט זיך אָפּ ראָוועלע מיטאַמאָל.

ער האָט דערהערט טריט און אַ שטיל געזאַנג. טריט אַף יענער זייט וואַנט. אַ מענטש האָט דאָרטן האַסטיק און פאַרשפּאַרט אַרומגעשפּאַנט. אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, און אַ סטעזשקע איבער דער פּאַדלאָגע אויסגעטראָטן, אַ סטעזשקע אַ ליכטיקע. אַרומגעשפּאַנט און אַרומגעשפּאַנט... און אָט — ער האָט שוין מער ניט געזונגען, אָט יענער מענטש. —

ער האָט געוויינט.

ראָוועלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז און אײַנגאַנצן אויפהויבן פון זיין געלעגער און זיך רוקן אַלץ נעענטער צו דער וואַנט. נאָר אין דער מינוט האָבן די טריט אַף יענער זייט אויפגעהערט. ער, ראָוועלע, האָט צוגעשפּאַרט זיין קאָפּ צו דער וואַנט.

יענער מענטש, דער, וואָס האָט פריער געוויינט און איצט האָט ער שוין מער ניט געוויינט, האָט, אַפּאָנים, אויך דאָס זעלבע געטאָן. זיי האָבן ביידע די קעפּ געהאַלטן אַזוי אָנגעשפּאַרט איינער אָן דעם אַנדערן, נאָר די וואַנט איז געווען צווישן... יענער האָט צו אים גאָרניט גערעדט, נאָר בלויז געגלעט אים — געגלעט דורך דער וואַנט.

ראָוועלען איז געוואָרן וואַרימער, הייס אַזש. ער האָט געשמייכלט פון האַנאָע און גוטקייט און זיך געטוליעט צו דעם אומגעזעענעם אַף יענער זייט וואַנט. נאָר באַלד האָט ער זיך אָנ-געהויבן פילן מיד. אַ זיסע פאַרכאַלעשטקייט איז אים באַפאַלן. ער איז גאָר שוואַך געוואָרן און איז אַנידערגעפאַלן אַף זיין געלעגער, — אַנידערגעפאַלן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַן אָפּע-געם מיילכל.

.14

פלוצלונג איז געוואָרן ליכטיק אַרום אים.

אין שטוב איז אַפילע געווען טונקל. טאַטע-מאַמע האָבן, ערשעפּטע און טאַיוּוע-אויסגעמאַטערטע, געבראָפּעט. נאָר אַרום רואוועלען איז דאָך געווען ליכטיק. גאָלדענע רעדער האָבן זיך אים פאַר די אויגן געדרייט. אַ גרויס ליכט וויקלט אים אײַנגאַנצן אַרום, אַ ליכט, ניט קיין זומערדיקע, און ניט קיין ווינטערדיקע, — אַ גרויס, בלוי ליכט.

אַף אַן אַקרענט איז ער איצט געפאָרן איבער אַ בלוי באַגאָלדעטן וואַסער. געגנז אַזעלכע ווייסע שווימען אַפּן וואַסער. זייערע הויך-שנייאיקע העלזער בויגן זיי אין גליטשיקע האַלב-און פּערטל-קרייזן. און ער, רואוועלע, שווימט אַפּן וואַסער, שווימט אַפּן רוקן פון אַ ווייסן גאַנז. אַ באַקעטליכטיקער איז ער און שמייכלט אײַנגאַנצן מיט ווייס-קוקנדיקע אויגן. אין האַנט האַלט ער אויפגעהויבן א גאָלדענע רוט, מיט וועלכער ער ווייזט אָן דעם וועג דער גאַנז. שטיל שווימט ער איבערן באַגאָלדעטן און זוניקן וואַסער, — שווימט צו אַן אומבאַקאַנטן און ווייטן לאַנד.

.15

אַף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן. ער איז אומגעגאַנגען אַ שטילער, און מיט אַ וואונדערנדיק געפיל ארומגעטאַפּט די זאַכן און דאָס מעבל אין די כאַדאָרים, ווי ער וואָלט זיי ערשט צום ערשטן מאָל דערזעען. אָדער, — ער האָט זיי טאַקע אַמאָל געזעען, נאָר אַ לאַנג-לאַנגע צייט איז ער געווען אָפּגעשיידט פון זיי...

— ער איז ערשט היינט אין דער פרי צוריקגעקומען פון אַ לאַנגער נעסיע...

ער האָט געקוקט אַף זיין קליין שוועסטערל, וועלכע איז שוין העכער פיר יאָר אַלט געווען, און עס האָט זיך אום אויסגעדוכט, אז ער זעט עס ערשט צום ערשטן מאָל. זי איז איצט אַ נייע, און אַ נאָך-קיינמאָל געזעענע.

דער טאַטע איז אין הויז שוין ניט געווען. און אַז די מוטער איז אין קיך אַף אַ ווײַלע אָפּגעטראָטן, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם פּרעמד-נייען שוועסטערל, און מיט א סאד וויכטיקייט און אַ שמייכל אין די אויגן, — ווי באַ איינעם, וואָס האָט געזעען

זאכן, — איר אָנגעהויבן צו דערציילן, גיך, און געהיימניספול, און געאיילט:

— ווייסט?... איך ווייס... עס איז דאָ א בלוי וואַסער, און זיינע ברעגן זיינען באַגאָלדעט, און שיפן גייען דאָרטן... און צווישן זיי שווימט אַן אקרענט אַזאַ, ווי א ווייס־שנייאיקע גאַנז מיט אַן אויסגעבויגן־קיילעכדיקן האַלז. און אַף דעם שיף וועל איך נאָך אַ מאָל אַוועקפאָרן. ווייל...

נאָר די מוטער איז דאָ אַריינגעגאַנגען. האָט ער אָפּגעהאַקט זיין דערציילונג אינמיטן. עס איז שוין צייט צו גיין אין שול.

אָן די שמיץ האָט ער זיך שוין פאַרגעסן.

און אַפן וועג אין שול האָט ער פריידיק אזש אונטערגע־שפרונגען.

.16

און אָט אַזוי איז ער ווייטער געוואַקסן.

ער איז געוואָרן שטילער, שווייגנדיקער און אין זיך פאַרטאָן, מיט די אַרומיקע האָט ער גאַנץ ווייניק מאכזאקעס געהאַט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַפילע נאָך קריגן אַ זעץ פון דער מאַמען, ווען ער פלעגט אַזוי בלייבן זיצן באַם טיש בעשאַסן עסן, פאַר־טראַכט מיטן לעפל אין מויל, און זיין רעכטע האַנט אומבאַוועג־לעך באַם לעפל־הענטל.

— פרעס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!... דוסט פאָפּן שפעטער?

האָט אָנגעהויבן עסן גיכער, און פלעגט זיך די צונג אַזש אָפּבייסן, און די ליפּן אָפּברענען, און איז געווען צופרידן, ווען ער האָט באַלד געקענט פון טיש אַוועקגיין.

נאָר אַרן האָט עס אים מער ניט געאַרט, ווייל עפּעס האָט ער דאָך געוואוסט אַזוינס, וואָס קיינער אַרום אים האָט עס ניט געוואוסט.

און ער איז ווייטער געוואַקסן.

.17

ער איז שוין געווען אַלט אַכט יאָר.

מע האָט זיך צו אים צוגעוואוינט און אָנגעהויבן לאָזן אים צורו. אי טאַטע־מאַמע, אי די לערערין.

— אַ טאַמעוואַטע קינד. אַ פאַרפאַלענער. גאָטס קלאָלע.

און אים האָט זיך אַלץ געכאָלעמט. אַ וואַסער מיט אקרענטן...

באַנאַכט, אַפּן געלעגער, פלעגט ער הערן דאָס ווייטע פייפן פון לאָקאָמאָטיוון. אן אייזנבאַן-ליניע האָט זיך געפונען אַ מייל-צוויי פון זייער הויז. און באַנאַכט פלעגט די אייזנבאַן-ליניע, צוזאַמען מיט די דורכלויפנדיקע צוגן, נעענטער ווערן, און צוקומען צו די פענסטער פון ראוועלעס כיידער, און דורכלויפן דאָרטן — דורכלויפן פון זיין פאַרגעניגן וועגן.

ער האָט דעמאָלט ניט געקענט איינשלאָפן. עס האָט אים געהויבן פון געלעגער. אַ הוילער, אין דעם לאַנגן ווייסן שלאָף-העמד — ער האָט זיך ליב געהאַט אין דעם לאַנגן שלאָף-העמד, ווייל אַזוי האָבן זיך מענטשן געמוזט אָנטאָן אין די ווייטע לענדער, וואָס מע זעט אין דער בלויקייט פון דער נאַכט — האָט ער זיך אַף די שפּיץ-פינגער צום פענסטער צוגעגאַנוועט, און מיטן בלייכן שטערן דורכן פענסטער צו דער נאַכט זיך געבוקט.

אך, די נאַכט... די נאַכט איז אַ וואונדערבאַרע פליסיקייט אַזאַ, וואָס פאַרבט אַלע זאַכן אָפּ אַף ס'ניי. אַ נייע וועלט הויבט זיך דעמאָלט אויף. אַ נאָך-ניט-געוועזענע וועלט. די באַטאָגיקע הייזער ווערן אין אויסטערלישע פּאַלאַצן איבערגעאַנדערשט. אין פּאַלאַצן מיט טורעמס און דינע טורעם-שפּיצן, ווי זילבערנע נאָדלען. און אַזוי פיל לאַמטערנעס, און פייערן, און ליכטפינטע-לעך... ווי אין אַ שטאָט, וואָס איז ניטאָ.

אָט אין אַזעלכע נעכט איז עס באַ ראוועלען פּאַמעלעך געוואַקסן און אויסגעוואַקסן דער געדאַנק, אַז דאָ, צווישן די אַרומיקע, איז ער בלויז אַף אַ ווײַלע... און אָט דעריבער, אַפּאָנים, איז שוין באַ אים אַלע מאָל אַ שטיל שמייכל אַרום די ליפּן געלעגן, ווי ער וואָלט געוואוסט: אין אַ געוויסן טאָג וועט ער אַ מאַך טאָן אַזוי מיט זיינע הענט-פליגלען, אַ מאַך טאָן, זיך אויפהויבן — און ניט ווערן.

אַז ער וועט עלטער ווערן, איז באַ אים געבליבן, וועט ער אַוועק פון דאַנען, און אַ פּאָר טאָן אין די ווייטע לענדער, וועלכע זיינען פאַרשידן און אַנדערשדיק, ווי דאָס לאַנד, אין וועלכן ער וואוינט. די מענטשן זיינען דאָרט נייע, אָנגעטאָן אין ווייסן, און שמייכלען, און... און... און אַלץ. דאָרט וועט ער קענען זיצן באַם ברעג פון אַ גלאַטער בלויקייט ווען ער וויל, און זיך פאַרטראַכטן ווען ער וויל. און מע וועט אים בעשאַס מאַיסע

ניט איבערפאָרן, און מיט די שיכלעך אַף אים ניט טרעטן. און פּאַפּאס וועלן דערפאַר ניט שמייסן, און מאַמעס וועלן ניט שלאָגן און ניט שרייען:

— גוואלד, וואָס האָט ער צו זייער לעבן.

ער פלעגט שטיין אַ שטיק נאַכט באַם פענכטער און קוקן אינם דרויסן, וואָס איז געווען באַזייט מיט געלע און בלויע פייערן. דורכן פענסטער האָט זיך אַ וואסער אַרויסגעזעען, און שיפן און פילמאַסטיקע דאַמפּערס האָבן זיך איבער אים געצויגן. זיי זיינען ערגעץ געפאָרן. ער האָט ניט געוואוסט — וואוהין. ער האָט אָבער יאָ געוואוסט, אז דאָס פאָרן זיי אַוועק. פון הי, ווייט פון דאַנען, אין די לענדער, וואָס מעאייוועד לאיאם.

.18

ער איז עלטער געוואָרן.

זיין לעבן איז, לויט אלע אויסערלעכע סימאָנים, געגאַנגען ווי געוויינלעך דאָס לעבן פון אַ קינד. מיט די איבעריקע שול-כאַווירים האָט ער זיך מיטגעשלעפּט פון איין קלאַס צום אַנדערן, פון אַ נידעריקערן צו אַ העכערן. זיין האַרץ איז אָבער ניט געווען דערביי, באַם לערנען, ער איז עס אלץ פאַרבייגעגאַנגען, ווי אַ זייטיקער, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געגאַנגען אַף יענער זייט פון אַ פלויט.

די לערערין פלעגט אים אָפטמאָל מיט דער ווירע איבער די הענט שלאָגן, ווען ער פלעגט דעם אָרט אין בוך אַזוי גיך ניט קאָנען געפינען. די קינדער פלעגן פון אים אָפּלאַכן, און זיך האַלטן גרעסער און וויכטיקער פאַר אים. און ער פלעגט זיך פאַרשעמען בעשאַס מאַיסע, ווען די לערערין פלעגט אים כאַפּן מיטן פאַרבּרעכן אין האַנט, און שווער איז אים געווען צו געבן אַ טערעץ.

— פאַרוואָס הערט ער זיך ניט צו צו דעם, וואָס מע לייענט?

פלעגט ער פאַרשעמט ארונטערלאָזן די אויגן.

נאָר געוואוסט האָט ער באַ זיך אין האַרצן.

— א, ער וויס מער פאַר זיי... נאָך גאָר גרויסע און ווייטע זאַכן זיינען אים באַשערט אין לעבן, — זאכן, פון וועלכע עס כאָלעמט זיי זיך אַפילע קיינמאָל ניט...

אויב זיי כאָלעמען גאָר אינגאַנצן.

.19

אָבער אין לימוד האָט ער יאָ ליב געהאַט אין סקול. דאָס איז געווען געאָגראַפיע.

זיינע אויגן פלעגן שמאָל-מאַנדלדיק און לענגלעך פאַרטראַכט ווערן באַם זוניקן, ווייט זינגענדיקן קלאַנג פון די אומבאַקאַנטע מעקומעס. זאַנזיבאַר... מאַדאַגאַסקאַר... פערנעמבוקאָ... ריאָ-דע-זשאַ-ניירא... קאָרדיליערן... סיערראַנעוואַדאַ... פאַמפּאַסן... לאַ-פּלאַטאַ... סאַן-סאַלוואַדער...

מיט די פינגער פלעגט ער באַטאַפּן די גראַווירטע אילוסט-ראַציעס אין געאָגראַפישע לער-ביכער, און פלעגט דערביי האָבן דאָס געפיל, אַז ער רייַבט זיך סאַמע אין דער קאָרע פון די געווירצט-באַפאַרבטע בוימער אין הייסע טראָפּישע וועלדער, און אָן דעם זאַמד פון הייס-צעגליטע מידבאָריעס.

דערנאָך, אַז ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט ער פיל דערפון טראַכטן... און אַז עס פלעגט אָוונט ווערן, פלעגט ער זיך אַנידערשטעלן באַם פענסטער און אַ לאַנגע צייט קוקן אויפן פאַס פונם לאַנג איילאַנד-סאַונד, און מיט די אויגן נאָכפאָרן די ווייטלעכע פיל פייערדיקע שיפן, וואָס פלעגן פאָרן אין אָט יענע ווייטע לענדער.

אַזוי אָוונט נאָך אָוונט.

.20

רואַוועלע איז שוין איצט געווען אַ גרויסער אינגל. ער פלעגט פון צייט צו צייט אַפילו אַ האַלזטוך אָנטאָן. שוין קאָרעט צו ניין יאָר אַלט געווען — האָט ער שוין געוואוסט איצט, אַז אין ניו-יאָרק איז דאָ אַ האַפן און פון דאָרטן גייען עס אָפּ אַלע שיפן צו גאָר די עקן פון דער וועלט.

וואו געפינט זיך אָבער דער האַפן? אָט דאָס דאַרף מען אויסגעפינען. און ביכלאַל — ווי קומט מען אַהין?

און אַז מע זוכט, זאָגט מען, געפינט מען — אַמאָל... און גראָד איז דאָס געווען דער פאַל איצט.

אַ גליקלעך קינד איז ער געווען, דער רואַוועלע, און באַשערט איז אים געווען נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן זיין האַרצנס-באַגער צו קריגן.

עס האָבן זיך אין שול עלטערע קינדער געפונען, וועלכע

זיינען שוין געווען „דערוואַקסענע", און פּאָר אַזוינע זיך געהאַלטן, האָבן די סיגאַרעטן-שטיקלעך פון די טראָטואַרן געקליבן, און נאָכן שול מיט צייטונגען געהאַנדלט, און אַ וועלט זיך דעריבער אָנגעזעען.

פון זיי האָט ער זיך ביסלעכווייז דערוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך אין ניו-יאָרק ווי דאַון-טאַון. און דאָס איז אַ שטאָט אין אַ שטאָט און אַ מעדינע אין אַ מעדינע. און דאָרטן איז עס דאָס ריכטיקע לעבן, פול מיט אַוואַנטיורעס און אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען. דאָרטן ווערן מענטשן געהארגעט, קינדער ווערן צו-געכאַפּט, מיידלעך ווערן ניט מאַמעש אונטער די הענט, כינעזער האַנדלען דאָרטן מיט מאָדנע געווירצן און אָפּשרעקנדיק-צוציענדיקע מאיכאָלים און איידל-בסאַמימדיקע סאַמען. און, דעראיקער, — שיפן גייען אָפּ פון דאָרטן, אַסאַך אקרענטן פאָרן פון דאָרטן אָפּ אין די מעדינעס, וואָס מעאייוועך לאיאם.

און אַהינצו, אין פרעמדלאַנד — דער אָטעם ווערט פאַרכאַפּט אַזש און דאָס האַרץ הויבט אָן גיכער צו קלאַפּן דערפון — איז גאָר ניט אַזוי שווער צו קומען. ניין, גאָרניט.

— מיט איין „ניקל"!¹).

מע נעמט בלויז די לופט-באַן און שוין.

און דידאָזיקע דערציילונגען זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם אינגלס האַרצן, ווי קערנער אין אַ שוואַרץ-צעווייכטער פרילינגס-ערד, און האָבן זיך דאָרטן פאַנאַנדערגעבליט און פאַנאַנדערגעוואַקסן — בוימער אונטער אַ שטילן וואַסער.

דער שטילער ווייסנדיקער שמייכל איז פון רוואוועלעס פּנים פאַרש״אונדן. שטיל איז ער געוואָרן, שטילער נאָך און שטענדיק פאַרטראַכט. אַ ציטער האָט אים אינגאַנצן אַרומגענומען, ווען ער האָט געמאַכט זיינע פּלענער, אַ ציטערדיקע פרייד און אַן אַנגענעמענער שרעק.

עטלעכע וואָכן האָט זיך רוואוועלע אַזוי געגרייט. ער האָט געקליבן אַ פּענע צו אַ פּענע, און האָט אויפגעקליבן צוואַנציק סענט. און אין איינעם אַ טאָג האָט ער באַשלאָסן:

— היינט איז דער טאָג פון אַלע טעג.

ער האָט בעסאָד איינגעפּאַקעוועט אַ פּעקעלע, אַריינגעלייגט אַהין אַ פּאָר פוטער-ברויטן, אַ ריין ווייס העמדל און אַ געאָגראַפיע-

1) פינף סענט.

בוך. האָט אַ קוש געטאָן דער שוועסטערל, געזאָגט דער מאַמען, אַ גוטן טאָג און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

נאָר אָנשטאָט צו גיין אין שול, איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט דער שטילער, ענגער גאַס, וואָס פירט צו דער לופט-באַן-סטאַנציע.

— און מער וועט ער שוין צוריק ניט קומען.

.21

ער איז געפאָרן און געפאָרן מיט דער לופט-באַן פאַרביי סטאַנציעס מיט אומבאַקאַנטע נעמען.

דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מע יאָגט זיך נאָך אים נאָך, וואָס ער האָט זייער געוואָלט... נאָר וואָס דען — מע זאָל אים ניט כאַפּן.

ער האָט זיך אָבער פאַרגעסן, וואו מע דאַרף עס אַרונטערגיין. נאָר איין וואָרט איז אים אין זיקאָרן איבערגעבליבן. ער איז צוגעגאַנגען צום קאָנדוקטאָר און באַ אים, מיט אַ שטיל-פאַרשעמט קאָל, געפרעגט, מוירע האָבנדיק, אַז מע זאָל אַף זיין פּנים עפּעס ניט אויסגעפינען.

— וואו איז דאָ ערגעץ די באַוערי?

דער צוג האָט געליאַרעמט. אינם שטאָל פון די טירלעך האָבן געבריאַזגעט די קייטן. מע האָט קיין מענטשלעך וואָרט ניט געקאָנט הערן. אַ רויט-פאַרשיקערט געזיכט האָט אים דער קאָנדוקטאָר צוגערוקט:

— אַ-וואָס?.. וואָס פישטשעסטו, קליינער?.. רייד העכער!

און ראַוועלע האָט זיך שוין געפילט שולדיק, גלייך ווי ער וואָלט אַ טעלער זופּ אומגעקערט.

— באַוערי... כ'מיין באַוערי... איר ווייסט דאָך! וואו גייט מען דאָ אַרונטער? כ'דאַרף נויטיק... כ'בעט אייך, זאָגט!

דער קאָנדוקטאָר האָט אים אַרונטערגעלאָזן אויף טשעטהעם סקווער.

.22

ער איז אַרויסגעלאָפן פונם צוג צוזאַמען מיט די איבעריקע פּאַסאַזשירן.

ער איז געבליבן שטיין און ניט געוואוסט, וואוהין ווייטער צו גיין, און וואוהין זיך צו קערן. ער איז גאָר מעוואולוואול גע-

וואָרן. נאָר ער האָט באַלד אויפגעהויבן אַ פוס, און דערנאָך דעם צווייטן, און דערזעען, אַז נישקאָשע, — ער קען גיין.

האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט שוין טרעפן.

עס האָט אים געררוישט אין די אויערן. ער האָט אויפגעהערט צו פילן און צו באַנעמען איינצל-זאַכן, דאָס, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. איין גרויס גערויש איז געווען אין אים און אַרום אים. ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ גרויס שטורעמדיק וואַסער, און ער טרינקט זיך. און דאָס וואַסער בולבעט אין אים אַריין דורך די אויערן, דורך די נאָז-לעכער און דורך די אויגן-עפענונגען.

און אַזויפיל מענטשן לויפן. און זיי וואַרפן אויף אים אַלע ווײַלע אַ קאַסדיקן בליק, אַפּאָנים פאַרוואָס ער פּלאָנטערט זיך זיי אונטער די פיס

נאָר ער איז פונדעסטוועגן ווייטער געגאַנגען. דער דראַנג צום יאַם איז געווען פאַרפאַלענערהייט אין אים! ער האָט מיט אויגן אַלץ געזוכט אַ בלויען וואַסער-פלאַך, אָנגעפילט מיט שיפן.

ער איז באַלד אַריינגעגאַנגען אינם כינעזישן קוואַרטאַל. און געדוכט האָט אים, אַז ער איז שוין אין פרעמדן לאַנד.

די מאָדנע שטריכעלעך-אויסיעס, די קיינמאָל-געזעענע פייר-פאַרביק-געאַרבעטע זיידענע קליידער, די בלייך-גערונצלטע געזיכטער, ווי מאַסקעס, די ענגע געדריידלטע גאַסן... ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אַלץ האָט צו טאָן מיט ערעוו-האַפן, מיט די ווימען פון אַ פּאָרט-שטאָט.

און ער האָט ווייטער געבלאָנדזשעט... האָט ער ענדלעך באַשלאָסן פרעגן בײַ די דורכגייער דעם וועג. אַ וואוילהאַרציקער מאַן האָט אים פאַרשמייעט-שמייכלענדיק אויף זיין שאַילע געענטפערט:

— דו גייסט צוערשט אַהערצו, אינגעלע, נאָכדעם אַהינצו. אינגעלע. נאָר פאָרזיכטיק, אינגעלע. מע וועט דיך נאָך איבערפאָרן אינגעלע!

און רוואָלע איז ענדלעך אָנגעקומען אַהינצו.

ער איז געווען אַ גליקלעך אינגעלע, און עס איז אים באַשערט געווען אָנצוקומען נאָך גאָר יונגערהייט צום אָרט פון זיין ביינקען און צום אָרט פון זיינע כאַלוימעס.

דאָס האַרץ האָט אים געצאַפּלט, און ער איז שיִער ניט אומגעפאַלן באַם אַנבליק פונם האַפן. ער האָט זיך געמוזט אַוועקזעצן אַף אַ באַנק אין בעטערי-פּאַרק.

דאָס אַלץ מיטאַמאָל איז געווען צופיל פאַר אים. אַף דעם אַלעם האָט ער זיך שוין ניט געריכט. אַזאַ בלויקייט! אַזאַ וואַסער-פעלד! אַ גאַנצע וואַסער-מעדינע, פון וואַסער טיילן זיך אויס פויגלען אַזעלכע ווייס-שנייאיקע, ווי די „קעפּלעך" פון שווימיקע כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך אויף פון צייט צו צייט אַף דער אייבערפלאַך פונם וואַסער וואַלטן זיך אין דער לופט אויפגעהויבן... רויכן פון שיפן קרייזן זיך אַוועק אין דער בלויקייט אַריין. און שיפן אַזוי פיל, און שיפעלעך אָן אַ צאָל און מאַסטן!

מאַסטן, טונקעלע און שטיל-פאַרפּלאָנטערטע מיט שטריק און שטריקעלעך, ווי כאַלוימעס-געוועבן. און אין איינעם פון אָט די-דאָזיקע געוועבן, גאָר הויך, איז אַ מענטש אַרויפגעקלעטערט, און פון אונטן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ פליג, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ שפּין-געוועב.

— ווי גוט עס איז אין דער הויך — טראַכט זיך דער אינגעלע.

און ער איז אַזוי געזעסן שאַען גאַנצע אַף דער באַנק. און אַזוי דעם גאַנצן טאָג. און גאָר קיין הונגער ניט געפילט.

נאָר מע דאַרף דאָך פאָרט דורכפירן דעם פּלאַן, צוליב וועלכן ער איז אַהער געקומען. און דאַ הייבט שוין אָן ווערן אָוונט. און רויט בלוט און צעפלאַסענער גאָלד הייבן זיך אָן גיסן פון הימל-זוים אין וואַסער אַריין.

און אין דעם וואַקסנדיקן אָוונט איז ער מיט שטילע אומזיכערע טריט צוגעגאַנגען צו אַ קליין פּאַראָם-שיפל, וואָס איז צוגעשוואומען צום ברעג.

— דאָס שיפל איז אַוואַדע אַ פּיראַטן-שיפל...

אַ מאַטראָס איז געשטאַנען באַם בריקל, וואָס איז איבערגעוואָרפן געוואָרן פונם שיפל צום ברעג. דראָוועלע איז צו אים צוגעגאַנגען, שטאַרקער צוגעטוליעט דאָס פעקעלע אונטערן פאַכווע און אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— גוט מאָרגן, מיסטער! דאָס זייט איר דער קאַפּיטאַן?

אַ פליישיק רויט פּאָנים, צעקאַרבט און צעגריבלט פון פּאָקן

פון מעסער-שניטן, אין קופער-כאַרברענט און אויפגעגעסן פון זאַל-ציקן יאַם-ווינט — ווי אַ פּיראַט האָט דער מענטש טאַקע אויסגע-זעען — אַזא מין פּאָנים האט זיך צו אים צוגערוקט און האט אף אים צערייצט א ברום געגעבן.

— ניין! וואס איז דען? וואס דארפסטו דעם קאַפּיטאַן?

— איך בין געקומען צהער צו אייך... און אַט בין איך... איך וויל בא אייך אַרבעטן. איך האָב מיר מיין אייגן העמדל גע-בראַכט. זי איז א ריינס, ניט קיין פאַרבלוטיקט. איך וויל מיט אייך אַרבעטן, און פארן אף אייער שיף, וואָס גייט אין די ווייטע לענדער.

דער מאַטראָס, דאס פּאָנים איינגעשמירט אין קויל און אין פעטס, האָט דערצאָרנט געקוקט אף דעם האזעדיקן אינגל.

— פּאָשאָל וואָן פון דאַנען, מאַמזער דו איינער, דריי מיר ניט קיין ספּאָדעק, גיי צוריק צו דיין שיין קעסטעלע און פוץ לייטן די שיך.

נאָר רוואוועלע האָט אלץ געטאַינעט:

— אנטשולדיקט מיר, — האט ער געזאָגט — איך פוץ ניט קיין שיך. מע האט עס מיר ניט געלערנט, און דעריבער קאן איך עס ניט. קיין קעסטעלע אף פוצן שיך האָב איך אויך ניט, נאָר איך האָב דערפאַר א היים. אהיים אָבער קאן איך ניט גיין, ווייל די מאַמע וועט מיך שלאָגן, און דער פּאַפּאַ וועט מיך שמייסן, ווייל איך בין היינט אין סקול ניט געגאַנגען. איך וועל בעסער גיין מיט אייך. איך וועל אייך זיין פון גרויס נוצן, ווייל איך ווייס אַסאַך וועגן ווייטע לענדער. — איך ווייס זייער אַסאַך וועגן ווייטע לענדער.

.24

ער האט זיך אנידערגעזעצט אף דער שיפס קלאַדקע, האָט פאַנאנדערגעבונדן דאס פּעקעלע און ארויסגעלייגט די זאַכן.

— אָט דאס א — איר זעט? אט דאס איז א בוך אַזא, און פון דאנען ווייס איך עס אַלץ, וועגן די ווייטע לענדער, וואס מעאַיִיווער לאיאם. און דאָ האב איך נאך פופצן סענט — איך האב געהאַט צוואַנציק, האב איך פינף סענט אויסגעגעבן אַף דער רייזע אהער — און עסן פאַר זיך האב איך אויך, און א ריין ניט פאַרבלוטיקט העמדל.

האט דער מאַטראָס אים אָנגעקוקט ווי א ביין-וואונדער

ער האט שוין מער די מעשוגענע שטיק פונם גאסן-אינגל ניט געקאָנט אויסהאַלטן. זיין מענטשלעכער געדולד האט אים פּאָשעט געפּלאַצט.

— אַוועק פון דאַנען, בייסטרוק איינער! — האָט אים דער מאַטראָז ווירעראַמאָל געגעבן צו פאַרשטיין — מאַרש פון דאַנען צום טייוול...

מיטן גרויסן פוס — באַשטיוולט אין גלאַנציקע גוטאָפּערטשענע שיך האָט ער אויסגעצויגן ווי דער לאַנגער נאָז פון א העלפאַנד — האָט ער ארונטערגעשליידערט רואווּעלעס פאַנאַנדערגעלייגטע זאַכן פונם שיף-בריקל אין וואַסער אריין. דערנאָך האט ער אנגענומען רואווּעלען פאַרן העמדל ארום האַלז — אַט פּונקט, ווי א גרויסע קאַץ נעמט אָן א קליינע קעצעלע, — און אים אַפּן ברעג ארונטערגעשטעלט.

— ביזט מעשוגע, אָדער קראַנק, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען? וואַרף זיך אוועק פון דאַנען, איידער איך קלאַפּ דיר מיטן פוס די איינגעווייד פון דיין שמוציק מאָגן ארויס, איטאַליענישער מאַמזער דו...

האט ער גראָד א טאָעס געהאַט, ווייל רואווּעלע, ווי עס איז צו זעען פון זיין נאָמען, איז גראד געווען א אידיש קינד, ניט קיין איטאַליענער.

.25

און ווי רואווּעלע האָט דערזעען, אז אלע זיינע זאַכן זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער, און זיין ריינע העמדל אויך, און דאָס בוך, וואו ער האָט דאך אליין געלייענט וועגן די ווייטע לענדער און די פאַרכאָלעמטע וויס-אָנגעטאָנענע מענטשן דאָרטן, איז שוין אַוואַדע געלעגן איצט א דורכגעווייקטער אפן דנאָ פונם יאַם — האט ער שוין עס מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. זיין הערצל האט אים אזוי שטאַרק פאַרקלעמט, ווייל דאס פּעקעלע האט אַנטהאַלטן אין זיך די איינציקע טייערע און געטרייע זאַכן, וועלכע רואווּעלע האט פאַרמאָגט. און זיי זיינען שוין איצט מיטן וואַסער אַוועק...

איז וואָס זשע האט ער געקאָנט טאָן?

האָט ער אנגעהויבן וויינען, און זיין געוויין האט זיך וואָס א מינוט, אַלץ מער געשטאַרקט.

— ס׳איז א ליגן? — האט ער געשריען מיט א וויינענדיקן

קאָל. און דאס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואס ער איז אין קאָעס געוואָרן — ס'איז א ליגן! דו ביסט גאָר קיין מאַטראָס ניט, און דיין שיף איז גאָר קיין שיף ניט, און די ווייטע לענדער, וואוהין דו פאָרסט, זיינען גאר ניט קיין ווייטע לענדער, און דו ביסט אינגאַנצן א ליגן, א ליגן!

און ער איז א כליפענדיקער אוועק פונם ברעג.

און איצטער האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן פילן הונגעריק... אוי, ווי הונגעריק און מיד. מאָדנע, וואָס ביז איצט, ווען ער האָט געדיינקט, אז מע וועט אים נאָך נעמען אף דער רייזע אין די ווייטע לענדער, האט ער גאָר דעם הונגער ניט געפילט, וואלט ער זיך עפשער אף א באַנק דערוויילע צוגעזעצט, ביז וואַנען ער וועט אָפּזוכן אַן אַנדער שיף, אַן עמעסן שיף?

ער האט טאָקע אזוי געטאָן.

.26

און מער האָט ער שוין א שטיקל צייט ניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

ער האָט געגעכטיקט ערגעץ אין א פּאָליס-סטיישאָן.

אף מאָרגן אינדערפרי איז זיין מוטער געקומען אין סטיי-שאָן, אים אָפּן האַלז ארויפגעפאַלן און געוויינט.

— קינד מיינס — האט זי זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט, — וואו ביסטו דאָס געווען? פאַרוואָס האסטו אונז פאַרלאָזן? וואס האבן מיר דיר דען שלעכטס געטאן? מיר האבן דאך נאָך דיר אזוי געביינקט און געזוכט, אזוי געביינקט און געזוכט... ווי איז מיר...

— און וואוהין ביסטו דאָס אַוועקגעגאַנגען — מע האט דאָך דיר כאָס-וועשאָלעם געקאָנט איבערפאָרן! ווי און וויינד איז דער מאַמען.

און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט און פאַנאַנדערגעכליפּעט פון גרויס פרייד, וואָס מיט אים האָט קיין אומגליק ניט פאַסירט.

אף דעם ווייס העמדל איז איצט אַפילע ניט געווען צו גע-פינען קיין בלוט-פלעקן, ווייל עס איז בלויז געווען איינגעריכט אין קויט. דאָך, שפעטער, אין אָוונט, ווען מע האָט אים געבראַכט אהיים, האָט אים דער פאָפאַ ווידער געשמיסן, ווייל זיי האָבן אים אזוי ליב געהאַט, און מע האָט אים נאָך געקאָנט איבער-פאָרן. און די האַרץ האָט זיי זייער ווי געטאָן איבער דעם אומ-גליק, וואָס האָט געקאָנט פאַסירן.

נאָר רוואוועלען האט איצט גאָרניט געארט. ער האט גאָרניט געהערט. ער האָט אפילע ניט געוויינט. נאר ער איז בלויז צוגעפאלן צו דער מאַמעס שמוציק-שטינקענדיקן קלייד, און האט זיך מיט די ציינדלעך איינגעגעסן אין דעם פעטן, פון כיילעוו גלאַנצנדיקן זוים.

אָבער די מאַמע האט שוין ווידער אלץ געהאַלטן אין איין וואָרטשען און אין איין אומפאַרשטענדלעכן טאַינען:

— און צוליב וואָס האָט זי גאר איינגאנצן אים געדאַרפט ברענגען אף דער וועלט? צוליב וואָס? האַ?

און ער האט זיך מיט די ציינדלעך שטייפער אין דעם שטינקענדיקן קלייד אירן איינגעביסן. און פון צווישן זיינע צונויפגעקוועטשטע ציינדלעך האָט זיין מוטער קוים געהערט, ווי עס זייען זיך אַרויס בעטנדיקע ווערטער:

— מאַמע, איך בין אזוי מיד, מאמע... לאָז מיר זיך לייגן שלאָפן, פליעז[1], — ער פלעגט אזוי שיין-רירנדיק און קינדיש ארויסזאָגן דאס וואָרט „פליעז" — מאַמע, — האט ער זיך אלץ געבעטן, — לאָז מיר זיך לייגן שלאָפן, פליעז, איך בין אזוי מיד, אזוי מיד.

---

1) איך בעט דיך.

שוואַרץ אַף ווייס

בערנאַרד קאָהען האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אין דער קליינער שטאָט נ. אין צאָפן—קאַראַלינאַ.

די שיף פון ניו-יאָרק קיין נאָרפאָלק, אין ווירדזשיניע, האָט זיך איצט געטראָגן גיך איבער די וואַסערן פונם אטלאַנטישן אָקעאַן.

די וואַסערן פונם אָקעאַן האָבן זיך געהויבן און געשוואָלן פון ברייטקייט פון דעם באַוואוסטזיין פון אייגענער גרויסער ווייטקייט, פון ראַכוועס און פון קראַפט, וואָס האָבן זיך אַלץ מער אַנטפלעקט, וואָס מער די יאַבאָשע איז פון אויג פאַרשוואונדן.

די געמיטער פון די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוערשט פאַרצויגן מיט אַ פריידיקער פייערלעכקייט און א יאָנטעוודיקער ערנסטקייט, ווי זיי וואָלטן אַלע געפאָרן גאָט ווייס אין וואָס פאַר א וויכטיקע שליכעס, אַ שליכעס וועלכע האָט געהאַט זייער א פאַרהוילענעם און אומבאַקאַנטן אויסגאַנג, אָבער מיטן אָנקומען פונם אָוונט איז דאָס יאָנטעוודיקע געפיל פאַרשוואונדן געוואָרן. עס האָט איצט אָנגעפילט די פּאַסאַזשירן בלויז אַן אומעטיקייט און אַן אומהיימלעכקייט.

איצט איז שוין דעם ברעג לאַנג ניט געווען צו זען. די שיף איז שוין געווען אין די אינטערנאַציאָנאַלע וואַסערן.

צו אָוונט צו איז די שיף פאַרבייגעפאָרן די לעצטע יאַם-שטאָט וואָס אין די מיזרעך-שטאַטן פון צאָפן-אַמעריקע. אַפן אויבערשטן דעק אַף דער פראָמענאַדע האָבן זיך אויפגעקליבן אַלע פּאַסאַזשירן און מיט בּיינקשאַפט גליענדיקער נאָכגעקוקט די ברעגעדיקע אילומינאַציעס פונם שרייענדיק-רייכן אַטלאַנטיק סיטי. ס'האָט אויסגעזועען פון דערווייטנס: דאָרט בּאַ די ברעגעס פון א פייערדיקער שטאָט זיינען פונם אָוונטיקן וואַסער אַרומגעשוואוי-

מען איצט אָן אַ שיר פּעסער סמאָלע—גאַנצע קאַנאַלן און שליאַכן פון ליכט און פייער. ס'האָט זיך געדוכט: דאָרט מוז זיין איצט אַ גרויסער יאָנטעוו. אַ יאַנטעוו שוין פון כאַדאָשים און כאַדאָשים, אַ יאָנטעוו אין אַ שטאָט פון נאַכאַנאַנדיקע פייערונגען און טאָמידער פרייד אין די גאַסן.

און מיט ברענענדיקע און בייִנקענדיקע אויגן האָבן די פּאַסאַזשירן זיך געקלאַמערט אַן די לעצטע פאַרשוואונדנדיקע פייערן. בלינדערהייט אַן אַ שום גרונט און אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין איז באַ יעדן איינעם פון די פּאַסאַזשירן אַפן דעק געוועזן אַזאַ מין געפיל:

— ווער ווייס... ווער ווייס, אויב זיי וועט נאָך ווען-עס-איז אַמאָל אויסקומען דאָרט זיין... ווער ווייס, אויב זיי וועט נאָך אויסקומען נאָך אַמאָל כאָטש זעען פון דער ווייטן די פייערן פון שטענדיקער נאָכאַנאַנדיקער פרייד.

און דערנאָך איז געוואָרן טונקעלער, און עס האָט זיך שוין מער גאָרניט געזען, ווי אָקעאַן, אָקעאַן, אָקעאַן... ריזיק-גרויסע וואַסערן, וואָס ווערן וואָס אַמאָל אַלץ רוישיקער און אומהיימלעכער; כוואַליעס וואָס ווערן געבוירן אין דער מיט פון טיפאָקעאַן און קומען אַן צושטייגן אַהער—אַנטלויפנדיקע שטורעמדיקע און ברילנדיקע יאַם-כאַיעס וואָס וואַרפן זיך אַפן שיף מיט אַ ברומען און אַ טויבן, דערווייל נאָך אַן איינגעצוימטן רעווען.

אָבער דאָס רעווען איז געוואָרן אַלץ גרעסער און שטאַרקער, אַלץ בייזער און אימפּעטיקער—מיטן אָנשטייגן פון דער נאַכט און נאַכטישער ווייטקייט.

טונקל, איינגעהאַלטן — שטורעמדיק א שיף איינע אַליין אין דעכצן מיטן פון די אייביקע גרויסע און נאָך פאַר-יאַבאָשעדיקע וואַסערן די לופט איבערן יאַם איז עפּעס אַזוי קאַלעמוטנע-נעפּלדיק, ווי וואַסער, וואָס איז צעפּירט ניט מיט גענוג מילך. אומקלאָר און דעריבער שרעקעדיק.

פּוסט און ליידיק אַפן יאַם, ווארום סיי די באַרקעס, יאַכטעס און מאָטאָר-שיפלעך און סיי די זעגל-שיפן פון די פישער-לייט, וואָס זעען זיך-טאָמיד אַן נאָך היפשע עטלעכע מיילן אין יאַם אַרויס הינטער יעדן האַפן און יאַם-שטאָט — זיי זיינען שוין אַלע לאַנג פאַרשוואונדן פון אויג.

בלויז פון צייט צו צייט און וואָס אַמאָל אַלץ זעלטענער פּלעגט זיך נאָך א גרויס-אַטלאַנטישער אָקרענט ערגעץ אין דער

אַרומיקער טונקל דורכטראָגן,—שטיל, שווייגנדיק, גייך פאַרשוואונדנדיק, ווי ניט קיין מאַמאָשעסדיקע שיף, נאָר דער בלויזער געשפענסט פון אַ שיף. די שיף גופא האָט מען טאַקע קימאַט ניט געזעען: דורך דער נעפּלדיקער מילכיקייט האָבן זיך קוים געזעען די שיפס-פייערן,—אויגן פון אומגעהויערע יאַם-אָקסן.

וואָס אַמאָל איז עס געוואָרן אַלץ שטורעמדיקער. פון אַלע זייטן האָבן געבלאָזן די סירענעס — דאָס האָבן די יאַם-אָקסן גערעוועט...

און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געהאַט אומגעפער אַזאַ מין געפיל:

— די יאַבאָשע איז איצט ווייט ווייט פון דער שיף... זי איז א כאָלעם, בלויז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַן אָפּגעמעקטער באַגריף — א ווידערקאָל א שוין לאַנג פאַרשאָלענער. איצט, פון היינטיקן אָוונט אָן איז דאָס פאַרגאַנגענע לעבן אינגאַנצן אָפּגעשניטן, פון איצט אָן און ווייטער הויבט זיך אָן אומבאַשטימטס, אַ גאָר נײַ און דער איקער א לאַנג, לאַנג לעבן אַפן אקעאַן — א לעבן אײביק, אײביק אַף וואַסערן טונקעלע, פיינטלעכע און אומזיכערע.

ס'האָט זיך קיינעם ניט געטראַכט, אַז שוין מאָרגן אין דער פרי האָט דאָך די שיף גדעדאַרפט אָנקומען צו איר ענד-ציל,—קיין באָרפּאָלק,—דער האַפן-שטאָט, וואָס אינם שטאָט ווירדזשיניא.

* * *

עפשער דער איינציקער מענטש אַפן שיף, וועלכער האָט זיך ניט געפילט אומעטיק און אומהיימלעך ווען די יאַבאָשע האָט זיך דערווייטערט און דער אָפענער אָקעאַן איז אַלץ נעענטער צוגעקומען איז געווען דער איד בערנאַרד קאָהען.

פאַרנאַכט-צו איז ער אַפילע אַפן שיף-דעק ניט ארויס ווייל, נאָך גאָר אין דער פרי, ארום צען אזייגער, נאָך אפאָר שאָ איידער די שיף איז אָפּגעגאַנגען איז ער שוין געווען אין זיין קאַיוטע וואו ער האָט זיך א מידער, איילנדיק אויסגעטאָן און אַן אויסגעמאַטערטער זיך אריינגעוואָרפן אין בעט.

א מידער... עמעס. אָבער—א צופרידענער, אַן אָנגעזעטיקטער מיט אסאך פאַרגעניגנס אסאך, אסאך...

איין מאָל אין יאָר, ארום איינער און דערזעלבער צייט פלעגט ער פאַרן קיין ניו-יאָרק, צוליב זיינע געשעפטן: איינקויפן

סכוירעס פאר זיין אוניווערסאַל-מאגאזין, מאכן נייע געשעפט-פאַרבינדונגען. זעען „ארומגיין", פון דאָס ניי און פריש אָפּנאָרן די פארשיידענע אלטע פירמעס, מיט וועלכע ער האָט שוין לענגער געהאט צו טאָן, זעען ארומדרייען און ארומשפּינען זיי מיט זיינע באהאלטענע כיטרע פּעדים פון א געניטן און דורכגעטריבענעם סויכער און האָבן צום סאָף, דאס גע‌פיל פון העכסטער פרייד פאר אים, פון שארפסטער סאַבּרישער פרייד — אז ער האָט דאָס העכסטע, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזן, ארויסגעקראָגן פון אלעמען, לאכלוטן פון אלעמען...

און געקענט האָט ער עס, געוואוסט ווי צו דערגרייכן עס האָט מר. בערנארד קאהען — אלל-רייט, אלל-רייט! אף דערויף איז ער דאָך אין זיינע יונגע יארן אליין געווען א „בייער"[1]), נישקאשע — האט מר. בערנארד קאהען זיך געהאט זיין כעשבן — נישקאשע, און אליין איז עס אנגעקומען מיט גרינגע ווערים, ביז וואנען אים איז עס ענדלעך געלונגען — ביסלעכוויז, ביסלעכוויז... סיסטעמאטיש און קונציק, אפּנארנדיק די פירמעס, פאר וועלכע ער האט איינגעקויפט — צו גרינדן אן אייגן געשעפט.

ס'איז געווען אַ באַשיידענע קלייט צוערשט, נאָר ביסלעכוויז איז זי אויסגעוואַקסן אין אַ ריזיקן דעפּאַרטאַמענט-סטאָר — די גרעסטע קאָל-בוי קלייט אין דער דאָרעמדיקער-שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט. דאָס איז געווען א קלייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, אין איין גרעסער ווערן און איין פאַרנעמען אלץ נייע און נייערע עטאַזשן, אין איין אַרויסשטופּן — צו מיט גוטן, פאַר געלט, אָדער אַפילע מיט גוואַלט, אָנטוענדיק זיי סיסטעמאַטיש אַלע צאָרעס צרורעס — און סאָף-קאָל-סאָף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די פאַרשיידענע קלייטן אַרום אים. קלייטן קלענערע זיינען עס געווען, נאָר פון אַלטע איכעסדיקע טוישווים פון דער שטאָט. קלייטן פון פּריצישע שוין פון דוירעס איינגעפונדעוועטע אַמעריקאַנער.

מר. קאָהענס קלייט האָט שוין איצט פאַרנומען אַ גאנצן קוואַדראטנעם גאס-קווארטאל — א קלייט מיט פיר ריזיקע פיל-פענסטערדיקע פאַסאדן אַף פיר פארשיידענע גאַסן. די אַלטע איינגעזעסענע איינוואוינער פון דער שטאָט האָבן בערנארד קאָהענען פיינט געהאט צוליב אַסאַך טאַימים: סיי ווייל ער איז געווען דערפאָלגרייכער פון זיי, סיי ווייל ער איז אַ איד... אָבער אַסאך מער נאָך — און טאַקע צום אלעם ערשטן — האָט מען אים פיינט געהאַט, ווייל

1) איינער וואָס פאָרט אין די גרויסע פאַבריק-צענטרען איינקויפן סכוירעס פאַר געשעפטן און מאַגאַזינען פון קלענערע שטעט.

ער איז געווען אַ „יענקי”. ער איז ניט געווען קיין אָרטיקער געבאָרענער—מיט א יאָר פופצן, צוואנציק צוריק איז ער אַראָפגעקומען אַהער פון דער „נארטה” — נו, אוואדע מיסטאָמע פון דער שטאָט ניו-יאָרק פון וואנען אלע פארדאמטע יענקעס קומען... אָט דאָס האָבן די דאָרעמדיקע דושענטל-לייט מער פון אַלץ ניט געקאָנט פארגעסן.

מיילע דאָס לעצטע האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפן, ער האט אַפילע געפרואווט אייניקע מאָל, מיט אן אומשולדיקן שמייכעלע, אָפלייקענען אז ער איז א יענקי, כאָטש בא זיך אין הארצן האט ער זיך אויסגעלאכט פון אָט די ווייס-הענטיקע פוילע פריצים, מיט זייערע פוסטע פרעטענזיעס מיט זייערע גאַדלעסדיק פאריסענע נעזער, מיט זייערע בייז-צונויפגעשנירעוועטע ליפעלעך, מיט זייער קאבצאָנעטדיקן איכעס... געוואוסט האט ער דאך, אז דאס זיינען עס די יענקעס, וועלכע פאַרנעמען דעם אויבן-אן אין דעם גאנצן אַמעריקאנער לעבן, וועלכע רעגירן דעם לאנד, מיט זייער פלייס און רייכקייט. איז פארוואס-זשע זאל ער בערנארד קאהען זיין מיט די געפאַלענע, מיט די יארדים? פארקערט: ער האט אלעמאל מיט פאַרגעניגן צוגעקוועטשט א געפאלענעם מיטן פוס. וועמען דען אז ניט קיין געפאלענעם?

נאר גארניט. דא אין דער סויטה, וואס דארף ער עס אזוי נויטיק זיך אנעמען פאר די יענקעס... און וועגן זיין אידישקייט—וועגן דעם האט ער ביכלאל זייער ווייניק געוואוסט אויסער דעם פאקט, אז ער איז פון א „אידישער אפשטאמונג”. געבוירן געווארן איז ער אינם סאמע רעכטן געדיכטן פונם ניו-יארקער געטא ערגעץ וואו אף קאלומביא סטריט, טאקע אינם זעלבן הויף, וואו עס האבן געוואוינט עטלעכע גאנצע דריי שטיק — גוטע אידן און וואו יעדן טאג איז געווען אזא יאריד פון פיש-הענדלער און איי-ער-פארקויפערס. פונקט ווי דארט וואלט געווען יעדן טאג ערעוו-שאבעס.

ניט ווייט פונם הויז איז געווען דער מיזרעך-טייך, דאָרט פלעגן דורכגיין אסאך דאמפערס, שלעפ-שיפלעך, טראנספארט-בארזשעס, וואס פלעגן טראגן אף זיך צוגן גאנצע מיט פראכט-וואגאנעס... און אף יענער זייט, מאמעש מיטן האנט צו דערלאנגען איז געווען ב ר ו ק ל י ן—אט ווי א פרעמדע שטאט. ריזיקע פאבריקן, שפייכלערס פון טוואוע און צוקער, פון טיי און קאווע, וואס דער רייעך דערפון פלעגט זיך, בעשאס דאָס ווינטל פלעגט בלאָזן

אהערצו, דערטראגן צו די נאזלעכער פונם יונגן גאפנדיקן בענני און זיי פאנאנדערשפרייטן—ווילד, גיריק, לוסטיק...

היינט קוימענס, קוימענס, קוימענס... אן עמעסער וואלד.

נאר מער פון אלץ פלעגט בענני, זייענדיק נאך א קליינער אינגל אין פאבליק סקול, ליב האבן צו קוקן שאענווייז אף דעם ברוקלינער נייווי-יארד, וואס איז געווען אביסל נידעריקער, אַרונ-טער טייך-צו, נעענטער צום ניו-יארקער יאם-אויסגוס און צום סטעטן-איילענד אינזל. שאענווייז, אפילע נאך-מיטאגן גאנצע, פלעגט ער קאנען אזוי אפשטיין און קוקן נאכאנאנד אף דעם ריזיקן סקעלעטן-געפלעכטס פון שטאלענע באלקנס זיילן, פלויטן און נעצן, צווישן וועלכע עס פלעגן פלייסיק ארומשווימען ארום א ריזיקן סקעלעט פון א שיף, קלענערע שיפלעך, מאטארן, דאמ-פערלעך... ריזיקע הילכן פון עלעקטרישע קאלאסן-האמערס, ווי פון ווייטע זומערדיקע דונערן, פלעגן זיך פון דארט צייטנווייז דערטראגן אהער, און דעם יונגן בעננין פארקישעפן. אבער זיין טאטע איז מער ניט געווען ווי אן אייגנטימער פון א קליין קרעמל פון זיסווארג און שרייב-מאטעריאלן.

ווען ער האט נאך גאָר יונגערהייט איינגעזעען, זוכנדיק פאר זיך א באשעפטיקונג אין קריסטלעכע אונטערנעמונגען, אַז מע האט אומאנגענעמלעכקייטן פון זיין עכט-אידישן נאמען, האט ער זיינע נארישע שכיינים אפגעטאן א שפיצל: ער האָט אנגעהויבן אויס-צוליינען אין ענגליש זיין נאמען ניט Cohen נאר Cawon. די לעצטע אויסלייגעכץ איז געווען מער אירלענדיש, איידער אידיש.

נאר דאס, זיין פרייע יוגנט איז שוין געווען לאנג, לאנג צוריק... עס איז שוין לאנג, לאנג פארשוואונדן — אז ער האט גע-טראכט דערפון איז עס געווען, ווי אן אויסגעטראכטער כאלעם עמיצנס. זינט דעמאלט — זינט יענער קויטיקער, טומלדיקער, אפּ-געריסענער, און ארומגעריסענער יוגנט זיינער, וואס ער האט פארבראכט אין דעם גענעמדיקן געפּילדער, אין דעם טאמידיקן הו-הא פון דעם נידעריקן טייל איסט-סייד — זינט דעמאלט האבן אסאך זאכן פאסירט. אסאך. ער איז געווארן פאר אט דער צייט אן אנדער מענטש. א הארטערער.

איז אַז אים פלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסקומען, צוליב געשעפט, זיין אַזוי אָפט אין ניו-יאָרק האָט אים אַפילע קיין איין מאָל ניט געצויגן אַ קוק צו טאָן אַף זיין געבורטס-אָרט. אַף יענער גאָס, וואָס איז פּאַר אָט דער לאַנגער פּאַרלאָפענער

צײַט געוואָרן נאָך טומלדיקער נאָך געדיכטער און טונקעלער, ווײַל אַף אײנעם, וואָס פּלעגט קומען אין יענער גאַס אַרײַן, פּלעגט עס מאַכן דעם אײַנדרוק ווי די מענטשן צווישן און אין אָט יענע מויערן וואָלטן קײנמאָל פון יענער גאַס אין דער ליכטיקער וועלט ניט אַרויס, נאָר האָבן אַלץ געהאַלטן דאָרט אין אײן פּלאָדיען און מערן זיך, ווי קראָליקעס, זײַנען געוואַקסן קאָפּ אַף קאָפּ, קאָפּ אַף קאָפּ, פּונקט ווי עס וואַקסן אויסטערן אין די טונקעלע יאַם-אָפּגרונטן. און טאַקע פּונקט ווי אויסטערן וואָס באַקלעפּן און באַהײַנגען די דעמפּיקע אײביק-נאַסע און טאָמיד אָנגעפּוילטע ברעטער פון אַ האַפן-דאַק — אַזוי האָבן אויך די אײַנוואוינער דאָ געדיכט באַלײַגט און באַקלעפּט אָנגעפילט און פאַרשטעקט די פּענסטער-געזימסן, די טרעפּ-פּײער, די גאַניקעס, די קעלערס, די פּלאַכע דעכער, די טראַטואַרן, — יאָ, דעם ברוק אין מיטן גאַס, אַפילו די סאַמע לופט... אַזוי אַז אַפילו דער כאָלאַל צווישן די מויערן, סאַמע די לופט-דורכגאַנגען זײַנען שמעלער, אײַנגער געוואָרן, זײַנען אינגאַנצן אויסגעפילט געוואָרן מיט די קופּעס אַרומקרײַכנדיקע, אַרומשמײַענדיקע מענטשן-ווערים.

יאָ... בערנאַרד קאהענען האָט קײן שום געפיל ניט געצויגן צו אָט יענער גאַס. יענעם לעבן האָט ער שוין לאַנג אַרויסגעשניטן פון זיך. אָט אַזוי טאַקע פּאָשעט אַרויסגעשניטן. בערנאַרד קאהען האָט זיך ביכלאַל אויסגעלערנט גרינג אַזוי אַרויסשנײַדן, פאַרשטויסן פון זיך יענע מענטשן און זאַכן, איבער-לעבונגען און דערינערונגען, פון וועלכע ער האָט מער ניט געוואָלט וויסן, וועלכע ער האָט מער ניט געוואָלט געדײַנקען, ווײַל וואָרט נאָר... איז אָט יענץ ביכלאַל זײַן לעבן געווען?

און צוליב וואָס זיך אינגאַנצן דערמאָנען? וואָס געווען איז געווען. ס'איז פאַרשוואונדן און ס'איז ניטאָ מער. איצט איז ער אַן אַנדערער...

ער איז ניט געווען פון יענע צעקראָכענע — ווי בערנאַרד קאהען פּלעגט מיט גרינגשעצונג אָנרופן מענטשן לײַדישע, מענטשן וועלכע קאָנען זיך קײנמאָל ניט אָוועקרײַסן פון די אומעטיקע דערינערונגען פון זײער אַמאָליק לעבן. יאָ אַוואַדע... ער איז געוויס אַסאַך, גאָר אַסאַך אויסגעשטאַנען אין זײַנע יונגע יאָרן. קײנער האָט אים קײנמאָל ניט געהאָלפן אין אַ צײַט פון נויט. אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט איצט, האָט ער געריסן פונם לעבן מיט געוואַלד אַרויסגעריסן. און איצט אַז אים איז שוין געגאַנגען

גוט האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז אַ דערמאָנונג וועגן זיין יוגנט זאָל אים שטערן אין די טאַינוגים, וואָס ער האָט זיך איצט געקאָנט פאַרשאַפן, ער איז געווען באַ זיך זיכער:

— ער איז קיינעם גאָרניט, גאָרניט שולדיק.

האָט ער גענומען און זיין יוגנט איינגאַנצן אַוועקגעשניטן. גענומען און איינגאַנצן זי אַוועקגעוואָרפן פון זיך. און שווער איז אים דאָס ניט אָנגעקומען. ווייל ביכלאַל האָט ער וועגן לעבן ווייניק וואָס געטראַכט: צופיל איז ער אין דעם גופא געווען איינגעטונקען. יעדן טאָג, יעדע נאַכט פון יאָר. מיט אַלע זיינע נאָך ניט-אויסגעשעפטע קויכעס וואָס האָבן געפלייצט אין זיינע אָדערן האָט ער זיך אָפגעגעבן בלויז דער איין-איינציקער זאַך: דעם געיעג נאָך געלט, נאָך געלט, נאָך מער געלט. ער איז געלאָפן, געווען טאָמיד אין גרויסער האַסט, ניט גערוט קיינמאָל און זיין ציל, פונדעסטוועגן, האָט ער ניט נאָר נאָך אַלץ ניט דערגרייכט, נאָר פאַרקערט: ס'איז וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער געוואָרן פון אים זיין ציל. ביז וואַנען ער האָט גאָר איינגיכן איינגאַנצן פאַרגעסן אָן אַ וועלכן ס'איז ציל. כאָטש אין אָנהויב האָט ער דאָך זיכער געהאַט אַ ציל, מר. בערנארד קאָהען: אַ רייכע הויז, אַ שיינע פרוי, אַ געשעפט מיט אַסאַך אָנגעשטעלטע, מיט אַ גרויסן אומזאַץ-קאַפּיטאַל, אַן אווטאָמאָביל — און טאַקע אַ גרויסן רייכן פעקאָרד! — קאָווער און אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געזעלשאַפט פון זיין שטאָט. אָבער איצט האָט ער, דוכט זיך, שוין געהאַט אסאַך, אַסאַך מער, ווי ער האָט לעכאטכילע געוואָלט...

האָט ער שוין אייגנטלעך ניט געוואוסט, נאָך וואָס ער יאָגט זיך איצט, נאָר אַפּאָנים אַז דאָס לויפן גופא איז שוין איצט געוואָרן פאַר אים אַ ציל. פּאָשעט: ער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

בערנאַרד קאָהען, ווי יעדער אַנדערער אַמעריקאַנער, האָט ביכלאַל ניט ליב געהאַט קיינע טיפע היציקע דיסקוסיעס וועגן „טויט", „לעבנס-ציל", „לעבן" און נאָך אַזעלכע הויכע איניאָנים. וועגן וועלכע אידן וואָס קומען פון סלאַווישע לענדער, האָבן אַזוי ליב, הייס צו דיסקוסירן. נאָר דאָך קאָן זיין אַז ווען עמיצער וואָלט אים אַמאָל געפרעגט:

— וואָס איז עס פאַר אַ שטיקל אַזוינס, אָט דאָסדאָזיקע לעבן?

וואָלט ער, בערנאַרד קאָהען, וואַרשיינלעך דעם פרעגער אף זיין פראַגע אומגעפער אַזוי געענטפערט:

— ס׳איז אַזא קאַלט, גרויזאַם שפּיל, אין וועלכן איין קלאַל איז דער הויפּט-איקער: מע דאַרף טאָמיד זיין אַף דער וואַך. טאָמיד דאַרף מען זיין אָנגעשטרענגט, טאָמיד — לויפן. וואָרום אַז ניט — יאָגן דיך אַנדערע אַריבער, וואַרפן דיך אַנדערע אום, שלינגען דיך אַנדערע איין...

און ער, בערנאַרד קאָהען, האָט זייער ליב געהאַט אָט דאָס-דאָזיקע שפּיל. אָט דאָסדאָזיקע שפּיל האָט אים שטאַרק, גאָר שטאַרק פאַרנומען. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס האָט אים ווען ס׳איז אין זיין לעבן אינטערעסירט, דער איינציקער אינהאַלט זיינער, דער איינציקער ציל. ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט פון זיין לויפן. ער איז געלאָפן, און דאָס גאָר.

דערפאַר אָבער, א זייטיקן טראַכטנדיקן מענטשן, איז קלאָרער געווען די טיפערע סיבע פון בערנאַרד קאָהענס לויפן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען: אז בערנאַרד קאָהען וועט אויפהערן לויפן, וועט ער — פ אַ ל ן.

דערפאַר אָבער פלעגט ער — אַ באַלוינונג פאַר זיין שווערער פּראַצע און האָרעוואַניע אַ גאַנץ יאָר — עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, נאָכדעם ווי ער פלעגט פאַרטיק ווערן מיט זיינע געשעפטן, הוליען און הולטאַיסטווען אין ניו-יאָרק. ער פלעגט זיך אַרומשלעפן איבער די קאַבאַרעטן, דאַך-גערטענער, אַלערליי פעשנבעלע רעסטאָראַנען און קאַפע-שאַנטאַנען, איבער אַלערליי זעלטענע, געהיימע און ווירציגע אַועלכע פאַרגעניגנס-פלעצער... די אַדרעסן פון די לעצטע ערטער פלעגן אָפגעהיט ווערן אין אַגרויסער געהיימעניס: זיי פלעגן איבערגעגעבן ווערן קאָנפידענציעל פון פריינט צו נאָענטע פריינט, פון מויל צו אויער. דער בלויזער נאָמען פון אָט די פלעצער פלעגט אָנפילן דאָס האַרץ מיט ציטער-דיקער און האַרץ-קלאַפנדיקער דערוואַרטונג פון קיינמאָל ניט געאַנטע, זעלטענע פאַרגעניגנס... איינער אַליין פלעגט בערנאַרד קאָהען אַרומשלעפן זיך איבער אָט די אַלע פלעצער, איינער אַליין און אָן פריינט. ער האָט ביכלאַל אין ניו-יאָרק ניט געהאַט קיין שום פריינט, אויסער סיידן מענטשן פון דער ביזנעס-וועלט. נאָר די האָט ער פאַר קיין פריינט ניט געהאַלטן, פאַרקערט, אויב עפּעס, זיינען זיי גיכער געווען זיינע סאָנים, וועלכע, ווי הונגעריקע וועלף, האָבן בלויז אויסגעקוקט אַף דער מינוט, ווען ער וועט

מאַכן אַ טאָעס. און דאַן — וועלן זיי אים צודריקן, אָט ווי איצט — ער זיי.

אָט איבער די אַלע פּלעצער פּלעגט ער, ס׳פאַרשטייט זיך, אַרומגיין אונטער אן אויסגעטראַכטן נאָמען. מערסטנטייל זיך פאַר־שטעלנדיק, ווי עפּעס אַ רייכער עקספּאָרט־סויכער פון איינער פון די צענטראַל־אַמעריקאנישע רעפּובליקן: ווענעציעללא, קאָ־לומביא אָדער קובאַ. דאָס פּלעגט אים אָנקומען זייער לייכט, ווייל ער איז געווען טונקל פון אויסזעען, מיט געדיכטע ברעמען און בייכיקע אזעלכע וואָנצעס. און שפּאניש ריידן האָט ער אויך געקאָנט אביסל. אין זיינע איינגערע יאָרן האָט ער א שטיק צייט פארבראכט אין ווערא־קרוץ אין דער באוואוסטער מעקסיקאנישער האַפן־שטאָט, ווי א קאָמיוואיאזשאָר פאר דער באַרימטער פירמע, וועמעס פּאָפּולערער נאָמען און מאטא איז געווען: „איין־דאָלער — א פּאָר־הויזן״. אגעוו, עס קאָן דאָ אויך באמערקט ווערן, אז ס׳איז געווען הויפּט־זאַכלעך פון אָט דער נאָבעלער הויזן־פירמע, פון וועלכער בערנארד קאהען איז עס אויך ניסאשער געוואָרן.

אין דער היים, אין דער קימאט גויאישער שטאָט אין צאָפן־קאראלינא, וואו בערנארד קאהען האָט געוואוינט, איז ער פארעכנט געווען — און איז עס טאקע אין דער עמעס געווען! — פאר דעם אָנגעזעענעם באַלעבאָס, פאר אן אָנשטענדיקן בירגער. איז ער דאָך געווען דער אייגנטימער פון א גרויס געשעפט, אן איבערגעגעבענער מאן צו זיין שוין עלטערע פרוי און א געטרייער טאטע צו זיינע פינף קינדער. איז ער דאָך געווען דער בריית־האַרציקער קלאל־טוער סאי צווישן אידן און סאי צווישן גויאים, א באַל־צדאָקע, א מענטש מיט א פרייער האנט. דאָס אַלץ איז טאקע ריכטיק. נאָר ווארט זשע... קעדיי צו באזיצן אָט די אלע מאילעס, האָט ער דאָך געמוזט פארדינען אסאך געלט, האָט ער דאָך געמוזט האווען און שווער ארבעטן, און קעדיי צו זיין א רואיקער, אן איבערגעגעבענער מאן און פאָטער האָט ער דאָך געמוזט, כאָטש איין מאָל אין א יאָר זיין אין ניו־יאָרק, „זיך לאָזן צום אדער״ ווי ער פלעגט זיך — אין א מאָדנעם, בייז־לעכן שפּאס — אזוי אויסדריקן. אנויער נאָך האָט ער געקאָנט, דאָרט פאָטער ווערן פון אָט די אלע זינדיקע ראַיוינעס און פאַר־שטעלונגען וואָס האָבן אים אָפּט באומרואיקט די לעצטע יאָרן, ווען זיין ווייב איז שוין געוואָרן אלט און איינגעדארט, און באָ־בעדיק אזוי.

יאָ, דידאָזיקע ראַווינעס... זיי פלעגן אים דערהויפּט ניט אָפּלאָזן, ווען ער פלעגט זיין אין וועג, זיצנדיק און לאַנגווײלנ- דיק זיך אזוי א גאַנצן טאָג אינם ווייכן שטול פון א סאַלאָן- וואַגאָן, אָדער ניט קאָנענדיק איינשלאָפן אף זיין געלעגער אינם שלאָף-וואַגאָן, דורך א לאַנג-לאַנגע נאַכט, אָנצינדנדיק און אויס- לעשנדיק נאָכאַנאַנד דאָס עלעקטרישע לעמפּל, זיך איינקוקנדיק דורכן וואַגאָן-פענסטערל אף די שווינדנדיקע לאַנדשאַפטן: פאַר- ביילויפנדיקע פעלדער און וועלדער; וועלדער און פעלדער; א טייך וואָס לויפט אויף אין דער טונקל; א פאַרביי-בליצנדיק שלאָפעדיקע שטעטל אפן וועג פונם שנעל-צוג; איינזאַמע הייזער, מיט אויסגעלאָשענע, אָדער ליכטיקע פענסטער; הייזער אין א מיטן פעלד, וואָס פלעגן בלויז אף איין אויגנבליק, ווי פון אונטער דער ערד ארויסשפּרינגענדיק זיך באַווייזן בליציק — און באַלד ניט ווערן; אַ טראַכטונג בלויז, אַ כאָלעם, א דימיען, א כימערע...

איז אָט אין אַזעלכע מינוטן, פלעגט אים דעמאָלט איינפאַלן אז צו וואָס דאַרף ער אָט די גאַנצע רייכקייט, וואָס האַלט בא אים אין איין וואַקסן — קאָן שוין וואַקסן בא אים קימאַט אָן קיין שום מי פון זיין זייט? אז וויבאַלד אַלץ איז אזוי פאַרביילויפנדיק, אַלץ פאַרשווינדט... אָט איידער ער האָט זיך נאָך אומגעקוקט, און די עלטער האָט זיך שוין אָנגערוקט אף אים...

איז דעמאָלט פלעגט ער זיך טרייסטן... שוין באַצייטנס פלעגט ער זיך אין געדאַנק פאַרשיקערן מיט אָט יענער זעלטענער וואָך, וואָס ער וועט אין סעזאָן-צייט פאַרברענגען אין ניו-יאָרק. דאָס איז געווען זיין באַהעלטעניש, זיין סאָד, זיין געהיים לעבן. וואָס פלעגט אים געבן ווייטערדיקן קויעך אין די טעמפּע גלייכ- גילטיקע מינוטן:

— נישקאָשע, וואָס עס וועט זיין שפּעטער, וועט זיין שפּעטער, דערווייל איז ער נאָך געווען יונג. כאָטש אַריבער די פופציקער, איז ער נאָך געווען איצט א פרישבלוטיקער און ברייט- פּלייציקער מאַן, מיט א שווערן, אָבער א באַוועגלעך און א רירעוודיקן טראָט, ווי בא א פאַנטערע.

עטלעכע נעכט פלעגט ער — אין אָט יענער וואָך אין ניו- יאָרק — פאַרברענגען אין די ווילדסטע און אומגלויבלעכסטע אָרגיעס, וואָס ס'איז גאָרניט אָנגענומען מע זאָל זיי באַשרייבן. ווייל אַז מע

באַשרייבט זיי, אַז מע רעדט פון זיי, ציטערט דערביי דער צו=
הערער צי דער לייענער פון עקל און פון כאַרפּע, פון אַ שעמען
זיך פאַר דער גאַנצער וועלט מענטשן... דידאָזיקע כאַרפּע איז
זייער אַ שאַרפע און אַ דאָפּלטע, ווייל בעשאַס מע הערט אָדער
מע לייענט אַזעלכע זאַכן, איז דאָך ערגעץ דאַ אינם מענטשן —
כאָטש וויפל ווען עס צוגעבן? — עפּעס אַ מין פאַרדראָס אַזאַ...
ניט קיין פאַרדראָס איבער דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, נאָר
פאַרקערט: אַ פאַרדראָס פאַרוואָס מע האָט קיינמאָל אַליין אַזוינס
ניט געזען, פאַרוואָס מע האָט נאָך אַליין ניט אַנטייל גענומען
אין אַזאַ אָרגיע, אַליין אַף זיך קיינמאָל אַזוינס ניט דורכגעפּילט.
קעדיי בערנאַרד קאָהען זאָל צום ביישפּיל קאָנען אַ ביס
טאָן מיט אַלע קויכעס דעם קליינעם „מוזיניקל” פון אַ מיידלס נאַ-
קעטן פוס, אַזוי, אַז זי זאָל אַזש אַ צאַפּל-טאָן און פאַרבייסן די
אייגענע ליפּן — אָפּצוטויטן ווייטאָק מיט ווייטאָק — און זיך בעשאַס
מאַיסע מוירע נאָך גאָר האָבן זיך אַ ריס צוטאָן, ווייל דעמאָלט
וואָלט איר נאָך שטאַרקער וויי געטאָן;
קעדיי ער זאָל קאָנען דורכשטעכן מיט אַ דינער נאָדל דאָס
ראָזעווע אויערלעכעלע פון אַ יונגער כאָריסטקע — אָט דאָרט, וואו
אַ געטרייע מוטערשע האַנט שטעכט דורך מיידלשע אויערן פאַר
אויערינגלעך —
פאַר אַזעלכע פאַרגעניגנס פלעגט ער זיך לאָזן קאָסטן אַ
מאַטניא מיט געלט. שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע אומשולדיקע
פאַרגעניגנס, וועלכע זיינען אייגנטלעך לאַנג אַרויס פון דער מאָדע
און זיינען נאָך פאַרבליבן סיידן עפּשער אין די סקאַרבאָווע אָד-
גיעס=באַשרייבונגען, וואָס געפינען זיך אין סענסאַציאָנעלע ראָמאַ-
נען — אַ שטייגער ווי טרינקען פראַנצויזישן שאַמפּאַניער (קאַלי-
פאָרניעס שאַמפּאַניער פלעגט דער איידעלער גומען פון בערנאַרד
קאָהען קיינמאָל ניט קאָנען פאַרטראָגן: צו זויער!) פון אַ סאַמע-
טענער, באַפּערלטער טופליע פון אַ קליינער פרויען-פוס אַרונטער...
און ענלעכעס.
אים איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז ער טוט אַן אומרעכט
ווען ס׳ניט איז מיט זיין אויפפירונג. ביכלאַל האָט ער ניט
געוואוסט, וואָס ס׳איז רעכט און וואָס ס׳איז אומרעכט און ער
האָט זיך קיינמאָל וועגן דעם ניט געזאָרגט און ניט פאַרטראַכט.
ער האָט בלויז געוואוסט פון זאַכן, וואָס ער קאָן באַווייזן צו
קריגן און פון זאַכן וואָס ער קאָן ניט באַווייזן צו קריגן. אַז ער

זאָל װעמען ס'ניט איז װי טאָן בעשאַס־מאַיסע, צי באַלײדיקן, איז אים לאַכלוטן ניט אײנגעפאַלן: ער פלעגט דאָך פאַר אַלע זײַנע פאַרגעניגנס צאָלן מיט דער ברײטער האַנט...

און װאָס עמעס איז — אַכאַך מענטשן האָבן טאַקע דערבײַ גאַנץ פעטלעך פאַרדינט פון אים, װײַל װען מר. בערנאַרד קאָהען פלעגט זיך ניט געפינען אין דער װעלט פון ביזנעס, איז ער שױן גאָר־גאָר קײן קאַרגער, קײן אױסגערעכנטער ניט געװען. ס'האָט געשײַנט װי ער װאָלט דעריבער אַזױ אומבעראַכמאָנעסדיק גע־שונדן די הױט פון זײַנע קונים, דעריבער אַזױ גרױזאַם געשניטן פאַסנװײַז פון זײַנע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, קעדײ ער זאָל דערנאָך אױף דער פרײַ, דרױסן פון זײַנע ביזנעס, קאָנען שיטן גאָלד מיט אַ ברײטער האַנט... פאַרװאָס זאָל ער זיך אָפּזאָגן פון װעלכע ס'ניט איז פאַרגעניגנס? פאַרװאָס?

און — יאָ, אַװאַדע, פאַר די אַלע דאָזיקע פאַרגעניגנס װעט ער קײן געלט ניט זשאַלעװען. אָבער, ער װעט דערפאַר קריגן אַלץ, װאָס ער װיל... אַלץ... נו יאָ, געלט האָט ער. דאָס, װאָס ער פאַרמאָגט איצט האָט ער דאָך בײַ װעלט און מענטשן מיט פעסטע, שאַרפע כאַיע־צײנער זײַנע אַרױסגעריסן. נו, איז אַז ער גיט זײ אַ טײל פון דעם אָפּ צוריק, װעט עס אױך זײַן דורך די צײנער... מ'װעט אים דאַרפן דערפאַר טײַער באַצאָלן. באַ־צאָ־לן...

קײן ניו־יאָרק, אין דער גרױסער אײלעניש זײַנער נאָך נײַע ביזנעס און נאָך מער געלט, פלעגט ער פון זײַן שטאָט אין דער סאַוט פאָרן אין אַן עקספּרעס. ער פלעגט זיך בעדײַ װאַלגערן אַ גאַנצע נאַכט אין אַ שלאָף־װאַגאָן אַבי ניט פאַטערן אומזיסט קײן צײַט, אַבי גאָרניט צו פאַרשפּעטיקן בעשאַסן קױף־סעזאָן. דערפאַר אָבער פלעגט ער זיך שױן ניט אײַלן אַזױ אַפּן װעג צוריק אהײם. צוריקװעגס פלעגט ער אַ טײל פון דער נעסיע מאַכן מיט דער שיף, קעדײ זיך אָפּרוען בעשאַס דער רײַזע אַפּן אַטלאַנטישן אָקעאַן, דעם שטיק װעג צו זיך אהײם, װאָס פון ניו־יאָרק ביז נאָרפאָלק.

הײַנטיקס מאָל איז ער אַ מידער אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג און דעם גאַנצן אָנהױב־אָװנט. ער האָט אַפילע ניט געפילט, װען די שיף איז אָפּגעגאַנגען פונעם ניו־יאָרקער האַפן, כאָטש דער גערודער באַם שיף־אָפּגײן איז, װי געװײנלעך, געװען זײער גרױס־גראַד האָט ער דאָס מאָל נאָך מער און נאָך לענגער הולטאַיסט־װעװעט, װי װען ס'ניט איז ביז אהער. ער האָט דאָס מאָל גאָרניט.

קיין איין-איינציק פאַרגעניגן ניט געוואָלט דורכלאָזן, ווי ער וואָלט דאָ געווען איצט ניט אזוי צום ערשטן, ווי צום לעצטן מאָל.

— וואס איז אזוינס די יאָגעניש און די כאַפּעניש מיט דיר? לאז איבער אף א צווייטן מאָל... וואָסי, דו וועסט דא מער קיינמאָל ניט זיין? — האט ער אלץ איינגעטאַינעט מיט זיך. נאר ס'האט אים ניט געהאָלפן.

דאָס מאל איז ער פאַרבליבן אין ניו-יאָרק אף א פּאָר טעג לענגער. אהיים האט ער טעלעפאָנירט (ס'פלעגט אים טאָמיד דורכ-נעמען אזאַ מעכאיעדיקער אָנגענעמער ציטער און ער פלעגט דורכן טעלעפאָן לאָזן הערן זיין באפעלערישע שטים דעם הויפּט-פאַרוואַלטער זיינעם — א שטים טראָגט זיך איבער א שטרעקע פון וואָסערע ניין-הונדערט מיילן!..), אז ער איז אומדערוואַרטערטערהייט פאַרהאַלטן געוואָרן אף א קאָנווענשאָן פון א באַקאַנטער אַמערי-קאַנער גרויסער און פאַרצווייגטער איבער אַלע שטאטן צדאָקע-געזעלשאַפט... ס'איז, הייסט עס, געווען אזוי: אז די הויפּט פירער פון דער קאָנווענשאָן האבן זיך דערוואוסט, אז בערנאַרד קאָהען געפינט זיך אין ניו-יאָרק — און ווי אזוי האָבן זיי זיך עס דער-וואוסט? דוכט זיך, ער האט ניט האָלט צו פויקן וועגן זיך ווען ער איז אין ניו-יאָרק... נאר אַפּאָנים, אז אים, מיט זיין נאָמען, איז שווער זיך אויסצובאַהאַלטן... זייער שווער... אלזאָ, בעקיצער, אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט דערפון, האָבן זיי קימאַט מיט גע-וואַלד אים געצוואונגען, ער זאָל פאַרבלייבן אף א פּאָר געשעפטס-זיצונגען... מע וויל זיך מיט אים וועגן אייניקע איניאָנים באַ-ראַטן... אף זיינער אן אייצע פאַרלאָזט מען זיך טאָמיד... יאָ, און וואס מאַכן עפּעס די קינדער? גוד-באַי!

און דאס ווייטע טעלעפאָן-געשפּרעך איז געווען צו ענד.

די לעצטע פּאָר נעכט אין ניו-יאָרק האט ער פאַרבראַכט אין א נייעם פּלאַץ, א פלאַץ, וועלכן עס האט געהיים אויפגע-האַלטן א פּאָר פאַריזערינס אף איינער פון די רייכסטע גאַסן פון דער וועסט-סייד. זיינער א באַקאַנטער געשעפטס-מאַן, א מענטש פון א יאָר פינף און פופציק, וועמענס ליסע קאָפּ האָט טאָמיד געגלאַנצט און געשפּיגלט, ווי פּאָלירטע העלפאַנט-ביין, האָט אים באַדייטונגס-פול דערציילט, אז אין אט יענעם פלאַץ גיבן די פרויען זייער ליבע אפן פראַנצויזישן אויפן.

אין ווען בערנאַרד קאָהען איז אינם טאָג פונם שיף-אָפּגיין אריינגעפאַלן אין זיין קאַיוטע, האט ער זיך קוים געקאָנט האַלטן

אף די פיס, ווי זיי וואלטן בא אים געווען איבערגעזעגט, די פיס זיינע. ער האט גלייך פארשלאָסן זיין קאַיוטע-טיר און זיך ארייג-געוואָלגערט אין בעט אריין.

אויפגעכאַפּט זיך האט ער אָקארשט איצט, ווען די גרויסע אָקעאַנער כוואַליעס האבן זיך אנגעהויבן שטארקן און אנגעהויבן בונטאַריש פויקן, און דונערן, און האמערן מיט איינגעהאלטענער רעציכע און גוואורע קעגן די ווענט פונם איינזאַמען אקרענס אין מיטן אקעאַן, — בונטאַריש אנגעהויבן פויקן קעגן די שיף-ווענט, ווי אין גרויסע אויסגעהוילטע פויקן.

אין די לעצטע מינוטן פאַרן אויפכאַפּן זיך האט זיך אים געכאָלעמט א מאָדנער כאָלעם:

ער פליט אזוי מיטן קאָפּ אַראָפּ ערגעץ אין די טיפענישן פונם יאַם... נאר אזוי ווי זיין באוואוסטזיין האט ער נאך ניט פאַרלאָרן, זוכט ער אלץ מיט די הענט אן אָנהאַלט, א בוים, א געוויקס, א פאַר-ביישווימענדיקע פיש — זיי שווימען אַזעלכע גרויסע און אומגע-הויערע פאַרביי אים הין און צוריק, הין און צוריק — אָן וועלכע ער זאל זיך קאנען אנכאַפּן... קעדיי ער זאל זיך קאנען צוריק איבערקערן מיט די פיס ארונטער און מיטן קאָפּ אַרויף. דאַכט זיך — אזא איינפאַכע זאַך: מיט די פיס ארונטער, דאס אלץ. נאר אומזיסט: ער פליט אלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיטן קאפּ אראָפּ...

און אָט:

די אויגן גלאָצן אים שוין ארויס, דער איגגעווייט דריקט אים אזוי אָפּן מאַרך, דאס גאַנצע אינגעווייט פונם בויך, וואס געפינט זיך איבערן קאָפּ, דריקט אים אזוי אפּן מאַרך, אז ער הויבט שוין אָן מעוואולוול צו ווערן, פאַרלירן דעם באַוואוסטזיין...

דאס ערשטע, וואָס ער האט דערפילט, ווען ער האט זיך סאָפּקאלסאָף אויפגעכאַפּט, איז געווען א שטאַרק איבלען אונטערן לעפעלע, א מין נודנע דאָקוטשען אין די געדערים, צוזאַמען מיט אן ארומשווימען אין קאָפּ, ווי דער קאפּ וואָלט אים געווען פול מיט וואַסער, — וואָסער, וואס האט זיך געבויטשעט נאָכאַנאַנד, פון ווענטל צו ווענטל, און האט אים מוטנע געמאַכט אין די אויגן.

דאס צווייטע געפיל, וואס ער האט געהאַט, איז געווען: צו שטעלן זיך גלייך אף די פיס... בערנאַרד קאהען האט זיך באַ-

מיט אויפצוהויבן פונם בעט, נאָר ער איז גלייך צוריקגעפאַלן. אומעגלעך.

אבער די אנשטרענגונג, וואס ער האָט געמאַכט אויפצושטיין, האט אים פאָרט אַביסל אויסגעטשוכעט, געבראַכט צו זיך, און דאָ האט ער עס צוערשט דערהערט א מאָדנע באקאנטע געזאַנג און א געשפּילעריי אף עפּעס א סטרונע-אינסטרומענט.

אין די ערשטע מינוטן פון זיין וואַך זיין, האט ער ניט געקאָנט דערקענען, אויב ס'איז געווען א מאַנדאָלין אָדער א באנדזשאַ, אָדער גאָר א יוקולייליי. דאָס געזאַנג, וואס האט זיך דערטראָגן צו אים אין דער טונקלקייט פון זיין קאַבינע, איז געווען א היימיש געזאַנג — דאס איז געווען זיכער.

און אט די היימיש, גוט-באקאַנטע און שוין פון אים אזוי אָפּט געהערטע קלאַנגען און לידער, אינמיטן נאַכט אין אָקעאַן, האָבן אים אנגעפילט מיט א בלינד-גאָענטער שרעק. ס'איז געווען פונקט, ווי ער וואלט דאָ א שטייגער, מיטאמאָל, עפשער א טויזנט מייל ווייט פון זיין היים, דערהערט זיין פרוי ריידן צו אים...

ער האט אויסגעצויגן זיין האַנט צום עלעקטרישן קנאָפּ, וואס האט געזאָלט זיין ניט ווייט פון אים אפן וואנט און געוואלט אָפּדרייען דאס עלעקטרישע ליכט.

א ווײַלע האָט זיין האַנט געבלאָנדזשעט אהער און אהין, איבער א קאַלטער, ווי גליטשיקער פּאָלירטער גלאַטקייט, און דאס עלעקטרישע קנעפּל בעשום אויפן ניט געקאָנט געפינען.

ער איז דאך געווען זיכער, אז דער קנאָפּ האט געמוזט זיין אָט דא — א, גאָר ניט ווייט, וואו זיין האַנט האט אין דער פינ-סטערניש ארומגעטאַפּט, נאר זיינע פינגער האבן אלץ ארומגעפירט איבער דער בלינדער וואַנט ארום און אַרום דעם קנאָפּ — עפשער בעסאכאַקל די ווייט פון א האר פונם קנאָפּ גופע — און דעם אָרט פאָרט ניט אָנגעטאַפּט.

זיין האנט איז דעמאָלט צוריקגעפאַלן אפן געלעגער, אן אָפּגעשוואַכטע און א ציטערנדיקע.

דער באוואוסטזיין האט זיך איצט שוין אינגאַנצן צו אים אומגעקערט. ער איז שון געווען איצט אויסגעשלאָפן, אינגאַנצן וואַכנדיק-ניכטער. האַ? יאָ... ער געפינט זיך דאך איצט אפן שיף אהיים. נאָר פאַרוואָס-זשע... פאַרוואָס-זשע פילט ער זיך אָפּגעשוואַכט אַזוי... זיין גוף גיט זיך ניט אונטער זיינע אייגענע באפעלן?

אין קאַיוטע איז געווען טונקל. נאָר ביסלעכווייז, אַז זיין אויג האט זיך צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש, איז פאַר אים אַרויסגעשוואומען, איינס נאָך דעם אנדערן, די ווייסקייט פונם איבערבעט, פון די עמאַלירטע ווענט, פון די מעטאַלישע שטאנגען אין ווינקל, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט די סטעליע פון דער קאַבינע — און נאָך אַן א שיר ווייסקייטן: די ווייסקייט פון דער פענסטער-ראַם, פונם עמאַלענעם וואַש=בעקן... איינס נאָכן אנדערן זיינען זיי ארויסגעשוואומען פון דער קאַבינע-פינסטערניש — בלייכע אָנווייזונגען און צייכנס פון אַן אַנדער וועלט, פון א פאַרטאָגיקער.

און אָט די ווייסע, לויערנדיקע צייכנס האָבן בערנאַרד קאָהענען מער אָפּגעשראָקן, איידער באַרואיקט: דאָס זיינען דאָך געווען בלויז ווייסע גייסטלעכע אָפּשפּיגלונגען פון די ווירקלעכע געגנשטאַנדן, וואס מע זעט אין דער ליכטיקער באַטאָג-וועלט... די געגנשטאנדן גופא זיינען איצט פאַרשוואונדן — בלויז די אָפּשפּיגלונגען זייערע, די דרויסנדיקע פאָרמען זיינען דא פאַרבליבן, הוילע און אויסגעליידיקטע... פאַרבליבן זיינען זיי דורך דער נאַכט, און וואַרטן אליין אין דער שטיל אפן פרימאָרגן, ווען זיי וועלן קאָנען צוריק זיך אָנקליידן אף זייערע אינהאַלטן, אף זייערע גופן...

באלד דערנאָך האט ער דערזעען דורכן קליין פענסטערל די גערדיכטע בלויקייט, קימאַט שוואַרצקייט, וואס אין דרויסן. דאס פענסטערל איז ארויסגעגאַנגען אף דער אָפענער דעק צום יאַם צו, און פון דער פינסטערניש ארויס האָט בערנאַרד קאהען קלאָר און אָפּשרעקנדיק געהערט:

— די גרויסע „ראָללערס" פון מיטן=אָקעאַן שטורמען, ווי ווייטע דונערן אין א היציגער זומער נאַכט פאר א שטורם; זיי קייקלען זיך פון דער ווייט, ווי וועלט=גרויסע שטיינער, וואס האַלטן אין ברעקלען זיך... זיי הילכן, ווי ריזיקע ביניאָנים, וואָס פאלן איין ערגעץ מיט א גרויסן קראַך...

שוואַך, נאָכגעבנדיק, אומבאהאָלפן האט זיך די שיף געשליידערט פון איין זייט אף דער אַנדערער, זיך געקייקלט איבער די וואַסערן, ווי א גרויסע און פוסטע פאַס.

א שיף איינע אליין אף די אונהיימלעכע אָקעאַן-וואַסערן.

צי מאכמעס אין דער שיף גופא איז געווען איצטער אזוי שטיל
(די שטילקייט אין דער שיף איז נאך איצט קענטיקער געווען צוליב

דעם שטורם אין דרויסן), צי מאַכמעס דעם. וואָס וואַסער-לאַפּעס האָבן אלע ווײלע געפּאַטשט אין דעם פענסטערל פון זיין קאַבינע, — בערנאַרד קאָהענען איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אז אלע פּאַסאַזשירן אין דער שיף זיינען טויט... און די שיף, וואס טראָגט זיך איצט אף די אָקעאַן-וואסערן — איז די שיף מיט טויטע פּאַסאַזשירן.

און פון אט דעם געדאַנק איז בא אים אין קאָפּ מיטאמאָל געוואָרן א מאָדנע קלאָרקייט אזא, פונקט ווי אינווייניק דאָרט איז בעשאַס זיין לאַנגן שלאפן אינגאַנצן אויסגערייניקט, אויסגעברענט געוואָרן די גאנצע אומריינקייט, איז דעריבער געוואָרן דארט אזוי ברייט און גרוימיק... און די געדאנקען, וואס ער האט איצט גע-טראַכט, האבן געהאט אסאַך אָרט פאַר זיך, זיינען אומגעשטערט געוואַקסן, געוואקסן און אויסגעוואַקסן צו אַזא גרויס, אן אומגע-ווײנלעכער...

... ניין, דאס איז נאטירלעך ניט צו גלויבן, אז אַלע זייגען אפן שיף אויסגעשטאָרבן, ווייל דורך וואָס פאַר א סיבע—עפּעס אזוי פלוצלונג? ס'האט מיסטאמע גיכער פּאַסירט אָט-וואָס:

עפּעס אן אומגליק האט געטראָפן מיט דער שיף. זי האט זיך צוזאמענגעשטויסן מיט אן אנדער שיף... אדער גאָר מיט אן אייז-בארג... מיט א ליכטיק-מאַיעסטעטישן, בלענדנדיק-פּראַכט-פולן אייז-בארג, וואס איז געשוואומען אין מיטן אָקעאַן און גע-וואַרט אף שיף-קאָרבאָנעס...

נו, ס'טרעפט זיך דאך אזוינס, איז אַלע פּאַסאַזשירן האבן געקראָגן באפעלן ארייגצוגיין אין די רודער-שיפלעך און דאָרט זיך ראַטעווען. נאָר אן אים האט מען פאַרגעסן. פון אים האט מען אפילע גאָרניט געוואוסט, ווייל ער איז דאך די גאַנצע נאכט גע-שלאָפן, און די טיר פון זיין קאיוטע איז געווען צוגעשלאָסן. און איצט...

— איצט געפינט ער זיך איינער אליין אף דער אונטער-גייענדיקער שיף...

— יאָ, אוואַדע אזוי...

אז קיין פריינט אדער סטאַם מענטשן, וואָס זאָלן אים קאָ-נען, האָט ער ניט אף דער שיף און די גאַנצע צייט איז ער געשלאָפן!

און דא האט נאך א גרויסע קודלאַטע וואַסער-כּאַיע א פּאַטש געטאן אין דעם פענסטער פון זיין קאַבינע. די שיף האט זיך זיכער געמוזט איבערקערן אף דער צווייטער זייט, ווייל אלץ

אין דער קאַבינע האט אָנגעהויבן פאַלן, קייקלען זיך, קלאַפּן, גראגערן, טראסקען און בערנאַרד קאָהען האָט א שטילן געשריי געטאָן...

אזוי פאר זיך בלויז, דעריבער האט ער ניט געשריען הויך.

— ווער וועט אים דען הערן אף דער טויטער שיף?

נאָר פון אט דעם שטילן געשריי, — פּאָרט א סימען פון לעבן אף דער טויטער שיף, — איז אים אביסל לייכטער געוואָרן. ער האט ווידער געמאַכט אן אנשטרענגונג און זיך אויפגעזעצט.

און דא זיינען אים ווידער אָנגעשוואומען די מאָדנע-באַ-קאַנטע, היימישע קלאנגען און טענער: איצט האָט ער שוין קלאָר געוואוסט, וואָס דאס זיינען פאַר א קלאַנגען—דאָרעמדיקע נעגערשע מוזיק, נעגערשע פאָלקס-לידער, וואָס זיינען אים געווען פון יאָרן און יאָרן גוט באקאַנט.

אָפּט אין א טונקעלער, הייסער נאַכט, ווען ס'פלעגט אים אנכאַפּן עפּעס אן אומרואיקייט אזא און אַ בענקעניש פלעגט אויפשלאָגן זיין בלוט מיט א געדיכטער, קלעפּיקער פייכע, פלעגט ער זיך אָנטאָן אין זיינע אַלטע וואָכעדיקסטע קליידער, וואס זיין דינסט האט נאר געקאנט פאר אים פון ערגעץ אויסגראָבן, פלעגט אנטאָן א פּאָר טונקעלע ברילן, מע זאל אים ניט דערקענען און זיך לאָזן גיין צום עק שטאָט, צום נעגערשן קוואַרטאַל, צו זעען זיינע א געליבטע.

ער פלעגט זיי בייטן זייער אָפּט, זיינע געליבטע, אזוי אָפּט, ווי ער פלעגט נאר וועלן. דאס נעגערשע פרויען-לייב אינם דאָרעם איז וואלוול, העפקער און לאָזט זיך אלעמאָל גערן נעמען פון א ווייסנס האַנט. און בערנאַרד קאָהענס האנט איז נאך דערצו געווען באַ-קאַנט אין דער שטאָט, ווי א שטאַרקע, א מעכטיקע האַנט, — א האנט, וואָס האט טאָמיד גענומען דאס, וואס זי האָט באַדאַרפט.

און זי איז דאך ניט געווען קיין ליידיקע, אָט די האַנט זיינע. ס'איז אַפילע ניט געווען נויטיק, נאָר בערנאַרד קאָהען איז געווען גרויסמוטיק, פלעגט ער טאָמיד עפּעס טראָגן אונטער זיין פּאָלע, אָדער איינגעוויקלט אין א פּאַק: קאָלירטע שטאָפן פאַר א זיידן קלייד, א פּאָר סאַטינענע פרויען-„פּאַמפּס", אויערינגלעך מיט ביליקע, שטאַרק בלישטשענדיקע שטיינער, א פּאָר זיידענע זאָקן,

א קאָפּטעטשקע, א שאכטל שמעקעדיקע זייפן און ענלעכע זאַכן.

בערנאַרד קאהען האָט צו יעדער צייט געהאַט כאָטש איין קעפּס=ווייב — אַמאָל עטלעכע מיטאַמאָל און דאָס זיינען געווײנלעך געווען פאַרהייראַטע פרויען. פאַר מיידלעך, צי פאַר אומפאַרהייראַטע פרויען, האָט ער זיך שוין לאַנג געהיט — זינט יענעם מאָל.

ער פלעגט ניט דאַרפן מאַכן מיט זיינע געליבטע קיין באַשטעלונגען אַף צו פריער. ער פלעגט קאָנען קומען צו זיי אין יעדער צייט, ווען עס פלעגט אים נאָר איינפאַלן.

אַז ער פלעגט אַמאָל קומען צו זיינער אַ נעגערשער געליבטער און דער מאַן איז גראָד געווען אין דער היים פלעגט זי פּאָשעט נעמען און אַוועקשיקן דעם מאַן אין ביר=סאַלאָן — געלט אַף ביר האָט שוין קאָהען געגעבן — אָדער נאָך פּאָשעטער: זי פלעגט נעמען און אַראָפּשיקן אים אַפן צווייטן עטאַזש און אָנזאָגן מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל זיך אַף די אויגן ניט ווייזן, ביז וואַנען מע וועט אים ניט דאַרפן.

— ער קאָן דאָרט דערווייל לייענען אַ צייטונג... דאָ געפינט זיך אַן אַגענט פון דער זינגער-ניי=מאַשין קאָמפּאַניע און זי וועט זיך שוין אַליין קאָנען מיט אים דורכשמועסן און זי דאַרף ניט, אַז מע זאָל איר בעשאַס-מאַיסע שטערן...

— האָסטו געהערט, נ-נ-ניגער?

פלעגט זי פאַרענדיקן אַזוי איר אָנזאָג, בייז שיפּענדיק מיט אירע ווייסע גרויסע פערדישע ציין.

שפּעטער אפן וועג צוריק אַהיים שוין אַן אָפּגעקילטער פלעגט ער ליב האָבן זיך אַנידערזעצן אַף אַ טרעפּ פון אַ סאַלון, און זיך צוהערן צום אַרום. דאָס זיינען געווען זיינע איינציקע אָפּרו-מינוטן.

פון די טונקעלע, הילצערנע, ווי כאָרעווע הייזלעך, וואו קיין ליכט, קיין לאָמפּ האָט ניט געברענט, נאָר אומריינע, צעפוילטע טונקלקייט, פלעגט אַרויסשטעקן שמאַטעדיקע קעפּ און שוויצנדיקע אייוורים — ווי ווערימדיקע צינגער פון אָט דער טונקלקייט — אַרויסשטעקן זיי דורך מיילער פון פאַנאַנדערגעעפנטע טירן און אויסגעבראָכענע פאַרלאטעטע פענסטער — פון אומעטום פלעגט זיך טראָגן איצט אינם אָוונט אַ זשומזשען, אַ געזאַנג, אַ ברומען...

אַף די גאַניקעס און די אָפּענע טירן, אַף די טראָטואַרן אינמיטן גאַס צווישן די איינגעפּאַלענע הייזלעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַפריקאַנישע ערד-כאַלופּעס, — אומעטום זיינען צעלייגט און אָנגעשפּרינקלט געווען קופּקעס, קרייזלעך, פּאָרלעך נעגערס. מענער אין בלויע הויזן, ברייט פּאַנאַנדערגעשפּיליעטע אינם קראָק, אין צעכראַסטעטע קויטיקע אונטערהעמדער; פרויען מיט אנטבלויזטע, נאַקעטע אָרעמס און ברוסטן, ווי שוואַרצע שפּיציקע-בערנעס; פּאָרלעך אַלערליי שוין האלב איינגעשלאָפענע, אָדער נאָך אין די פאַרשיידנסטע ליבע-פּאָזעס; קינדערלעך נאַקעטע מיט הוילע פּופּיקעס און פאַרשמוציקטע אָכערלעך, וואָס פלעגן זיך שפּילן, ווי די הינטעלעך אין די גאַסן...

און פון אומעטום פון אַלע ווינקלעך, האָט זיך געטראָגן אַהער אַ ווילד, אויפגערעגט-צעלאָזן, פּייניקנדיק-טרויעריק, פרייליך געזאַנג... אינם נעגערשן קוואַרטאַל האָבן פון קינד ביז אַלטן געזונגען. די גאַנצע גאַס האָט געזונגען — שטיל און הויך, מיט אַ קאָל און שווייגנדיק...

און אויך איצט אין דער פינסטערניש פון דער קאַבינע, האָט זיך ערגעץ פון די גערדערים פונם שיף געטראָגן אַהער פּונקט אַזאַ געזאַנג, באַגלייט פון אַ געקלאַפּעריי אַף אַ באַנדזשאָ..

בערנאַרד קאָהען האָט זיך איצט שוין מער פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם סאָרט אינסטרומענט: ס'איז זיכער געווען אַ באַנדזשאָ... גיכע אָפּגעריסענע און אבאַרטיווע טענער. פון אונטער עמיצנס, — זיכער אַ שוואַרצנס: דאָס האָט מען געקאָנט דערקענען אינם טעמפּ פונם שפּילן — זיך-וואַרפנדיקע, אַרומטאַנצנדיקע פינגער זיינען געשפּרונגען פון די קלאַווישן, האָבן זיך געריסן פון די צעשראָקענע פּיאַנאָ-ביינדלעך די טענער פון דער נעגערשער ליד העפקערדיק, טרויערדיק, פריילעך:

I ain't no doctor
Nor a doctor's son
But I can cure your pain
Till the doctor is come...

די אָקעאַנען-כוואַליעס האָבן זיך מיטאַמאָל אַרויפגעוואָרפן אַפן שיף און האָבן דערשטיקט די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן צו בערנאַרד קאָהענען. ניצאָכנדיק, ווילד, האָט דער אָקעאַן ווידער געלאָזן הערן. אַ הוילן, קראַכן, אַ ריטשען, אַ וואָיען, ווי ס'וואָלט געווען איצט נאָענט פאַר וועלט-אונטערגאַנג.

אָדער גאָר —

עס איז שוין טאַקע איצט נאָך דער אונטערגעגאַנג פון דער וועלט... דער אָקעאַן איז איצט איינער אַליין איבער דער וועלט און זינגט אַן איינזאַם געזאַנג פון גוואורע און פאַרניכטונג, אַ ליד פון ניצאָכן איבער אַ וועלט אַ ווידערשפּענסטיקער — אַ וועלט, וואָס האָט זיך ביז איצט אַנטקעגנגעשטעלט דער אייביק-ערשטער און אייביק-לעצטער סטיכיע פון אָקעאַן און אָקעאַנישע וואַסערן.

אַ געפיל פון גרויסער וויכטיקייט, פון זעלטענע מינוטן, וואָס כאַזערן זיך קיינמאָל ניט איבער, האָט איינגענומען אַדורכגעדרונגען מר. בערנאַרד קאָהענען. יאָ... דאָס זיינען זיינע לעצטע מינוטן אָף דער וועלט. אַפּאָנים, אַז די שיף איז שוין קימאַט אונטערגעזונקען אין וואַסער אַריין.

אין מויעך האָט איצט דורכגעבליצט דאָס, וואָס ער האָט אייניקע מאָל געהערט: אַז פאַר אַ מענטשנס טויט, אין די גאָר לעצטע מינוטן זיינע — אויב דער גויסעסער איז נאָך באַם פולן באַוואוסטזיין — שווימען אַן אין זיין פאָרשטעלונג אַלערליי, ווען ס'איז ניט איז אַמאָל געזעענע בילדער און געזיכטער... דערהויפּט בילדער פון זיין פריעסטן לעבן. און אָט:

דאָס איז זיין שטאָט, זיין היים, געקומען צו אים אַהער... געקומען אַהער אינמיטן אָקעאַן, ווייל ס'איז איצט די מינוט, די לעצטע, פאַר זיין טויט... אָבער וואו איז זיין פרוי? וואו זיינען זיינע קינדער?

ער האָט זיך געמאַטערט אומזיסט, זיך אָנגעשטרענגט צו דערקענען זיי אין דעם געדיכטן פילקאָלירנדיקן אוילאָם אַרום אים, אָבער זייערע געשטאלטן האָט ער פאָרט ניט געקאָנט אַרויס־ברענגען פאַר זיך. אָף אים האָבן אַלץ געפלייצט און געפלייצט פון אַלע זייטן אַלערליי פּענימער, אַלערליי מאַסקעס: שוואַרצע, טונקעלע און ליכטיקערע נעגערשע געזיכטער.

אין ערעוו-ראוו פון נעגערס, אַ פיל-קאָלירנדיקער און אויפגערעגטער האמוין האָט זיך געשטויסן און גערוישט אַרום אים, מיט שווייגנדיקע דראונגען אים ארומגערינגלט, אַרומגערינגלט אים און געגלאָצט אָף אים שווייגנדיק, — זיך געשטויסן אַ ר ו ם אים און א י ן אים.

בערנאַרד קאָהען האָט זיך אָנגעהויבן איינקאָרטשען פון גרויס פּאַכעד, איינגאַנצן אַ ציטערדיקער, מיט פאַרטאַיעטן אָטעם האָט ער געוואָלט צווען, וואָס ס'וועט דאָ זיין.

און אָט... פון זיי טיילט זיך אויס איין געזיכט, א מאַט-טונ־קעלעס געזיכט, אַן איידעלעס, אַ שיינס אזאַ—א געזיכט פון אַ פרוי. די נאָז אירע איז אַ געטאָקטע, ווי פון מאַטן-קופּער, די ליפּן אַסאַך דינער ווי געוויינלעכע באַ נעגערס, אָבער נאָך אַלץ אַ בי־סעלע דיקער, ווי ליפּן בא אַ ווייסן מענטשן.ליידנשאַפטלעכע ליפּן טאַקע—אָבער ניט קיין כאַיעדיק-מעגושעמדיקע. און אַרום די אויגן=ווייסלעך אירע איז ניטאָ בא איר אָט יענע קויטיקע=רויטקייט, וואָס אַף די זוימען פון נעגערשע אויגן. און די גאַנצע הויט אירע איז אַזוי איידל, אַזוי גלאַט... אַ הויט פונם קאָליר פון גרינע פרישע איילבירטן.

און ווארט! וואָס איז עס? וואָס באַדייט עס? אָט א די איידעלע יונגע מולאַטין פירט עס אָן מיט דער קופּע נעגער־זינגער. אַלע, אַלע, די צעכראַסטשעטע מאַנסבילן און די ברייט־צעפּלעשטשעטע פרויען, שטייען זיי אַרום איר... און אָט לאָזן זיי זיך אַרונטער אַלע אף זייערע קני, ווי פאַר אַ קויהענטע פון זייער שיוועט, און וואָס באַדייט עס... ער, בערנאַרד קאָהען, איז אַליין צווישן דער קופּע נעגערס און ער אַליין לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני פאַר איר... ער הערט: דאָס ליד, וואָס זיי זינגען איצט, איז אַזאַ פאַרצויגן-פאַרוואונדערטס, ווי דער אויסדרוק פון אַ קינדער=פּע־נימל אין א וואַלד-מאיסע... און נאָך מער מאָדנע: דאָס ליד איז אים באַקאַנט, פונקט, ווי עס איז אים באקאַנט דאָס איידעלע געזיכט פון דער יונגער מולאַטין.

און ביסלעכוויז ווערט עס ליכטיקער אַרום אים. יאָם און טונקלקייט, וואָס איבערן יאָם זיינען פאַרשוואונדן... ס'איז אַ פרי־מאָרגן, גאָר אַ גאָלדענער האַרבסט-פרימאָרגן אין אַ סאָסנע-וואַלד א באַקאַנטן, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון פיינהווירסט, אינם שטאַאַט צאָפן-קאַראָלינע. און כאָטש ס'איז שוין שפּעט-אָקטיאָבר, איז דער טאָג אַ זומערדיקער אַזאַ, אַ שמעקעדיקער, אָט ווי אַ טאָג אין יוני-כוידעש... און ס'איז שוין לאַנג צוריק... דוכט זיך אים אויס, נאָך צווישן די טעג פון זיין יונגער מאנסבילשאַפט איז אָט דער ליכטיקער שמעקעדיקער טאָג.

וואַרט... דאַכט זיך ער איז עס דעמאָלט טאַקע געוועזן אין פיינהווירסט אף זיין כאַסענע-רייזע, ווי קלאָר און ווי בוילעט ליכ־טיק... ער וואוינט אין דאָרף, אין אַ דאָרף וואָס געפינט זיך אַף א הויכן געבערגיקן אָרט, ניט ווייט פון אָקעאַן. דורך די שלאַנקע, הויכשטרענגע און שטאָלצע סאָסנעס, וואָס רינגלען ארום דאָס דאָרף

און וואָס פילן אַן די לופט מיטן רייעך פון זייער שמעקעדיק בלוט,—זעט זיך אַרויס דאָס ליכטיקע, שימערירנדיקע פעלד פונם אָקעאַן...

און נאָך:

ס'איז דער אָנהויב פון אַ זוניק-שפּראָצנדיקן טאָג. אפן גראָז, לעבן אים, ליגט א יונגע, שלאַנקע נעגערשע מיידל, אַ מולאַטין—זי זעט אויס, ווי אַ יונגע אָקאָרשט אומגעוואָרפענע פרישע סאָסנע... פון איר גוף, אינם וואַרימען פרימאָרגן טראגט זיך אַזאַ פאַרשיקערנדיקער, שמעקעדיקער רייעך, ווי פון די סאָסנעס אַרום... און וואָס טוט זי דידאָזיקע שלאנקע פרוי? זי זינגט אַ ליד דוכט זיך. יאָ, ער הערט איצט, ווי זי זינגט — מיט קלאָרער פרישער וואַלדשטים,—אָט טאַקע דאָס זעלבע ליד, וואָס ער הערט איצט איינציייטיק אויך פון אַן אנדער זייט—ערגעץ פון די טיפענישן פונם שיף.

And then there came a bumble-bee
aha—aha ...

And then there came a bumble-bee,
With his fiddle on his knee,
aha-aha-aha...

נאָר אַז בערנאַרד קאָהען האָט העפטיק אויסגעשטרעקט זיין אָרעם, קעדיי אַרומצונעמען די יונגע פרישע מולאטין, וואָס האָט געקוקט אַף אים מיט אַזוי פיל ליבע און איבערגעגעבנקייט, האָט זיך זיין האַנט שאַרף אָנגעקלאַפּט אין טישל. בערנאַרד קאָהען האָט אַזש אויפגעשריגן פון ווייטאק.

די אויגן זיינע זיינען שפּעטער געעפנט געוואָרן אַף ווידער אויפצונעמען די פינסטערניש פון דער קאַיוטע. די ליכטיקייט פונם פרימאָרגעדיקן דאָרעם = וואַלד, דעם וואַלד פון די פריש-שמעקעדיקע סאָסנעס, איז אויגנבליקלעך פאַרשוואונדן, אָבער דאָס געזאַנג האָט זיך נאָך אלץ געהערט, דאָס קלאָרע ליכטיקע געזאנג. עס האָט זיך איצט געצויגן אהער צו מר. קאָהענס אויערן, פונם צענטער שיף פון דער מאַשין-אָפּטיילונג, פונם צישער פון די בלאַנקענדיקע מעשענע שטאַנגען, פון דעם רייבן זיך אַרויף און אַראָפּ פון די צילינדערס, די בלאָנדזשענדע צילינדערס אן די שיידן פון דער שיפס ריזיקע מאָטאָרן.

— הייסט עס, די שיף גייט דאָך יאָ? פּאַרוואָס — זשע איז אַזוי שטיל.

— ווייל אַלע שלאָפן.

— און ער, אפּאָנים, מוז זיין ניט געזונט?..

— יאָ, טאַקע.

— ס'שווימט אים אין קאָפּ, דעריבער דוכט זיך עס אים צו פאַרנעמען אָט דאָס געזאנג?

— ער'ט גיין זעען, וואָס עס טוט זיך אַף דער שיף.

אַז ער האָט זיך אָבער אנידערגעשטעלט מיטביידע פיס אַפן דיל, האָט אים אין קאָפּ נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן טומלען צו וואַרפן און צו בויטשען זיך, ווי דאָס אינעווייניקסטע פון זיין קאָפּ וואָלט געהאַלטן אין פאַנאנדערפאַלן זיך. ס'האָט אים נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו נודיען אונטערן האַרצן, און די געדערים אינעווייניק האָט געריסן ווי מיט צוואַנגען.

דאָס איז, אַפּאָנים, געווען דער גרויסער מאָלצייט פון פאַר־שיידענע יאַם־שפייזן, וואָס ער האָט אַרייַנגעפּאַקט אין זיך נעכטן פאַרטאָג אין אַן ערשט-קלאַסיקן קאַבאַרעט ערגעץ אַף דעם אַרים-טאָקראַטישן ל אָ נ ג - ב י ט ש. אָט יענע פראַנצויזקע האָט עס איב שפּעט אין דער נאַכט אוועקגעפירט אַהין אין לימוזין, קעדיי ער זאָל זיך דאָרטן אָפּפרישן און אָנעמען זיך מיט נייע קויכעס פאַרן ווייטערדיקן דעבאַש.

נאָר איצט באַם בלויזן געדאַנק וועגן די רויע אויסטערס, וועגן די געפּרעגלטע סקעללאָפּס און געזאָטענע קראַבן, וואָס ער האָט געפּאַקט אין זיך נעכטן אונטערן קלאַפּן און בריאזגען פון אַ דזשאַזבאַנד, צווישן די טויזנטער עלעקטרישע לייכטער, און אונ-טער דעם פויקן און טויבן, נאַכאַנדיקן הילכן, — אַ דראָענדיקער איינגעאַקשנטער אַקאָמפּאַנימענט... — פון די שווער דונערנדיקע אָקעאַן-כוואַליעס—איז אים באַפאַלן פונם געדאַנק גופא וועגן דעם אַלעמען א שטאַרקער איבל און אַ ניט־גוטקייט... ער האָט געפילט אַז ער מוז טייקעף ברעכן. האָט ער ווי עס איז אין דער פינסטער אַרויפגעצויגן אַף זיך די הויזן, האָט אָנגעטאָפּט די טיר-קליאַמקע און איז ארויס אַפן דעק.

זיך שאַרענדיק אומבאַהאָלפן — אַן אומגעזעענער פלעק אונ-טער אַ טונקעלן הימל איבער א טונקעלן יאַם—האָט ער זיך פאַרביי-געשלעפּט ארום די ווענט, האָט זיך דערשלעפּט ביז אַ לאַוואַטאָריע, וואו ער האָט אויסגעבראָכן אלץ ביז אַ ברעקל וואָס ער האָט פאַר

די לעצטע צוויי טעג געגעסן. און עפשער נאָך מער, — עפשער האָט ער איצט אויסגעבראָכן אַלץ, וואָס ער האָט זיין לעבנסלאַנג געגעסן — אַזוי לאַנג און פיינלעך האָט ער געבראָכן און געקראַמפּט. אַז ער איז פון דאָרטן אַרויס איז ער געווען אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט האַלטן אַף די פיס. האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָנם באָרט.

און דאָ האָט אים מיט אַמאָל ווידער אַ שפּאַר געטאָן אונטערן האַרצן. האָט ער זיך געמוזט אָנבויגן איבערן פּאַרענטש. די ספּאַזמעס פון מייקענען האָבן אים אומבאַוואוסטערהייט נאָך טיפער איבערגעבויגן איבערן באָרט, אַלץ טיפער, און טיפער, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן, וואָס מער אַריבערבויגן אַף יענער זייט שיף גליטשנדיק זיך אַלץ אַ־יבער איבערן פּאַרענטש, אַלע טיפער אין יאַם אַריין. זיינע פיס האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם דעק פון שיף און הילפלאָז געהאַנגען אין דער לופט — — —

נאָר דא האָט אים א האַנט פון הינטן אָנגעכאַפּט פאַר זיינעם אַ הענגענדיקן פוס, מיט קויעך אים צוריקגעשלעפּט און אים באַלד אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט אין די אָרעמס, און בערנאַרד קאָהען, אנגעשפּאַרט אַף עפּעס ווייכס, האָט באַלד אנגעוואָרן זיין באַוואוסטזיין.

אַז ער האָט נאָך אַ ווײַלע — אַ ווײַלע פון אומבאַשטימטער לענג, אַ ווײַלע פון טויטער שטילקייט און שטילער טויטקייט — אַז ער האָט נאָך אָט דער ווײַלע אויפגעעפנט די אויגן, האָט אף אים אַ פלייץ געטאָן אַסאַך ליכט.

אַ פלייץ געטאָן מיטאַמאָל, ווי פון א פּלוצלונג אפגעדרייטן קראַן פון טונען מיט שעפעס, שעפעס גאַנצע ליכטיקייט.

ער האָט זיך דערפילט אין א ווייכן פאָטערשטול. ער האָט זיך שוואַך אַרומגעקוקט און האָט דערקענט: דאָס איז דער באַל־צימער פון דער שיף.

און נעבן אים איז געשטאַנען א נעגער, מיט אַ שניי־ווייסן באָז־טיכל אָדער סערוועטל אין האַנט און האָט אים אַרומגעווישט דעם אויסגעבראָכענעם מיסט, וואָס אַרום מויל און האַלז. ער האָט אים פאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם קאָלנער.

איצט איז אים געוואָרן גרינגער. נאָר ס'איז אים געווען קאַלט, און ס'האָט אים געטרייסלט. דער נעגער האט אים פון ערגיץ געבראַכט און אים אַרומגעוויקלט מיט אַ וואַרימער קאָלדרע. דער נעגער האָט אים פון ערגעץ געבראַכט און אים אין מויל אַריינגעגאָסן א גלעזל בראָנפן. מר. קאהען האָט עפּעס געוואָלט

אים זאָגן, האָט, דוכט זיך, אָגגעשטרענגט געשאָקלט מיט די ליפּן, נאָר ס'איז באַ אים גאָרנישט ארויסגעקומען. האָט ער געוואָלט אויפשטיין פון שטול—נאָר ניט געקאָנט: דער גוף האָט נישט גע-פאָלגט דעם ווילן. מיט אויגן, בלויז אף דער העלפט אָפענע, האָט ער דעמאָלט שוואך אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אַרום זיך.

אַרום דער פיאַנא איז געשטאַנען אַ געזעמל שוואַרצע, ברוינ-הויטיקע, שאקאלאַד-הויטיקע און קאַקאַאָ-הויטיקע נעגערס. דאָרט זיינען געווען פּעניִמער מיט אַלערליי שאַטירונגען צווישן שוואַרץ און ווייס. נאָר אַזוי-ווי אף די פּעניִמער זיינען באַ זיי געווען די-זעלבע גראָבע, מעגושעמדיקע שטריכן, דיזעלבע צוגעפּלעטשטע נאָז און פליישיקע, פאַרקאַשערטע ליפּן, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אָט די אַלע באַשעפענישן זיינען געקנאָטן געוואָרן פון איין טייג. נאָר דאָס שטיקל טייג פון וועלכן יעדער איינער פון זיי באַזונדער, איז אויסגעפורעמט געוואָרן, איז פאַרמישט גע-וואָרן מיט אַ באַזונדער פליסיקייט. אָט אַזוי: עס זיינען געשטאַ-נען אויסגעשטעלט א ריי גלעזלעך מיט פליסיקייטן און יעדע ביסל פליסיקייט, וואָס אין יעדן גלאָז, האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם ביסל פליסיקייט, וואָס אין צווייטן גלאָז, ווי ווען דאָס ערשטע וואָלט באַ-שטאַנען פון דורכויס שוואַרצע קאַווע, און אין די איבעריקע גלעזלעך איז שוין אַריינגעגאָסן געוואָרן מילך. און וואָס ווייטער אַ גלעזל איז געשטאַנען פון דער ערשטער גלאָז מיט די גאָר שוואַרצע קאַווע,— אַלץ מער מילך איז אַהין אַריינגעגאָסן געוואָרן, אַלץ ליכטיקער איז די פליסיקייט געוואָרן.

גאָר נאָענט צו דער פיאַנא, אף בענקלעך, וואָס זיינען ווייזט אויס, אַקאָרשט ניט לאַנג צוריק צוגערוקט געוואָרן, זיינען געזעסן שפּילער: עטלעכע העכסט-פאַרפּוצטע נעגערס, מיט גלאַנ-ציקע, קימאַט ווי צו ריינע קאָלנערס, אין ספּאָרטיש-נעטאַ אָנצוגן און מיט שעוועליורעס, ארומגעשאָרענע בראַוו און וואויל-יונגע-ריש, און אפּן גרויס-שטאָטישן אויפן. זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער שטייף און סטאַטעטשנע, דידאָזיקע מוזיקאַנטן האָבן מיט א קינ-סטלערישער פאַרטיפטקייט און וויכטיקייט געשפּילט אַף זייערע אינסטרומענטן—מאַנדאַלינא און מאנדאלע, גיטאַרע און באַנדזשאָ, יוקוליילי און האוואיער גיטאַרע,—די סאמע לעצטע און נייסטע „רעגס" [1].

[1] דזשאַז-מאָטיוון.

ארום און ארום זיי, ווי אַרום א צענטער, ארויסשטראַלנדיק פונם געדיכטן שטייפן קערן אינם צענטער קרייז, און זיך קלעפנדיק צו אים,—האָבן זיך געשטויסן און געשטופּט די שוואַרצע באַדינער פון דער שיף. שווערע, אומגעלומפּערטע פיגורן זיינען געקראָכן קאָפּ אפן קאפּ, אַרויפגעלייגט קאָפּ אף אקסל, ברוסט אף רוקן, און זיי האָבן אויסגעזעען, ווי א סטאַיע צונויפגעטריבענע, גלאַנציקע פערד, וואָס קריכן אַזוי איינע אף די אַנדערע אין א צונויפגעפּלאָנטערטער קופּע.

זיי זיינען, אַפּאָנים, אַלע אקאָרשט פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַרבעט: ווער אין שיף-קיך, ווער אינם בופעט, ווער אין די אָפּטריט-צימער, אין די באָד-צימערן, אונטן אין די שיף-לעכער, בא דעם גרויסן פייערדיקן אויוון, און ביכלאַל—אין די אַלע שפּאַלטן, לעכער און געדערים פון דער שיף, וואו זיי פלעגן אין דער גאַנצער צייט פון זייער נעסיע אפן יאם, ארומפּויזן און אַרומקריכן.

א גאַנצן טאָג און א גאַנצן אָוונט האָט מען אין דעם פּרעכטיקן שפּייז-סאַלאָן, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי הערלעך, ווי דער שפּייז-סאַלאָן אין אן ערשטקלאַסיקן האָטעל אף דער יאַבאָשע, — אַ סאלאָן א הויכער, אין דער הויך פון צוויי דעקן, מיט צוויי רייען פענסטער איינע איבער די אַנדערע, וואו ס'האָט פונדעסטוועגן א גאַנצן טאָג געברענט די עלעקטריע און מען האָט זיך דאָרט דעריבער געפילט, ווי אין אַ טעאַטער בעשאַס אַ באַטאַגיקער פאָרשטעלונג—א גאנצן טאָג און א גאַנצן אָוונט, און אויך אַ היפּשן טייל פון דער נאַכט, האָט מען דאָרטן געהאַלטן אין איין עסן, אין איין טרינקען און אין איין טאַנצן. און ערשט העט-ווייט נאָך האַלבער נאַכט, איז מען זיך צעגאַנגען איבער די קאַיוטעס שלאָפן. און דורך אָט דער גאַנצער צייט, וואָס מע האָט אויבן געזויפט און געשיקערט, און לוסטיק פאַרבראַכט בא די רייכע, שווער-באַלאדענע טישן, און אויך דערנאָך בעשאס די טענץ, — דורך אָט דער גאַנצער צייט האָבן די שוואַרצע באַדינער און קנעכט און שקלאַפן פון דער שיף,—אַרומפּויזנדיק און ארומקריכנדיק אין זיינע געדערים, ווי ווערים אונטער דער ערד-אויבערפלאַך, אין די געדערים פון דער ערד איבער וועלכער עס גייען אַרום מענטשן,— אָפּגעטאָן די גאַנצע ארבעט. נאָר קיינער פון די ווייסע פּריצים אין דער הויך האָט זיי ניט נאָר ניט באַמערקט, נאָר אויך ביכלאל ניט אַ קלער געטאָן וועגן דער עקזיסטענץ אַפילע פון אָט די

טונקעלע, שווארצע, פאַרשטויסענע, אונטערערדישע גנאָמען [1] מיט די בליצנדיקע, פינקלענדיקע פייער-אויגן.

און איצט, אין דער שפּעטער נאַכט, זיינען זיי פון אומעטום, פון אַלע ווינקעלעך און שפּאַלטן איילִיק ארויסגעקראָכן. ניט אַלע פון זיי האָבן זיך נאָך באַוויזן איבערצוטאָן,—זיי זיינען אלע ארויסגעלאָפן פלוצלונג, ווי צעפּלאָשעטע און באַאומרואיקטע שיידים פון זייערע לעכער און שפּאלטן, צוגעצויגענע דורך דער קיכער-מוזיק, וועלכע דער באליבטער פּיאנא-שפּילער פון דער שיף האָט אָנגעצונדן, און וועלכע האָט געהאַלטן איצט, יעדע מינוט, אין רעכטן פאנאנדערפלאַקערן זיך. די קיך-אַרבעטער האבן נאָך געהאַט אף זיך די ווייסע קיכערישע היטעלעך און פאַרטוכער. די אלטע בעקאָוועדיקע „סטיוארדס" [2]) די בלויע זשאַקעטלעך מיט די קלינגענדיקע בינטלעך שליסלען בא דער זייט. די קוילנשאַרער און די הייצער פון דער מאַשינען-אָפּטיילונג אינם בויך פון דער שיף, האָבן נאָך געהאַט אַף זיך זייערע קויטיקע, שוואַרצע „אָווערָאָלס" און „דענימס", אָדער גאָר די צעריסענע און צעטראָטענע קאַרטאָפל-זעק, וועלכע זיי פלעגן געברויכן, ווי פאַרטוכער אָדער ווי גרויסע קאַפּיושאָנען איבער זייערע געקרייזלטע, קודלעוואַטע קעפּ. און אַלע, אלע האָבן זיך געשטויסן און געטאָפּעט שווער איינע אַרום די אַנדערע, האָבן געבלישטשעט מיט די קאַלטע, וויי־סע ציין זייערע, האָבן היסלאַוועסדיק געקייקלט די קויטיקע, רויטלעכע, ווי בלוט-פאַרגאָסענע אויגן-ווייסלעך זייערע, און אומגעלומפּערט זיך איבערגעוואָרפן פון איין פוס אפן אנדערן, ווי א סטאַדע העלפאַנטן. און אלע האָבן געשריען, געטומלט און ווילד געלאַכט.

מר. בערנאַרד קאָהענען איז געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך פון דעמדאָזיקן באַנאַכטיקן שוואַרצן געלעכטער. אַפילו דאָס שוואַרע, טונקעלע מאַהאָגאַני-מעבל האָט, דוכט זיך, אויך שוואַרץ און ווידערשפּענסטיק געלאַכט און געבלישטשעט,—ווילד און פאַרשיקערט געלאַכט און געבלישטשעט. אַפילו דער גרויסער, מיט זיין שוואַרצן עמאַל גלאַנציקער ראיאל האָט אויך אויסגעזעען, ווי אַ ברייט-פלאַטשיקער און האַרבאַטער נעגער, וועלכער האָט געלאכט מיט אַ לאַנגער ריי ווייס-אויסגעשטשירעטע ציינער—די קלאַווישן.

1) אַ גנאָם—אַזאַ מין מיטאָלאָגישע (פאַנטאַסטישע) באַשעפעניש.

2) סטיוארד—קאַיוטע אויפזעער.

אלץ און אַלע, אלץ און אַלע האָבן געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

עס האָט שוין געמוזט איצט זיין זייער שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. מיסטאָמע אַרום 4—3 אַזייגער. די פּאַסאַזשירן זיינען נאָך מיט א שאָ-צוויי צוריק געגאַנגען שלאָפן. מידע און אויסגעמאַטערטע פונם באַל, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז נאָך האַלבער נאַכט, זיינען זיי באַלד פאַרזונקען אין א טויט-שלאָף.

אַז די פּאַסאַזשירן, — אויסגעפּוצטע און פּעסט איינגעשנורעוועטע אין פראַקן און צילינדערס, אין שורשנדיקע זיידענע קליידער, וואָס האָבן אַנטבלויזט פאַרוועלקטע און גערדיכט באַפּודערטע אָרעמס, ברוסטן און נאַקעטע פּלייצעס, — האָבן זיך אָפּגעטראָגן פונם באַל-צימער, איז דאָרט געבליבן ליגן א שטילע ליכטיקייט פון די פּולע, שימערירנדיקע לוסטרעס און וואנט-לאָמפּן, פון די פּילע הענגלעך עלעקטרישע לעמפּלעך, ווי פייערדיקע ווייַנטרויבן. ביז אַזייגער צוויי באַנאַכט איז דער אָקעאַן געווען שטיל, און די טאַנצנדיקע אינם באַל-סאלאָן האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אויפן אָקעאַן, ערגעץ אין אומבאַשטימטע און אומהיימלעכע וואַסערדיקע מידבאָריעס, און ניט אין א גרויס-שטאָטישן טאַנץ-גאָרטן. נאָר איצט, אין דער שטילער, לייַדיקער ליכטיקייט, נאָך זייער אַוועקגיין, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן הערן דאָס געמורמל און רוישן פונם יאַם אַף יענער זייט שיף-וואַנט.

דער אָקעאַן האָט איצט אָנגעהויבן ריידן צו דער שיף, דער איינזאַמער שיף, מיט די שלאָפנדיקע מענטשן און מיט די גרויסע אָקעאַן-וואַסערן.

נאָר פאַרנעמען האָט איצט געקאָנט דאָס רוישן פונם יאַם בלויז דער יונגער, נעגערשער באָכער, דער אָנגעשטעלטער פּיאַנאָ-אַקאָמפּאַניסט פון דער שיף, וועלכער איז נאָך ניט געגאַנגען שלאָפן. אָבער ער איז געווען צו דעם גלייכגילטיק. ער איז שוין לאַנג צוגעוואוינט געוואָרן צום דאָזיקן יאַם-רוישן, ווייל שוין פון לאַנג, אַז ער פאָרט מיט דער שיף הין און צוריק, הין און צוריק אַף איר יעדע רייזע. איז ער געבליבן זיצן אַזוי אַף זיין ארויפגעדרייטן פּיאַנאָ-שטול, אָנגעשפּאַרט אָן די קלאַווישן, האָט ער אין דער שטילער ליכטיקייט געטראַכט:

אַ גאַנצן אָוונט איז דאָך זיין בלוט געווען אַזוי אויפגערעגט, אַזוי קאָכעדיק, אַז ער האָט זיך פאַר זיך זעלבסט שטאַרק גע-

שראָקן, ער זאָל נאָך די נאָענטסטע מינוט ניט אויפשטיין, אַ זעץ טאָן מיט סינעדיקן קויאך אַף דער פּיאַנאָ און לאָזן אַזוי די איבער-געשראָקענע, בלייכע, ווייסע פּאָרלעך מיט פּאַרגליווערטע פּאָזעס, אין מיטן טאַנצן,—אָט ווי בלייכע טויטע מאַנעקענס... ער האָט עס אַי געוואָלט טאָן, אי זיך מיט קויעך אָפּגעהאַלטן דערפון. און סאָף-קאָלסאָף האָט ער עס טאַקע ניט געטאָן,—עס האָט אים ניט גע-קלעקט דערויף קיין מוט...

און איצט איז ער געזעסן אין דער שטילער, ליידיקער ליכ-טיקייט אינם פוסטן סאַלאָן—אַ מירער, אַן אויסגעוועבטער, מיט אַ שטילן פּאַרדרוס, מיט אַ באַהאַלטענעם פּיין קעגן אימיצן—קעגן זיך אַליין. ער האָט ניט געהאַט קיין מוט.

עס האָט פּאַסירט אָט וואָס:

דורכן אָוונט, בעשאַסן שפּילן, האָט ער אייניקע מאָל באַ-מערקט, ווי פּאַרוקטע אין א ווינקל זיינען געזעסן שווייגנדיק אַ גרופּע זייַנע ברידער—סטודענטן פון א באַקאַנטן אַמעריקאַנישן נעגערשן קאָלעדזש [1]. דאָס זיינען געווען מיטגלידער פון א באַרימטן „גלי-קלאָב" [2] פון אָט יענעם נעגערשן אוניווערזיטעט, וואָס איז באַרימט מיט זיין „גלי-קלאָב" איבערן גאַנצן לאַנד, און דערהויפּט צווישן דער נעגערשער יוגנט. איצט האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זיך א היים, אין אייגענעם קאָלעדזש אַריין, פון א דערפּאָלגרייכן קאָנצערט טור איבער די אוניווערסיטעטן פון די מיזורעך-שטאַטן. אויסער דעם, זיינען זיי אין ניו-יאָרק אַרויסגעטראָטן אין אַ קאָנ-צערט אין דעם קאַרנעגיע-האָל, און זיינען געווען אַ שטיק צייט דער שטאָלץ און דער צענטער פון אַלע געשפּרעכן פון דער „קליי-נער אַפריקע",—דעם קוואַרטאַל פון די נעגערס אין ניו-יאָרק.

דאָס אַלץ האָט דער פּיאנא-שפּילער פון דער שיף געוואוסט פון די צייטונגען. זייערע בילדער האָט ער אויך געוואוסט פון די פּאָטאָגראַפיעס, וואָס זיינען פּאַרעפנטלעכט געווארן אין די אילו-סטרירטע צייטונגען. ער האָט זיי גלייך דערקאָנט. ער איז אמאָל אויך געווען א סטודענט. נאָר אין אַן אוניווערזיטעט אין די צאָפן-שטאַטן, צווישן ווייסע. אין דעם „גלי-קלאָב" פון דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, האָבן אים די ווייסע סטודענטן ניט דורכגעלאָזט, כאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אַזעלכע מוזיקאַלישע פּעאי-

---

1) קאָלעדזש—אַ היך-שול.

2) גלי-קלאָב—געזאַנג קלוב.

קייטן און אַ פיינע טענאָר-שטים. און סאַי צוליב פּאַרדרוס, און סאַי צוליב זיין יאָגעניש נאָך זעלבשטענדיקייט און געלט, האָט ער דעמאָלט געוואָרפן זיין קורס אין מיטן.

און איצט, ווען ער האָט צופעליק אָנגעטראָפן אף דער שיף אָט די, וועלכע עס איז אים געפעלן געוואָרן צו באַטראַכטן ווי זיינע אַמאָליקע כאַווירים—דאָך אויך אַ סטודענט געווען!..— האָט ער זיך געפילט דערשלאָגן, נידעריקער פון זיי, און אף זיך האָט ער געקוקט, ווי אף א דורכפאַל. כאָטש ער האָט נאָך ניט געהאַט אַרויסגערעדט קיין וואָרט מיט זיי, האָט ער שוין געפילט א שטילן דערעכערעץ צו זיי, א פאַרלאַנג זיי צו באַדינען, באַערן מיט עפּעס. יענעם אָוונט האָט ער באַזונדערס גוט געשפּילט. אָט די גרופּע יונגע נעגערישע סטודענטן, וואָס איז געווען אין א ווינקל פאַרוקט, זיינען עס געווען זיין אייגנטלעכע אוידיטאָריע יענעם אָוונט. זיי—און קיינער אנדערער ניט.

נאָר צווישן איין טאַנץ און דעם צווייטן, דורך דעם גאַנצן אָוונט, האָט ער מיט ווייטיק און פון דער זייט צוגעקוקט, ווי עס זיינען געזעסן זיינע כאַווירים, פאַרוקטע אין א ווינקל—פאַרשטויסענע, אָפּגעזונדערטע, שווייגנדיקע, פאַרשעמטע. מיט קינע האָבן זיי צוגעקוקט, באַטראַכט די יונגע און אַלטע פאָרלעך ווייסע, וועלכע האָבן געשוועבט איבערן געוועקסטן דיל פונם טאַנץ-סאַלאָן. מיט זייערע, שלאַנקע, פרישע, שטייף-אָנגעצויגענע גלידער, האָבן די יונגע נעגערס זיך געריסן צו פאַרייניקן זיך מיט די טאַנצנדיקע פאָרלעך. עס האָט זיי געהויבן פון די ערטער, עס האָט זיי געריסן אין דער הויך — צו שטייף צונויפגעדריקטע ספּרונזשינעס פון שווארצן שטאָל... וואָס, וואָס—אין שפּילן, אין זינגען און אין טאַנצן, האָבן זיי זיך זיכער ניט געפילט נידעריקער פון די ווייסע—אויב ניט נאָך העכער...

די רייכע, טאנצנדיקע פארלעך האָבן אָט דעם נעגערישן דראַנג און כיישעק זיך אין טאַנץ אריינוואָרפן באַמערקט. די האָזע פון די שוואַרצע האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן. די פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען געווען מערסטנטיילס סאָכרים אָדער סטאַם אַריסטאָקראַטישע לייריקגייער פון די דאָרעם-שטאַטן, האָט שטאַרק פאַרדראָסן דער בלויזער פאַרלאַנג פון די שוואַרצע. יאָ, דאָס איז נאָר אין צאָפן,— אָט אין אַזאַ באָולדיקער „ניטאַמעריקאַנישער" שטאָט, ווי ניו-יאָרק קאָנען זיך עס שטינקעגדיקע נעגערס דערלויבן אַזוינס אין דער אָנוועזנהייט פון ווייסע „זשענטעלמענס". אַך... אך...

אָבער זיי האָבן זיך סאָפּקאָלסאָף באַרויִקט. זיי זיינען געוועזן זיכער, אַז די שיף-קאָמפּאַניע וועט סאַי-ווי אַזאַ סקאַנדאַל ניט דערלאָזן: זי וועט ניט אָנווערן דעם פּאַטראָנאַזש פון אַזויפיל ערשט-קלאַסיקע פּאַסאַזשירן... זיי האָבן געשיקט אין יענעם ווינקל, וואו די נעגערס זיינען געזעסן, מאַלכוסדיק-שטאָלצע, פּאַראַכטלעכע, צוימעדיק-הערשערישע בליקן. און אָט די הערשערישע בליקן האָבן יענע האַכנאָעדיקע שקלאַפן געשטויסן צוריק, צוריק, צוריק — און זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרשטופּט אין ווינקל.

און זיי האָבן רויִק ווייטער געטאַנצט... נאָר די יונגע שוואַרצע סטודענטן — ווי יונגע אַפריקאַנישע קריגס-לייט אין געפענגעניש — האָבן קוים געהאַט קויעך איינצוהאַלטן זייערע פּרוזשינע-גופים פאַרשטיקט, אין אָט יענעם זייט ווינקל.

אַז אַלע פּאָרלעך זיינען שוין געווען אין זייערע קאַבינען און האָבן פעסט צוגעשלאָסן די טירן הינטער זיך, האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ שטילקייט.

עס איז געווען אַ שטילקייט פון באַפרייאונג, פון אָפּגערייניקטקייט... עס איז אַוועקגענומען געוואָרן די לאַסט פון שטיל-בעקאָוועדיקן, שטאָלץ-איינגעהאַלטענעם טומל. דער שווערער דרוק, די קאַלטקייט פון די פונאויבנאַראָפּיקע בליקן זיינען דערווייטערט געוואָרן. די קופּקע נעגערס אינם ווינקל האָט אָפּגעאָטעמט ברייטער, די ברוסטן האָבן זיך העכער געהויבן, די אויגן האָבן געקוקט פרייער, פרייער, פרייער — און ברענענדיקער...

אַ ווײַלע אַזוי איז דער כאָלאַל פונם זאַל-צימער געווען שטיל, ליכטיק, אָפּגעראַמט. די איבערגעבליבענע אין זאַל האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם אינעווייניקסטן און פאַרשיקערנדיקן טאַנעג פון באַפרייאונג. עמיצנס אַן אומגעזעענע האַנט האָט פון ערגעץ פאַרדרייט אייניקע פון די גרעסערע לייכטער און לוסטרעס. עס איז געוואָרן טונקל אין זאַל, אָנגענעמער.

ניט דער פּיאַנאָ-שפּילער איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צום קופּעלע נעגערשע סטודענטן, און ניט זיי זיינען געווען די ערשטע צו אָנהויבן ריידן, צו פרעגן עפּעס. נאָר שטילע פעדים האָבן זיך געצויגן אין דער שווייגנדיקער האַלבליכטיקייט פונם זאַל און זיי צוגעצויגן איינעם צום אַנדערן.

און שפּעטער, אין אַ קליינער ווײַלע אַרום האָט די גרופּע שוואַרצע סטודענטן שוין אַרומגערינגלט די פּיאַנאָ. זיי האָבן אַרויסגענומען פון די שיידן זייערע פאַרשיידענע סטרונע-אינסטרומענטן,

זיי אָנגעשטימט ציטערדיק, שטיל, און באלד האָבן אָנגעהויבן די סטרונעס פון מאַנדאָליעס און באנדזשאס אויסקלינגען אַלטע, ווייִנענדיקע, נעגערישע פּלאַנטאציע-מעלאָדיעס. שטיל, אומזיכער, אייגנעהאלטן-ברומענדיק, ווי דאָס זשומען פון בינען אין א זומער-באַגינען.

זיי האָבן מוירע געהאַט אויפוועקן די פּאַסאַזשירן.

דער אלטער הויפּט-סטיוארד איז דורכגעגאַנגען די שיף, באקוקן זי דאָס לעצטע מאָל פאַרן שלאָפנגיין. אַז ער האָט דערהערט דאָס שפּילן, איז ער געבליבן שטיין גאַפנדיק. דער פּיאנאָ-שפּילער איז שנעל אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און אים דערקלערט, ווער דידאָזיקע שפּילער זיינען, דער הויפּט-סטיואַרד איז געווען א מולאט [1]), האָט זיך באצויגן צו די שוואַרצע באַדינער פון דער שיף ערגער ווי א ווייסער. ביכלאַל האָט ער זיך באַטראַכט, ווי איינעם פון דער ווייסער ראַסע, און האָט זיי, די באדינער, טאָמיד, בא דער ערשטער געלעגנהייט געזידלט מיטן נאָמען „ניגערס". די ווייסע, העכערע באַאמטע פון דער שיף, האָבן אים אָבער באַטראַכט פאַר א נעגער און אים געהאַלטן ווייט פון זיך. איז ווען ער האָט דערהערט, ווער אָט דידאָזיקע יונגעלייט זיינען, האָט אים ארומגעכאַפּט אַ שטאָלץ-געפיל, וואָס ער קאָן פּאַטראָניזירן די מיטגלידער פונם באַרימטן „גלי-קלוב", פון וועלכע אַפילע ווייסע ריידן אַזאַ סאַך. זיי זיינען געווען טאָקע, אָרימע, ווייטע, גאָר, גאָר ווייטע קרויווים, ווען עס איז אָבער געלונגען צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין לעבן... כוץ דעם: דער הויפּט-סטיואַרד האָט זיך געפילט, ווי א רייכער, ערגעץ פון דער הויך אראפּגעקומענער קאָרעוו, וועלכער איז זיכער באַ זיך, אַז מע וועט וויסן, ווי אפּצושאַצן זיין לאַסקע.

האָט ער אַרויסגעברומט אַ האַלבע האַסקאָמע. האָט אָבער דערביי ארויפגעלייגט א וואָרנענדיקן פינגער צו דער נאָז, ס'האָט געהייסן:

— איט'ס אָללרייט... גאָ עהעד פעלערס, באָט קווייעט... [2]).

ער איז דאָ געבליבן שטיין אייגנטלעך „אף איין מינוט", נאָר מער האָט ער זיך שוין נית געקאָנט אָפּרייסן פון זיין אָרט. און גאָר אינגיכן האָט ער שוין געהאַט אַזאַ געפיל, ווי ער וואָלט,

1) אַ געמיש פון אַ ווייסן און א נעגער.

2) עס מאַכט ניט... זעצט פאָר, כעוורע, אָבער שטילער.

דוכט זיך, זיין גאַנץ לעבן געהאַט אָפּגעלעבט אין א טאָעס... דערווייטערט פון זיינע אייגענע... עפּעס אין אים האָט אָנגעהויבן וואַרים ווערן, זיך שמעלצן, אַרויפשטייגן פון די טיפענישן... ס'האָט זיך ענגער געמאַכט אין האַלז, אָבער פרייער, לייזער געמאַכט אין דער ברוסט. טרערן פון ליבשאַפט און כאַראָטע האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער איז געווען איין טריט ווייט דערפון, אַז ער זאָל זיך ארויפוואַרפן און אויסקושן יעדן אייוועער באַ די יונגע, אויסגעפּוצטע, שוואַרצע באכערימלעך, וואָס מיט די קאָלירטע זיידענע גאָזטיכלעך אין די אויבערשטע קעשענעס פון זייערע רעקלעך און אין די ווייסע זיידענע זאָקן.

און דאָס שפּילן האָט זיך וואָס אמאָל אַלץ מער געשטאַרקט, איז געוואָרן אלץ העכער און העכער. אַז די שיף-באַדינער האָבן דערזעען, ווי דער הויפּט-סטיוארד שטייט אויך דאָ, זיינען זיי נאָך זיכערער געוואָרן באַ זיך. די קופּקע איז וואָס אמאָל אלץ אויפגעשוואָלענער געוואָרן. דער קרייז איז וואָס אמאָל אַלץ גרעסער געוואָרן. צוליב די זיך-צונויפזאַמלענדיקע געסט, האָבן די באנדזשאָס, די גיטארעס און די יוקוליילעס ארויסגעקלימפּערט פּאָפּולערע לידער „רעג-טיימס"... העפקערדיק, ווילד, דזשאָזשיש האָבן זיך אַרונטערגעריסן פון די קלאַווישן די אומצייטיקע, זיגנדיקע, זעגנדיקע, רעגנדיקע, צעטרייסלנדיקע טענער. און דעמאָלט און דאָ, אַף די זוימען, דרויסן פונם קרייז, איז געבוירן געוואָרן דער טאַנץ,—געבוירן געוואָרן פון דער געדיכט-אויפשוימענדיקער מוזיק...

איבער די רייכע טעפּיכער, האָבן זיך געוואָרפן און געהוידעט אַף זייערע שווערע, קלאָציקע פיס די אויוונהייצער, אין די קויטיקע און קויל-אויסגעשמירטע „אָוועראָלס", אין די צעריסענע זעק אַף די קעפּ. אין די געוועב-לעכעלעך פון די זעק האָבן נאָך געשטעקט שטיקלעך, ברעקלעך אַנטראַציט, און געלויכטן און געשמעריט האָבן די גרייפּלעך קוילן קעגן די עלעקטרישע פייערן, ווי די טייערע שטיינער אָניקס און אַגאַט.

דער קליינער, אימפּראָוויזירטער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט די דאַרדאנעלא. מיט יעדן אייוועער, מיט די בליצנדיקע אויגנווייסלעך, מיט די שטאַרקע וואָרצלאַרטיקע העלפאַנט-ציין, האָבן די פּארזאמלטע זיך געריסן איינער אפן אַנדערן, איינער צום אנדערן, געלאַכט, געטאָפּעט זיך איינציקווייז אַף איין אָרט, איבערגעקוליעט זיך אפן דיל, אָדער אומגעוואָרפן געוואָרן פון דער איבעריקער מאַסע, אויפגעשטאַנען און ווידער געטאַנצט, ווי גרוי-

סע טראָפּישע אוראנג-אוטאנגען און גאָרילעס האָבן געטאַנצט פֿאָקס-טראָט מאַנסביל מיט מאַנסביל, מאַנסביל מיט מאַנסביל. אייבער אַ שוואַרצער טייוול איז ארונטערגעלאָפן אין דער מאַשינאָפּטיילונג, האָט ארויפגעבראכט א לאַנגע קאָטשערע. באלאנסירנדיק דערמיט אין ביידע הענט, ווי א דראָטגייער זיין באלאנסשטעקן, אַרויסשטעקנדיק די בויך פאָרויס, נאָכמאַכנדיק אַלע געשלעכטלעכע באוועגונגען, האָט ער אנגעהויבן טאנצן א קען-אָף וויזאווי א נעגער אזא ברייטן, מיט אזא גרויסן, ארויסטאַרטשנדיקן בויך, ווי בא א קליינשטעטלדיקער עלטערער אידענע, וואָס האָט געהאַלטן אין קינדלען איין צענדליק יאָר נאָכן אַנדערן. קיינער פון זיי ניט וויסנדיק, ניט פאַרשטייענדיק, ניט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיך אַלע געטאָפּטשעט און געשטויסן, זיך צעלייגט איבער די דיוואַנען, איבער די ווייכע שטולן, אף די סאָפעס.

נאָך העכער, נאָך העפקערדיקער האָבן געשפילט די שפּילער.

עס האָט זיך געדוכט: סאַמע דער גרויסער אָקרענט האָט זיך אין זיין גאַנג אַווילע אָפּגעשטעלט און זיך איינגעהערט צו דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. און באַלד האָט אויך דער אָקרענט זיך אָנגעהויבן וואַרפן פון זייט צו זייט, קאַטשנדיק זיך פון געלעכטער.

אין די זייטיקע דורכגאַנגען, אף די אויבערשטע דעקן, וואָס האָבן ארומגערינגלט דעם טאַנץ-סאַלאָן ווי באַלקאָנען, האָט זיך געעפנט א טיר פון איין קאַבינעט, פון א צווייטן. דערשראָקענע פאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן, מיט באנאכטיק-צעשויבערטע האָר. די מענער אין פּידזשאַמאַס, די פרויען אין נאַכט-הייבלעך און אין לאנגע שלאָף-העמדער, האָבן זיך אָנגעהויבן איינציקווייז ארויסרוקן פון די טירן. מיט פאַנאַנדערגעשרויפטע מיילער זיינען זיי געבליבן שטיין און אָנגעקוקט דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר זייערע אויגן.

דער אויסזעען פון דער הוליענדיקער כעוורע אונטן, פון דער מיטנאכטיקער סימכע, האָט זיי קעהערפּאַין אויסגעטשוכעט. די ווייסע, קיכערשע קעפּקעס אף די שוואַרצע, געקרייזלטע קעפּ; די זעק אין קוילן אויסגעשמירטע; די רויטלעכע ווייסלעך, וועלכע האָבן זיך געקאָלירט אָפּשרעקנדיק אינם עלעקטרישן ליכט; די צעוואָרפענע און פאַנאַנדערגעשפּרייטע שוואַרצע פיגורן אף די

טעפּיכער, אין די לענשטולן, אפן דיל—דאָס אַלץ האָט זיי אויס־געזעען, ווי א שפּעט-נאַכטיקע סודע פון שיידים. פון יאַם-פּאַר־זעענישן, וואָס האָבן זיך אַריינגעגאַנווּעט פון די יאַם-אָפּגרונטן אַהער אין שיף און באַהערשט זי, ווען די פּאַסאַזשירן זיינען גע־שלאָפן. געוואָלט האָבן זיי, מיט שרעק און גרויל, זיך טייקעף אָפּטראָגן אין זייערע קאַבינעס אַריין. נאָר זיי זעלבסט אף צולא־כעס, האָט זיי געמאַניעט די מוזיק, געצויגן און געשלעפּט זיי אַרויס און אַרויס. זיי זיינען דעריבער אָדער געבליבן שטיין צו־געשמידטע צו זייערע ערטער, אָדער האָבן זיך אָנקויעכדיק אריינ־געוואָרפן אין די נאָענטסטע, ווייכע פּאָטעלן, וואס אף דעם באַל־קאָן. דערשראָקענע, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם זיינען זיי דאָרט געבליבן זיצן. יעדער איינער פון זיי האָט זיך באמיט צו פאַר־שטופּן זיך אין די ווייטסטע ווינקעלעך, קעדיי דאָס ליכט פון די לוסטרעס זאָל זיי ניט דערגרייכן, און מע זאָל זיי פון אונטן ניט באמערקן.

און אין דער שיף איז שוין איצט געוועָן גאָר ליכטיק, ליכ־טיקער, ווי אין דער גרעסטער יאָנטעוו-נאַכט. דער הויפּט-סטיואַרד איז שוין איצט גאָר צעפלאָכטן געוואָרן. ער האָט זיך פאַרגעסן אָן דער שיף און אירע פּאַסאַזשירן, אָן זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט,— ער האָט געלאזט אויפדרייען אלע לוסטרעס און האט פונדעסטוועגן אַלץ געהאלטן אין איין שרייען:

— נאָך ליכט! נאָך ליכט!

און אף דער שיף איז איצט פאָרגעקומען א ליידנשאַפט־וויכער, א שטורעם, נאך גרעסער ווי דער דרויסנדיקער שטורעם. טיפער נאך האבן זיך די פּאַסאַזשירן געדרוקט אין זייערע ווינקע־לעך, זיך געטוליעט אין די טיפענישן פון די פאטעלן. און הענט און לייב און יעדער אייווער האט זיי געציטערט. די שוואַרצע האבן זיי שוין איצט אויסגעזעען. ווי אוראנג-אוטאנגען, וועלכע האבן זיך ארויסגעריסן פון די שטייגן, און וועלן זיך אט באלד אַ ווארף טאן אף זיי; אריינכאַפּנדיק די יונגע מיידלעך, די פרויען אין די מיילער אַריין, אין די האריקע לאפּעס, — וועלן זיי זיך אוועקלאזן מיט זיי אין ווילדע ארגיעס אין מיטן דער באנאכטיק־באלויכטענער שיף. וועלן זיי צוערשט פארמוטשן ביז טויט, און דערנאך, האלטניק די שוין פארכאלאשטע, האלב-טויטע קערפּערס אונטער די האריקע באיעדיקע פּאַכוועס, ארויפשלעפּן זיי אף די דעקן און טאנצן מיט זיי, מיט די ווייך-אויסגעמאַטערטע קערפּערס.

א לעצטן טאנץ... און דערנאָך, ווי זיי וועלן זיך שוין האָבן געגוג אידיעקעוועט איבער זיי, וועט מען זיי ערשט אריינוואַרפן אין די פינסטערע וואסערן אריין. אָך, ווי די וואַסערן פון אקעאַן מוזן איצט אויסקוקן...

אַפילע די רואיקע צווישן די פּאַסאַזשירן, האָבן זיך איצט אויך דערמאנט אן אלערליי מאיסעס און פּאַסירונגען, וועלכע זיי האָבן זיך אנגעלייענט אין אלערליי ראמאנען און אוואנטיורן-געשיכטעס,—געשיכטעס וועגן דעם, ווי מאטראסן צעבונטעווען זיך אפן יאם, דערהארגענען די העכערע באאמטע, בארויבעווען די פּאַסאזשירן און דערטרינקען זיי... און איין-איינציקן פאַרלאנג, איין-איינציק געבעט האָבן זיי איצט געהאט,—א פארלאנג און א געבעט, אַז די נעגערס זאלן זיי איצט בעסער גארניט באמערקן, זאלן זיך אינגאנצן פארגעסן, אז עס זיינען דא אַף דער שיף — ניין, ביכלאל אַף דער וועלט — אזא סארט מענטשן, ווי ווייסע הערשער און פארשקלאפער.

נאר זייער אומרו איז וואס אמאל אלץ מער געוואקסן. דער סטיוארד האט געלאזט אויפדרייען איין לוסטרע נאך דער אנדערער. ער איז געווען גאר שיקער פון דערדאויקער נאכט, דער סטיואַרד... מיט שרעק האָבן זיך די פּאַסאַזשירן נאך מער געקארטשעט און צוגעפּלעטשט צו דער וואנט און צו די ווענטלעך, אט פונקט, ווי זיי וואלטן געהאט אזא מין ווילדע האפענונג: דורך א נעס וועלן זיי זיך דורכקוועטשן דורך די ווענטלעך און ניט ווערן. אסאך פון זיי האָבן אינמיטן דערפילט, אַז זיי מוזן טייקעף, באַלד, ערגעץ אוועקאיילן, נאר פון גרויס שרעק האָבן זיי זיך פון ארט ניט געקאנט רירן. זיי זיינען געזעסן אזעלכע שוואכע, אומבאהאלפענע—נאקעטע, אויסגעטאנענע.

און דא, אין דער שטארקער ליכטיקייט, האט א נעגער, וועלכער איז א מידער געלעגן שוין אפן דיל, צופעליק אויפגעקוקט אין דער הויך און האט זיי באמערקט. ער האט ארויסגעלאָזן א דערשראָקענעם קוויטש. באַלד האָבן די איבעריקע נעגערס אויך באמערקט די ווייסע, האָבן זיך גלייך אויסגעטשוכעט און — פון שרעק, וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט די פּאַסאַזשירן — האָבן זיי זיך אלע אין איינעם א לאָז געטאָן אַף צוריק. נאָר אַזוי ווי די פיס זיינען בא זיי געווען אונטערגעקאָשעט, און אינגאַנצן זיינען זיי איצט געווען, ווי זאַנגען, וואָס שאָקלען זיך אין ווינט, האָבן זיי זיך ווידער געטאָן אַ לאָז אלע אינאיינעם און אין פּאַ-

רויס... און די פּאַסאַזשירן זײַנען שוין געווען זיכער: דאָ קומט שוין זייער סאָף. די נעגערס גייען אָף זיין!

אין דער הויך, אַף די באַלקאָנען, אין אַלע דורכגאַנגען, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שרעלעכע קוויטשעריי און אַ היסטערישער אויסגעשריי פון פרויען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש, אַ שפּרינגעניש פון די פּאַסאַזשירן איינער איבערן אַנדערן, איינער אומוואָרפנדיק און אַוועקשטויסנדיק דעם צווייטן,—אָט ווי דער שראָקענע גראָז-שפּרינגער אַנטלויפן פון אַ מענטשנס טראָט. אין איילעניש און באַגאָסענע מיט קאַלטן שווייס האָבן זיך אַלע אַף גיך אַרייַנגעכאַפּט צוריק אין די קאַבינעס אַריין. און עס האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקן פאַרקלאַפּן און פאַריגלען פון טירן, אַ זעצן, אַ שלעפּן און צושטעלן שטולן און קאַסטנס קעגן די טירן... מע האָט זיך פון אינעווייניק פאַרבאַריקאַדירט.

פון דעם געשראָקענעם געלויף פון די ווייסע אין דער הויך האָבן זיך די נעגערס אינגאַנצן אויסגעניכטערט.

און ערשט איצט האָבן זיי זיך רעכט דערשראָקן, דער הויפּט-סטיוארד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַנע צעווילדעוועטלויפנדיקע גאַלאָפּירנדיקע ראַווינעס. און האָט געהייסן אַף גיך צוריק אויסדרייען די עלעקטרישע ליכט. ס'איז ווידער געוואָרן האַלב-טונקל.

די מערסטע שיף-באַדינער זײַנען זיך גלייך צעלאָפן. דער הויפּט-סטיוארד גופא האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט:

— שטיל זאָל מען זיין!

און טאָמער וואָס—ווען—זאָל מען לייקענען:

— אַז מע האָט די גאַנצע נאַכט גאָר געשלאָפן...

האַבנדיק זיך באַרואיקט מיט דער דאָזיקער אומגעלומפּערטנאַרישער פאַרענטפערונג איז מען זיך צעגאַנגען. בלויז די סטודענטען, אָט די גרויס-שטאָטישע אנגעטאָנענע נעגערס, זײַנען ניט אַוועק. מער ניט—זיי האָבן זיך נאָך ענגער צונויפגעקלעפּט אַרום דער פּיאַנאָ—אַ סטאַדע שעפּסעלעך וועלכע שרעקן זיך פאַרן אָנקומענדיקן וואָלף. ווי ס'האָט זיי ווייַ געטאָן דער פּלוצימדיקער אוועקלויף פון דעם אוילעם...

— זיך דערשראָקן!

— אָט קנעכט!

— אָט עמעסע שקלאַפן!

נאָר ערגעץ אין זיך זיינען זיי פּאָרט געווען צופרידן פון אָט דער געשעעניש, די יונגע סטודענטן.

— זיי וועלן איצט שפּילן פאר זיך, צוליב זיך...

זיי האָבן פונדעסטוועגן געהאלטן אין איין איבערכאַזערן:

— אָבער שטיל, שטילער...

— מ׳דארף קײנעם ניט אויפוועקן...

— קיינעם ניט אויפוועקן.

אין אומגעזעענע האַנט פון ערגעץ האָט אויסגעלאָשן ליוסטרע נאָך ליוסטרע. ס׳איז געוואָרן נאָך טונקעלער, בלויז עטלעכע רויטע און גרינע עלעקטרישע נאכט-לעמפּלעך,—אָט די וואָס ברענען א גאַנצע נאַכט אף דער וואך—האָבן איצט באלויכטן דעם זאל, גע-האלטן שמירע איבער דעם אומרואיקן וואכזיין און דעם נאָך-אומרואיקערן שלאָפן פון די פארשלאָסענע, פאריגלטע און פאר-באריקאדירטע פּאַסאַזשירן.

און דעמאָלט האָט שטיל, זיך-באַקלאָגענדיק און פּאַראיינ-זאמט זיך ווידער געלאָזט הערן אין דער טונקל פון דער אומרו-איק-שלאָפעדיקער שיף אינמיטן גרויסן און פרעמדן אָקעאן—דאס דינע, איידעלע פרימאָרגענדיקע געזאנג, אָט דאָס פארכאלעמטע, פאַרקישעפטע געזאנג, וואס די נעגער-סטודענטן האבן אונטערגע-ברומען אין דער שטיל באם סאמע אנהויב אן. דאס געזאנג, וואס האט פריער בערנארד קאהענען ארויסגעצויגן פון בעט.

Pretty maiden, marry me,
Aha-aha...
Pretty maiden, marry me,
I love you, you love me,
Aha-aha-aha...

מר. קאהען איז אט די גאנצע צייט, וואס דאס אלץ איז פארגעקומען האלב געלעגן אין זיין ווייכן פאטער-שטול, און אלץ אין אים האט געציטערט. ס׳האט אים געקלאפּט א צאן אן א צאן.

דער שרעק פון די ווייסע פאסאזשירן אין דער הויך אפן שיף-באלקאן איז אין אים נאך פארפילפאכט געווען, ס׳האט זיך אים אלץ געדוכט אז ער איז עס באשטימט צו זיין דער ערשטער קארבן אין דער שכיטע, וואס וועט זיך באלד אנהויבן דא. מ׳האט אים צוערשט ארויסגעשלעפּט פון בעט, מע פראוועט דא אומישנע א געזאנג און א הוליאנקע ארום אים, איידער מע וועט מיט אים

באַ'ד אפטאַן עפּעס שרעקלעכס... כאַטש וואָס, האָט ער נאָך ניט געוואוסט.

ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, פּלאַפּלען עפּעס... זיך בעטן באַם נעגער וועלכער האָט, אַלץ אַזוי פריינטלעך און באַזאָרגט, זיך געפּאָרעט ארום אים—זיך געבעטן, אַז מע זאָל אויף אים ראַכּ-מאַנעס האָבן, אים לאָזן גיין צוריק אין זיין קאַיוטע אריין.

— אז ער איז דאָ אין גאָרניט שולדיק, אין גאָרניט...

און יענער האָט אַלץ געקוקט אַף אים פריינטלעך אַזוי, האָט אים געטריי צוגעזעען און איז ניט אַוועק פון אים אַף קיין איין רעגע, ווי פון א גאַר שווערן כוילע. און עפּשער האָט ער גאָר ניט געהערט בערנאַרד קאַהענס בעטנדיקע רייד: דער לעצטער האָט דאָך קוים באַוועגט מיט די ליפּן—אַזוי אָפּגעשוואַכט איז ער געווען.

בערנאַרד קאַהענס שרעק איז דעריבער געוואָרן נאָך שטאַר-קער. אים האָט בוכשטעבלעך געטרייסלט איצט יעדער אייווער, דער שמייכלענדיקער פריינטלעכער נעגער, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין ארומווינקלען אים שטייפער און וואַרימער מיט דער קאָל-דרע, האָט אים וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער געשראָקן.

— וואָס וויל ער אייגנטלעך פון אים? און צו וואָס האַלט ער אים דאָ?

— פאַרוואָס איז ער אַזוי צוגעלאָזן צו אים?—ווער אייגנטלעך איז ער?

ווייל כאָטש בערנארד קאַהען איז געווען איצט אַזוי שוואַך, אַז ער האָט קוים געקענט א וואָרט אויסריידן, דאָך איז אין אים איצט אנגעגאַנגען א גאַנצע קאָכעניש, אַן אומרואיק לויפן פון געדאַנקען, וואָס האָבן געשאָסן און געשפּרונגען הין און צוריק, אין אַלע ריכטונגען.

וואַרט... אָט דער נעגער איז אים עפּעס אַזוי באַקאַנט...

ער האָט אים זיכער ערגעץ געזעען—און דאַווקע אַסאַך מאָל געזעען, אַזאַ באַקאַנט פּנים... און דאָס געזיכט... איצט, אַז דער טומל פון די שוואַרצע, איז צוזאַמען מיט זייערע שוויצנדיקע און סאָפּענדיקע גופים אנטלאָפן, האָט זיך דאָס זעלביקע נאָגנדיקע, בענקענדיקע געזאַנג נאָך קלאָרער געלאָזט הערן, ס'האָט געריסן באַם האַרצן, ס'איז געווען אַזוי באַקאַנט, אַזוי נאָענט—פּונקט ווי דאָס פריינט-לעכע באַזאָרגטע געזיכט פונם נעגער נעבן אים. און איינס האָט עפּעס דערמאָנט אַנעם צווייטן.

קאָקעטיש-אומשולדיק, קינדיש-רייצנדיק, יונג-פריילעך, האָט זיך פונם קליין קופּקעלע ארום דער פּיאנא אלץ געצויגן צו אים דאָס שטילע זשומזשען פונם באַקאנטן שוין לאנג, לאנג צו־ריק געהערטן ליד... און מיטן זשומזשענדיקן ליד איז געקומען א באַקאנט בילד:

א פרימאָרגן, א ליכטיקער, א יונג-הארבסט, א געבענשטער. א זאפטיק-שמעקנדיקער סאָסנע-וואלד, אף א הויכן יאם ברעג. א פרימאָרגנדיק זשומזשען פון בינען.

And where will the wedding be,
aha-aha...
And where will the Wedding be,
Way yonder, under a hollow tree,
aha-aha-aha...

און באלד האָט עס פון קאָהענען א שטילן געשריי געטאָן— ער האָט אים דערקאָנט, דעמדאָזיקן נעגער... ער האָט נאָך א געשריי געטאָן, אזא פיינלעכן און דערשראָקענעם. אים האָט זיך גע־דוכט, אז דאס האָט זיין גאנץ אינגעווייט, זיין גאנץ בלוט און מארך ארויסגעשריען פון אים, און אַז די גאַנצע שיף האָט זיך פון דעם א טרייסל געטאָן. נאָר ס'איז בלויז געווען א שטיל געשריי.

דער נעגער, וואָס האָט זיך ארום אים געפּאָרעט, האָט עס אָבער דערהערט, און זיך צו אים מיט זאָרג צוגעבויגן. ער האָט באמערקט, ווי דעם ווייסנס פּאסאזשירס פּאָנים איז אקארשט נאָך בלייכער געוואָרן, געוואָרן פאָשעט וויים ווי קאלך. זיינע אויגן האָבן קאדאכעסדיק געברענט. דער נעגער האָט געוואָלט גיין רופן א דאָקטאָר, נאָר יענער האָט אים אפּגעהאלטן מיט דער האנט און אים שוואַך געפּרואווט צוציען צו זיך.

דער נעגער האָט קוים געקאָנט פארנעמען קאהענס שטילע, זיך בעטנדיקע ווערטער. מר. קאהען האָט געוואָלט, ער זאל אים צוריק אריינברענגען אין קאיוטע. און אין א ווייל ארום האָט ער שוין געפילט ווי ער ווערט געטראָגן אין דער לופט מיט עמעצנס שטארקע ארעמס,—א קליין אויפעלע.

ערשט א היפּשע לענגערע צייט שפּעטער האָט בערנארד קאהען זיך איינגעשטילט, האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט זיך

א ביסעלע בארואיקט. אים האָט זיך די גאנצע צייט געדוכט, אַז דאָס האָט יענער—אט דער נעגר מיטן פאַלשן קלוימערשט-פריינט־לעכן שמייכל—געטראגן אים אין דער לופט, קעדיי ארײנוואַרפן אים אין יאַם אריין, אדער ערגעץ אין א פייערדיקער קעסל-גרוב, אף ברענענדיקע אומענטשלעכע יעסורים, און אַפילע, אַז ער איז שוין געלעגן אין זיין קאיוטע, האט ער צוערשט נאך אלץ מוירע געהאַט צו עפענען די אויגן. ער האט מוירע געהאט צו דערזעען יענעם נעבן זיך—מיט א כאלעף אין האנט, מיט א מעסער, צי מיט א שווערד, ווארטנדיקערהייט שטייענדיק איבער אים.

אין קאיוטע איז געווען מאָדנע שטיל, ווי זיי וואָלטן ביידע, אי יענער, אי ער בעקיוון איינגעהאלטן דעם אטעם. אפן שיף איז אויך געווען שטיל—דאס געזאַנג פונם קרייזול זינגענדיקע נעגער איז שוין ביסלעכווייז אויסגעגאנגען, ס'האבן זיך דערנעענטערט די שאען פון פארטאג. אַביסל שטילער, איינגעהאלטענער, נאר אלץ נאכאנאנד און אלץ אונהיימלעך, האבן די כוואליעס געקלאפט אין שיף.

נאר אין אים, אין בערנארד קאהענען איז דאס געזאנג ניט אפגעשטארבן, ס'האט אין אים אלץ אפגעהילכט, ווי דער אפקלאנג פון א שוין פארשוואונדן ליד אין א ברייט פעלד.

עס איז זיך פארגאנגען אף אלע טענער, שטיל, כיינעוו־דיק זיך געצויגן און ניט געוואלט אויפהערן.

ער האט געפרואווט ברייט פאנאַנדערעפענען די אויגן, אבער א שוואכקייט איז איצט אנגעקומען איבער אים, א מעכאיעדיקע שוואכקייט, וואס האט פאנאנדערגענומען אלע זיינע אייוורים, זיי אנגענעם צעשרויפט און אנגעפילט מיט אזא זיסער מידקייט. דאס ליד האט אים איצט איינגאנצן אויסגעפילט, אריין אין אלע שפעלטעלעך פון זיין מויעך, פון זיין גוף. ביסלעכווייז, ביסלעכ־ווייז, פון שטיקלעך און ברעקלעך פון אנגעשוואומענע זיכרוינעס פון בילדער, וואס האבן אנגעהויבן אנפלייצן אף אים, האט זיך עס צוריק פאַמעלעך אויפגעבויט און אויפגעשטעלט.

אט ליגט ער אפן גראז, צווישן די סאסנע־בוימער, אן אנ־גענעם-דערשעפטער, א פאַרשיקערטער פונם רייעך פון דעם צע־ווארימטן סאסנע-בלוט און צעווארימטן בלוט פון דער יונגער מולאטין, וואָס זיצט נעבן אים און זינגט פריש און קלאר, זינגט ליכטיק און זאפטיק, זינגט, זינגט. — —

ער מיט זיין קליינער פאַמיליע האבן דעמאלט פארבראכט אין פיינהוירסט, אינם שטאט צאפן-קאראלינא. א היבשע צייט האבן זיי דארט פארבראכט. מיטגעבראכט מיט זיך האבן זיי זייער דינסט קאראן. אַ יונגע מולאַטין. זיין פרוי איז עטלעכע כאדאשים נאך דער כאסענע געווארן קראַנק. זי האט געהאַט זייער א שלעכטן טראגן מיט איר ערשטן קינד. די דאקטוירים זיינען ניט געווען זיכער, אויב זי וועט בלייבן לעבן, נאכדעם ווי זי וועט געלעגן ווערן. זי איז אבער יא געבליבן לעבן, נאר געקרענקט נאך דעם אסאך כאדאשים.

קאהען איז פון איר קרענקען זייער מיד געווארן. און געזאלט האט עס זיין זיינע האניק-כאדאשים! זיין בלוט האט אין יענער צייט—נאך געווען א יונגער מאן—טאג און נאכט געזונגען אין אים און האט ניט געוואלט איינגעשטילט ווערן.

און דא, אין שטוב, האבן אלץ געבלישטשעט פאר די אויגן די ווייסע, שנייפאַרפּראַרענע ציין פון דער טונקל-הויטיקער מולאטין.

און אין איינעם א ליכטיקן פרימארגן איז ער איר נאכגעגאנגען אינם סאסנע-וועלדל, וואס האט זיך געפונען היבש ווייטלעך פון זייער היים, אף א בערגל ניט ווייט פון יאַם, זי פלעגט זיך דארט באדן אמאל אין א פרימארגן — נאך גאר, גאר פרי, ווען די ווייסע באלעבאטים שלאפן נאך געשמאַק, אזוי ווי אין אט דער פריער שא פלעגט קיינער ניט זיין באם יאם, דערהויפט נאך אין אט יענעם אביסל פארלעגענעם ארט, וואו ס'איז געווען א קליינער זאַמדיקער פליאזש, פלעגט זיך קארא באדן דארט א נאַקעטע. דער יונגער בערנארד, וועלכער איז נאכגעגאַנגען נאך קאראן פוס-טריט, שטיל און שפרינגענדיק, ווי א לעמפערט, וואס גאנוועט זיך נאך זיין קארבן,—א יונג לעמעלע, וואס גייט צום וואסער טרינקען—האט זיך אנידערגעשטעלט אונטער אַ בוים, זיינע קני האבן אים געציטערט און ער האט געפילט, אז אט-אט פאלט ער צו צו דער ערד.

אַז זי איז אַרויס צוריק פון וואַסער און איז צו צום בערגל קליידער, וואס זי האַט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך פאַרן באָדן זיך, און אנגעהויבן זיך אָנטאן, האט נאך דאס וואסער ארונטערגערונען פון איר לייב, ווי רעגן-וואַסער אף יונגן בוים אין פרילינג. און ווען בערנאַרד קאָהען האָט זי ארייגענומען אין זיינע אָרעמס, איז איר לייב געווען אזוי קיל און שמעקעוודיק, ווי דער רייעך פון מיאַטע-פלאַנצן, ווען מע צערייבט זיי אף דער דלאניע. קאהען

האט אויסגעשפּרייט זיין אויבערקלייד איבער די אָנגעוואָרפֿענע סאָסנע־נאָדלען, און זיי האָבן זיך באַהעפט.

יעדן פרימאָרגן פלעגט זי שוין פון איצט אָן זיך גיין באָדן, — יעדן פרימאָרגן גאָר פרי. ס'איז געווען דאס ערשטע געזאַנג אין איר לעבן. זי איז געווען נאך גאָר א יונג מיידל פון א יאָר זיבעצן, און זי האט אים ליב געקראָגן — בעעמעס מיט אן ערשטע מיידלש־פרוילעכע ליבע.

אז קאהענס מישפּאָכע האָט זיך מיט עטלעכע כאדאָשים שפּעטער צוריקגעקערט אהיים, האט קאהען פאָרגעזעצט זיינע פאַרהעלטענישן מיט איר. זיין פרוי איז נאך אלץ געווען קראַנק, און דאָס לייב פון א נעגער פרוי איז אין די דאָרעמדיקע שטאָטן זייער וואָלוול. ביז קאַראַ איז אינגיכן פארגאַנגען אין טראָגן.

קאהען האט זיך זייער געערגערט דערפון. אין אזעלכע פאַלן פלעגט ער זיך זייער וויניק קימערן וועגן די קאָנסעקווענצן, און האט ביכלאַל דערוואַרט, אַז די פרוי זאָל שוין אף דעם אַליין אכטונג געבן. ער האָט איר געגעבן פאַרשיידענע גרויס־שטאָטישע מיטלען, ווי אַזוי פאָטער צו ווערן פונם ניט געוואונשענעם קינד אין אירע געדערים, נאָר זי האט פון דעם ניט געוואלט הערן, ווייל זי האָט אים ליב געהאַט און האט בעמיילע ליב געהאַט דאס אַרויסקומעניש פון זיין דיך.

בערנאַרד קאָהען האט אין איינער א נאַכט, אף איר געלע־גער, אַרומגענומען זיין פרוי גאר שטאַרק, זי געהאַלובעט און געקושט, ער האט איר שטילערהייט, מיט א טאיווע־דערוואָרגענער שטים, געגערעדט אלערליי שיינע און ליבע רייד. ער האט איר צווישן אנדערעס און אגעוודיק, אויך געזאָגט, אז זי מוז אוועק־שיקן פון הויז די דינסט, אז זי טאר ניט האַלטן אין הויז אַזאַ מיידל, וואָס שלעפּט זיך ארום שוין יונגערהייט מיט כ'וויס ווע־מען. און זיין פרוי האט אויסגעהערט זיינע רייד, האט קאראַן געפּרואווט פאַרטיידיקן, נאָר אף מאָרגן אינדערפרי האט זי געטאָן אַזוי, ווי איר מאַן האט געוואָלט.

און אין יענעם פרימאָרגן איז בערנאַרד קאָהען אוועק אין זיין אָפיס, צו דעם טאָגס־אַרבעט, א בארואיקטער און א שטילער. ער האט ניט ליב געהאַט קיינע אומזיסטע ערגערנישן, א ביס פון א פליג איז טאָקע גאָרניט, אָבער צו וואָס דארף מען דאָס.

אַז קאַראַ איז שוין געווען אין די גאָר לעצטע טעג פון איר שוואַנגערן, איז זי אַריינגעטראָטן אין אַן עפנטלעכן שפּיטאָל אף

צום געלעגן ווערן. עמיצער פון אירע פריינט האט זי אָנגעהויבן צורײדן, אַז זי זאָל מאַכן א טומל וועגן דעם גאַנצן איניען. עס איז דעמאָלט גראד געווען די צייט פון אַ מוניציפּאַלער וואַל-קאַמפּאַניע און בערנאַרד קאהען איז געווען קאַנדידאט פאַר מיט-גליד פון שטאָט-פאַרוואלטונג, איז אויב ער וועט ניט וועלן דער-לאָזן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל, וועט ער איר מוזן געבן א גרויסע סומע געלט, און אויב יאָ — וועט זי כאָטש דערלעבן אָן אים נעקאָמע, נאר קארא האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן.

אָבער דערזעלביקער פריינט אירער האָט עס שוין איבער-געגעבן אין די קרייזן פון דער קעגנערישער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט איר אייגענעם קאַנדידאַט אין די וואַלן. מע האָט אָנגע-הויבן ריידן וועגן דעם איניען אין פאַרשיידענע קרייזן, און וואָס אַמאָל — אַלץ העכער. בערנאַרד קאהען האָט דעמאָלט באפוילן מע זאָל זי אויסשליסן פונם געבורטס-שפּיטאָל. ער איז דאָרט געווען איינער פון די דירעקטאָרן.

— אָ, אים וועט מען ניט אָנשרעקן!

אלע באַאַמטע פון שפּיטאָל האָבן איינגעשטימט מיט מר. קאָהענען, אַז קארא איז ניט ווערט מע זאָל זי האַלטן אין א שטאָטישער אינסטיטוציע, אויב זי קאָן ארויסלאָזן אזא שעם-ראַ אף אַן אָנגעזעענעם בירגער פון שטאָט.

אז קאראס פריינט האָבן עס דעמאָלט געוואָלט איבערגעבן אין יענער אָרטיקער ציישונג, וואָס האָט אין די מוניציפּאַלע וואַלן געשטיצט דעם קעגנערישן קאַנדידאַט, האט מען זיך דאָרט דערפון גוט אויסגעלאַכט. שאָדן בערנאַרד קאָהענען איז מען טאַקע דאָרט געווען גרויסע באַלאַנים, אָבער ניט מיט אַזאַ קלייניקייט, אין דער סאוט איז דאָס א געוויינלעכע זאַך.

אָבער פונדעסטוועגן איז מר. קאָהען געווען דערפון אביסל באאומרואיקט. בעשאַס די וואַלן קאָן אפילע א קאַץ קאליע מאַכן, האָט ער געטראַכט. ער האָט געקאָנט דורך דעם פאַרלירן דעם נעגערשן באלאט, און דאָס איז פאַר אים געווען זייער אַסאַך. אזוי וואָלטן די נעגער פון דער שטאָט זיכער געשטימט פאר אים, ווייל דער צווייטער קאַנדידאַט איז געווען א יונגער „סאוערן דזשענטלמען”, א בייזער און אַ שטרענגער אַריסטאָקראַט, אַף וועמעס געוויסן עס איז שוין געווען מער ווי איין לינטש-געריכט, וועלכן ער, זייענדיק א שעריף[1] האט אומבאשטראָפט דערלאָזן,

[1] העכסטער באאמטער אין א דאָרפישן ראַיאָן.

א פאַריסענער דאָרעמדיקער יאָכסן, וועלכן די נעגערס האָבן פיינט געהאַט אף טויט, פונקט ווי ער זיי. יאָ, אָבער ס'איז פאַרפאַלן. ער האט גענומען און צוגעגרייט א סומע געלט אף איבערשיקן אין געהיים קאַראַן, קעדיי זי זאָל האָבן מיט וואָס צו דערנערן זיך און דאָס קינד — ווען זי וועט אים האָבן.

נאָר, אז קארא איז געגאַנגען פון שפּיטאָל אהיים, און נאָך איידער זי האָט דערגרייכט דאָס הויז פון איר אַלטן פעטער, מיט וועלכן זי האָט געוואוינט, האָבן זי מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט געבורטס-ווייען. דורך אַן איראָנישן צופאַל האָט מען זי אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, פונקט יענעם טאָג, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די אָרטיקע וואַלן. זי האָט זיך אנידערגעוואָרפן אפן טראָטואַר, אַף יענעם אָרט וואו די געבורטס-ווייען האָבן זי אָנגעכאַפּט.

זי האָט שטאַרק געשריען, ווייל דאָס איז באַ איר געווען אַן ערשטלינג און זי האָט זיך ביכלאַל געשראָקן, אירע געשרייען האָט מען ווייט ניט געהערט, ווייל די שטאָט איז דעמאָלט פול געווען מיט די טרומייטערייען, פּייפן, בלאָזן און דעם געקלאַפּעריי אין צימבלען, טאַצן און בלעכן, מיט וועלכע עס איז פול די לופט פון א וואַל-טאָג.

ארום איר האָט זיך אַרומגעקליבן א רעדל פון עלטערע נעגערישע פרויען, וועלכע האָבן געבראַכט פון ערגעץ צוטראָגן אביסל שטרוי. און ליגנדיק אזוי אַף דער ערד האָט זי געהאַט דאָס קינד. קארא האָט זיך דעמאָלט פאַרקילט, צי וואָס, און אין עטלעכע טעג ארום איז זי געשטאָרבן.

דאָס קינד אָבער — ס'איז געווען א אינגל — איז געבליבן לעבן. עס האָט זיך געהאָדעוועט באַ דעם אַלטן אייברעהעם לאוו דזשאָי, קאראַס פעטער, ער איז נאך געווען פון די אַמאָליקע אַלטע שקלאַפּן, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן בעשאַסן בירגער-קריג. ער איז איצט שוין געגאַנגען געבויגן אין דרייען, אָנגעשפּאַרט אַף אַ קליין שטעקעלע, ווי אַן אַלט קינד. ער איז געווען געל ווי א פאַרמעט, די אויסגעטריקנטע הויט איז פון אים אַרונטערגעהאַנגען, פון זיין פּאָנים און גוף, אין טאָרבעלעך און אין זעקעלעך.

אז דער אינגל איז אויסגעוואַקסן און ס'איז געקומען פאַר אים די צייט „גיין אין דער וועלט", האָט אים דער אַלטער אייברעהעם דערציילט, ווער זיין פּאָטער איז.

דער יונגער מולאַט — ער איז נאָך געווען שענער און ליכטיקער פון זיין פאַרשטאָרבענער מוטער — האָט אַפילו ניט גע-

וואַרט אַף זיין פּעטערס אייצע, האָט געגומען און איז גלייך אַוועק צו בערנאַרד קאָהענען אין געשעפט אריין. ס'האָט אים איינצייטיק אי מאָדנע געפרייט און אי געשראָקן די נייע אַנטדעקונג. ס'איז געווען דעמאָלט אַ ליכטיקער, זוניקער טאָג אין אַפּרעל, — דער פריער דאָרעמדיקער פרילינג-כוידעש און ליכטיק און פריידיק איז געווען דעם יונגן באָכער אַפן האַרצן.

בערנאַרד קאָהען איז אין יענער שאָ געזעסן אַף אַ ביינקל בּאַ דער הויפּט-טיר פון זיין געשעפט און זיך געוואָרימט אין דעם הייסן פרילינג טאָג. די בלוטן זיינען באַ אים געווען צעוואָרימט און צעגומען, און יעדער אייווער האָט זיך פויל געצויגן און יע-דער טראָפּן בלוט האָט געביינקט און געגאַרט נאָך נייקייט און אַנדערשקייט. ער האָט איצט געטראַכט, מיט אַ צו פריינדיקן טאַינעג, וועגן דער רייזע קיין ניו-יאָרק, וואָס ער האָט אינגיכן געדאַרפט מאַכן. זיינע ליפּן האָבן זיך שוין באַצייטנס פאַרצויגן אין אַ געהיימען טאַינעגס-פולן שמייכל.

דער יונגער נעגער איז צוגעגאַנגען גלייך צו דעם אַלטן קאָהען און אים דערציילט דאָס, וואָס ער ווייס. ער האָט אַפילע לעכאַטכילע זיך געפּלאָנטערט אין זיינע רייד, נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט ער פראָסט-פּאָשעט אַרויספּלאַצנדיק, פאַרענדיקט.

— דו ביסט מיין טאַטע, מר. בערנאַרד קאָהען!

בערנאַרד קאָהען האָט אים אַף דעם גאָרניט געענטפערט. ער איז בלויז אויפגעשטאַנען, האָט מיטן צונג איבערגעקייקלט דעם דיקן האַוואַנער ציגאַר פון איין מויל-ווינקל אינם צווייטן, דערלאַנגט דעם יונגן נעגער אַזעלכע קלעפּ, אַז יענער האָט זיך אַוועקגעקייקלט פון טראַטואַר אין מיטן גאַס, אַ צעדאַמטער.

יאָ, אָט אזוי איז עס געווען.

נאָר פונדעסטוועגן אין דער נאַכט פון יענעם טאָג, איז בערנאַרד קאָהען ניט איינגעשלאָפן אין דער געוויינלעכער שאָ. און אַפילע ניט מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער, ער איז געלעגן און געטראַכט. אַ גאַנצע נאַכט. ס'איז געווען אַלץ מאָדנע אַזוי און ניי. אָט ליגט ער באַ דער זייט פון זיין פרוי. און אין פאַר-שיידענע כאַדאָרים פונם דאָזיקן הויז שלאָפן זיינע קינדער — דער-וואַקסענע זין און טעכטער. און דאָרט ערגעץ, איבער אַסאַך גאַסן און קוואַרטאַלן, אין איינעם פון יענע כאַרעווע הילצערנע כאַטקעס, וואָס מיט די פענסטער מיט די אויסגעשלאָגענע שויבן, ליגט איצט

אויך זיינער א זון, — נאָך אַ זון, פון וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט ניט געוואוסט.

און ס'האָט אים אומדערוואַרטערהייט מיט אַמאָל אַ קוועטש געטאָן באַם האַרצן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן די מאַקעס־רעצעך, וואָס ער האָט זיין אייגענעם זון היינט באַטאָג געשלאָגן. כאָטש אייגנטלעך, וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? אַז יענער איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַזעלכע האָזעדיקע רייד:

— דו ביסט מיין טאַטע!

און פון דעסטוועגן... בערנאַרד קאָהען האָט שוין געוואַכט דעם גאַנצן רעשט פון דער נאַכט. צו אים זיינען אין דער פינ־סטערניש אָנגעשוואומען אַסאַך פאַרגאַנגענע ליכטיקע פרימאָרגנס — ליכטיקע און זוניקע פרימאָרגנס, ווען אַ פריש, אויפשפּראָצנדיק לעבן, האָט זיך אים מיט אַזוי פיל ליבע, דאנקבאַרקייט און ריקט-זיך-לאָזיקייט איבערגעגעבן. ער האָט געטראַכט, אז זיין אייגענע פרוי האָט אים, דוכט זיך, אַזוי קיינמאָל ניט ליב געהאַט — ניט אַפילו אין די גאָר ערשטע יאָרן, נאָך זיין כאַסענע. און אים האָט זיך שוין איצט געדוכט, אַז די האָניק=מאָנאַטן, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין פיינהורסט, האָט ער גיכער פאַרבראַכט מיט קאראן איידער מיט זיין געזעצלעכער פרוי.

אָט אַזוי איז ער געלעגן און געטראַכט, ביסקל ס'איז גע־וואָרן טאָג.

און אין אָוונט איז ער אַוועקגעגאַנגען אין נעגערשן קוואַר־טאַל. ער איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט זיך אַפילו ניט אַרומגעקוקט צו זען, צי מע קוקט אים נאָך. ער איז אַריין צום אַלטן אייבערעהעם אין דער כורווע. אייליק האָט ער ארויסגענומען אַ פעקל קרעדיטקעס און אים דערלאַנגט. נאָר גערעדט האָט ער פונדעסטוועגן אין א רואיקן קאָל.

— דאָס איז פאַרן יונגן זון דיינעם, וועלכן דו האָסט אַזוי פיין אויסגעהאָדעוועט, אייבערעהעם. גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַ שיינעם בען-זקונים אַף דיינע עלטערע יאָרן, פונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט אונזער עלטער זיידן, דעם פאַטריאַרך, וועמעס נאָמען דו טראָגסט. אייבערעהעם, דיין זון איז מיר שטאַרק געפעלן, כאָטש ער איז א ביסל אַן אזעס-פּאָנים. דו דארפסט עס אים דערקלערן, דו ביסט אַן אלטער מאַן. זע זשע, דערצי אים אויף ער זאָל זיין אַ לייטישער און אַן אָרנטלעכער נעגער, אייבערעהעם, און א גוטער בירגער פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

און ערגעץ אין אַ ווינקל, אין אַ זייטיקן פינסטערן כיידער האָט די גאַנצע צייט שטיל און איינגעהאַלטן געסקאָוואוטשעט דער צעדאַמטער יונגער מולאַט, און האָט געביסן די ליפּן. און דער אַלטער אייבערעהעם האָט רואיק און העפלעך, ניט פינטלענדיק מיט אַן אויג, אויסגעהערט מר. קאָהענס רייד, האָט דערעכערעצדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און געשוויגן.

בערנאַרד קאָהען פלעגט פון דעמאָלט אָן אינגאַנצן אויפ־האַלטן זיין זון. ער האָט אים געלאָזט גיין אין אַ קאַלעדזש, זיך לערנען אגרי־קולטור,—אַ „ביבלישע־באַשעפטיקונג״,—האָט מר. בער־נאַרד קאָהען מיט האנאָע זיך געגלעט די וואָנצן. דער שוואַרצער זון זיינער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געטראַכט ווייזן אים אַף די אויגן און ביכלאַל זיך קיינמאָל ניט כאווערן מיט זיינע ווייסע קינדער. ער האָט אַפילע ניט געטראַכט צו אָפּט דורכגיין דעם טראָטואַר, וואָס נעבן דער קלייט פון מר. בערנאַרד קאָהען. און בערנאַרד קאָהען האָט אָן אים אינגאנצן פאַרגעסן.

עס פלעגט זיך אָבער טרעפן אַמאָל:

זיצנדיק אַזוי באַ דעם פענסטער פון זיין פּריוואַטן געשעפטס־קאַבינעט, פלעגט בערנאַרד קאָהען מיט אַמאָל דערפילן אַן אינער־לעכע געצוואונגענקייט אויפצוהויבן זיינע בליקן קעגן זיין ווילן און אַ קוק טאָן אין גאַס אַרויס. פלעגט ער דעמאָלט דערזעען:

— אַפן קעגן־איבערדיקן טראָטואַר זיינען אָנגעשטעלט אַף אים אַפּאָר גלאַנצנדע, פייכטע אויגן, אָנגעשטעלט אַף אים מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט און שאַרפקייט... און אָט די אויגן זיינען אים געווען גוט באַקאַנט — בערנארד קאָהען האָט גוט געדענקט זייער אויסדרוק, ווען ער האָט אין איינעם אַ פרילינג־טאָג צע־בלוטיגט אַ יונגן נעגער, וועלכער האָט געהאַט די האָזע אָנצורופן אים „טאטע״.

ווען נאָר דאָס פלעגט טרעפן, פלעגט בערנאַרד קאָהען אויפציטערן... ער פלעגט זיך גיך אויפהויבן פון זיין אָרט, זיך אַ לאָז טאָן אין דרויסן אַרויס, אַ שאָס טאָן זיין בליק, ווי אַ פייל, אַף יענער זייט גאַס:

— ער וועט צעדאמען...

— ער וועט צענעריקן...

נאָר דאָרט איז שוין איצט קיינער ניט געווען.

גיך, פלוצלונג, ווי ס׳וואָלט אים אַ ברען געטאָן, האָט זיך קאָהען אויפגעזעצט אַף זיין בעט, אָט יענע אויגן, פאַר וועלכע ער פלעגט זיך באַ זיך אין שטאָט אַזוי דערשרעקן, האָבן אויך איצט אויפגעלויכטן אַף אים דאָ אין דער פינסטער. גרויסע, פיי־ערדיקע אויגן, פייכטע און אויפוואַרפנדיקע.

און מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער נעגער, וואָס האָט אים אַריינגעטראָגן אין דער קאַיוטע, האָט נאָך אַלץ ערגעץ דאָ אַרומעט געהאלטן פאַרטאיעט זיין אָטעם... ער האָט דאָ געמוזט שטיין גאָר נאָענט איבער אים, מיט אַ שווערד אין האנט, מיט אַ שאַרפן מעסער... מר. קאָהען האָט זיך אַ ציטערנ־דיקער אַרונטערגעגליטשט פון בעט, איז אנידערגעפאַלן אַף די קני און מיט אַ ראַכמאָנעסדיקער שטים אָנגעהויבן בעטן זיך באַ אָט יענער אומגעזעענער טונקעלער געשטאַלט מיט די גלאַנציקע אויגן, — אָנגעהויבן בעטן זיך באַ דעם, ווי באַ אַ שוואַרצער אַפריקאַנישער געטשקע:

— איך בעט דיך, לאָז מיך אַרויס פון דאַנען... לאָז מיך אַרויס פון דאַנען, טייערער. איך וועל דיר געבן אַסאַך, אַסאַך געלט... איך וועל דיר אָפּגעבן גאָר די געלט, וואָס איך פאַרמאָג. לאָז מיך אַרויס...

אַפּאָנים, אַ היפּשע ווײַלע איז ער געשטאַנען אַזוי, אַ דער־דריקטער, אַ ניכנעדיקער, מיט אַ הארץ פול כאַראָטע; געשטאַנען אַזוי, מיט די ציטערנדיקע, הייסע קני אַפּן קאַלטן דיל און גע־וואַרט אַף זיין מישפּעט. ער האָט זיך געשראָקן אויפצוהויבן זיינע אויגן. נאָר אַז ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אָנגענומען מיט קויעך און אויפגעהויבן זיינע בליקן, האָט ער דערזעען, אַז די גלאַנצנ־דיקע אויגן זיינען שוין פאַרשוואונדן.

קאָהען האָט זיך אויפגעהויבן פון זיינע קני. אַ באַגאָסענער מיט שווייס און אין גרויסע אַנגסטן, האָט ער זיך געוואָלט צוריק אַנידערלייגן אַפּן בעט. ער האָט שוין כאַראָטע געהאט אַף זיין פריערדיקע כאַראָטע, אים האָט געערגערט זיין פאַכדאָנעסדיקער שרעק.

— ס׳איז בלויז געווען אַן איינרײדעניש — האָט ער זיך באַרואיקט. — כ׳מוז אָוואַדע האָבן היץ. איך האָב זיכער נעכטן קאַליע געמאַכט דעם מאָגן.

און די רייד, וואָס ער האָט גערעדט אין דער פינסטער, האָט ער אויך גערעדט פון היץ אָוואַדע, האָט ער געטראַכט. — קיינער איז דאָ ניטאָ...

נאָר דאָ האָט ער ווידער אַרויסגעלאָזן אַ געשריי: דיזעלבי־קע גלאַנצנדיקע אויפוואַרפנדיקע אויגן האָבן ווידער געקוקט אַף אים... נאָר געקוקט האָבן זיי שוין איצט אַף אים אָנצאָליק פון דער גאַנצער פינסטערניש, פון אַלע ווינקלעך. אין אַן אָנפאַל פון לעצטן טויט־שרעק, מיט זיינע לעצטע קויכעס האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צו דער קאַיוטע טיר און זי אויפגעפראַלט. די טיר פון זיין קאַיוטע איז אַרויס צו דער דעק צו.

אַ פאַרטאָגיקע גרויקייט האָט ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן איבערן גאַס. די דעקן זיינען געווען פּוסט, נאַס פון מאָרגן טוי און שמייסנדיקן ווינט. מאַראַנצן־שאָלעכטס האָט זיך גע־וואַלגערט. קיינער איז ניט געווען. ער האָט געוואָלט עמיצן רופן צו הילף, ער האָט אָנגעהויבן שרייען, נאָר זיין שטים איז, דוכט זיך, גאָר געבליבן אין זיין אייגענער קעל.

— איצט איז זיכער געקומען מיין סאָף, האָט ער אַ טראַכט געגעבן.

ער האָט זיך געפילט אַזוי שוואַך, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַרענטש, וואָס איז, ווי אַלס אַפן דעק, געווען נאַס פון מאָרגן־טוי און יאַם־נעפּל. אים האָט עס ווידער געריסן צום ברעכן. ס'האָט אים ווידער אָנגעהויבן מאָדנע אַזוי צו איבלען און מיעסן. דער עקל האָט זיך קלעפּיק און נאַס צעשפּרייט, האָט אים אָנגעפילט אינגאַנצן, איז געוואַקסן און געוואַקסן — ס'איז שוין געווען אַן עקל צו זיך אינגאַנצן, צום גאַנצן אייגענעם דורכגע־לעבטן לעבן.

— איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער מענטש — האָט ער צו זיך גערעדט איינער אַליין אַף דער פרימאָרגנדיק־פּוסטער שיף־דעק — אַ פאַרפאַלענער... אַפילו כאַראָטע האָבן אַף מיין שלעכט לעבן קאָן איך שוין דאָך אויך ניט...

ס'איז אים אַלץ געוואָרן איצט אזוי קלאָר, ער האָט זיך איצט אַזוי גוט און עמעסדיק פאַרשטאַנען. ער האָט דאָך גע־וואוסט: אַז אויב ער וועט קומען צוריק אַ געזונטער, וועט זיין גאַנצער כאַראָטע־געפיל פאַרשווינדן... און זיין זון וועט זיך אים ווידער ווייזן אַף די אויגן, וועט ער אים ווידער שלאָגן און פאַרטרייבן. ער וועט פאַרבלייבן אין אַלץ דערזעלבער אכזער... און ביכלאַל: ס'איז שוין, אַפּאָנים, צו שפּעט פאַר אים איצטער ווערן אַן אַנדער מענטש.

און עפּעס מאָדנע, אָן שום פֿאַרבינדונג איז אין זיין מויעך צוזאַמען מיט די אַנדערע בילדער פון זיין לעבן, וואָס האָבן גע-האַלטן אין אַ געמישטן אַנשווימען איצט אָף אים, אויסגעוואַקסן אָט יענע יונגע פראַנצויזישע פרוי, מיט וועלכער ער האָט פאַר-בראַכט זיין לעצטע נאַכט אין ניו-יאָרק. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיצנדיק אַזוי מיט איר אין אַ באַזונדערן קאַבינעט און בעשאַס זי איז אָף אַ ווײַלע אַרויס, איז ער אויפגעשטאַנען און מיט אַ געוואַלדיקער האַנאָע אָפּגעטאָן אַ מיעסן שפּיצל מיט איר גלאָז וויין. און אַז זי איז געקומען צוריק און האָט אומוויסנדיק אויסגעטרונ-קען דעם וויין, האָט ער איר ערשט דערנאָכדעם דערציילט וועגן זיין שפּיצל. מיט ווילדער האַנאָע האָט ער צוגעקוקט, ווי יענע איז צוערשט געוואָרן בלייך, דערנאָך רויט, און האָט זיך געצוואונגענערהייט פאַנאַנדערגעלאַכט, מיט טרערן אין די אויגן.

דער עקל צו זיך אַליין האָט זיך אין בערנאַרד קאָהען אַלץ געשטאַרקט, ער האָט זיך אומגעקערט אין דער קאַיוטע-פינסטערניש, וואָס האָט זיך געשוואַרצט קעגן אים דורך דער אָפענער טיר און ווידער האָבן די שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן געקוקט אָף אים—געקוקט מיט דעם זעלביקן אויפוואַרפן און שטו-מען מוסער-זאָגן...

און בערנאַרד קאָהען האָט דערפילט, ווי ס'האָט אים מיט אַמאָל אָפּגענומען דער כיישעק אָנצוקומען וואָן עס איז אַהיים. שטיל, פאַר זיך, האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— ניין, פאַר מיר איז שוין ניטא קיין כאַראָטע... קיין כאַ-ראָטע וועט מיר שוין סיי ווי סיי ניט העלפן...

עס זיינען שוין אָנגעקומען צופליען די ערשטע מעוון, און האָבן זיך געקרייזט מיט אַ הייזעריקן גרילן און געשריי אַרום און אַרום דער שיף, האָבן געוואַרט אָף די אָפּפאַלן פון דער פרי-מאָרגנדיקער קיך, וואָס וועלן שוין באַלד אַרויסגעשאָטן ווערן און אַרויסגעגאָסן ווערן אין וואַסער אַריין. די גרויקייט איבערן יאַם איז וואָס אַמאָל אַלץ ליכטיקער געוואָרן אָפן שיף האָבן זיך שוין געלאָזט דערהערן די ערשטע פרימאָרגן גערוישן.

די שיף איז איצט פאַרבייגעפאָרן דעם זאַמדיקן הויך-לאַנד פּאָרט ניוס. עס האָבן זיך שוין פונם מאָרגן-נעפל אָנגעהויבן

אַרויסשיילן די ווייסע טורעמס פון דער נאָענטער פּלאָטן־אַקאַ־דעמיע.

איילנדיק, ווי זיך שרעקנדיק, אַז אַ פֿאַרגעבנדיקע און ראַכ־מאָנעסדיקע האַנט זאָל אים אין דער לעצטער מינוט ניט אַרויס־ראַטעווען, האָט בערנאַרד קאָהען שווער זיך אָנגעלייגט מיט זיין בויך איבער דעם שיף בארט. מיטן פּאָנים אַראָפּ האָט ער זיך אַלץ נעענטער, נעענטער געדוקט צו דעם וואַסער, ביז דאָס וואַ־סער האָט אים קאַלט אַרומגענומען.

ס׳איז ניט געווען קיין געשריי, קיין טומל, קיין הויך קאָל. אַ קליינע כוואַליע האָט בלויז דערנאָך עטלעכע מאָל נאכאַנאנד געפּאַטשט קעגן דעם נידעריקסטן טייל שיף, וואו אין דער פּעכי־קער גלאַנצקייט האָבן זיך שוין די ערשטע זון־שטראַלן איבער־געבראָכן. און באַלד האָט זי דאָס אויך אויפגעהערט צו טאָן.

אינהאַלט:

שטיינוועבס 3 : : פאַר אונזערע
אָרימע ברידער : 125 : : אַף די
פעלדער פון דזשאָרדזשיא : 162 : :
אונטער דער ערד : 173 : : קאָנ-
סערוון : 194 : : שטילע ווערטער :
220 : : אונטער די פיס : 238 : :
שוואַרץ אַף ווייס : 264 : :